This material was made publicly available by the

Heritage Projects Foundation

info@yiddish-culture.com

https://yiddish-culture.com

© The Heritage Projects Foundation

This material is provided online strictly for personal use only. For commercial, academic or any other use, please contact us at the following email address:

info@yiddish-culture.com

© The Heritage Projects Foundation

סאָוועטיש

12

1985

היימלאַנד

סאָוועטיש היימלאַנד

ליטעראַריש-קינסטלערישער
כודעש-זשורנאַל

אָרגאַן פון שרײַבער־פֿאַרבאַנד פון פססר

דערשײַנט פון 1961

פֿאַרלאַג „סאָוועטסקי פּיסאַטעל“
מאָסקווע

12
דעקאַבער

1985

אינהאַלט

25 פעווראַל 1986 — XXVII צוזאַמענפֿאָר פֿון קפּסס.

קאָמוניסטן, פֿאָרויס! קאָמוניסטן, פֿאָרויס! דאַוויד שולמאַן. 57 יאָר אין די רייען פֿון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי 3
באָריס גלוזמאַן. דורך פֿײַער און וואַסער . . 6
סעמיאָן מײַדאַניק. אַן ערשטראַנגיקער שאָפֿער 8
מאַרק פּרענקעל. צווישן מענטשן און צוליב מענטשן 11
בינע וואָראָנינאַ. מיר, סאָוועטישע מענטשן . 13
צום 90־טן געבורטסטאָג פֿונעם גרויסן ייִדישן דיכטער.
פּערעץ מאַרקיש. מײַן דאָר 15
הירש רעלעס. צײַט־נאָטיצן 22
לעוו בערינסקי. פֿאַרלירט ניט מײַן שפּור (לידער) 37
מישע לעוו. לאַנגע שאָטנס (קאַפּיטלען פֿונעם דריטן טייל „דער מישפּעט נאָכן אורטייל") . . . 40
הערשל באַראַז. צוגאַסט בא דער נאַטור און אַנד. דערציילונגען 76
נײַע איבערזעצונגען. מיכאל לוואָוו. ייִדישע מאָטיוון (לידער. ייִדיש — אַרן ווערגעליס) . 82
לעבעדיקע גרוסן. יוסעף שוסטער. באַגעגענישן בא די היילונגס־קוואַלן פֿון דרוסקינינקײַ . . 85
מוישע פּענס. קוקן קינדערלעך אַרויס... . . . 91
פּובליציסטיק. לעאָנעל דאַדיאַני. דער טאָג פֿון די קיבוצים און פֿונעם קיבוציזם 93
ליטעראַטור־קריטיק. ביבליאָגראַפֿיע. פֿראַגן פֿון קונסט.
אוראַן גוראַלניק. אַ שרײַבער־קאָמוניסט . . 98
קורצע רעצענזיעס. ע. לעווין. דער ציוניזם פֿונדערנאָענט. וו. בעליאַעוו. צעבראָכענע גוירַאָלעס 106
ליטעראַרישע געדענק־דאַטעס. ייִסראָעל סערעבריאַני. (1900—1978). יוסעף ראַבין. דאָס סאַמע וויכטיקסטע. ייִסראָעל סערעבריאַני.
איינער פֿון די „פֿאַרגעסענע נעמען" 108
פּייסעך בינעצקי (1905—1966). פֿונעם ציקל „אָקטאָבער" (לידער) 111
פֿון דער ליטעראַטור־געשיכטע. כאַים ביידער.
איוואַן בונין — מענדעלעס איבערזעצער 114
מיכאל אָסטראָווסקי. וועגן סערגיי יעסענינען 127
טעאַטער און עסטראַדע. וועניאַמין קאַווערין. צוויי אַרטיסטן 133
וויקטאָר לענזאָן. וועגן דרײַ רעוואָליוציאָנערע לידער, וועלכע ס'האָט פֿאַרשריבן אירמע יאונזעם . 136
יוסעף בורג. זי איז געוואָרן זיקאָרן 138
בלעטערנדיק זשורנאַלן און צײַטונגען. סעמיאָן ביטאָוואָי. איינער פֿון די ערשטע רעדאַקטאָרן 142
א. שלײַען. אַ באַגעגעניש מיטן באַוווּסטן קינסטלער 146
אונדזערע אינטערוויוען 148
ביניאָמין גאָראָדעצקי. אין אָנדענק פֿון גריגאָרי ראָשאַל 153
געפֿונענע מאַנוסקריפּטן. שאָלעם בייליִן. פֿאָלקסטימלעכע קאַטאָוועסן און וויציקע מײַסעס 155
דאָס איז טשיקאַווע. א. זשירנאָוו. די רײַכטימער פֿון קליין־כינגאַן צו דינסט דעם פֿאָלק 159
באָריס דאָרפֿמאַן, בעטיע רעטשיסקער. 900 יאָר פֿון דער שטאָט בראָד 159
אינהאַלט פֿונעם „זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד" פֿאַרן יאָר 1985 161
מאַטעריאַלן פֿאַר אַ לעקסיקאָן פֿון דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראַטור 166
זעלבסטלערער פֿון ייִדיש 168
רעזומע (רוסיש, ענגליש) I

הויפּט־רעדאַקטאָר

א. ווערגעליס

רעדקאָלעגיע:

כ. ביידער (שטעלפֿאַרטרעטער פֿון הויפּט־רעדאַקטאָר),
ש. גאָרדאָן, ט. גען,
א. טווערסקאָי,
נאָטע לוריע, ב. מאָגילנער,
ב. מילער, כ. מעלאַמוד,
ה. פּאָליאַנקער,
י. שוסטער (פֿאַראַנטוואָרטלעכער סעקרעטאַר), י. שרײַבמאַן

25
פעווראַל
1986-
XXVII
צוזאַמענפאָר
פון
קפסס

קאָמוניסטן, פאָרויס! קאָמוניסטן, פאָרויס!

57 יאָר אין די רייען
פון דער לעבנישער פּאַרטיי

דאָס שטעטלע וועלעדניק, ווו איך בין געבוירן געוואָרן, געהער איצט צום סלאָ-ווענישער ראַיאָן. עס שטייט אָפּ סאַכאַקל 10 קילאָמעטער פונעם ראַיצענטער. א גוטער וועג, א רעגולערער טראַנספּאָרט, פאַר א שאָ צײַט — אַהין און צוריק. אין אָנהייב פון די צוואַנציקער יאָרן האָט וועלעדניק געהערט צום לופּינער ראַיאָן. ביז צו דעם ראַיצענטער האָט מען געדאַרפט פאָרן קימאַט 30 קילאָמעטער, און קיין שום אָרגאַניזירטער טראַנספּאָרט איז ניט געווען — א וועג פון זאַמד און וואַלד. ס'האָבן געבושעוועט באַנדיטן. טאַקע פון יענעם וואַלד האָט מען געבראַכט א געהאַרגעטן — אונדזער בען-איר אזריעל בייטמאַן. די פּאַר שטעטלשע מיליציאָנערן — יאַשע פרידמאַן און בערל בייטמאַן — זײַנען ניט געווען בעקויעך זיך ספּראַווען מיט די באַנדיטן. דעריבער זײַנען פאָרשטייער פונעם ראַיאָן געווען באַ אונדז זעלטענע געסט, און די שטעטלשע יוגנט האָט זיך, ווי מע זאָגט, געקאָכט אינעם אייגענעם קעסל.

אין שטעטל האָבן פונקציאָנירט א קלויז מיט א בעסמעדרעש, צוויי קלויסטערס און א קאָסטיאָל, קיין קלוב און קיין קולטורעלע אנשטאַלטן זײַנען ניט געווען.

אין אָט די באַדינגונגען האָט אונדזער יוגנט געשטרעבט פונדעסטוועגן צו אָרגאַניזירט-קײַט און צו קולטור.

מיר, שוסטער-יינגלעך, האָבן פאַרשטאַנען, אַז אונדזער אָרט איז אין די רייען פונעם קאָמיוג, נאָר וויאַזוי פאַרווירקלעכן עס אין לעבן, אַז אין שטעטל און אַרום דעם איז ניט געווען קיין איין קאָמיוג-קעמערל, ניט רײדנדיק שוין פון א פּאַרטיי-אָרגאַניזאַציע!

אין אָנהייב 1924 איז אין שטעטל געקומען דער סעקרעטאַר פונעם לופּינער ראַיקאָם פון קאָמיוג. מיר האָבן זיך אָרגאַניזירט אַלס א קאָמיוגישע איניציאַטיוו-גרופּע און פאַנאַנדערגעוויקלט אין וועלעדניק און אין די אַרומיקע דערפער סאַראַקאָפּעני, פּריביטקע און אַנד. אַן אַקטיווע אַרבעט.



אין יענע טעג איז צו אונדז אָנגעקומען אַף אַרבעט אין וואַלד דער קאָמיוגיסט פּערצאָוואַי, וועלכן מיר האָבן אויסגעוויילט אַלס סעקרעטאַר פֿונעם קאָמיוג-קעמערל, און איך בין געווען זײַן שטעלפאַרטרעטער און „אַגיטפּראָפּ". די הויפּט-אױפֿמערקזאַמקײַט האָבן מיר דאַן געווענדט אַף דער קולטור-אַרבעט אין שטעטל און אין די אַרומיקע דערפער. מיר האָבן דורכגעפירט שמועסן און לעקציעס וועגן דער פּאָליטיק פון דער ראַטנמאַכט. דערבײַ האָבן מיר צוגעצויגן די דאָרפישע אינטעליגענץ, די לערער פון די צוויי שולן — דער ייִדישער און אוקראַיִנישער. ביכדיי אַרײַנציִען אין די קאָמיוגישע רייען די דאָרפישע כעוורע, וועלכע זײַנען נאָך געווען אָפּהענגיק פון זייערע עלטערן, — און יענע האָבן זיך באַצויגן צו אונדז מיט אומצוטרוי, — האָבן מיר דורכגעפירט קולטור-אָוונטן מיט מוזיק און טענץ. באַגלײַך מיט דעם האָבן מיר אָרגאַניזירט קאָמסאָמאָלישע פאַרזאַמלונגען, אַף וועלכע מיר האָבן פּאַנאַנדערגעקליבן מעלדונגען פון יוגנט וועגן אַרײַנטרעטן אין די רייען פון לענינישן קאָמיוג. קיין איין סאָוועטישער יאָמטעוו איז ניט דורכגעגאַנגען אָן אונדזער אָנטייל — אין מאַסן-דעמאָנסטראַציעס און אַף מיטינגען, בײַם די אַרויסטרעטונגען אַף דער טריבונע, וואָס איז געווען אויפגעשטעלט אין מיטן מאַרק. מיר האָבן דורכגעפירט אָוונטן מיט פּאַרטראָגן, נאָך וועלכע ס׳פלעגן געשטעלט ווערן ספּעקטאַקלען מיט די קויכעס פון אונדזער דראַמקרײַז. די געבײַדע פון דער אוקראַיִנישער שול, ווו מיר פלעגן דורכפירן די אָוונטן, איז געווען פולגעפּאַקט, און די יוגנט האָט הייס אַפּלאָדירט. דאָס איז פאַר אונדז געווען די גרעסטע באַלוינונג און א קאָמפּענסאַציע פאַר אַלע שוועריקײַטן און אָנשטרענגונגען.

אײַנגיכן אָבער האָט אונדזער קאָמיוגישער אַקטיוו אָנגעהויבן זיך ציִען אין די גרעססערע שטעט, קעדיי צו דערגרייכן א ציל אין לעבן, העכערן די קוואַליפיקאַציע און דעם קולטורעלן ניוואָ.

אין אָנהייב 1926 בין איך אָנגעקומען אַרבעטן אין דער בערדיטשעווער שוך-פאַבריק, וועלכע איז איבערהויפּט באַשטאַנען פון יוגנט. אונטער דער אָנפירונג פון קוואַליפיצירטע מײַסטערס-אינסטרוקטאָרן האָבן מיר געלערנט די שוסטער-מעלאָכע. אַלס א מער דערפאַרענער, האָב איך באַקומען דעם 4-טן ראַזריאַד. מײַן געהאַלט האָט מיר געקלעקט אַף אַלע הוצאָעס: קוואַרטיר, עסן, אָנטאָן. איך האָב זיך אָנגעהויבן לערנען אין ייִדישן אַרבפאַק און אַקטיוו זיך באַטייליקט אין פּראָדוקטיוון און געזעלשאַפטלעכן לעבן פון דער פאַבריק. אײַנגיכן האָט מען מיך אויסגעוויילט פאַרן פּאַרזיצער פון דעם פּראָפּפאַריין-קאָמיטעט, און אַף דער קאָנפערענץ פונעם שטאָטישן לעדער-פאַריין בין איך אַרײַן אין באַשטאַנד פונעם פּרעזידיום פון קרײַז-קאָמיטעט.

אין בערדיטשעוו בין איך אין 1928 אָנגענומען געוואָרן אין דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, און אײַנגיכן האָב איך זיך אוועקגעלאָזט קיין קיִעוו, ווו צוזאַמען מיט נאָך עטלעכע שוך-אַרבעטער, צווישן זיי דעם קומענדיקן פאַרטרעטער פונעם הויפּט-רעדאַקטאָר פון „סאָוועטיש היימלאַנד", דעם באַוווסטן זשורנאַליסט יעקבֿ טשיטשעלניצקי, בין איך געוואָרן א צוהערער אין ייִדישן סעקטאָר פון דער קיִעווער ראַטן-פּאַרטיי-שול. דאָס איז געווען א סטאַציאָנאַרער צווייאָריקער לערן-אַנשטאַלט, וועלכער האָט געגעבן די צוהערער — מיטגלידער פון דער פּאַרטיי, אַכוץ אַלגעמיינע בילדונג, איבערהויפּט פּאָליטישע און היסטאָרישע קענטענישן, וואָס זײַנען געווען נייטיק פאַר ראַטן-טוער און פּאַרטיי-טוער. אין די קאַניקולן פלעגן מיר אויספירן פּראַקטישע אַרבעט אין די דרײַ ייִדישע ראַיאָנען, וועלכע זײַנען געווען אַף דער אוקראַיִנע — סטאַלינדאָרף, קאַלינינדאָרף און נײַ-זלאַטאָפּאָל.

נאכן פארענדיקן די שול האב איך א צייט געארבעט אין קיִעווער קרייז-קאמיטעט פון קאמיוג, געווען אגיטפראפ אין סטאלינדארפער ראיפארטקאם און שפעטער, אין משך פון עטלעכע יאר — שטעלפארטרעטער פון שעף פונעם סעקטאר פון פראפאגאנדע און אגיטאציע אין פאליט-אפטייל פון דער דארעם-מערעווודיקער אייזנבאן-ליניע.

אין יענער צייט זיינען דורכגעפירט געווארן איבערן גאנצן לאנד די ערשטע וואלן אינעם אויבער-סאוועט פון פססר. דאס איז געווען אן עמעסער ניצאכן פון דער לענינישער פאליטיק פון אונדזער פארטיי. די אגיט-מאסן-ארבעט האט זיך געפירט אף א גוטן באדן און האט געגעבן אנזעעוודיקע רעזולטאטן. אין טאג פון די וואלן אין אויבער-סאוועט האב איך, בעראש פון אן אגיט-קאלעקטיוו, באגלייט דעם פאסאזשיר-צוג אדעס—מאסקווע, אין וועלכן די פאסאזשירן האבן אפגעגעבן זייערע שטימען פאר די קאנדידאטן פונעם בלאק פון די קאמוניסטן און אומפארטייער.

דער מאראלער צושטאנד פון די סאוועטישע מענטשן אין יענער צייט, דער פאטריאטישער באוווסטזיין און פאליטישע רייפקייט האבן ארויסגערופן א געפיל פון שטאלץ און באוווּנדערונג. איך דערמאן זיך וועגן דער אטמאספער אין מיין מישפאכע. די פרוי — בראניע איז געווען א פארוואלטערן פון קאדרען-אפטייל, מיין ברודער מישע — א פאליטטוער, מיין שוועסטער אסיע — א זשורנאליסטקע, אלע מיטגלידער פון דער פארטיי מיט א היפשן סטאזש. מע פלעגט בא אונדז זיך וויצלען, אז מיר קענען בא זיך ארגאנידירן א „מישפאכעדיק פארטיי-קעמערל”.

צעשטערט האט אונדז דאס פרידלעכע לעבן די מילכאמע. איך האב פארלאזט קיִעוו דעם 12 סענטיאבער 1941 אף א לאסטמאשין אין דער ריכטונג פון כארקאוו, ווו ס'האט זיך געפונען דער מיליטערישער אייזנבאן-טייל, ווו איך בין געווען פאליטרוק. אין קיִעוו זיינען די דייטשן ארײַן דעם 18-טן סענטיאבער, נאר מיט עטלעכע טעג פריער האבן זיי אין א סאך ערטער אפן לינקן ברעג פונעם דניעפער ארויסגעווארפן גרויסע דעסאנטן, וואס האבן איבערגעשניטן די וועגן, אף וועלכע ס'האבן געדארפט אפטרעטן אף קיִעוו אונדזערע מיליטער-טיילן. אט דארט טאקע, אפן וועג פון פרילוקי קיין פאלטאווע, בין איך ארײַנגעפאלן אין די הענט פון די פאשיסטן. אין א קאלאנע פון העכער צוויי טויזנט מענטשן האט מען אונדז אוועקגעפירט אין דער ריכטונג צום לאגער כאראל. איינער פון די קאנוואירן האט נאך אין וועג זיך געווענדט אף רוסיש צו דער קאלאנע געפאנגענע: „ווער פון אייך זיינען קאמוניסטן און יידן — גייט ארויס פון די רייען פארויס!” קיינער, געוויינלעך, איז ניט ארויס. די פאשיסטן האבן אפגעלייגט די סעלעקציע ביז מ'וועט אונדז ברענגען צו פירן אין לאגער. מיט מיר אין איין ריי איז געגאנגען א סאלדאט — ער האט זיך אנגערופן וואסיע וואסיליעוו פון לענינגראד. כ'האב זיך מיט אים צונויפגערעדט, אז מיר מוזן נעמען דעם וועג פונדאנען. ווען אונדזער קאלאנע איז דורכגעגאנגען דורך דערפער, האבן פרויען ארויסגעטראגן אפן וועג פאמידארן, אוגערקעס, שטיקער ברויט. זיי האבן געהאפט עפשער באגעגענען צווישן די אסירים זייערע מענער, ברידער, קרויווים. די דייטשישע קאנוואירן, זייענדיק ווינציק אין דער צאל, פלעגן שיסן אין דער הייך, ארײַנטרייבן די אסירים אין דער קאלאנע און שפאנען ווייטער. אט אין אזא מאמענט, ווען אין די רייען איז געווארן א מישמאש, ווען א סאך פון די קריגס-געפאנגענע האבן געכאפט די צעשאטענע אף דער ערד אוגערקעס, וואס א פרוי פון דארף האט אונדז ארויסגעטראגן, האט מיך וואסיע א צי געטאן פאר דער האנט, און מיר זיינען ארײַנגעשפרונגען אין א גארטן. די קאלאנע איז אוועק, און מיר זיינען געלעגן אינעם גראז ביז אפדערנאכט.

ווען ס'איז געווארן פינצטער, האבן מיר זיך אופגעהויבן און זיינען אוועק בלאנדזשען טאג און נאכט, אויספרעגנדיק בא מענטשן דעם וועג צו אונדזערע, אויסמיידנדיק די דייטשישע פאסטנס. אזוי האבן מיר געבלאנדזשעט צוויי וואכן, ביזן 29-טן סענטיאבער, ווען מיר האבן זיך באגעגנט מיט אונדזערער אן אויסשפיר-גרופע.

דאס ארויסרייסן זיך פון דער דייטשיש-פאשיסטישער ארומרינגלונג וועל איך פארגעדענקען אף מיין גאנץ לעבן.

אין די מילכאמע-יארן האב איך זיך געפונען אין מיליטער-טיילן פון די אייזנבאנלער. נאך דער מילכאמע געווען פארנומען אין דערווירטשאפט. העכער 22 יאר אף איין ארט.

מײַן אַרבעט איז שטענדיק און אומעטום געוועזן הויך אָפּגעשאַצט. אָט טראָג איך איצט אַ זייגער מיט אַ פּערזענלעכן אויפשריפט: „דעם טײַערן דאָוויד שולמאַן פאַר זײַן לאַנגדויערנדיקער מעסירעסנעפּעשדיקער מי“. צו מײַנע מיליטער־מעדאַלן איז צוגעקומען אַ מעדאַל „וועטעראַן פון דער מי“. פונעם אײַזנבאַן־מיניסטעריום האָב איך באַקומען דעם העכסטן צייכן „אויסגעצייכנטער אײַזנבאַנלער“. טײַער און ליב איז צום האַרצן דער פּאַרטיי־צייכן „50 יאָר אין קפּסס“. צום 50-טן יובילײַ פון זײַן אַ מיטגליד פון דער פּאַרטיי האָט מיר די פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציע פײַערלעך געשענקט אַן ערן־אַדרעס מיט אַ באַגריסונג.

מײַן זון און מײַן טאָכטער — ביידע אָנפירנדיקע אינזשעניערן — האָבן פאַרדינט גרויסן אויטאָריטעט אויף דער אַרבעט; מײַנע אייניקלעך האָבן געענדיקט דעם מאַטעמאַטישן פאַקולטעט פונעם לענינגראַדער אוניווערסיטעט, דער קלענערער — דעם עלעקטראָ־פאַקולטעט פון דער קיִעווער לאַנדווירטשאַפטלעכער אַקאַדעמיע.

אָט אַזוי לעבן מיר. און אַזאַ לעבן האָבן מיר דערוואָרבן מיט די אייגענע הענט. אויב ס'וועט זײַן נייטיק, וועלן מיר מיט די אייגענע הענט עס פאַרטיידיקן.

דאָוויד שולמאַן,
וועטעראַן פון דער פּאַרטיי,
וועטעראַן פון דער מי (קיִעוו)

■

דורך פײַער און וואַסער

ווען ס'האָט זיך אָנגעהויבן די גרויסע פאָטערלענדישע מלחמה, איז יעפים ציטאָווסקי געווען אַ סאָלדאַט אין איינעם פון די מיליטער־טיילן, וועלכע איז דיסלאָצירט געוואָרן אין מײַרעוו־אוקראַיִנע. דעריבער איז ער שוין אין די ערשטע מלחמה־טעג אַרײַנגעטראָטן אין שלאַכט מיטן פאַרהאַסטן סוינע. שפּעטער נעמט ער אָנטייל אין פאַרטיידיקן אָדעס און קאַווקאַז. עס ווײַזן זיך אַרויס זײַנע פעיִקייטן אַלס קאָמאַנדיר. ער איז אַן עלטערער סערזשאַנט, דערנאָך אַ לייטענאַנט, קאָמאַנדעוועט מיט אַ ווזוואָד, מיט אַ ראָטע, געפינט זיך צווישן די באַפרײַער פון קראַסנאָדאַר, כאַרקאָוו, דניעפּראָפּעטראָווסק. אומעטום ווײַזט ער אַרויס העראָיִזם און מוט.

דער 24-יאָריקער קאָמאַנדיר פונעם שיסער־באַטאַליאָן, קאַפּיטאַן ציטאָווסקי האָט איינער פון די ערשטע פאָרסירט די ווײַסל, געשטורעמט בערלין.

ערעוו דער אָפּעראַציע פון פאָרסירן די ווײַסל, אין אָוונט, האָט מען ציטאָווסקין אַרויסגערופן אויפן קאָמאַנדע־פונקט פון דער דיוויזיע.

— הער אויפמערקזאַם, קאַפּיטאַן, — האָט זיך אָנגערופן דער גענעראַל־מאַיאָר וואַגין, — מיר האָבן ערשט באַקומען אַ באַפעל פאַרכאַפּן אַ פּלאַצדאַרם אויפן לינקן ברעג. די קאָמאַנדשאַפט פאַרטרויט אויסשפּילן אָט די זייער וויכטיקע אויפגאַבע דעם 216-טן גוואַרדייִשן פּאָלק.

דער גוואַרדיע־קאַפּיטאַן ציטאָווסקי האָט באַלד פאַרשטאַנען, אַז זײַן באַטאַליאָן שטייט פאַר צו זײַן דער ערשטער אויף צו פאָרסירן דעם טײַך.

אויף זײַנע פראָנט־וועגן האָבן זיך געטראָפן ניט ווייניק וואַסער־באַריערן. ער געדענקט גוט: דאָן, דניעפּער, דניעסטער, מײַרעוו־בוג. וויפל קריכעס, ענערגיע, מי איז אַרײַנגעלייגט געוואָרן אין דער פאָרסירונג פון די טײַכן. די ברייט פון דער ווײַסל אויף דעם אָרט, וווּ עס האָט געדאַרפט אָנגרײַפן דער פּאָלק, איז אַן ערך 700—800 מעטער. דער קאָמבאַט האָט אַ קוק געטאָן אויף דער מאַפּע און אָנגעהויבן אַרומטראַכטן פאַרשיידענע וואַריאַנטן. אינמיטן פון דער ווײַסל האָט אַרויסגעשטאַרטשעט פונעם וואַסער אַן אינדזל, וואָס איז באַוואַקסן מיט קוסטעס. דאָ וועט מען קענען אַרויסזעצן און פאַרמאַסקירן אַ ווזוואָד...

דער קאָמאַנדיר פון דער דיוויזיע האָט איבערגעריסן ציטאָווסקין די געדאַנקען:

— היַנט באַגינען דאַרף אַפן לינקן ברעג זײַן אונדזער א פּלאַצדאַרם. מיר גלייבן אין דיר, קאָמבאַט.

אַפן אָרט, ווו עס איז באַשטימט גע-ווען פאַרצונעמען די פאָרסירונג, איז צי-טאָווסקי געקומען אײַנעם מיטן קאָמאַנדיר פונעם פּאָלק. דאָ האָט מען דורכגעפירט א רעקאָגנאָסצירונג, פאַרפּינקטלעכט די אופגאַבע, די צײַט.

ווען ס'איז געוואָרן טונקל, האָבן די סאָלדאַטן צענומען די שטאָלן אין נאָענטן דאָרף, צונויפגעטראָגן קלעצער צום טײַך און צונויפגעבונדן פון זיי פּליטן. אין דאָרף האָבן זיך אָפּגעזוכט עטלעכע שיפלעך. ארום 12 אזייגער באַנאַכט איז די צוגרייטונג געווען פאַרענדיקט. די פאַשיסטן האָבן זיך ניט גערעכנט, אַז די סאָוועטישע אַרמיי וועט באַלד נאָכן ארויסגיין אַפן ברעג פון דער ווײַסל אָנהייבן זי פאָרסירן. נאָך האַלבנאַכט זײַנען די שיפלעך און פּליטן שטילערהייט אָפּגעשווומען פון ברעג.

אַפן אינדזל האָט דער קאָמבאַט צי-טאָווסקי ארויסגעזעצט א גרופּע קוילן-וואַרפלער און 2 קעגנטאַנקען-ביקסן. ווען די דעסאַנטניקעס זײַנען אָפּגעשווומען פונעם אינדזל און האָבן זיך דערנענטערט צום צווייטן ברעג, האָט אומדערוואַרט אין הימל אופגעלויכטן א ראַקעטע און דער סוינע האָט אָנגעהויבן שיסן מיט מאַשין-געווער און מינענוואַרפערס. „פאָרויס! נאָך מיר!" — האָט אויס-געשריגן ציטאָווסקי, אַראָפּשפּרינגענדיק פון דעם שיפל אין וואַסער. די גוואַרדייער האָבן זיך שנעל ארויסגעזעצט אַפן ברעג, פאַרנומען שלאַכט-פּאָזיציעס. אין דער צײַט זײַנען אי-בערגעפירט געוואָרן אויך אַנדערע ראָטעס. ציטאָווסקי האָט אופגעהויבן דעם באַטאַליאָן אין אַטאַקע אַף דעם סוינעס שוצגראָבנס. מיט פײַער, גראַנאַטעס און באַגנעטן האָבן די גוואַר-דייער דורכגעלייגט פאַר זיך א וועג.

צו 12 אזייגער באַטאָג איז דאָס בײַליגנדיקע דאָרף וואַגנאָשיוו געווען אָפּגערייניקט פונעם סוינע. ווען די היטלעראָווצעס זײַנען א ביסל געקומען צו-זיך, האָבן זיי געעפנט א שרעקלעכן פײַער, געשאָטן מיט מינעס, מיט סנאַריאַדן, אומפּהערלעך אַטאַקירט ציטאָווס-קיס פּאָזיציעס אַפן מײַרעוודיקן ראַנד פונעם דאָרף, שטרעבנדיק אַרויסקלאַפּן פון דאָרט די סאָוועטישע גוואַרדייער און אַרײַנוואַרפן זיי אין דער ווײַסל. צוויי מעסלעס האָט ציטאָווסקיס באַטאַליאָן אײַנעם מיט אַנדערע טיילן פונעם פּאָלק זיך געראַנגלט מיטן סוינע. דערנאָך זיך א לאָז געטאָן פאָרויס אַף מײַרעוו. פאַר אָט דער דרייסטער אָפּעראַציע זײַנען 18 גוואַר-דייער פון ציטאָווסקיס באַטאַליאָן באַלוינט געוואָרן מיט אָרדענס פון דער רויטער פאָן, איינער מיט א לענין-אָרדען. דעם קאַפּיטאַן יעפים ציטאָווסקי איז צוגעייגנט געוואָרן דער טיטל העלד פון סאָוועטנפאַרבאַנד.

און אָט איז שוין ציטאָווסקי מיט זײַן באַטאַליאָן נאָענט לעם בערלין. די שוצגראָבנס געפינען זיך באַנאַנד מיטן שאָסיי-וועג, וועלכער ציט זיך פון פראַנקפורט. באַנאַכט זעט מען פון זיי די אופבליצן פון זעניטקעס איבער דער דײַטשישער הויפּט-שטאָט.

4 אזייגער פאַרטאָג איז אַף די פּאָזיציעס אָנגעקומען דער שטעלפאַרטרעטער פונעם קאָמאַנדיר פון פּאָלק צוזאַמען מיט אַן אָפיצער פונעם שטאַב. זיי האָבן געטראָגן די גוואַר-דייישע פאָן פונעם פּאָלק, צו וועלכער ס'איז צוגעפעסטיקט אַן אָרדען פון דער רויטער פאָן. אַף דער פאָן איז אויסגענייט לענינס פּאָרטרעט. ווען מע האָט דורכגעטראָגן די פאָן דורך דער טראַנשיי, האָט זי זיך צוגערירט צו די פּנעמער פון די סאָלדאַטן, און ווי געבענטשט זיי צו העלדנטאַט. די פאָן האָט דער פּאָלק באַקומען אין סטאַלינגראַד און זי דערטראָגן ביז צום אָדער. איצט שטייט איר פאַר גיין קיין בערלין. ס'האָט זיך אַלעמען געוואָלט שרײַען

„הורא", נאָר מע האָט ניט געטאָרט: אף די פּאָזיציעס האָט דער סוינע ארויסגעשטעלט קוילנוואַרפערס.

ציטאָווסקיס באטאַליאָן האָט פארכאפּט א צענדליק פון אָט די קוילנוואַרפערס און צוויי קעגנטאנקען-הארמאטן. די דײַטשן, וועלכע זײַנען געבליבן לעבן, זײַנען אנטלאָפן. ווען אונדזערע „קאטיושעס" האָבן געגעבן א זאַלפּ, איז דער באטאַליאָן ווידער אוועק אין אטאַקע. אין דער געבײַדע, וואָס איז געשטאַנען לעבן דער אײַזנבאַן-סטאַנציע, איז פּאָרגעקומען א שלאַכט, בײַס וועלכער ציטאָווסקי איז פארוווּנדעט געוואָרן מיט א שפּליטער פון א גראנאטע. ער איז געלעגן און געקוקט ווי דער באטאַליאָן גייט פאָרויס.

יעפים גריגאָריעוויטש איז דרײַ מאָל געווען פארוווּנדעט און איין מאָל שווער קאָנטוזיעט. אכוץ דעם גאָלדענעם שטערן און דעם לענין-אָרדען, איז ער באַלוינט מיט די אָרדענס פון דער רויטער פאָן און אַלעקסאַנדער נעווסקי, מיט צוויי אָרדענס פונעם רויטן שטערן, מיט 14 מעדאַלן. אין 1946 יאָר האָט זיך דער מאַיאָר ציטאָווסקי דעמאָביליזירט, דאָס געזונט האָט ניט דערלויבט ווײַטער דינען. ער איז דעמלט אַלט געווען סאַכאַקל 26 יאָר.

נאָכן קריג פארענדיקט ער דערפאָלגרײַך דעם לוואָווער האנדל-עקאָנאָמישן אינסטיטוט און ארבעט אַלס דירעקטאָר פונעם טרעסט פון געזעלשאַפטלעכער דערנערונג. הויכע עקאָנאָמישע בילדונג, א גרויסע לעבנס-שול האָט אים געגעבן די מעגלעכקײַט צו ווערן אַן עכט קוואַליפיצירטער אָנפירער. דער קאָלעקטיוו האָט ליב זײַן דירעקטאָר, באַציט זיך צו אים מיט אָפּשײַ פאר זײַן גוטסקײַט, ערלעכקײַט, פּרינציפּיעלקײַט. לעצטנס איז יעפים גריגאָריעוויטש באַלוינט געוואָרן מיט אַן אָרדען פון דער אָקטיאַבער-רעוואָלוציע.

אף וויפל ציטאָווסקי איז געווען זייער יונג, איז ער דעמאָביליזירט געוואָרן ניט אין דעמיסיע, נאָר אין רעזערוו, דעריבער האָט אים דער וואָיענקאָמאַט אין 1961 געשיקט קיין מאָסקווע אף די העכסטע אָפיצערישע קורסן „ווינסטרעל", וועלכע ער האָט פארענדיקט אף אויסגעצייכנט און באקומען דעם טיטל פּאָדפּאָלקאָווניק אין רעזערוו. אין 1966 העכערט ער זײַן מיליטערישע קוואַליפיקאַציע אין דער מאָסקווער מיליטער-אקאַדעמיע, און עס ווערט אים צוגעייגנט דער טיטל פּאָלקאָווניק.

אזוי האָט א פּאָשעטער יידישער באָכער, א זון פון אַן ארבעטער, אָנגעהויבן זײַן דינסט אין דער סאָוועטישער ארמיי ווי א געוויינלעכער סאָלדאט און פארענדיקט מיטן טיטל פּאָלקאָווניק, העלד פון סאָוועטנפארבאנד.

יעפים גריגאָריעוויטש איז א מיטגליד פונעם פּרעזידיום פון דעם לוואָווער שטאָטישן סאָוועט פון מילכאָמע-וועטעראַנען, א מיטגליד פון דער פארוואַלטונג פון דעם שטאָטישן אוניווערסיטעט פאר ארבעטס-דערציִער. זייער אָפט קאָן מען אים זען אין די מיליטער-טיילן, אף די זאוואָדן, פאבריקן. די שמועסן, וועלכע ער פירט דורך מיט די יונגע סאָלדאטן און אָפיצערן, מיט די ארבעטנדיקע, סטודענטן, פארציִען זיך אָפט ביז שפּעט אין דער נאכט. מיט גרויס כיישעק הערט די יוגנט דעם העלדישן וועטעראַן פון דער פאָטערלענדישער מילכאָמע, דעם קאָמוניסט יעפים גריגאָריעוויטש ציטאָווסקי.

באָריס גלוזמאַן
(לוואָוו)

■

אַן ערשטראנגיקער שאָפער

איציק לעפּא שלאָפט ביז גאָר פילבאַר. טאָמיד כאַפּט ער זיך אוף צו דער אָנגעמערקטער מינוט — אזא געוווינהײַט איז שוין בא אים, דעם דערפארענעם שאָפער. אויך הײַנט כאַפּט ער זיך אוף פון שלאָף זייער פרי: דער וואַנטזייגער באַווײַזט ערשט האַלב פינף. פאַרזיכטיק, ער זאָל, כאָלילע, ניט אופוועקן די פרוי, שמוגלט זיך איציק דורך אף די שפּיץ פינגער אין קיך — זיך אָפּגאָלן. פונדאַנען וועט ד זשומערײַ פון דער עלעקטרישער ראַזירמאַשינקע ניט דערגיין צום שלאָפצימער. אין שפּיגל זעט ער א פארברוינט פּאָנעם, אויסדריקלעכע, פינקלענדיקע אויגן — יונגע, לעבעדיקע.

צומאָל הייבט זיך אים אָן דוכטן, אז ער איז אַט אזוי געבוירן אף דער וועלט — צוזאַמען מיטן רודער פונעם אוטאָמאָביל. דער זיקאָרן אָבער מישט זיך אריַין: לעכאטכילע האָסטו דאָך געדינט אלס קוילנוואַרפער...

נו, יאָ, זיַין סאָלדאטישער גוירל הייבט זיך טאקע אָן לעבן דעם קוילנוואַרפער. עטלעכע מאָל איז איציק לעפא פארוווּנדעט געוואָרן, סאָפקאָלסאָף האָט מען אים איבערגעפירט פון דער פאָדערשטער ליניע אין א רעזערוו-פאָלק. ערשט דעמלט האָט ער זיך גענומען פארן רודער פונעם אוטאָמאָביל. איינמאָל האָט דער קאָמאנדיר פון זיַין מיליטער-טייל צונויפגעזאמלט די סאָלדאטן און, צוקוקנדיק זיך אופמערקזאם צו יעדן איינעם, א פרעג געטאָן:

— ווער פון איַיך וויל ווערן א שאָפער?

— איך, — האָט זיך אָפּגערופן לעפא.

אין יענער ציַיט איז די באַדערפעניש אין אוטאָמאָביל-פירער געווען א גרויסע. צום פאָדערשטן ראנד פונעם פראָנט האָט מען געדארפט אָן אופהער טראנספּאָרטירן געווער, אמוניציע, שפּיַיז — אלץ, וואָס עס האָט זיך געפאָדערט אף צו פירן די שלאכטן מיטן פארביסענעם סוינע. און שאָפערן זיַינען געווען ווייניק. צוגרייטן זיי איז אין יעדער ציַיט ניט פּאָשעט, אָבער בייס דער מילכאָמע איז עס א שווערע פּראָבלעם. אין מעשעך פון איין כוידעש האָט מען געדארפט באהערשן די קאָמפּליצירטע פּראָפעסיע.

איציק לעפא האָט גרינטלעך דערלערנט די מאשין, פעסט גענומען אין די הענט איר רודער.

אפן פראָנט איז ער געוואָרן א קאָמוניסט, אָנטיילגענומען אינעם באפריַיען די שטעט קאלינין, רזשעוו, אָריאָל, ריגע, זיך באטייליקט אין די שלאכטן מיט די יאפּאָנישע אימפּעריאליסטן.

ס'איז פאראן וועגן וואָס צו דערמאָנען זיך. איציק לעפא לאָזט אויך היַינט ניט אָפּ דער שטענדיקער וואכער זיקאָרן. אופשטייענדיק אינדערפרי אין דער אָנגעמערקטער מינוט, פילט ער אזא אינערלעכע אָנגעשטרענגטקייַט, ווי גליַיך ער וואָלט זיך אופגעכאפּט פון שלאָף, קעדיי צוטרעטן אויסצופילן א שלאכט-אופגאבע.

די בערדיטשעווער גאסן זיַינען נאָך שטיל. באצירטע מיט נעאָן-פיַיערן, וואכן זיי שוין אוף. איציק לעפא גייט מיט א מונטערן טראָט צו די געביַידעס פונעם זאוואָד „פּראָגרעס". באם קאָנטראָל באוויַיזט ער די אריַינגאנג-שיַין, טרעט איבער די שוועל און פארקערעוועט באלד צו זיך אין טראנספּאָרט-צעך. דאָרט ווארטן געדולדיק די מאשינען, יעדערע — אף איר באַלעבאָס.

האלב זעקס אזייגער אינדערפרי לייגט לעפא אריַין די וועג-ליסטע אין דער זיַיטקעשענע און לאָזט אין גאנג זיַין מאשין, אף וועלכער ס'איז מיט גרויסע אויסיעס אָנגעשריבן: „טעכנישע הילף". ארויספאָרנדיק פונעם גאראזש, באלויכט דער אוטאָמאָביל מיט די בלענדנדיקע פארעס דעם ברייטן צעך-הויף, כאפּט ארויס פון דער טונקלקייַט א גרויסע שילד, וועלכע הענגט אף צוויי הויכע סלופּעס: „פּראָגרעס". דאָס וואָרט איז פול מיט וויכטיקן אינהאלט, מיט דעם גרויסן איצטיקן לעבן און מיט דער צוקונפט. ס'איז א רוף צום קאמף פאר דעם וויַיטערדיקן פּראָגרעס. אלעמאָל, ווען ער פאָרט דורך דעם הויף, דערוואַרעמט די נעשאָמע מיט א גוטהארציקן „זיַי מאצליעך" א צווייטער פּלאקאט: א בלוי-אויגיקע פרוי און א קינד — די שטענדיקע באגלייטער ווינטשן א גוטן וועג, און עס דוכט זיך אויס, אז דאָס זיַינען ניט קיין אָנגעמאָלטע, נאָר לעבעדיקע מענטשן: די אייגענע פרוי מיטן אייגענעם קינד.

דער וועכטער, צעעפענענדיק דעם טויער, ווינטשט דעם שאָפער דאָס זעלבע — א גליקלעכן וועג. און דעם וועכטערס קאָל פארגרעסערט נאָך מער די אילוזיע, אז יענע, אפן פּלאקאט, זיַינען ניט קיין אויסגעטראכטע, סימבאָלישע, נאָר רעאלע פיגורן.

אפן זאוואָד „קאָמפּרעסאָר" ארבעט איציק לעפא שוין העכער 25 יאָר. גליַיך נאָך דער דעמאָביליזאציע פון דער ארמיי איז ער אָנגעקומען אין דער בוי-פארוואלטונג נומער 26, זיַין מיליטערישע אוטאָמאשין האָט ער דאָרט פארביטן אף אן אוטאָמאָביל „גאז-51", געפירט אף איר צעמענט, ליים, ציגל און אנדערע מאטעריאלן, געהאָלפן אופשטעלן די רויִנירטע זאוואָדן און וווין-היַיזער און אויסבויען די נייַע קאָרפּוסן טאקע דאָ, אף דעם זאוואָד „פּראָגרעס". דערנאָך האָט די בוי-פארוואלטונג זיך ליקווידירט און אירע מאשינען זיַינען איבערגעגעבן געוואָרן דעם ווידערגעבוירענעם זאוואָד. פון דעמלט אָן ארבעט לעפא אף דער מאשין „טעכנישע הילף" „גאז-51".

אים איז אויסגעקומען צו פאָרן אַף דער „טעכניטשקע" קיין מאָסקווע און קיִעוו, קיין טולע און גאָרקי און אין אַנדערע שטעט פונעם סאָוועטנפאַרבאַנד. און עס איז נאָך קיינמאָל ניט געשען, ער זאָל ניט אויספילן זײַן פאַרגעבונג, ווי שווער זי זאָל ניט זײַן. די זאַוואָדישע עקאָנאָמיסטן האָבן אונטערגערעכנט, אַז פאַר די לעצטע צוויי צענדליק יאָר איז לעפּא אויסגעפאָרן אָן אוואַריעס און וועג-געשעענישן מער פון א מיליאָן קילאָמעטער, און דאָס האָט אָפּגעשפּאָרט דעם זאַוואָד א סאַך געלט-מיטלען, ברענשטאָף, צײַט, דאָס הייסט, עס האָט געגעבן א היפּשן עקאָנאָמישן עפעקט.

אין דעם טעכנישן פּאַספּאָרט אַף איציק לעפּאס מאַשין קאָן מען געפינען בלויז פּאָזיטיווע אָפּשריפטן פון דער מעלוכישער אויטאָ-אינספּעקציע: „דער אויטאָמאָביל ווערט גוט אויפגעהאַלטן", „קיין באַמערקונגען צו דעם צושטאַנד פונעם אויטאָמאָביל זײַנען ניטאָ".

אייניקע קלערן, אַז די מי פון א שאָפער איז א גרינגע — זיץ אַף א ווייכן פּאָטעל און דריי דעם רודער. גאָר ווייניק מענטשן ווייסן, אַז די אַרבעט באַם רודער, אַשטייגער, אין די באַדינגונגען פון אַן אינטענסיווער שטאָטישער באַוועגונג אין מעשעך פון צוויי שאָ נעמט אָפּ באַם שאָפער אַזויפיל קויכעס, פונקט ווי ער זאָל אָפּשטיין א גאַנצן אומבײַט, זיבן שאָ נאָכאַנאַנד, באַ א וואַרשטאַט אין מעכאַנישן צעך. אָפּט קוקן מיר באַגײַסטערט, ווי עס אײַלן מאַשינען הין און הער, און מיר פאַרטראַכטן זיך ניט, וויפל ענערגיע עס גיט אָפּ דער שאָפער, קעדיי גוט פירן זײַן מאַשין, ביפּראַט אויב עס איז האַרבסטצײַט, אָדער ווינטער, אָדער אין דער אָדליגע אום פרילינג.

און ווידער שאַרט זיך אונטער איציקס זיקאָרן: אין אײנעם א פראָסטיקן ווינטער-טאָג באַקומט ער א פאַראָרדענונג פונעם צעך-שעף, אַז עס איז נייטיק דרינגענדיק טראַנספּאָרטירן קיין מאָסקווע אַן אַפּאַראַט אַף דער אויסשטעלונג פון די דערגרייכונגען פון דער פאָלקסווירטשאַפט.

— ס'וועט זײַן אויסגעפילט! — ענטפערט ער קורץ, אַפן מיליטערישן אויפן. דער וועטער איז דאַן געווען א בייזער, עס האָט געשאָטן א געדיכטער שניי, געפײַפט א קאַלטער, האַסטיקער ווינט, וועלכער האָט אָנגעבלאָזן שניי-בערגלעך אַפן וועג, פאַרקלעפּט מיט שניי-פּוך דעם שוי-פענצטער פון דער קאַבינע. אָבער איציקס מאַשין איז שווער געגאַנגען א מעטער נאָך א מעטער, אָנטרעפנדיק אַלץ פילצאָליקע שניי-ריינקערס, אַפילע עקסקאַוואַטאָרן, וועלכע מע האָט אויסגענוצט אַף אויפראַמען דעם וועג, אַף דורכשנײַדן א קאָרידאָר אין שניי. איציק לעפּאס סאָלדאַטישע דערפינדערישקײַט האָט בײַגעקומען אַלע שוועריקײַטן, און אײנעם פאַרמעסט מיט דער נאַטור איז אַרויס א זיגער דער מענטש. לעפּא איז באַצײַטנס געקומען צו פאָרן קיין מאָסקווע מיט זײַן פראַכט. די פאַראַנטוואָרטלעכע פאַרגעבונג איז אויסגעפילט געוואָרן.

עס לויפן אַנטקעגן קילאָמעטערס. עס פירט זײַן מאַשין דער קאָמוניסט איציק לעפּא, א שאָפער פונעם ערשטן קלאַס! ער האָט א סאַך נאָכפאָלגער, וועלכע ווילן דעריאָגן זייער לערער, נאָר גיי פּרווו עס אויפצוטאָן — איציק לעפּא איז א מײַסטער. ער איז אין וועג, די אויגן זײַנע, די יונגע אויגן קוקן פאָרויס, אין דער צוקונפט, און די פעסטע, שטײַפע הענט ליגן אַפן רודער. איציק לעפּא קלערט נאָך דערווײַל ניט אַראָפּנעמען זיי פון דער „באַראַנקע". ער ווייסט, אַז דער פּאַרטיי-צוזאַמענפאָר וועט אָננעמען וויכטיקע באַשלוסן, וועלכע מע וועט דאַרפן אויספילן.

סעמיאָן מײַדאַניק
(בערדיטשעוו)

צווישן מענטשן און צוליב די מענטשן

אין פאָלקס־מוזיי פונעם קאָלווירט „איליטשס געבאָטן“ האָט אונדזער אופ־מערקזאַמקייט צוגעצויגן אַן אַלטע, שוין געל־געוואָרענע פאָטאָגראַפיע: אויפן גאַנעק פון אַ הילצערנער שטוב שטייען עטלעכע קאָלווירטניקעס, און צווישן זיי אַ מיידעלע פון אַ יאָר דריי־פיר.

— דאָס בין איך, — שמייכלט פייגע פײַמאַן, — איך שטיי לעבן מײַן טאַטן. ס'איז געווען אין 1931 יאָר. אונדזער מישפּאָכע האָט ערשט איבערגעוואַנדערט פון אוקראַיִנע קיין וואַלדהיים, און די מענטשן שטייען אויפן גאַנעק פון דער ערשטער וואַלדהיימער שטוב.

די ערשטע

פון אַ כאַראַקטעריסטיק, וועלכע עס האָט אונטערגעכאַסמעט דער פאַר־זיצער פונעם קאָלווירט „איליטשס געבאָטן“ גליקשטיין: „פייגע לייבאָווגע פײַמאַנס אַרבעטס־טעטיקײַט איז אַ בײַשפּיל פון מעסירעסנעפעשדיק דינען דעם היימלאַנד. פײַמאַן איז אַ מענטש פון אויסשליסלעכער ערלעכקײַט און ליבע צו דער אַרבעט. פאַר איר טרײַער מי און אַקטיווער געזעלשאַפט־לעכער טעטיקײַט איז זי באַלוינט מיט אַ לענין־אָרדען, מיטן אָרדען „ערן־צייכן“ און מיט אַ גאָלדענער מעדאַל פון דער אַלפאַרבאַנדישער אויסשטע־לונג פון די דערגרייכונגען אין דער פאָלקסווירטשאַפט...“

אין יענעם יאָר איז די טײַגע נאָך פון אַלע זײַטן צוגעטראָטן נאָענט צום קליינעם איבערוואַנדערישן דערפל, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן בויען סאַכאַקל מיט צוויי יאָר צוריק.

בא דער טײַגע איז אויסגעקומען אָפּ־צוקעמפן יעדעס שטיקל ערד.

פייגע פלעג אָפט קומען צום טאַטן אין פעלד, ברענגען אים וואַרמעס און בייס־מײַסע מיט גרויס אינטערעס קוקן, וויאַזוי פון דער אויפגעאַקערטער ערד ציִען זיך אין דער הייך צו דער זון די שפּראָצלינגען.

— טאַטע, איך וויל אויך אַרבעטן, — פלעג זי זיך בעטן בא אים. — נו, כאָטשבי אַ קאַפּעלע!

— פּרווו, אויב דו ווילסט, — פלעג מיט אַ שמייכל ענטפערן דער פאָטער. — פאָרע זיך אין דער ערד, געוווין זיך צו...

אין עטלעכע יאָר אַרום איז פייגע פײַמאַן אָנגענומען געוואָרן אויף אַרבעט אַלס גרינסציכטלערן.

— איך דאַרף זאָגן, אַז די פּראָפעסיע פון אַ גרינסציכטלער איז אַן אייגנאַרטי־קע, — דערציילט זי. — פון איין זײַט בי־סטו אַ גאַנצן טאָג אין פעלד, אָטעמסט מיט ריינער לופט, און פון דער צווייטער זײַט, האָסטו ניט קיין רויִקע מינוט. דאַכט זיך, דו האָסט אַלץ אָפּגעטאָן אויפן בעסטן אַגראָטעכנישן ניוואָ, און דאָך לעבסטו איבער, ווײַל דו ווייסט ניט, וויאַזוי עס וועט זיך אין לעצטן רעזולטאַט באַקומען...

אין איר פאַך איז פייגע פײַמאַן איצט אַן עכטער מײַסטער. ס'זײַנען אין דער גרינס־צוכט ניטאָ פאַר איר קיין סודעס. נאָר די קענטענישן זײַנען פונעם הימל ניט אַראָפּגעפאַלן. אַ גוטע אַרבעטס־שול איז זי דורכגעגאַנגען בא איר ערשטן בריגאַדיר, דעם ערשטן וואַלד־

היימער דעפּוטאַט אין אויבער-סאָוועט פון פסכר שיפרע קאַטשינאַ. די דערפאַרענע גרינסציכטלערן האָט איבערגעגעבן אירע קענטעניש די יונגע קאָלווירטניצעס. אגעוו, אין קאַטשינעס בריגאַדע האָט מען דעמלט צום ערשטן מאָל אין דער געגנט אַנגעהויבן אויספאַרטיקן ערד-טעפּעלעך צוליב דער ראַסאַדע.

פייגע פיימאַן איז א האַרעפּאַשנע פרוי. עס שרעקט זי ניט קיין שום אַרבעט. זי קען א גאַנצן טאָג שניידן דאָס זומפּן-גראָז און דערנאָך אויספּאַרטיקן פון דעם באַוואָרעמונג-מאַטעס, צונויפלייגן אין שטאַפּלען די ערד-טעפּעלעך, אָדער מיט דער ווילע אין די הענט פאַרלייגן די קאַטלאַוואַנען.

עס וואַקסט די ווירטשאַפט פון דער בריגאַדע. ס'פאַרברייטערן זיך אירע פאַרזיי-שטאַכים, און עס בייטן זיך די גרינסציכטלער. די יונגע, וועלכע קומען אָן אַרבעטן אין דער בריגאַדע, לערנט שוין איצט פייגע פיימאַן. גרינגער ווערט די מי פון די גרינסציכטלער. אין קאָלווירט זיינען שוין פאַראַן וואַרעמע אַראַנזשערייעס, אין זיי איז גוט צו אַרבעטן אין א באַליביקן וועטער. אף די פלאַנטאַציעס פילן אויס א סאַך אַפּעראַציעס די מאַשינען. מע באַנוצט זיך איצט מיט ראַסאַדע-פאַרזיי-אַגרעגאַטן און אַראָפּנעם-פלאַטפאָרמעס, ווי אויך מיט אַנדערע מעכאַניזמען.

— אַמאָל האָבן מיר באַאַרבעט 15 העקטאַר אַקער-ערד, — זאָגט פייגע פיימאַן, — איצינד כאָוועון מיר אויס גאָרטן-קולטורן אף א שטעטח פון 155 העקטאַר. און די בריגאַדע זאַמלט צונויף פּראָדוקציע אַרום דריי טויזנט טאָן — אַזויפיל, וויפל עס פלעגן צוריק מיט עטלעכע יאָר באַקומען אַלע פיר בריגאַדעס פונעם קאָלווירט.

אין דער געדיכטעניש פונעם לעבן

און אָט וואָס עס זאָגט דער צווייטער סעקרעטאַר פון בירָאָבידזשאַנער ראַיקאָם קפּסס פיאָדאָר איסאַקאָוויטש סאַטשוק: „פייגע לייבאָוונע פיימאַן איז אַן עכטער קאָמוניסט. זי צייכנט זיך אויס מיט איר פּרינציפּיעלקייט און אויסשליסלעכער אָרנטלעכקייט. יעדן אויפטראָג פילט זי אויס מיט גרויס פאַראַנטוואָרטלעכקייט...“

פייגע פיימאַן האָט דערצויגן פיר קינדער, נאָר די גרויסע מישפּאָכע האָט איר קיינמאָל ניט געשטערט צו לעבן צווישן מענטשן און פאַר מענטשן. זי איז פאַרטגרופּאָרג, און איר גרופּע איז די בעסטע אין דער ווירטשאַפט. אַזוי איז אָפּגעמערקט געוואָרן אינעם פאַרטראָג אף דער וואַל-פאַרזאַמלונג פון דער קאָלווירטישער פּאַרטיי-אָרגאַניזאַציע. די דאָזיקע גרופּע איז פעסט מיט איר אָרגאַניזירטקייט, מיט דער אַלגעמיינער זאָרג וועגן דעם גורל פון דער גערעטעניש.

יעדן פרימאָרגן, ביזן אָנהייב פון דער אַרבעט, פירט פייגע פיימאַן דורך א קורצן שמועס מיט אירע כאַווערטעס אף אַקטועלע טעמעס: וועגן דער געפאַר פון אַן אַטאָמישער מילכאָמע, וועגן דער דערציִונג פון די קינדער.

אָפּן פלענום פונעם אַלפאַרבאַנדישן קאָמיטעט פון די סאָוועטישע פרויען זיינען קיין מאָסקווע געקומען צו פאָרן פון אַלע עקן לאַנד פאָרשטייערנס פונעם אַרבעטער-קלאַס און פון דעם קאָלווירטישן פויערטום, פון דער אינטעליגענץ, פון דער יוגנט.

דער אָקטיאַבער-זאַל פונעם פראָפאַריינען-הויז איז איבערגעפולט. צווישן אַנדערע זיצט דאָ פייגע פיימאַן. זי הערט אויס די אַרויסטרעטונגען מיט גרויס אויפמערקזאַמקייט. און אָט הייבט זי זיך אויך אויף אף דער הויכער טריבונע, זי — א פּאַשעטע יידישע פרוי, א קאָלווירטניצע פונעם וויטמיזרעכדיקן דאָרף וואַלדהיים אין דער יידישער אויטאָנאָמער געגנט. וואַלענטינע טערעשקאָוואַ, די ערשטע אין דער וועלט פרוי-קאָסמאָנאַווט, דער פאָרזיצער פונעם קאָמיטעט פון די סאָוועטישע פרויען, טוט צו איר א שמייכל און שעפּטשעט: „דריי-סטער, פייגע“...

און פייגע פיימאַן הייבט אָן דערציילן וועגן דעם, וויאַזוי אירע פיר קינדער האָבן, אַדאַנק אונדזער פּאַרטיי און רעגירונג, באַקומען בילדונג, וועגן דעם, אַז אין דעם קאָלווירט, ניט ווייט פון דער שטאָט בירָאָבידזשאַן, אַרבעטן האַנט בא האַנט רוסן, יידן, אוקראַינער, און

נאָך האָט זי געזאָגט, אַז ווי אַ מוטער, וויל זי ניט קיין מילכאָמע און אַז אירע כאַוועריטעס האָבן זי באַופטראָגט צו זאָגן פון אָט דער היכער טריבונע, אַז זיי וועלן ניט דערלאָזן קיין קיִכעס לעטויוועס דעם שאָלעם אויף דער וועלט.

מארק פרענקעל
(ביראָבידזשאַן)

■

מיר, סאָוועטישע מענטשן

זיי זײַנען געקומען קיין ביראָבידזשאַן מיט איינעם פון די ערשטע עשעלאָנען איבער-וואַנדערער, געקומען פון שטעטל וואַסילקאָווע, וואָס געפינט זיך ניט ווײַט פון קיִעוו. מייער אַסאַדטשי דערציילט:

— אונדזער טאַטע און די מאַמע האָבן דערצויגן נײַן קינדער. לעבן איז געוואָרן שווער, ווען דער טאַטע בערל איז אַוועק אויף די פראָנטן פונעם בירגערקריג. דער עלטערער ברודער אַוראָם און איך האָבן אים פאַרביטן באַם אויוון אין דער בעקערײַ. פאַרשטייט זיך, אַרבעטן אַזוי, ווי דער טאַטע, האָבן מיר נאָך ניט געקענט. ער איז געווען אַ באַלמעלאָכע, ווי מע זאָגט, מיט גאָלדענע הענט, און דעם געשמאַקן טאַם פונעם ברויט, וואָס ער פלעגט אויס-באַקן, האָט מען געוווּסט ניט נאָר בײַ אונדז אין וואַסילקאָווע, נאָר ווײַט אַרום. צו אונדז פלעגן קומען קויפן ברויט פאַר צענדליקער קילאָמעטער. אויך מיר האָבן זיך געסטאַרעט מיט אַלע קויכעס, אַז דאָס ברויט זאָל זײַן געשמאַק. ווען דאָס פלעגט זיך אונדז אײַנגעבן, זײַנען מיר געווען אויפן זיבעטן הימל. ווען דער טאַטע האָט זיך אומגעקערט, איז גלײַך געוואָרן לײַכטער.

ס׳זײַנען דורכגעגאַנגען יאָרן, און איינמאָל האָט אונדזער שאָכן מיקאָלאַ שעפּיטקאָ דערציילט, אַז אין כאַרקאָוו ווערבירט מען ייִדן, וואָס ווילן אַריבערפאָרן אויפן ווײַטן מיזרעך בויען אַ שטאָט אויף דעם טײַך בירא. דעם טאַטן האָט פאַרינטערעסירט די דאָזיקע נײַס, און אײַנגיכן האָט ער אויסגעקלאָרט, אַז יאָ, מע קאָן איבערוואַנדערן אויפן ווײַטן מיזרעך.

אין אַ פאָר כאָדאָשים אַרום האָט אונדזער גאַנץ געזינד מיט האַקל-פּאַקל זיך אַוועקגע-לאָזט אין ווײַטן וועג. דער קאַנט איז ווירקלעך געווען אַ ווײַטער, נאָר די טעג זײַנען געלאָפן אומבאַמערקט, און אָט זײַנען מיר שוין אין ביראָבידזשאַן. דאָרט איז געווען אין פולן גאַנג די בויונג. מע האָט אויפגעשטעלט וווין-הײַזער, קולטור-שטייגערישע אַנשטאַלטן, פּראָדוציר-געבײַדעס. אַ פאָר אַרבעטס-הענט האָט זיך גערעכנט טײַערער פון גאָלד. און, פאַרשטייט זיך, די יונגע שטאָט האָט זיך אויך גענייטיקט אין בעקערס. אַלע זײַנען מיר אַוועק אין דער בעקערײַ. קיין ברויט-זאַוואָד, ווי אַצינד, איז נאָך ניט געווען. דער טאַטע און זײַנע דרײַ זין — אַוראָם, איסאַק און איך — האָבן זיך געשטעלט צום אויוון. גלײַך פון די ערשטע טעג איז די אַרבעט אַוועק, ווי בעסער קאָן ניט זײַן. די מעלוכע האָט אונדז אויסגעטיילט אַ קרעדיט אויף אויסבויען אַ הויז, און מיר האָבן טאַקע אַוועקגעשטעלט אונדזער נאַכלע אויף דער איבערוואַנדערער-גאַס...

אַז דאָס לעבן איז גוט, קלערט אַ מענטש וועגן אַזעלכע זאַכן, וועלכע ער האָט פריִער אַפילע ניט געוואַגט צו טרוימען. די ברידער אַסאַדטשי האָבן געוואָלט באַקומען בילדונג. אַלץ איז שוין געווען באַשלאָסן, נאָר... עס האָט אויסגעבראָכן די מילכאָמע, אויף אונדזער היימלאַנד האָט זיך אָנגערוקט אַ שרעקלעכע געפאַר. איבער פאַרשיידענע פראָנט-וועגן האָט דער גוירל אַרומגעטראָגן די דרײַ ברידער, וועלכע זײַנען פרײַוויליק אַוועק אויפן פראָנט. ניט אַלעמען איז געווען באַשערט זיך אומקערן אַהיים. אַוראָם איז אומגעקומען אונטער סטאַ-לינגראַד. ער איז געווען אַן אויסשפירער. פון דער אָרדנטלעכער פאַרגעבונג האָט ער זיך ניט אומגעקערט. דער מיטלסדיקער ברודער איז אויך געווען, ווי מע זאָגט, אַ יאַט מיט ביינער. ער האָט געשלאָגן די פאַשיסטן אַזוי, ווי זיי האָבן דאָס פאַרדינט, און וועגן אים דאַרף מען דערציילן אַ ביסל גענויער.

אין איינער אַ שווערער שלאַכט איז איסאַק שווער פאַרוווּנדעט געוואָרן. אָן באַוווּסט-זײַן איז ער אַרײַנגעפאַלן אין די הענט פון די היטלעריסטן. צוזאַמען מיט אַנדערע האָט מען אים פאַרשפּאַרט אין אַ טוווע-סקלאַד. באַנאַכט האָט דער סאָלדאַט איוואַן רוסאַקאָוו געפונען אַ געלעגנהײַט אויף צו אַנטלויפן. ער האָט דערשטיקט דעם פאַשיסט, וועלכער האָט באַוואַכט די געפאַנגענע, געעפנט די טיר — אַלע זײַנען אַרויס פון דער געפענקעניש און

זיך אַ לאָז געטאָן צום וואַלד, וועלכער האָט זיך געשפּרייט דאָ ניט ווײַט. די פֿאַשיסטן האָבן זיך געכאַפּט און אָנגעהויבן פֿאַרפֿאָלגן די אַנטלאָפֿענע. דאָס אויטאָמאַטן-פֿײַער האָט אָנגעיאָגט אַ סך פּליטים, נאָר צווישן די לעבנגעבליבענע איז געווען איסאַק אָסאַדטשי.

אין איינעם אַ דאָרף האָט מען די פֿאַרוווּנדעטע אַרויסגעוויזן הילף, אָנגעהאָדוועט זיי און באַוויזן, ווי‌אַזוי זיך דערקלײַבן צו די פּאַרטיזאַנער. לאַנג האָבן די אויסגעמאַטערטע סאָלדאַטן געבלאָנדזשעט איבערן וואַלד און לסוף זיך אָנגעשטויסן אויף אונדזעריקע. מיטן אָטריאַד האָט אָנגעפֿירט אַ מאַיאָר פֿון דער סאָוועטישער אַרמיי אַלעקסיי דמיטרי‌עוו. אין אָט דעם אָטריאַד איז איסאַק געוואָרן אַן אויסשפּירער. ווען אוקראַי‌נע איז באַפֿרײַט געוואָרן, איז ער אַרײַן אין באַשטאַנד פֿונעם רעגולערן סאָוועטישן מיליטער און האָט פֿאָרגעזעצט זײַן שלאַכט-וועג ביז בערלין.

אויך דער ייִנגסטער ברודער מייער אָסאַדטשי איז דורכגעגאַנגען די פֿראָנט-וועגן, ווי אַן עכטער סאָלדאַט. ניט ווײַט פֿון סמאָלענסק האָבן אונדזערע טיילן געפֿירט אַ פֿאַרביטערטע שלאַכט קעגן די פֿאַשיסטן. עס איז אָפּגעשלאָגן געוואָרן די צענטע אַטאַקע. ס'האָבן זיך באַוויזן פֿאַשיסטישע טאַנקען, און די שלאַכט האָט אויפֿגעפֿלאַקערט מיט אַ נײַער קראַפֿט. די פֿאַשיסטן האָבן געהאַט אַ גרויסן איבערוואָג אין טעכניק און אין לעבעדיקער קראַפֿט, נאָר אונדזערע סאָלדאַטן האָבן מסירת-נפֿשדיק זיך געשלאָגן, זיי האָבן פֿאַרניכטעט באַם קעגנער אַ סך טאַנקען, סאָלדאַטן און אָפֿיצערן. און, דאַכט זיך, דאָס וואָגשעלעכל האָט זיך אַ קער געטאָן צו אונדז, נאָר אין אָט דער רגע האָט אַ פֿאַשיסטישע מינע געפּלאַצט אין שוצגראָבן, וווּ עס האָבן זיך געפֿונען מייער אָסאַדטשי און זײַנע כאַוויירים. דער באַוווּסטזײַן האָט זיך צו מייערן אומגעקערט שוין אין מיליטערישן שפּיטאָל, וווּ מע האָט אים אַמפּוטירט אַ פֿוס.

נאָכן שפּיטאָל האָט מייער אויף אַ קוליע זיך אומגעקערט קיין ביראָבידזשאַן. די דאָקטוירים האָבן אים געייצעט פֿאַרזעצן זיך היילן, די אַרבעט וועט צוּוואַרטן, נאָר ער האָט ניט געקאָנט אײַנזיצן אין שטוב. דער סוינע איז דאָך נאָך ניט צעגראָמירט, און מע דאַרף כאָטש מיט עפּעס-וואָס העלפֿן דערנענטערן דעם זיג. ער איז געקומען אויפֿן ברויט-זאַוואָד און זיך געשטעלט צום אויוון.

אין 1945 קערט זיך אום קיין ביראָבידזשאַן אויך איסאַק. דאָ דערוווּסט ער זיך וועגן דעם אומקום פֿון זײַן פֿרוי בעלע און דער טאָכטער לאַריסע. די פֿאַשיסטן האָבן זיי אומגעבראַכט אין קיִעוו. פֿון די גרויסע צאָרעס איז אײַנגיכן געשטאָרבן דער טאַטע און גלײַך נאָך אים — די מאַמע. איבערלעבן דאָס אַלץ איז געווען זייער שווער. נאָר מע האָט געדאַרפֿט לעבן, מע האָט ניט געטאָרט אַראָפּלאָזן די הענט. און די ברידער האָבן זיך געשטעלט צו דער אַרבעט. אײַנגיכן אָבער איז איסאַק אוועקגעפֿאָרן פֿון ביראָבידזשאַן קיין סאַמאַרקאַנד. דאָרט איז ער אין אַ קורצער צײַט אַרום געשטאָרבן.

— אַצינד, ווען עס זײַנען אַדורך פֿיל יאָרן, — זאָגט מייער אָסאַדטשי, — הייבסטו אָן צו פֿאַרשטיין, ווי קאָמפּליצירט עס איז דאָס לעבן. ניט אומזיסט זאָגט מען, אַז אַ מענטש איז שטאַרקער פֿון אײַזן און ער קאָן אַלץ איבערטראָגן. נאָר דער עיקר איז, ער זאָל ניט פֿאַרלירן די ווירדע — דער מענטש זאָל בלײַבן אַ מענטש.

די צײַט גייט, און דאָס לעבן נעמט זיך זײַנס. מייער אָסאַדטשי וויל, אַז זײַנע קינדער זאָלן זײַן גליקלעך און קיינמאָל זאָלן זיי ניט וויסן יענע שוידערן, וועלכע זײַנען אויסגעפֿאַלן אויף זײַן גורל.

...אויפֿן טיש באַווײַזט זיך אַ טראַדיצי‌אָנעלער טאָרט, וועלכן עס האָט אויסגעבאַקן מייערס פֿרוי ראָזע. אין אַלע צײַטן, אין פֿריידן און אין ליידן, איז זי געווען איבערגעגעבן איר מאַן. גליקלעך מיט דער מישפּאָכע, מיט די שכיינים, מיט ביראָבידזשאַן.

מייער אָסאַדטשי האָט די קוליעס שוין אוועקגעוואָרפֿן. אָנשטאָט זיי טראָגט ער אַ גוט-אויסגעפּאַרטיקטן פּראָטעז. יעדן אינדערפֿרי זעצט ער זיך אַרײַן אין זײַן „זאַפּאָראָזשעץ", וועלכן די מעלוכע האָט אים אויסגעטיילט, און פֿאָרט אויף דער אַרבעט.

צווישן די פֿילצאָליקע קרויווים איז מייער דער סאַמע געגאַרטער אויף מישפּאָכע-יאָמטויווים: זאָל דאָס זײַן אַ כאַסענע, אַ יובילײַ, אָדער אַ געבורטסטאָג. ער הייבט אויף אַ פֿולן בעכער מיט ווײַן און זאָגט געוויינלעך אַזוי:

— טײַערע מײַנע, האָט ליב דאָס היימלאַנד. קעמפֿט פֿאַר שאָלעם! זאָלן די נײַע אונטערוואַקסנדיקע דוירעס קיינמאָל ניט וויסן פֿון די שוידערן פֿון אַ מילכאָמע!

נ י נ ע   וו אָ ר אָ נ י נ אַ
(ביראָבידזשאַן)

דעם 90־טן געבורטסטאָג פונעם גרויסן סאָוועטישן ייִדישן דיכטער פּערעץ מאַרקיש מערקן מיר אָפּ מיט דער פּובלי־קאַציע פון זײַן גרעסערער ליד „מײַן דאָר“, וועלכע איז אָנגעשריבן געוואָרן צום צענטן יאָרטאָג פון דער גרויסער סאָציאַליסטישער אָקטיאַבער־רעוואָלוציע.

פּערעץ מאַרקיש

מײַן דאָר

א וועג־שײַן אַף דער וועלט א ליכטיקן מײַן דאָר האָט!
א פלאמיקן באפעל
אַף אופשטאנדן און בונטן!
און אומעטום — איז אופגעוויג פון צאָרן,
און אומעטום — איז אופגעשאל פון הימן, —
ער גייט, ער גייט מיט רויטע פענדלדיקע פלאנגען,
די אויגן — ווײַט
אין האלבע ערד־קוילן זיך רונדן,
א ביקס פון רעכטער האנט אַף שטרעקעס טײַט,
די לינקע איז פארוווּנדעט,
און וואך די זון איז, ווי א רויטער סעמאפאָר,
אין אלע זײַטן וועלט
פאר אים —
פאר מײַן געוואגטן מוירעדיקן דאָר
פאר ברידער מײַנע שטאָלענע און שלאנקע!
ער גייט, מײַן דאָר,
ס'איז דאָ, ס'איז דאָרט
פארפלייצט די ווײַט פון שטערנדיקע צונגן,

מיט רעגנבויגן הויך-פאַרהייבענעם ווי שלאַגבוים!
ער גייט, ער שטײַגט, מײַן מוירעדיקער דאַר,
מיט פלאַקערדיקן וועג-שײַן אין דער צוקונפט,
און ס'גייען אים אנטקעגן לענדער אויפגעוואַכטע,
לענדער פון דער גאַנצער ערד!
מיט פרײדיקן, מיט דונערדיקן שפאַן
זיך רײַסן אַף אנטקעגן בערג
און שאַכטעס —
די שוואַרצע קאַטשעגאַרניעס פון דער וועלט,
עס הייבן מיט געזאַנג זיך — כמאַריקע,
שוואַרצהויטיקע פאַרשקלאַפטע אַפריקאַנער
און אינדוסן,
צעבונטעוועטע אַרבעטער פון וויז, פון לאָנדאָן, פון ניו-יאָרק,
מאַטראָסן פון דער שטאָט פאַריזש און פון מאַרסעל
אנטקעגן טראָגן, ווי אַ רויטע פאָן —
די וואַנט פון קאָמונאַרן...
עס גייען אים אנטקעגן האַפּנס פון דער גאָרער וועלט
און שטרעקן אים מיט זעגלדיקע גרוסן
ברידערלעך די האַנט,
און ס'ציט זיך צו זײַן אָטעם, ווי אַן אויסגעשטרעקטער האַלדז —
די מעכטיקע כינעזער-וואַנט...

ס'איז נאָך ניט אָפּגעקילט זײַן אויפגעריסן מויל,
וואָס האָט יאָרהונדערטן געהייצט, געגליט זיך — אַ ווולקאַן,
אין אָנגעלאָדענער מיט צאָרן און מיט יאַר,
ס'גייט אויף פון דעם אַ בליציקער געהויל
מיט שווערדיקן, מיט שטורעמדיקן קלאַנג
פונעם געפּלאַצטן טויזנט און נײַן הונדערט זיבעצנטן יאָר.
וואָס האָט צו פרײַהײַט אויפגעשפּאַרט באַפעליק
זיבעציק אַרײַנגאַנג
פאַר זיבעציק שפּראַכן, פאַר זיבעציק לענדער,
פאַר זיבן מאָל זיבעציק פעלקער!
און ציינדט, און בלענדט, און וועקט
מיליאָנען מענטשן אויפן וועג!
— אַ וועג-שײַן אַף דער גאַנצער וועלט אַ ליכטיקן מײַן דאַר האָט!
אַ פלאַמיקן באַפעל אַף צינדן און פאַרלענדן,
און ס'זילבערט זיך זײַן קאָפּ מיט אויפגאַנגדיקן בלענד,
ווי ס'זילבערט זיך מיט שניי דער קאָפּ פון באַרג אַראַראַט!
— מײַן דאַר!
צען רויטע טויבן וואָרקען אין באַגין:
געשטילט דעם שטורעם
האָט זײַן דאַרשט,
געשטילט דער ווינט
האָט זײַן געראַנגל, —
און ס'גייט און ס'שטײַגט מײַן מוירעדיקער דאַר
מיט קאָפּ מיט בלענדיקן געטורעמט,
מיט קאָפּ אַף ווײַט אילומינירט,
עס האָט אַף אים אַ בלענדנדיקע טײַווע זיך פאַראַנקערט
פון האָגלען שלאַקסיקע און מאַבלען,
און אויסגעשטיגן האָט פון איר
דער צען-מאָל-בלענדיקער אָקטיאַבער!

אָקטיאַבער! ס'וואַקסט אַף דיר דאָס צענטע פאַנצערדיקע לײַב,
ס'פאַרשטאָלטע לײַב פון אויפשטאַנדן און שלאַכטן, —

עס בליט אף דיר דער בליץ
מיט בלאַנקענדיקן בלענד,
מיט צווייט מיט קוטשעראַוון,
ווי קנאַספּן פון באַפרײַונג-פרילינגדיקע יאָר, —
און ס׳טראָגט דיך אף די הענט,
אף מוסקולאַרבע דאַרע הענט
דיך טראָגט, ווי א צעפלאַקערטן שטאַנדאַרט,
צו קרײַנשטעט און צו בערג,
צו לענדער און צו האַפנס,
— מײַן פלאַמיקער, מײַן מוירעדדיקער דאָר!

א יעדע שטאָט, א יעדער דאָרף
האָט אויסלייז אופגעבראַכט פאַר דײַן געבוירן —
צו אכצן אכצניאָרעדיקע פכוירים!
פון מײַן דאָר,
צו אכצן יונגפרויען, צו אכצן קאַלעס
האָט יעדע שטאָט געפירט צום טויט...
און טליעדיקע שטריק האָבן געזונגען אפן האַלדז
געזאַנגען פון געבוירן...
האָט זיך געהייליקט יעדער טראָפּן מוט.
געהייליקט האָט א יעדער שוועל זיך
מיט לעצטן אויסגעשריי, מיט ערשטן בלוט
פון אופגעלויכטענע פון יונגע העלדזער...
זיי וואַכן איצט אף פלעצער פון דער גאַרער וועלט,
פאַרוויקלטע אין רויטן דראַפּ,
און מיט פאַרקריצטע ציין זיי ציילן איצטער — צען!
— אָקטיאַבער!

עס שטרעקן הענטלעך זיך צו דיר פון קליינע קינדער,
זיי גייען אוף מיט קליינע טריט אף גרויסער ערד
און שמייכלען אזוי ליכטיק און באַגײַסטערנד
פון פולע לאַסטוואָגנס,
פון איבערפולטע גאַסן —
געבאַנטיקטע, ווי זאַנגען זוניקע און סטערטעס... —

ס׳איז גוט אונדז אַלע
זיך אריינוואַקסן אין דיר,
ס׳איז גוט אונדז אופגיין אין דײַן פלאַמיקן געדעמפ —
און אן אבזער זײַן, און מילד, און קאַט
און קאָנען, ווו ס׳איז נייטיק, פאַלן
אָט אזוי,
אז אופגיין זאָל פון יעטווידער אראָפּגעפאַלן בלאַט
א בראַנזענער, א בליענדיקער דעמבו!

אָקטיאַבער! ס׳בייגן דײַנע צווײַגן זיך אַריבער,
ווי פליגל מעכטיקע פון פײַער און פון פלאַקער,
און קושן זיך מיט ערד פון אַלע מאַטעריקן,
ווי ס׳קושט זיך ערד מיט שאַרף פון אַקער...
ער גייט — מײַן דאָר!
ס׳איז דאָ, ס׳איז דאָרט
פאַרפלייצט די וועלט מיט שטערנדיקע צוגן, —
פאַר ברידער מײַנע שטאַלענע און שלאַנקע.

ער גייט, ער שטייגט, מײַן מוירעדדיקער דאָר,
אַף צייכן פון טשוהונענער געשטאָלטער האַנט
געשטדעקטער אין דער וועלט
צו מיליאָנען קנעכט פון אַלע לענדער
דורך שוועל
און ראַנד, —
ער גייט אַף אויסגעשטרעקטער האַנט
צו דוירעס
פון וולאַדימיר לענין...
— לענין!...

פון צאַפּנדיקע נעכט, פון רויטע אינדערפריִען,
פון ווײַטן קאַטאָרזשנעם סיביר,
דורך ווײַסן שנייִקן מאַנבלאַן,
זי אויסגעשטרעקט, די האַנט,
צו א געבורט,
צו אויסרײַסן און אַנזאַטלען דאָס לאַנד
מיט א געלאַד
פון ווילנס מיליאָניקע
און קאָוועןן דעם די טלאָ
מיט שטרעקעס ווײַטע און מיט גלאָקן —
האָט דער באַגײַסטערטער מעכאשעף פון סטיכייען
מיט אויגן פיבערדיק, ווי ווײַזערס פון א קאָמפּאַס!

איז גייט מײַן דאָר,
ער גייט הארטנעקיק און פּאַרביסן,
די מי די מענטשלעכע מיט מי צו קרוינען,
און ס׳טראָגן אים געקייטלטע טראַנסמיסיעס
פון מענגעס אופגעשטאַנענע האַמוינען.
און מיט דעם ריזיקן וואַרשטאַט,
מיט דעם וואַרשטאַט פון אופשטאַנד,
מיט דעם וואַרשטאַט פון אויסלייזן די ברויט-פעלדער די בונטע
פון שווערד,
פון טעל,
פון ראָסט —
און לעבן — זעטיקן צוזאַט,
און מיט דעם ריזיקן וואַרשטאַט
פון פרײַהײַט, רעוואָליוציעס און בונטן,
וואָס האָט א זעקסטכיילעך פון דר׳ערד
און דאַרף די גאַנצע וועלט —
רעגירט אַליין,
פון ברעג צו ברעג,
פון יאַם צו יאַם,
אַן אַרבעטער א פּראָסטער
מיט גרויע אויגן און מיט בלאָנדע האָר,
וואָס האָט אַף זײַן פאַרמעג
א פּראָפּבילעט פון א פּאַרייַ,
א קעמערל — איין מאָל אין וואָך,
און אַף דער באַק — א שראַם
פון טויזנט און נײַן הונדערט פינפטן יאָר!

ס׳איז גוט, ס׳איז גוט, מײַן דאָר,
צו טראָגן שטיין און ציגל צו א פּאַלאַץ,

וואָס דאַרף זײַן א מאַיאַק פאַר וועלט, פאַר גאַרער,
וואָס דאַרף א האַפן זײַן פאַר ברויענדיקע שטורעמס!
— באַשאַטענער, פאַרשטאַכענער מיט שטערן
זינגט פון דיר איצט, קוואַלנדיק, מײַן דאַר,
דער וואָלקאַנאָוודניעפּערבוי:
— א וועמען ס׳איז באַשערט גערוען צעשטערן —
א דעם איז אויך באַשערט צו בויען!
אָט שטייט ער דאָרט, דער בלאָנדער קאָמסאָמאָליעץ,
פאַרן צעבושעוועטן מויל פון דער סטיכיִע,
און צו דעם רעוועדיקן בושעוודיקן מאָלציײַט —
פון אופפלאַצונג און קריִע
באַפעלט און צוימט ער און באַשווערט,
און אונטערטעניק דאָרטן ווערט
פאַר א סטיכיִע א סטיכיִע!

און ווען דער גאַנג איז פרייד,
ווען שטורעמדיק דער שטײַג איז,
איז קערט מען זיך ניט קיינמאָל, קיינמאָל אום צוריק שוין!

דורך טונדרעס ווײַטע און דורך אומעטיקע טײַגעס
לעוואָנעדיק גייט אויף דער וווּנדיקער געהויל
דאָס גלעלע פּאָנעם פון פאַרמאַרדעוועטן ריקשע,
און צו מײַן דאָר ער וויינט מיט אויסגענאָגטן פאַרמעטענעם מויל:
„נישטאָ קיין רײַז,
נישטאָ קיין ברויט,
מע שינדט, מע רײַסט
ווי טשעסוטשאַ — די הויט,
ווי טשעסוטשאַ — אָפן אַרשין!..״

מײַן דאָר איז באַרוועס, הונגעדיק און הויל!
מ׳האָט אים פאַרסאַמט די קרענעצעס אַף וועגן זײַנע ווײַטע,
און אָפּגעשפּראָכן מ׳האָט מיט סאַם די גראָזן און די קרײַטער,
נאָר טיילן טיילן מיר מיט יעדערן דעם ביסן פונעם מויל:
— נא דיר, ריקשע, נא דיר אונדזער ברויט,
נא דיר, ריקשע, נא דיר אונדזער ווײַן,
דעם ברויט פון אונדזער פּײַן,
דעם ווײַן פון אונדזער פרייד!

נישטאָ בא אונדז קיין דײַנע טשעסוטשאַען,
נישטאָ בא אונדז קיין גאָלדגעוועב און זײַדנס,
א טאָג איז דאָ בא אונדז א ליכטיקער פאַראַנען
און אָנגעטאָן ז׳מײַן דאָר אין ליוונטענע ווײַטן...

מיט טאָג און וואַרשטאַט שמעקט די ליוונט אזוי העל,
זי ברענט, די לײַן, זי ברענט, זי איז פאַרברענט שוין,
נאָר אונטער איר זיך קלאַפּט דאָס האַרץ דאָס רויטע פון דער וועלט.
און ס׳לײַכט זיך אונטער איר ס׳געוויסן פון דער מענטשהײַט!
מײַן דאָר איז גראָוו געוואָרן פאַר דער צײַט!
עס שמייכלט אַף זײַן פּאָנעם שראַם און שניט
פון פרידלעכן געצײַג;
און שווערד איז נישט אַראָפּ נאָך פון זײַן לענד
און שטרענג איז ער און האַרט, ווי פעלדז און ווי גראַניט —
מײַן דאָר איז גראָוו געוואָרן — גראָוער פון דער צײַט
און ס׳זילבערט זיך זײַן קאָפּ מיט בליונג פונדאָסנײַ!

ער גייט, ער גייט —
און דרעמלענדע יאָרהונדערטן ער וועקט
אַף גאַנג אַף זײַנעם, אַף זײַן דרייסטן שטײַגן, —
נאָר נעפּלען זעצן זיך אינמיטן וועג,
ווי ס'זעצן סאָוועס זיך אַף דעכער, —
און ס'דוּיכערן זיך מאָכעדיקע צווײַגן —
און ווינטן רײַסן זיך מיט וואַקלענדן געפּעכער
און געוואָי —
פאַרלעשן און צעשטערן....
— וואָס זאָל מען טאָן, אַז יעדער צווײַג קאָן זײַן א קנויט,
נאָר ס'קאָן א קנויט ניט זײַן קיין שטערן?

מײַן דאָר איז אָנגעטאָן אין פראָסטן לײַוונט,
ווי אָנגעטאָן עס זײַנען פּאַסטעכער, —
און שפּײַזן שפּײַזט ער זיך מיט שרויט,
און אין זײַן טאָרבע — שטיינדעלער זיך שלײַפן
און צילן — פּונקט
און טרעפן — לויט
דעם דאָרשט פון פײַער!

כ'האָב פון די אַלטע פּאַסטעכער,
וואָס פלעגן עסן פּאַרמעט און מעגילעס אין די היילן,
גלײַך ווי ברויט, —
האָב איך פון זיי געיאַרשנט זיסע לאַסטן
פון געזאַנג!
און ביינער טרוקענע פון א פאַרשעמטן אַלעפבייס
איז מיר פאַרטרויט,
צ שאַרפן און צו כאַלעפן
אַף אַזא גרויסן שניט
פון פרײַהײַט, —
און ס'קלינגט מײַן קאָל מיט קלאַנג פון דײַנע טריט,
מײַן מוירעדדיקער דאָר!

נאָר איצט איז ניט גענוג מײַן קאָל אַליין!
מײַן לײַב און לעבן איז איצט ווייניק!

מיט סערפן ליכטיקע אין הענט
זיך בייגן דוירעס הײַנט
צו ערשטער פרײַער ערד,
אַף ערשטן שניט אַף בלענדיקן:

— ס'איז דיר באַשערט, מײַן דאָר,
ס'איז דיר באַשערט —
אויך שניטער פריידיקער צו זײַן
פון ערשטן גליקלעכן פּאַרזיי!..

און ערגעץ גייט ער שוין אַליין,
דער ערשטער שניט,
אַף מאַזלדיקער זריע
אין דער וועלט!..

נאָר ס'וויינט נאָך ערגעץ ערד און אונטערערד
מיט פּײַן, אַזויפיל פּײַן
געלײַטערטן און מונטערן.

עס טראָגט נאָך ערגעץ ערד
אזויפיל פלאַמיקן געלאַד,
געלאַד פון פרייד, פון צאָרן און פארשווער...
ס'איז דאָ, ס'איז דאָרט
פארפלייצט די ווײַט מיט שטערנדיקע צונגען,
מיט רעגנבויגן הויך־פאַרהויבענעם, ווי שלאַגבוים,
— איז גײַ אים, נעם דעם ערשטן שניט,
און גיי,
און שטײַג,
מײַן שטאָלענער, מײַן שלאַנקער,
מוירעדיקער דאָר,
מיט פלאַקערנדיקן וועג־שײַן אין דער צוקונפט!

17 דער אדעסער ארבעטער № 10

פערעץ מארקיש.

א וועג־שיין אף דער וועלט א ליכטיקן מיין דאר האט!
א פלאמיקן באפעל
אף אויפשטאנדן און בונטן!
און אומעטום — איז אויפגעוויג פון צארן,
און אומעטום — איז אויפגעשאל פון הימען,—
ער גייט, ער גייט מיט רויטע פענדלדיקע פלאנגען,
די אויגן — ווייט
אין האלבע ערד־קוילן זיך רונדן,
א בליק פון רעכטער האנט אף שטרעקעס טייט.
די לינקע איז פארוואונדעט.
און וואך די זון איז ווי א רויטער טעמאפאר
אין אלע וייטן וועלט
פאר אים —
פאר מיין געוואגטן מוירעדיקן דאר.
פאר ברידער מיינע שטאלענע און שלאנקע!

ער גייט, מיין דאר,
ס'איז דא, ס'איז דארט
פארפלייצט די ווייט מיט שטערנדיקע צונגן,
מיט רעגנבויגן הויך פארהויבענעם ווי שלאגבוים!
ער גייט, ער שטייגט, מיין מוירעדיקער דאר,
מיט פלאקערדיקן וועג־שיין אין דער צוקונפט, -
און ס'גייען אים אנטקעגן לענדער אויפגעוואכטע,
לענדער פון דער גאנצער ערד!

מיט פריידיקן, מיט דונערדיקן שפאן
זיך רייסן אף אנטקעגן בערג
און שאכטעס —
די שווארצע קאטערגארניעס פון דער וועלט,
עס הויבן מיט געזאנג זיך — כמאריקע,
שווארצהויטיקע פארשקלאפטע אפריקאנער
און אינדוסן,
צעבונטעוועטע ארבעטער פון ווין, פון לאנדאן, פון ניו־יארק,
מאטראסן פון דער שטאט פאריזש און פון מארסעל
אנטקעגן טראגן ווי א רויטע פאן
די וואנט פון קאמונארן...
עס גייען אים אנטקעגן האפנט פון דער גארער וועלט
און שטרעקן אים מיט וועגלדיקע גרוסן
ברידערלעך די האנט,
און ס'ציט זיך צו זיין אטעם, ווי אן אויסגעשטרעקטער האלדז —
די מעכטיקע כינעזער וואנט...

ס'איז נאך ניט אפגעקילט זיין אויסגעריסן מויל,
וואס האט יארהונדערטן געהייצט, בעגליט זיך — א וואולקאן,
אן אנגעלאדענער מיט צארן און מיט יאך,
ס'גייט אויף פון דעם א בליציקער געהויל
מיט שווערדיקן, מיט שטורעמדיקן קלאנג

פונט געפלאצטן טויזנט און ניינהונדערט זיבעצנטן יאר,
וואס האט צו פרייהייט אויפגעשפארט באפעליק
זיבעציק אריינגיינג
פאר זיבעציק שפראכן, פאר זיבעציק לענדער
פאר זיבן מאל זיבעציק פעלקער!
און ציגנדט, און בלענדט, און וועקט
מיליאנען, מיינגעט אפן וועג:
— א וועג־שיין אף דער גאנצער וועלט א ליכטיקן מיין דאר
האט,

א פלאמיקן באפעל אף ציגדן און פארלעגדן,
און ס'זילבערט זיך זיין קאפ מיט אויפגאנגדיקן בלענד,
ווי ס'זילבערט זיך מיט שניי דער קאפ פון בארג אראראט!

— מיין דאר!
צען רויטע טויבן וואָרקען אין באגין:
געשטילט דער שטורעם האט
האט זיין דאָרשט,
געשטילט דער ווינט
האט זיין געראנגל,—
און ס'גייט, און ס'שטייגט מיין מוירעדיקער דאָר
מיט קאפ מיט בלענדיקן געטורעמט,
מיט קאפ אף ווייט אילומינירט,
עס האט אף אים א בלענדנדיקע טייווע זיך פארטאנקערט
פון האגלען שלאקסיקע און מאבלען
און אויסגעשטיגן האט פון איר
דער צען־מאל־בלענדיקער א ק ט י א ב ר!

אקטיאבר! ס'וואקסט אף דיר דאס צענטע פאנצערדיקע לייב.
ס'פארשטאלטע לייב פון אויפשטאנדן און שלאכטן,—
עס בליט אף דיר דער בליי
מיט בלאנקענדיקן בלענד
מיט צווייט מיט קוטשעראוון,
ווי קנאספן פון באפרייאונגס — פרילינגדיקע יאר,—
און ס'טראָגט דיך אף די הענט,
אף מוסקוליארנע דארע הענט
דיך טראגט ווי א צעפלאקערטן שטאנדארט
צו קרוינשטעט און צו בערג,
צו לענדער און צו האפנט
— מיין פלאמיקער, מיין מוירעדיקער דאָר!

א יעדער שטאט, א יעדער דארף
האט אויסלייז אויפגעבראכט פאר דיין געבוירן
צו אכצן אכצניערעדיקע בטוירים
פון מיין דאָר,
צו אכצן יונגפרויען, צו אכצן קאלעס
האט יעדער שטאט געפירט צום טויט...
און טליעדיקע שטריק האבן געזונגען אפן האלז
געזאנגען פון געבוירן...
האט זיך געהייליקט יעדער טראפן מוט,
געהייליקט האט א יעדער שוועל — זיך

די ערשטע פובליקאַציע פון פּערעץ מאַרקישעס ליד „מײַן דאָר“
(זשורנאַל „דער אָדעסער אַרבעטער“, נומ. 10, 1927)

הירש רעלעס

א מישפּאָכע — א אינטערנאַציאָנאַל

אזוי רופט מען אין לוקאַמליע די מישפּאָכע פון יעפּים רוטמאַן. קעדיי זיך איבערצײַגן, אז ניט אומזיסט האָט מען זי געקרוינט מיט אזא ערן־טיטל, דאַרף מען קומען אהער זומער, ווען בא די שילער זײַנען קאַניקולן און די גאַנצע מישפּאָכע, וואָס איז צעוואָרפן אין פאַרשיידענע געגנטן, קלײַבט זיך צונויף צוזאַמען.

ווינטער וועט איר דאָ טרעפן נאָר אים און זײַן לעבנס־באַגלייטערן נאַדעזשדע איוואַנאָוונאַ.

יעפּים איסאַקאָוויטש איז גאַנצענע טעג פאַרנומען אף דער אַרבעט. ער איז דער דירעקטאָר פונעם מילך־זאַוואָד אין ערשט ניט לאַנג אויסגעבויטן אַרבעטער־יִישעוו נײַ־לוקאַמליע, וואָס געפינט זיך בא א זעקס קילאָמעטער פון זײַן וווין־אָרט. דער זאַוואָד איז אויסגעשטאַט מיט דער נײַסטער טעכניק. איבער הונדערט מאַן אַרבעטן דאָרט. איז טאָקע ניט אזוי פּאַשעט אָנצופירן מיט אזא אונטערנעמונג. אף דער אַרבעט און צוריק פאָרט ער אפן אייגענעם „מאָסקוויטש". אָפט טרעפט, אז ער קומט פון דער אַרבעט שפּעט אין דער נאַכט.

די פרוי זײַנע איז געווען א לערערן. איצט, ווען זי באַקומט פּענסיע, אַרבעט זי אין דער היגער שול־ביבליאָטעק. אויסער דעם, קומט איר אויס אינדערהיים פירן ניט קיין קליינע באַלעבאַטישקײַט: כאַזיירים, א בעהימע, הינער, ענטלעך און אפילע נוטריעס.

ווען דער מאַן קומט פון דער אַרבעט, העלפט ער דעם ווײַב זיך ספּראַווען מיט דער ווירטשאַפט, בלײַבט בא זיי שוין ווייניק צײַט אף קוקן דעם טעלעוויזאָר און אף לייענען די פּעריאָדישע פּרעסע. און אזוי גייט דורך דער ווינטער.

דערפאַר אָבער זומער ווערט בא זיי גאָר אַן אַנדער לעבן. אין שטוב, אפן הויף, אין גאָרטן וועט איר טרעפן יונגעלײַט און קינדער פון פאַרשיידענעם עלטער.

אָן שטייען צוויי באָכערימלעך. איינער שוין ניט אנדערש, ווי א סטודענט. דער צווייטער איז אלט א יאָר זעכצן. ביידע העלבלאָנדע, בלוי־אויגיקע און ריידן צווישן זיך אף לעטיש. דאָס זײַנען די קינדער פון דער עלטערער טאָכטער לידע, וועלכע האָט כאַסענע געהאַט פאַר א לעט, און זיי לעבן אין ריגע.

אפן הויף, בא דער שטאַל, אייסעקן זיך צוויי יינגעלעך מיט א פירקאַנטיקער קליינער נעץ, וואָס רופט זיך בא די היגע פישפאַנגער „טעלעוויזאָר", מאַכמעס לויטן פאַרנעם און פאָרם דערמאָנט עס א טעלעוויזיע־עקראַן. איינס פון זיי איז א קײַלעכפּאָנעמדיקס, מיט ראָסקאָסע אייגעלעך, דאָס צווייטס — מיט אייגעלעך העל־בלויע. דאָס קײַלעכפּאָנעמדיקס איז א קינד פון זייער זון אַלעקסאַנדער, וועלכער האָט כאַסענע געהאַט פאַר א נענקע און זיי וווינען אף טשוקאָטקע. דער בלוי־אויגיקער איז א זון פון דער טאָכטער רײַע, וועלכע האָט כאַסענע געהאַט פאַר א ווײַסרוס און זיי וווינען אין נײַ־לוקאַמליע. און אָט שפּילן אין קלאַסן א שוואַרצהיינעוודיק מיידעלע און א טונקל־בלאָנד יינגעלע, ביידע פון פאַרשול־עלטער. דאָס זײַנען רײַעס טאָכטער און אַלעקסאַנדערס זון.

ס'טרעפט, אז אויסער דעם זון מיט די טעכטער, פאָרן אָן אויך די מעכוטאָנים מיט די מעכוטענעסטעס. די איינציקע, וואָס ווער עס קומט אליין — דאָס איז די מיזינקע, וועלכע לעבט אין לענינגראַד.

ווען אַלע קלײַבן זיך צונויף, שאַפט זיך אַן אײַנדרוק, אז אין לוקאַמליע קומט פאָר א סימפּאָזיום פון פאָרשטייער פון פאַרשיידענע נאַציעס. דאַן ווערט שוין בעמיילע פאַרשטענדלעך, פאַרוואָס מע האָט געקרוינט יעפּים איסאַקאָוויטשן מיטן טיטל „דער הויפּט פון א מישפּאָכע־אינטערנאַציאָנאַל".

אייגנטלעך, האָט ער אליין זיך געקרוינט מיט אזא ייכעס־טיטל. און אף וויפל ס'פּאַסט

צו אים, האָט זיך עס טאַקע שטאַרק אײַנגעוואָרצלט. און ניט נאָר אין לוקאָמליע רופֿט מען אים אַזוי, נאָר אומעטום, וווּ מע קען אים.

מיר איז אויסגעקומען צו זײַן בײַ אים אין סאָף אויגוסט, ווען די מישפּאָכע איז נאָך געווען צוזאַמען.

קוידעמקאָל האָט זיך באַמערקט, אַז צווישן זיי הערשט אײנהײַטלעכקײַט און פֿרײַנטשאַפֿט. איינער פֿאַרן צווייטן שטייט שטאָל און אײַזן. הײַנט פֿאַרן עלטערן פֿאַרפֿאָלק איז מען גרייט גיין אין פֿײַער און אין וואַסער.

די קינדער אַרבעטן אויף פֿאַראַנטוואָרטלעכע שטעלעס, זיי זײַנען אינזשעניערן.

דער הויפּט פֿון דער מישפּאָכע יעפֿים איסאַקאָוויטש זעט נאָך אויס גאַנץ מאָלאָדצעוואַטע, ניט געקוקט אויף דעם, וואָס אים, ווי אַלע מענטשן פֿון איצטיקן עלטערן דאָר, איז אויסגעקומען פֿיל איבערצוטראָגן און אויסצושטיין, אײַלט ער זיך ניט אַוועקגיין אויף פּענסיע, ביפֿראַט די העכערע אינסטאַנצן זײַנען פֿאַרינטערעסירט, ער זאָל נאָך אַרבעטן, ווײַל מע האַלט אים פֿאַר אַ פֿעיִקן אָרגאַניזאַטאָר און איניציאַטיוון אָנפֿירער.

ניט קיין הויכער, אַ געזעצטער, מיט ניט קיין געדיכטע, נאָר נאָך טונקעלע האָר אויפֿן קאָפּ און אַן קנייטשן אויפֿן רונדן פּאָנעם, זעט ער ניט אויס ווי אַ מענטש פֿון פּענסיאָנעם עלטער, כאָטש אַלט איז ער שוין איבער זעכציק.

נאָך דעם, ווי ער האָט מיר פֿאָרגעשטעלט די מיטגלידער פֿון דער מישפּאָכע, וועלכע האָבן זיך געפֿונען דאָ, אויפֿן הויף, לאַד איך אים אײַן זיך דורכשפּאַצירן איבערן שטעטל.

— וועגן לוקאָמליע האָב איך פֿיל געהערט, — זאָג איך אים, — נאָר קיין איין מאָל איז מיר ניט אויסגעקומען דאָ צו זײַן.

— נו, מיילע, קאָנען מיר זיך דורכשפּאַצירן, — נעמט ער אויף מײַן פֿאָרשלאָג. — הײַנט איז דאָך אַן אָפּרו־טאָג, האָב איך צײַט.

דאָס שטעטל איז צעשפּרייט אויף בערגלעך און טאָלן, און עס קומט אויס די גאַנצע צײַט שפּאַנען באַרג־אַרויף און באַרג־אַראָפּ.

פֿונדאַנען איז ניט ווײַט צום שטעטל יאַנאָוויטש, און כ׳האָב זיך טאַקע געקליבן דאָרט זײַן בײַ מײַן איצטיקער שפּעטערישער קאָמאַנדירונג, וואָס די פֿאַרהאַלטונג פֿונעם ווײַסרוסישן שרײַבער־פֿאַריין האָט מיר אויסגעטיילט אויף זאַמלען מאַטעריאַלן פֿאַר מײַנע רײַזע־בילדער. אין דאָזיקן שטעטל האָט זיך אָנגעהויבן מײַן פּעדאַגאָגישע טעטיקײַט אין דער ערשטער העלפֿט פֿון די דרײַסיקער יאָרן נאָכן פֿאַרענדיקן דעם וויטעבסקער פּעדאַגאָגישן טעכניקום אויפֿן נאָמען פֿון עסטער פֿרומקין.

פֿיל מאָל האָב איך פֿאַר די לעצטע יאָרן זיך געקליבן צופֿאָרן קיין יאַנאָוויטש, נאָר ס׳פֿלעגט עפּעס ניט אויסקומען. דערפֿאַר האָב איך אין דער לעצטער קאָמאַנדירונג שוין באַשטימט אומבאַדינגט זײַן דאָרטן, מאַכמעס ווער ווייסט, צי אַן אַנדערס מאָל וועט ביכלאַל שוין אויסקומען. נאָר ווען איך בין געקומען קיין וויטעבסק, האָב איך דאָרטן באַגעגנט מײַנעם אַ קאָלעגע — צעזאַר מאַרקאָוויטש גאָרעליק, מיט וועלכן איך האָב זיך צוזאַמען געלערנט אין אינסטיטוט. לויט מײַן רעקאָמענדאַציע איז ער נאָכדעם איבערגעפֿאָרן אַרבעטן אין יאַנאָוויטש און האָט דאָרט אָפּגעקנעלט ביז ס׳האָט אויסגעבראָכן די מילכאָמע. האָט צעזאַר מאַרקאָוויטש ניט געייצעט מיר פֿאָרן קיין יאַנאָוויטש.

— קיינעם פֿון די פֿריִערדיקע אײַנוווינער וועסטו דאָרטן ניט טרעפֿן. יענץ שטעטל, וואָס דו האָסט געקענט, איז בײַס דער מילכאָמע אינגאַנצן כאָרעוו געוואָרן, קיין איין הויז איז ניט פֿאַרבליבן. איצט איז דאָרטן אַן אַנדער וווין־אָרט, אַנדערע הײַזער, אַנדערע גאַסן, אַנדערש פּלאַנירט. נאָר דער נאָמען איז פֿאַרבליבן. וועסט קומען אין אַ פֿרעמד שטעטל, וווּ דו ביסט קיינמאָל ניט געווען. זאָל זשע כאָטש בײַ דיר אין זיקאָרן פֿאַרבלײַבן יענץ יאַנאָוויטש, וואָס דו האָסט אַמאָל געקענט.

האָב איך אים געפֿאָלגט, און פֿון וויטעבסק פֿאַרקערעוועט אין מײַן געבורט־שטעטעלע טשאַשניקי, און פֿון דאָרטן טאַקע האָב איך אויף אַ טאָג זיך אַראָפּגעכאַפּט אַהער קיין לוקאָמליע.

— נו, איז וואָס שווײַגן מיר? — ווענדע איך זיך צו יעפֿים איסאַקאָוויטשן, ווען מיר זײַנען אַרויף אויפֿן בערגל, פֿונוואַנען ס׳האָט זיך געעפֿנט פֿאַר אונדזערע אויגן דער אַספֿאַלטירטער וועג, וואָס פֿירט קיין נײַ־לוקאָמליע.

— איך זע, אַז איר האָט זיך וועגן עפּעס פֿאַרטראַכט, — ענטפֿערט ער מיר, — איז וואָס דאַרף איך איבערשלאָגן אײַערע געדאַנקען.

לעכאַטכילע האָט זיך בײַ מיר געשאַפֿן אַן אײַנדרוק, אַז מײַן קאָמפּאַניאָן איז אַ שווײַגער. נאָר צוביסלעך האָט ער זיך פֿאַנאַנדערגערעדט.

— באַבעלן האָט איר געלייענט? — פֿרעגט ער בײַ מיר.

— אַוואַדע.

— איז עפּשער געדענקט זיך אײַך, ווי איינער פֿון זײַנע העלדן, דער זשיטאָמירער טאַלמיד־כאָכעם געדאַליע, האָט געטרוימט שאַפֿן אַן אינטערנאַציאָנאַל פֿון גוטע מענטשן. פֿאָכאָזשע, אַז בײַ אונדז אין דער מישפּאָכע האָט זיך טאַקע אַזוי באַקומען. נאָר מיינט ניט, אַז דאָס איז ספּעציעל געשאַפֿן געוואָרן. די

אומשטענדן האָבן צו דעם געבראַכט. פאַרשטייט זיך, אַז דאָ איז זיך ניט באַגאַנגען אָן מײַן און דער פרוינעסטעס ווירקונג. ביידע האָבן מיר באַקומען פּעדאַגאָגישע בילדונג. זי האָט דאָס גאַנצע לעבן געאַרבעט לויטן פאַך. מײַן פּעדאַגאָגישער סטאַזש איז אַ קלענערער. אין 1953 יאָר האָט מען מיך אויסגעוויילט אַלס פאַרזיצער פונעם קאָלווירט. פופצן יאָר האָב איך אָפּגעאַרבעט אויפן דאָזיקן פּאָסטן. איך וויל זיך פאַר אײַך ניט באַרימען, נאָר דעם עמעס ווילט זיך מיר זאָגן. מײַן קאָלווירט איז געווען ווײַט ניט פון די לעצטע סײַ אין פּראַט פון גערעטעניש, סײַ לויט די דערגרייכונגען אויף דער מילך-פּערמע. ווען אין נײַלוקאָמליע איז אויסגעבויט געוואָרן דער מילך-זאַוואָד, האָט דער ראַיקאָם מיך רעקאָמענדירט אַלס דירעקטאָר, און, קיין אײַנהאָרע ניט, עס גייט אַ גאַנג. און כאָטש איך בין שוין פון לאַנג אָפּגעריסן פון פּעדאַגאָגישער טעטיקייט, קומען מיר מײַנע קענטענישן און דערפאַרונג צוניץ סײַ אויף דער אַדמיניסטראַטיווער אַרבעט, סײַ אין פּראַט פון דערציִען מײַנע יאָרשים. די גרעסטע מערהייט עלטערן שטאָלצירן מיט זייערע קינדער, און איך, און מײַן פרוינעסטע ביפּראַט, קוקן זיך גוט צו, וואָס אין אונדזער מישפּאָכע קומט פאָר. מענטשן, וואָס שטאַמען פון פאַרשיידענע פעלקער, האָבן געשאַפן אַן אײַנהײַטלעכע פרײַנטלעכע מישפּאָכע. מע איז מאַנאַליט און טרײַ איבערגעגעבן איינער דעם אַנדערן. עמעס, ווען איך בין זיך צונויפגעגאַנגען מיט נאַדיען, איז אונדז אויך ניט ווייניק אויסגעקומען אויסצושטיין פון דעם, וואָס מיר געהערן צו פאַרשיידענע נאַציעס. איר פאָטער האָט זיך שטאַרק אײַנגעשפּאַרט — ער וועט ניט דערלאָזן דעם שידעך. ווי איך פאַרשטיי איצט, האָט ער עס ניט געוואָלט ניט אַזוי צוליב נאַציאָנאַלע, ווי צוליב רעליגיִעזע טײַמים. מײַן שווער איז געווען אַ דאָקטער, דאָס הייסט אַ געבילדעטער מענטש, נאָר געשטאַמט האָט ער פון אַ פאַרמעגלעכער רעליגיִעזער פאַמיליע, און די עלטערן האָבן אים אויסגעכאָוועט אין זייער גײַסט. בילדונג האָט ער געקראָגן נאָך פאַר דער רעוואָליוציע. אַלס אַ דאָקטער, האָט ער פאַרמאָגט אַ שעם ניט נאָר אין לוקאָמליע. צו אים פלעגט מען פאָרן זיך היילן פון די אַרומיקע ראַיאָנען. צו מענטשן פלעגט ער זיך באַציִען, אומאָפּהענגיק פון זייער נאַציאָנאַלער אָפּשטאַמונג, נאָר אַז זײַן טאָכטער זאָל כאַסענע האָבן פאַר אַן אַנדערש-גלויביקן, — דאָס האָט ער ניט געוואָלט. כאָטש אינדערעמעסן האָב איך ביכלאַל ניט געגלייבט ניט אין גאָט און ניט אין טײַוול.

און נאָך האָט אים געקימערט, וואָס איך שטאַם פון אַן אָרעמער מישפּאָכע. און טאַקע, אונדזער פאָטער איז פרי אוועק פון דער וועלט, די מאַמע האָט געאַרבעט אין קאָלווירט. אין דער מישפּאָכע זײַנען געווען דרײַ קינדער, איך — דער עלטסטער. צו יענער צײַט האָב איך שוין פאַרענדיקט דעם ליעפּעלער פּעדטעכניקום און שוין געאַרבעט אַלס לערער פון דײַטש אין דער לוקאָמליער ניט-פולער מיטלשול. נאַדיע האָט אויך געאַרבעט אין דער זעלבער שול אַלס לערערין פון די אָנפאַנג-קלאַסן. דער פאָטער האָט נאַדיען געוואָרנט, אַז ער וועט ניט דערלאָזן, איך זאָל אַריבערטרעטן די שוועל פון זייער שטוב. האָט זיך נאַדיע מעיאַשעוו געווען און איז אַריבערגעגאַנגען צו אונדז. געקומען אַזוי, ווי זי שטייט און גייט, אין אַ זומערדיק קליידעלע און אין סאַנדאַליעטן אויף די פיס.

מײַן מוטער, כאָטש זי איז געווען אַ ווייניק-איוורעדיקע, איז מער, איידער דער שווער, געווען אויפגעלייגט צום נײַעם סאָוועטישן שטייגער. איר האָט ווייניק-וואָס געאַרט, וואָס איר שנור איז ניט קיין ייִדישקע. נאָר געקימערט האָט זי, וואָס נאַדיע האָט כאַסענע געהאַט טראָץ דעם ווילן פון אירע עלטערן. און ווײַטער האָט איר געטאָטשעט, וואָס נאַדיע איז דערצויגן געוואָרן אין אַ פאַרמעגלעכער מישפּאָכע — זי איז צוגעוווינט צו אַ גוט לעבן, און דאָ וועט זי אַזאַ ראָסקאָש ניט קריגן. אפילו קיין לײַטיש מעבל איז אין שטוב ניט געווען: אַ געטעסעטער טיש, בײַ די זײַטן צוויי לאַנגע בענק, און דאָס בעטגעוואַנט אין איינע לאַטעס. דעריקער אָבער האָט זי איבערגעלעבט, וואָס נאַדיע האָט כאַסענע געהאַט אָן דער האַסקאָמע פון די עלטערן.

— גייט ביידע, — איז זי צו אונדז צוגעשטאַנען, — פאַלט דעם פאָטער צו די פיס און בעט מעכילע. נישקאָשע, אַ פאָטערס האַרץ איז ניט קיין שטיין — עס וועט אָפּגיין.

האָבן מיר טאַקע זי געפאָלגט און זײַנען אוועק. אים האָבן מיר אינדערהיים ניט געטראָפן. געווען איז נאָר נאַדיעס מוטער. די קינדער, ווי נאָר זיי האָבן אונדז דערזען, זײַנען זיך צעלאָפן. האָבן מיר שוין גוט פאַרשטאַנען, אַז אויך זיי זײַנען אַרײַנגעשלעפּט אין דעם באַרויגעז. דערזעענדיק אונדז, האָט זיך די מוטער ביטער צעוויינט. איר האָט שטאַרק געקימערט, וואָס די טאָכטער האָט ניט געפאָלגט דעם טאַטן. די מוטער גופע איז ניט געווען קעגן. אינגיכן האָט זיך געעפנט די טיר און ס'האָט זיך געיאַוועט אַליין דער הויפּט פון דער מישפּאָכע. ווי איך האָב אים נאָר דערזען, בין איך פאַרציטערט געוואָרן. איך טו אַ קוק אויף נאַדיען — בלייך ווי די וואַנט. און ער — אַן אײַזערנער כאַראַקטער,

דאַרף איך אײַך זאָגן, אַז קיין שום אַכט אַף אונדז. אויסגעטאָן דעם מאַנטל, אַראָפּגענומען דעם כאַלאַט, אָפּגעוואַשן די הענט, זיך צוגע-זעצט צום טיש און זאָגט צו דער פּלויניסטע:

— דערלאַנג עפּעס איבערבײַסן.

רויק אָפּגעגעסן און זיך שוין געקליבן אופהייבן פון אָרט. דאָ האָט נאַדיע ניט אויס-געהאַלטן, זי איז אַ פּאַל געטאָן צו זײַנע פיס און מיט אַ יאָמערדיקן קאָל אויסגעשריען:

— טאַטעלע, זײַ אונדז מויכל! וואָס האָסטו צו אונדז? איך קאָן ניט לעבן אָן פּי-מען. נאָר דער טויט קאָן אונדז שיידן.

שטאָלץ און מיט גרויס ווירדע הייבט ער זיך אוף, גייט אַרײַן צו זיך אין צימער און פאַרשפּאַרט זיך.

— קום, — זאָג איך צו נאַדיען, — ניטאָ וואָס צו טאָן דאָ.

די מוטער אירע איז געשטאַנען ווי אַ געליימטע, פון אָרט זיך ניט אַ ריר געטאָן. ניט ווייניק געזונט האָט איר, נעבעך, אָפּגע-קאָסט. נאָר זי האָט מיט גאָרנישט ניט גע-קאָנט העלפן.

מיר זײַנען אָפּגעגאַנגען שוין היפּש וועג — דעריאָגט אונדז נאַדיעס ברודערל מיט אַ גרויסן פּאַק.

— דאָ זײַנען אַלע דײַנע זאַכן! — ווענדט ער זיך צו דער שוועסטער.

— טראָג עס אָפּ צוריק! — האָב איך אים אַ זאָג געטאָן. — און זאָג דעם טאַטן, אַז ער זאָל זיך ניט באַאומרויִקן. נאַדיע וועט האָבן וואָס אָנצוטאָן.

ווען די מאַמע מײַנע האָט זיך דערוווּסט, ווי אַזוי דער מעכוטן האָט אונדז אופגענומען, האָט זי אַ זאָג געטאָן:

— איצט איז אַלץ קלאָר. ס'וועט אויס-קומען אַליין עפּעס צוטראַכטן.

גראָד אין יענער צײַט איז אונדזערער אַ קאָרעוו מיט דער מישפּאָכע איבערגעפאָרן קיין וויטעבסק. האָבן מיר בײַ אים אָפּגעקויפט אַף אויסצאָלן דאָס שטיבל און אַ ביסל מעבל, און מיר האָבן מיט נאַדיען זיך אַהין איבער-געקליבן.

צוביסלעך האָט זיך בײַ נאַדיען פּאַיאַוועט שוכוואַרג, קליידער, אַ מאַנטל אַף ווינטער. מיר האָבן געקויפט גאַרדינען, געפעס, ס'איז אַוועק אַ גאַנג.

דער שווער האָט נאָך אַלץ ניט געוואָלט פון אונדז וויסן, נאָר פון צײַט צו צײַט פלעגט זיך יאַווען די שוויגער און ברענגען מאַטאָ-נעס: שוכוואַרג, קליידער — פאַר מיר און פאַר נאַדיען. לויט די הויצאָעס, וואָס פלעגט אָפּקאָסטן, זײַנען מיר זיכער געווען, אַז דאָס טוט זיך ניט אָן זײַן וויסן, דאָך האָט ער קיין איין מאָל די שוועל פון אונדזער שטוב ניט איבערגעטראָטן. און ווען ער פלעגט עמעצן פון אונדז דערזען אין גאַס, פלעגט ער מאַכן אַן אָנשטעל, אַז ער באַמערקט ניט. אונדז איז ניט אָנגעשטאַנען צו נעמען די מאַטאָנעס, נאָר ס'האָט זיך ניט געוואָלט באַליידיקן די שווי-גער. נאָך מער, ווען בײַ אונדז איז געבוירן געוואָרן אַ טעכטערל, האָט ער אַפילע ניט געוואָלט אַרײַנגיין אַ קוק טאָן אַף זײַן איי-ניקל.

ווען ס'האָט אויסגעבראָכן די מילכאָמע, איז מײַן ערשטלינג אַלט געווען צוויי כאָדאָ-שים. אַפן פראָנט, בײַס די צווישנשלאַכטן, זײַנען אַלע מײַנע געדאַנקען געווען נאָר וועגן מײַן מישפּאָכע און וועגן אַלע נאָענטע און ליבע. ס'האָט נאָך געטלײַעט אַ האָפענונג, אַז אויב איך וועל נאָר לעבן בלײַבן, וועל איך זיי אַלעמען טרעפן. ווען מע האָט די ברוינע פעסט אַרויסגעטריבן פון ווײַסרוסלאַנד און אונדזער טייל איז גראַדע דורכגעגאַנגען נאָענט פון אונדזער שטעטל, האָב איך זיך אָפּגעבעטן אַף עטלעכע טעג. צופוס אַהין בין איך געקומען.

— ס'האָט זיך מיר גלײַך אַ וואָרף געטאָן אין די אויגן דער מאַמעס שטוב. איך לויף אַרײַן... ווו? ווען? אומבאַקאַנטע מענטשן לעבן דאָרט. עפּעס אַ מישפּאָכע, וואָס האָט זיך איבערגע-קליבן פון דאָרף. וועגן אונדזערע האָבן זיי קיין אָנונג ניט. זיי איז נאָר באַוווּסט, אַז אַלע ייִדן האָבן די פאַשיסטן אומגעבראַכט. פיר הונדערט דרײַסיק מאַן... האָב איך זיך אַ לאָז געטאָן צו אונדזער שטיבל. כ'זע, די טיר און די פענצטער זײַנען פאַרשלאָגן מיט ברעטער. לויף איך שוין צום שווער. מיך אַרט ניט, אויב ער וועט מיך אַף דער שוועל ניט לאָזן, אַבי דערוויסן זיך וועגן אַלע אונדזערע. ניט שוין זשע איז ער אַף אַזויפיל האַרב, אַז אַפילע וועגן דעם וועט ער ניט וועלן דערציילן? לויפנדיק, טרעף איך מענטשן, נאָר קיין איין באַקאַנטער צווישן זיי. פאַרשטיי איך שוין, אַז דאָ לעבן מערסטנטייל אָנגעפאָרענע פון די אַרומיקע דערפער.

מיט פאַרטײַעטן אָטעם עפן איך די טיר פונעם פירהויז און לויף אַרײַן אין אופנעם-צימער.

עפּעס אַן אַלטער זאָקן זיצט אײַנגעבויגן איבער אַ צײַטונג, אַ גראָווער, אַ דאַרער, און, ווי ס'ווײַזט אויס, אַ סטולער. איך קוק זיך אײַן — ער. ווו איז דער האָנער? ווו איז די שטאָלצקײַט? מיך האָט ער לעכאַטכילע ניט דערקענט.

— ווו איז נאַדיע? ווו איז מײַן טעכ-טערל? — שרײַ איך מיט אַ ציטערדיק קאָל.

ער הייבט זיך שווער אוף פונעם אָרט,

פאַלט מיר אָפּן האַלדז און צעווייַנט זיך, ווי א קליין קינד.

פון קיך איז אַנגעלאָפן די שוויגער מיט א קליין מיידעלע אַף די הענט. דאָס קינד האָט זיך צעווייַנט.

— ווייַן ניט, ברעקעלע, — האָט די שוויגער אויסגעשריִען, — פרייען דאַרפסטו זיך! דו האָסט א טאַטן! וועסט קיין יעסוימעלע ניט זיַין! — און זי דערלאַנגט מיר דאָס קינד.

— לויף צו אין שול און ברענג אַראָפּ נאַדיען, — זאָגט צו איר דער אַלטער.

פונעם שווער האָב איך זיך דערוווּסט וועגן דעם אומקום פון אַלע מיַינע נאָענטע און ליבע און פון מיַינע פריַינט, וועלכע האָבן ניט באַוויזן צו עוואַקויִרן זיך. ער אַליין האָט געהאַלטן א פאַרבינדונג מיט די פּאַרטיזאַנער און פלעגט זיי באַזאָרגן מיט מעדיקאַמענטן. געאַרבעט האָט ער אַלס פּריוואַטער דאָקטער אין שטעטל. און אַף וויפל די פּאָליציייִשע מישפּאָכעס האָבן זיך אין אים אויך גענייטיקט, האָט מען ניט אַרויסגעגעבן, אַז דאָס אייניקל שטאַמט בא אים פון א ייִדן.

— איך האָב זיך איבערציַיגט, — האָט ער מיר געזאָגט, — אַז סינע צו פעלקער פילן נאָר טעמפּע און באַגרענעצטע ליַיט און דערצו נאָך פעיִקע צו קרימינעלע פאַרברעכנס און צו סאַדיזם. א דענקענדיקער מענטש, א הומאַניסט וועט קיינמאָל ניט פילן קיין האַס צו א נאַציע ביכלאַל, וויַל אין יעדער נאַציע זיַינען קימאַט אין איין און דער זעלבער פּראָפּאָרץ, ווי אין אַלע נאַציעס, פאַראַן פאַרשיידענע מענטשן. און די, וואָס שיסן אין אומשולדיקע קינדער, אין זקיינים, פרויען נאָר דערפאַר, וואָס זיי געהערן צו אַן אַנדער נאַציע, האָבן קיין שום רעכט ניט אָנצורופן זיך מענטשן. דאָס זיַינען צווייפיסיקע ווילדע ברויִם, וועלכע מע דאַרף אויסראָטן.

זיך האַקלאַל, איך האָב דעריזען, אַז ער האָט זיך ניט נאָר אויסערלעך געביטן. אַליין דאָס לעבן האָט אים איבערדערציוגן. און דער עמערסער דערציִער איז טאַקע דאָס לעבן אַליין. דער אומגליק איז אָבער, וואָס דער דאָזיקער דערציִער נעמט זייער פיל רעבע-געלט, און ניט מיט מאַמטאַקים, מע צאָלט מיטן געזונט, מיט נערוון, מיט בלוט, און ס'טרעפט, אַז אַפילע מיטן אייגענעם לעבן און מיט די לעבנס פון נאָענטע און פריַינט. —

איך בין זיכער, ווען דער שווער מיַינער דערלעבט ביז איצט, וואָלט ער אויך ניט וויַניק שטאָלצירט מיט אונדזער מישפּאָכע.

אַזוי ווי איר זעט, איז בא דער גרינדונג פון מיַין מישפּאָכע-אינטערנאַציאָנאַל אונדז אָנגעקומען גאַנץ שווערלעך. וויַיטער איז אַוועק אַליין פון זיך, אָן קיין שום שטערונגען און אָן ווידערשפּרוכן. מיר האָבן קיין ציל זיך ניט געשטעלט אַף צו שאַפן אַזא מישפּאָכע. ס'האָט זיך באַקומען אַליין פון זיך.

יעפים איסאַקאָוויטש וואַרפט א בליק אַפּן האַנטזייגער:

— אוי, שוין באַלד דריַי! די מישפּאָכע וואַרט דאָך אַף אונדז מיטן וואַרמעס.

פון וואַרמעס האָב איך זיך אָפּגעזאָגט, מאַכמעס באַם טיש וואָלט זיך געפילט, אַז עס זיצט אַן אָפּיציִעלער מענטש, א זשורנאַליסט, וועלכער סטאַרעט זיך פאַרגעדענקען אַלץ, וואָס ער הערט און זעט, קעדיי קאָנען עס נאָכדעם באַשריַיבן. דאָס וואָלט שלעכט געווירקט ניט נאָר אַפּן אַפּעטיט, נאָר אויך אַף דער שטימונג פון די ביַיזיצנדע. אויסער אַלץ, האָב איך שטאַרק געצווייפלט, צי וואָלט איך בא אַזא סיטואַציע זיך באַריַיכערט מיט מאַטעריאַל פאַר דער דאָזיקער פאַרצייכענונג...

●

פריַינטשאַפט

די ערשטע באַקאַנטשאַפט זייערע איז פאָרגעקומען ווינטער 1942 אינעם יִשעווּ קאָזינקע ניט וויַיט פון מאָזיר, אַף פּאָלעסיע. אַלעקסאַנדער באַריסאָוויטש ניעפּאָמניאַשטשי איז דאָרט געווען אין לאַגער פאַר די קריגס-געפאַנגענע אונטערן אויפזיכט פון א סלאָוואַקישן מיליטער-טייל, וואָס איז דאָרט געווען דיסלאָצירט.

אינעם מיליטער האָט מען די סלאָוואַקן גענומען מיט גוואַלד. אַף וואָס וועט מען זיי דאַ אויסנוצן, האָבן זיי ניט געוווּסט, נאָר דערוויַל האָבן זיי זיך געפונען דאָ, קעדיי העלפן באַדינען דעם פראָנט. בא א מעגלעכקיַיט וואָלטן זיי גערן איבערגעגאַנגען צו די פּאַרטיזאַנער, נאָר איינס האָט זיי אָפּגעהאַלטן — דאָס קאָן זיך שטאַרק אָפּרופן אַף זייערע עלטערן און מישפּאָכעס — די באַשן וועלן זיך מיט זיי אָפּרעכענען דערפאַר. ווי מע האָט געשריבן אינדערהיים, זיַינען שוין אַזעלכע פאַלן געווען.

ניעפּאָמניאַשטשי האָט גוט געוווּסט, וויאַזוי די סלאָוואַקן זײַנען געשטימט צו „די שעפּער פון דער נײַער אָרדענונג". אין אָוורוטשער לאַגער, פונוואַנען מע האָט זיי איבערגעפירט אַהער, האָבן אויך סלאָוואַקן זיי באַוואַכט. פלעגט מען געהיים זיך ברידערן און פירן צווישן זיך פרײַנטלעכע שמועסן. און סײַ די סלאָוואַקן סײַ די קריגס־געפאַנגענע האָבן מיט אומגעדולד געוואַרט, ווען וועט שוין אָף די באַשן קומען דער פינצטערער סאָף. מע האָט ניט בלויז אָף דעם געוואַרט, נאָר גרייט געווען טאָן אַלץ, דער דאָזיקער ווילן זאָל וואָס גיכער מעקוייעם ווערן.

אין אָוורוטשער לאַגער איז געשאַפן געוואָרן אַן אונטערערדישער אַקטיוו אָף צו פירן אַ פּאָליטמאַסן־אַרבעט צווישן די סלאָוואַקן, אָף צו אָרגאַניזירן אַ מאַסן־פּלייטע און צושטיין צו די פּאַרטיזאַנער. בעראָש פונעם אַקטיוו איז געשטאַנען ניעפּאָמניאַשטשי. זײַן פּאַרטרעטער איז געווען פיאָדאָר גלעבאָוו. אין אַקטיוו זײַנען אַרײַן איבער דרײַסיק מאַן. אָבער צוגרייטן און דורכפירן די פּלייטע איז געווען ניט אַזוי גרינג. מע האָט געדאַרפט געווער און ס'איז נייטיק געווען זיך פאַרבינדן מיט די פּאַרטיזאַנער. כאָטש די וואַך איז באַשטאַנען קימאַט פון איינע סלאָוואַקן, זײַנען צווישן זיי געווען כאָרטיסטן, דאָס הייסט פאַשיסטן, און פאַר זיי האָט מען געדאַרפט זיך היטן ווי פאַר פײַער. אויסער דעם, פלעגט פון צײַט צו צײַט דער שוואַרציאָר אָנטרײַבן אַהער די געסטאַפּאָווצעס אָף קאָנטראָלירן דעם לאַגער.

דאָך האָט די אונטערערדישע גרופּע פאָרגעזעצט די טעטיקײַט. מיט דער הילף פון די סלאָוואַקן האָט זיך אײַנגעגעבן דורכשמוגלען אין לאַגער עטלעכע נאַגאַנען מיט קוילן.

אין סאָף דעקאַבער איז געוואָרן באַוווּסט, אַז דער 102־טער סלאָוואַקישער פּאָלק ווערט איבערבאַזירט אין קאָזינקי, און אַהער וועט מען איבערפירן אַ גרופּע פון קריגס־געפאַנגענע אָף האָלץ־פאַרגרייטונגען. ווען מע האָט ניעפּאָמניאַשטשין פאָרגעלייגט אָפּקלײַבן צוואַנציק מאַן, פון וועלכע ס'וועט באַשטיין די דאָזיקע גרופּע, האָט ער אין גרונט אײַנגעשלאָסן בלויז אונטערערדלער. פינף מענטשן פונעם אַקטיוו האָט ער איבערגעלאָזט אָף פאָרצוזעצן די אונטערערדישע אַרבעט צווישן די קריגס־געפאַנגענע, וועלכע וועלן בלײַבן אין אָוורוטשער לאַגער.

אָפן נײַעם אָרט, אין קאָזינקי, איז פאַרן אונטערערדישן אַקטיוו געשטאַנען די אויפגאַבע — נעענטער זיך באַקאַנען מיט די סלאָוואַקן און אַרײַנציִען זיי אין אונטערערדישן קאַמף קעגן די פאַשיסטן.

אײַנגיכן האָט זיך גענומען מערקן, אַז די סלאָוואַקן גופא זוכן אַ פאַרבינדונג מיט די קריגס־געפאַנגענע. איבערהויפּט פלעגט בײַ אַ געלעגנהײַט זיך סטאַרען פאַרפירן מיט זיי אַ געשפּרעך דער כעזשבנפירער פונעם פּאָלק יאַן — דער פּאָעט, ווי די סלאָוואַקן האָבן אים גערופן, מאַכמעס ער פלעגט פאַרפאַסן סאַטירישע לידלעך קעגן די באָשן און זיי לייענען פאַר זײַנע כאַווײרים. יאַן האָט געקענט רוסיש.

איינמאָל אין אָוונט, זײַענדיק דעזשורנע אינעם באַראַק, איז ניעפּאָמניאַשטשי אַרויס אָנקלײַבן שפּענער אָף אונטערהייצן דאָס אײַוועלע. שטויסט ער זיך אָן פּאָנעם־על־פּאָנעם מיט יאַנען.

בײַ ניעפּאָמניאַשטשין איז געווען אַ צווייענדיקער געפיל צום דאָזיקן מיליטערמאַן. עפּעס וואַרפט ער זיך צופיל אין די אויגן פון די קריגס־געפאַנגענע — עפּשער איז ער גאָר אַ „שמעקער" בײַ די פאַשיסטן? דאָך זעט ער אויס זייער סימפּאַטיש, און די גוטסקײַט איז בײַ אים אויסגעגאָסן אָפן פּאָנעם. בײַ אַ מעגלעכקײַט וואַרפט ער אונטער די קריגס־געפאַנגענע אַ פּעקל סיגאַרעטן, אַ פּײַקע ברויט. זאָל עס זײַן ספּעציעל אָף אַרויסרופן בײַ זיי צוטרוי? סײַוויסײַ וואָלט די פאַלשקײַט געגעבן וועגן זיך צו וויסן, באַזונדערס, ווען מע כאַפּט איבער די מאָס. בײַ יאַנען באַקומט זיך אָבער אַלץ נאַטירלעך. און דערבײַ פילט זיך, אַז ער אַליין האָט מוירע, די כאָרטיסטן אָדער די דײַטשן זאָלן ניט באַמערקן, אַז ער באַציט זיך מיט מיטגעפיל צו די קריגס־געפאַנגענע.

— נו, וואָס? אַ שיינער אָוונט, האַ? — האָט יאַן געזאָגט צו ניעפּאָמניאַשטשין. — איר זעט? אַ גילדענע פּאָדקאָווקע הענגט איבער אײַער דאַך, — ווײַזט ער אָן אָפן מוילעד, — איז עס אַוודע צום גליק.

בײַ ניעפּאָמניאַשטשין האָט ניט אַרויסגערופן קיין כידעש, וואָס אין אַזאַ שווערער צײַט ליגט דעם כעזשבנפירער אין קאָפּ זיך קוויקן מיט דער שיינהײַט פון דער נאַטור: אים איז עס אייגנטימלעך, פאָרט אַ פּאָעט.

— יאָ, ס'וועט טאַקע אָפּגליקן, — האָט אים געענטפערט ניעפּאָמניאַשטשי. — אונטער דער שײַן פונעם מוילעד וועט זיך מיר אײַנגעבן אָנקלײַבן שפּענער אָף אונטערהייצן דאָס אײַוועלע אינעם באַראַק און ס'וועט אונדז ווערן וואַרעמער.

— הוילע פּראָזע, — האָט מיט אַנטוישונג אַ זאָג געטאָן יאַן און האָט דערבײַ צוגעגעבן: — ניט אומזיסט טאַקע איז געזאָגט געוואָרן: ווען עס רײדן מאָרטירן, שווײַגן די מוזעס.

— נו, דאָס איז שוין אָפּהענגיק, וואָס פאַר אַ מוזעס. אייניקע רײדן נאָך מער, איי-

דער בייס אַ שטילשטאַנד, און טוען אויף ניט ווייניקער, ווי די האַרמאַטן.

— אָ, דאָס איז עפּעס אַנדערש! — האָט זיך מאַמעש דערפֿרייט יאַן און האָט דערפֿילט, אַז ער האָט צו טאָן ניט מיט אַזאַ איינפֿאַכן יונגנמאַן, ווי עס שאַפֿט זיך אַן אײַנדרוק אַפֿן ערשטן קוק אַף אים. — אַגעוו, — האָט ער פֿאַרגעזעצט, — דאַרפֿט איר ניט זײַן אַזוי געפֿאַלן באַ זיך. נאָך דעם, ווי די באַשן האָבן געקראָגן אַזאַ נעריק הינטער מאָסקווע, דאַרפֿן באַ אײַך די וואָנצעס ניט זײַן אַראָפּגעלאָזט, נאָר פֿאַרדרייט אַף אַרויף, ווי באַ בודיאָנין.

— נאָך צו פֿרי דערווײַל, — האָט אַ בורטשע געטאָן ניעפּאָמניאַשטשי, און ביידע האָבן זיך צעלאַכט.

— אויב אַזוי, האָב איך אַן אַנדער מיטל אַף צו סטימולירן אײַך, איר זאָלט די וואָנצעס פֿאַרדרייען אַף אַרויף. איך וועל אײַך באַקאַנען מיט אַ פֿרײַלין. זי איז אַ ווײַסרוסקע. פֿײַער און פֿלאַם! זי וועט אײַך געוויס געפֿעלן ווערן. און בכלל, ווי איך האָב געהערט, זײַנען די אוקראַי̈נצעס מיט די ווײַסרוסן פּאָבראַטימען.

לויט דער נאַציאָנאַלער אָפּשטאַמונג איז ניעפּאָמניאַשטשי אַ ייִד, נאָר דאָ האָט ער, צוליב באַוווּסטע אומשטענדן זיך אַרויסגעגעבן אַלס אוקראַי̈נער. און טאַקע סײַ לויטן אויסערלעכן אויסזען, סײַ לויט דער אויסשפּראַך, סײַ לויטן נאָמען און פֿאַמיליע און פֿאָטערנאָמען איז שווער געווען צו זאָגן, אַז ער באַהאַלט אויס זײַן נאַציאָנאַלע אָפּשטאַמונג.

באַמערקנדיק, אַז ניעפּאָמניאַשטשי איז אין פֿאַרלעגנהײַט, האָט יאַן באַ אים איבערגעפֿרעגט:

— נו, זײַט איר מאַסקים?

„אויב עס גייט אַ רייד וועגן אַ פֿרוי אַף צו פֿאַרברענגען מיט איר די צײַט, — האָט אַ טראַכט געטאָן ניעפּאָמניאַשטשי, — איז עס אומגעלומפּערט”. אים גייט ניט אַרויס פֿון געדאַנק די פֿרוי און דאָס קינד, וועלכע זײַנען געבליבן אין קראַמאַטאָרסק, און ווער ווייסט, צי האָט זיך זיי אײַנגעגעבן צו עוואַקויִרן זיך. און בכלל געפֿינט ער זיך אין אַזאַ לאַגע, אַז פֿרויען ליגן אים ניט אין קאָפּ. נאָר עפּשער וועט זיך אים אײַנגעבן מיט דער הילף פֿון דער דאָזיקער פֿרוי זיך פֿאַרבינדן מיט די פּאַרטיזאַנער אָדער מיט דער היגער אונטערערדישער אָרגאַניזאַציע? און אַזאַ איז, קענטיק, פֿאַראַן. דאָך האָט ער געפּרוּווט זיך אָפּזאָגן.

— ניט שוין זשע קאָן אַ רעכטע פֿרוי זיך פֿאַרינטערעסירן מיט אַ מאַנצבל, וואָס געפֿינט זיך אין אַזאַ לאַגע, ווי איך? פֿרויען האָבן ליב בראַווע, העלדישע יונגען און ניט קיין קריגס-געפֿאַנגענע.

— צווישן די קריגס-געפֿאַנגענע טרעפֿן זיך אויך בראַווע יונגען, — האָט אַף דעם געענטפֿערט יאַן. — און אַזעלכע זוכן אַן אויסוועג באַ יעדן אומשטאַנד. און דעריקער דאַרף מען אויסנוצן יעדע געלעגנהײַט. אָט וועט איר זיך באַקאַנען מיט דער פֿרוי, וועט איר ווערן גאָר אַן אַנדער מענטש.

„עפּעס קלינגט עס, ווי אַן אָנצוהערעניש”, — האָט אַ טראַכט געטאָן ניעפּאָמניאַשטשי.

— נו, איז זונטיק אין אָוונט וועט זי צו אײַך אַרײַנקומען. ס'מאַכט ניט אויס, אויב איר וועט ניט זײַן קיין אויסגעפּוצטער צו דער זעונג. די פֿרוי וועט אײַך מוחל זײַן דערפֿאַר, — האָט מיט אַ שפּאַס אַ זאָג געטאָן יאַן.

פֿאַרוואָס עפּעס זונטיק, — איז ניעפּאָמניאַשטשין קלאָר געווען. אין אָט דער צײַט געפֿינען זיך די אָפֿיצערן סײַ פֿונעם מיליטערטייל, סײַ פֿון דער וואַך אין מאַזיר. דאָרט פֿאַרברענגען זיי דעם אָפּרו-טאָג. און די וואַך אין לאַגער איז דאַן אַ מער אָפּגעשוואַכטע.

זונטיק אין אָוונט האָט זיך אין באַראַק באַוויזן אַ יונגע פֿרוי, אַ גאַנץ פֿײַנע, נאָר אָנגעטאָן אין אַן אַלטן פֿליסאָווען מאַנטל, אַף די פֿיס — אַלטע וואַליקעס. ס'האָט זיך געפֿילט, אַז זי איז ניט אַזוי פּרימיטיוו און איינפֿאַך, ווי זי סטאַרעט זיך עס אַרויסווײַזן. זי האָט זיך נאָכגעפֿרעגט, צי איז דאָ פֿאַראַן ווער-ניט-איז פֿון קראַמאַטאָרסק, מאַכמעס זי האָט דאָרט נאָענטע קרויווים און וויל זיך וועגן זיי דערוויסן. מע האָט איר אָנגעוויזן אַף ניעפּאָמניאַשטשין.

אַלעקסאַנדער באָריסאָוויטש האָט גלײַך פֿאַרשטאַנען, אַז דאָס איז די פֿרוי, וועגן וועלכער ס'האָט אים געזאָגט יאַן.

— אוי, דאָ זײַנען אַזויפֿיל קאַוואַליערן, אַז איך פֿאַרליר זיך, — האָט אַ זאָג געטאָן די פֿרוי און פֿאַרגעלייגט ניעפּאָמניאַשטשין אַרויסגיין אַפֿן הויף.

ווען זיי זײַנען אַרויס פֿונעם באַראַק, האָט זי אים געזאָגט:

— ניטאָ קיין צײַט און אַליין די סיטואַציע דערלויבט ניט צו פֿירן לאַנגע שמועסן. וועגן אײַך האָט מיר דערציילט יאַן. אים איז באַוווּסט אײַער טעטיקייט דאָ. און וועגן אײַערע פּלענער. אים האָבן וועגן דעם אינפֿאָרמירט די אָוורוטשער סלאָוואַקן, אָנטיילנעמער פֿונעם אונטערערדישן קאַמף קעגן די פֿאַשיסטן. פֿאַר יאַנען קאָנט איר ניט מוירע האָבן. ווען איר וועט דאַרפֿן אונדזער הילף — ווענדט זיך צו אים. נו, און איצט צעשיידן מיר זיך. אין באַראַק זאָלט איר זאָגן, אַז מײַנע קרויווים פֿון קראַמאַטאָרסק קענט איר ניט.

ווי ניעפּאָמניאַשטשי האָט זיך נאָכדעם דערוווּסט, איז די דאָזיקע פרוי געווען די אונטערערדישע קעמפערן קעגן די פאַשיסטן יעליזאַוועטאַ פיליפּאָוונאַ קליאַמער (איצט איז זי לויטן מאַנס פאַמיליע מאַצורא).

ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ניט בלויז יאַן איז געווען פֿאַרבונדן מיט די אונטערערדלער פון מאָזיר, נאָר פיל נאָך מיליטערלײַט פונעם סלאָוואַקישן פֿאָלק: דער ראַדיסט אַנדריי, וועלכער האָט באַדינט די מיליטערישע ראַדיאָסטאַנציע, פלעגט הערן מאָסקווע, נאָכדעם איבערדערציילן די נײַס זײַנע כאַווײרים, און יענע פלעגן עס פֿאַרשפּרייטן צווישן די קריגס-געפאַנגענע און צווישן דער היגער באַפעלקערונג, דער שאָפער וויקטאָר קענדער פלעגט אָפט ברענגען לעבעדיקע נײַס וועגן דער טעטיקײַט פון די אַרומיקע פֿאַרטיזאַנער און וועגן די אַכזאָריעס פון די פאַשיסטן.

אינגיכן האָט מען אין געסטאַפּאָ זיך דערוווּסט, אַז די סלאָוואַקן ברידערן זיך מיט די קריגס-געפאַנגענע און מיט דער היגער באַפעלקערונג. מע האָט פֿאַרשטאַרקט די וואַך פונעם לאַגער מערסטנס מיט כאַרטיסטן. די לאַגע פון די קריגס-געפאַנגענע האָט זיך שטאַרק פֿאַרערגערט.

אין האַרבסט 1942 איז געוואָרן באַוווּסט, אַז אַ גרויסער פֿאַרטיזאַנישער אָטריאַד, אין וועלכן עס ציילן זיך אָן טויזנטער קעמפער, באַוואָפנטע מיט אויטאָמאַטן, קוילנוואַרפערס, מאָרטירן און אַפילע מיט פֿאַנצער-טראַנספּאָרטיאָרן, האָט פֿאָרסירט דעם דניעפּער, פֿאַרנומען לאָיעוו און באַוועגט זיך אַף יורעוויטש, וואָס געפינט זיך ניט ווײַט פון קאָזינקי. די פאַשיסטן האָבן טייקעף אָנגעהויבן אָנעמען פֿאַרטיידיקונגס-מיטלען. דער גרעסטער טייל מיליטער פונעם סלאָוואַקישן פֿאָלק און מער ווי אַ העלפט פון די קריגס-געפאַנגענע זײַנען איבערגעפירט געוואָרן קיין מאָזיר און קאַלינקאָוויטשי בויען טראַנשייען און בלינדאַזשן.

אין קאָזינקער לאַגער פון די קריגס-געפאַנגענע זײַנען פֿאַרבליבן בלויז פערצן מאַן בעראָש מיט ניעפּאָמניאַשטשין. דאַן האָבן זיי באַשטימט, ניט געקוקט אַף דער פֿאַרשטאַרקטער וואַך, אין די נאָענטסטע טעג אַנטלויפן פונעם לאַגער און צושטיין צום דאָזיקן אָטריאַד פֿאַרטיזאַנער. ס'איז באַשטימט געוואָרן די דאַטע פון אַנטלויפן — זונטיק דעם 23 נאָיאַבער.

ניעפּאָמניאַשטשי האָט זיך באַגעגנט מיט יאַנען און אים באַקאַנט געמאַכט מיטן פּלאַן. יאַן האָט זיך פֿאַרבונדן מיט יעליזאַוועטאַ פיליפּאָוונען. אינגיכן האָט ניעפּאָמניאַשטשי באַקומען אַ ידיע, אַז זונטיק אין אָוונט וועט אין עק דאָרף וואַרטן אַף זיי איינער פון די אונטערדלער — איוואַן קלימאָוו, און ער וועט דורך די וועלדער זיי אַוועקפירן צו די פֿאַרטיזאַנער. און וואָס שײַעך דעם לאַגער-צוים, וועלן צווישן די סלאָוואַקן זיך געפינען אַזעלכע, וואָס וועלן היגטערן באַראַק איבערשנײַדן די דראָטן און מאַכן אַ דורכגאַנג.

בײַ ניעפּאָמניאַשטשין איז געווען אַ פאָטאָ, ווו ער איז פאָטאָגראַפירט מיט זײַן שטעלפֿאַרטרעטער פונעם אונטערערדישן ווידערשטאַנד גלעבאָוו, האָט ער זי איבערגעגעבן יאַנען.

— פֿאַרהיט, און נאָך דער מילכאָמע וועסטו עס איבערשיקן מײַן פרוי ראַיסע מיכײַלאָוונע אין קראַמאַטאָרסק. דער אַדרעס איז אָנגעוויזן אַף דער צווייטער זײַט.

— ס'איז נאָך אַ פראַגע, צי וועל איך לעבן בלײַבן, — האָט אים געענטפערט יאַן, — וואָרעם ניט הײַנט-מאָרגן קאָנען די כאָרטיסטן זיך אָנשטויסן אַף מײַן טעטיקײַט, וועלן זיי מיך ניט שוינען. אויסער דעם, טרוים איך נאָך קעמפן קעגן זיי פּאָנעם-על-פּאָנעם. נו, און אויב מיר וועט יאָ זײַן באַשערט איבערלעבן די מילכאָמע, איז פֿאַרוואָס בעטסטו מיט אַזאַ זיכערקײַט, איך זאָל איבערשיקן די פאָטאָ דײַן פרוי? איך וועל בעסער זי איבערשיקן דיר.

— זייער ווייניק שאַנסן, אַז איך וועל דערלעבן דעם זיג איבער זיי. קעדיי אָניאָגן די דורכגעלאָזטע צײַט, וואָס מיר איז באַשערט געווען צעטרענצלען דאָ, אין לאַגער, דאַרף איך שלאָגן די פאַשיסטן אין צוויי מאָל מער, ווי די איבעריקע קעמפער. אויסער דעם, מוז איך אויסלאָדן דעם אָנגעזאַמלטן האַס קעגן זיי.

אין אָנגעמערקטן אָוונט זײַנען אַלע פערצן קריגס-געפאַנגענע בעשאָלעם אַרויס פונעם לאַגער, זיך געטראָפן מיטן פֿאַרבינדלער איוואַן קלימאָוו, און נאָך צוויי מעסלעס בלאָנקעניש איבער די פֿאָלעסיער וועלדער זײַנען זיי אָנגעקומען צום פֿאָלוסטאַנעק סטאָדאָלישטשע. ניט ווײַט פון דאָרטן האָט זיך געפונען דער שטאַב פון דער פֿאַרטיזאַנישער פֿאַרייניקונג.

אַף פירן די אונטערהאַנדלונגען מיט די פֿאַרטיזאַנער איז אין שטאַב געווען אײַנגעלאַדן ניעפּאָמניאַשטשי, די איבעריקע האָבן זיך געוואַרעמט באַם שײַטער.

אַלעקסאַנדער באָריסאָוויטש איז אַרײַן אין שטאַב. באַם טיש זײַנען געזעסן צוויי בערדיקע מענטשן. בײַ איינעם פון זיי, באַם עלטערן, איז דאָס בערדל געווען אַ שפּיצעכדיקס, באַם צווייטן — ברייט צעוואַקסן. דערנאָך זײַנען אַרײַן נאָך צוויי פֿאַרטיזאַנער, און דער שמועס האָט זיך אָנגעהויבן. קוידעםקאָל האָט מען באַגריסט אים און די גרופּע, וואָס זיי האָבן

בעשאָלעם זיך ארויסגעריסן פון געפענקעניש. דערוויסנדיק זיך, אז די מערהײַט פון די געראטעוועטע קריגס-געפאנגענע זײַנען געוועזענע קאָמאנדירן, האָט דער עלטערער מיטן שפּיצעכדיקן בערדל געזאָגט:

— דערווײַל נייטיקן מיר זיך אין פּאָשעטע שלאכטלײַט. קאָמאנדירן האָבן מיר גענוג. דערנאָך וועט די צײַט ווײַזן, ווער אָף וואָס עס איז פעיִק.

ער האָט ארויסגערופן א פארבינדלער און האָט געהייסן מיט די קריגס-געפאנגענע דערגאנצן די אכטע ראָטע פונעם פּאָטילאָוואָר אָטריאד.

שפּעטער האָט זיך ניעפּאָמניאשטשי דערוווּסט, אז דער שפּיצבערדיקער, וואָס האָט מיט אים גערעדט, איז דער באוווּסטער קאָמאנדיר פון דער פּארטיזאנישער פארייניקונג, דער העלד פון סאָוועטנפארבאנד ס. א. קאָוופּאַק. ס'זײַנען אויך בײַגעווען דער קאָמיסאר פון דער פארייניקונג ס. וו. רודניעוו, דער שעף פונעם שטאב נ. יא. באזימא און דער שטעלפארטרעטער פונעם קאָמאנדיר פון אויסשפּירונג פּ. פּ. ווערשיגאָרא.

אינגיכן זײַנען צו די קאָוופּאקאָוצעס צוגעשטאנען פיל מיליטערלײַט פונעם סלאָוואקישן פאָלק, צווישן זיי ניעפּאָמניאשטשיס גוטע באקאנטע — אנדריי סאקסא, אנדריי פאלשא און אנדערע.

צוערשט איז אלעקסאנדער באָריסאָוויטש געווען א פּאָשעטער שלאכטמאן, נאָר אָף וויפל ער האָט פון די ערשטע טעג ארויסגעוויזן העלדנטאט אין די שלאכטן קעגן די פאשיסטן, האָט מען אים באשטעטיקט אלס קאָמיסאר פון א באטאליאָן, און ער האָט אָנטיילגענומען אין אלע ריידן אין טיל פונעם סוינע, און אויך אין דעם רייד אָף די קארפּאטן. און כאָטש ער איז שטענדיק געווען אין ריזיקן פײַער, האָט דער גורל צו אים זיך באצויגן מיט גנאָד.

נאָך דער מילכאָמע האָט ניעפּאָמניאשטשי זיך דעמאָביליזירט און זיך אײַנגעאָרדנט אין טשערנאָוויטשי, וווּהין צו אים איז איבערגעפאָרן זײַן מישפּאָכע — די פרוי ראִיסע מיכײַלאָוונע און זייער זון וואלערי.

ביז איצט ארבעט דאָרט אלעקסאנדער באָריסאָוויטש. ער אונטעריכט אין בוי-טעכניקום. ערשט ניט לאנג צוריק האָט זײַן ברוסט, וואָס איז באשײַנט מיט פיל אָרדענס און מעדאלן, זיך באַרײַכערט מיט נאָך אן ערן-מעדאל: „פופציק יאָר אלס מיטגליד פון דער קאָמוניסטישער פארטיי“.

אויסער דער פּעדאגאָגישער טעטיקײַט, פירט ניעפּאָמניאשטשי א גרויסע געזעלשאפטלעכע ארבעט, טרעט ארויס מיט פאָרטראָגן און מיט לעקציעס אָף פּאָליטיש-וויסנשאפטלעכע טעמעס. אים קומט אויס אָפט ארויסטרעטן פאר שילער און יוגנטלעכע, און דערציילט וועגן דעם גרויסן בײַטראָג פון די קאָוופּאקאָוצעס אין זיג קעגן די פאשיסטן.

אלעקסאנדער באָריסאָוויטש האלט אן ענגן קאָנטאקט מיט זײַנע שלאכט-פרײַנט און פון צײַט צו צײַט טרעפן זיי זיך.

אין מעשעך פון פיל יאָרן האָט זיך אים ניט אײַנגעגעבן אײַנשטעלן א פארבינדונג מיט יאנען. געשטערט האָט דאָס, וואָס ער האָט ניט געוווּסט זײַן פאמיליע. מע האָט אים גערופן „יאן — דער כעזשבנפירער“ אָדער „יאן — דער פּאָעט“. לויט דער פאמיליע פלעגט מען אים ניט רופן, קענטיק, צוליב קאָנספּיראציע. אלעקסאנדער באָריסאָוויטש האָט נאָר פארגעדענקט, אז יאן האָט געלעבט אין רעטאָוועסקע-סאבאטאָווסקער געגנט, האָט ער זיך נאָכגעפרעגט דורך א בריוו, צי ווייסט מען דאָרט א פּאָעט לויטן נאָמען יאן, וועלכער שטאמט פון זייער געגנט, האָט מען געענטפערט, אז מע ווייסט ניט אזא.

אלעקסאנדער באָריסאָוויטש האָט ביכלאל געצווייפלט, צי האָט יאן איבערגעלעבט די מילכאָמע, וואָרעם אויב יאָ, וואָלט ער שוין פון לאנג געגעבן וועגן זיך צו הערן.

ס'זײַנען דורך צענדליקער יאָרן. פלוצעם באקומט ניעפּאָמניאשטשי א בריוו פון טשעכאָסלאָוואקיע. ער כאפּט א קוק אפן צוריק-אדרעס — דאָס איז א בריוו פון יאן ביסטראן. האָט ער גלײַך פארשטאנען, אז דאָס איז דער זעלבער יאן.

לאָזט זיך אויס, אז יאן האָט נאָך דער מילכאָמע געשריבן בריוו לויטן קראמאטאָרסקער אדרעס. דער ענטפער איז געווען, אז אזעלכע לעבן דאָרט ניט. האָט ער געפּרוּווט אופזוכן ניעפּאָמניאשטשין דורך די צײַטונגען, נאָר ס'האָט זיך ניט אײַנגעגעבן אים אויסצוגעפינען. האָט ער שוין פארלאָרן די האָפענונג: ניט אנדערש, אז ניעפּאָמניאשטשי איז אומגעקומען אין שלאכט. דאָך אין א צײַט ארום האָט ער זיך געווענדט אין מאָזירער ארכיוו. דער בריוו איז איבערגעגעבן געוואָרן דעם געוועזענעם קאָמאנדיר פון דער פארטיזאנישער פארייניקונג פון פּאָלעסיער געגנט איוואן דמיטריִעוויטש וועטראָוון. האָט ער זיך פארבונדן מיט דער געוועזענער פארטיזאנקע יעליזאוועטא פיליפּאָוונא קליאמער, וועלכע האָט געהאלטן א פארבינדונג מיט ניעפּאָמניאשטשין. יעליזאוועטא פיליפּאָוונא האָט זיך דערפרייט, וואָס יאן האָט זיך אויסגעפונען. האָט זי טייקעף אים אָנגעשריבן א בריוו און אים מיטגעטיילט ניעפּאָמניאשטשיס אדרעס. אָט אזוי האָט זיך אײַנגעשטעלט די פארבינדונג מיט יאנען.

און אָט קומט אלעקסאנדער באָריסאָוויטש מיט זײַן פרוי ראַיסע מיכײַלאָוונע אין טשעכאָסלאָוואקישן דאָרף רעווא צו יאַן ביסטראַנען אין געסט. אויסער די מיטגלידער פון דער מישפּאָכע, געפינען זיך דאָרטן אויך אנדריי פּאַלשא און וויקטאָר קענדעראָוו, וועלכע האָבן געקעמפט קעגן די היטלעראָווצעס אין די רייען פון די פּאַרטיזאַנער.

ערשט איצט, באם פרײַנטלעכן טיש, האָט זיך אלעקסאנדער באָריסאָוויטש דערוווּסט, אז ווען זיי זײַנען אנטלאָפן פונעם לאַגער, האָבן די געסטאַפּאָווצעס דורכגעפירט א שטאַרקע אָבלאַווע קעגן זיי, נאָר די סלאָוואקן האָבן אָנגעוויזן א פאַלשע ריכטונג, ווו מע דאַרף זוכן די אנטלאָפענע. אף וויפל די פאַשיסטן האָבן ניט געפילט קיין צוטרוי צום סלאָוואקישן פאָלק, האָט מען איינגיכן אים אויסגעריכט צוריק קיין סלאָוואקיע. דאָרט איז יאַן לויטן געזונט-צושטאַנד געוועזן דעמאָביליזירט. ער איז אַרײַנגעטראָטן אין די רייען פון די פּאַרטיזאַנער, און אין 1944 האָט ער אָנטײלגענומען אין סלאָוואקישן אויפשטאַנד. אין פּאַרטיזאַנישן אָטריאַד איז ער געוואָרן א מיטגליד פון דער סלאָוואקישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי.

נאָך דער מילכאָמע האָט זיך יאַן באַזעצט אין דאָרף רעווא און האָט געאַרבעט אַלס וואַלד-אויפזעער. איצט איז ער שוין אף פּענסיע און פירט צווישן זײַנע לאַנדסלײַט א געזעלשאַפטלעך-פּאָליטישע אַרבעט. ער טרעט אַרויס מיט לעקציעס און אַרטיקלען אין דער פּרעסע וועגן פאַרהיטן די נאַטור-אוצרעס, פּראָפּאַגאַנדירט די וויכטיקסטע מאָסמיטלען פון דער פּאַרטיי און רעגירונג וועגן דער סאָציאַליסטישער בויונג אין לאַנד.

אלעקסאנדער באָריסאָוויטש און זײַן פרוי האָבן זייער געוואָלט זיך דורכשמועסן מיט יאַנס מישפּאָכע און מיט די געסט, נאָר, צום באַדויערן, האָבן געקענט רוסיש בלויז די, וועלכע האָבן געדינט אין סלאָוואקישן מיליטער-טייל און זײַנען דערנאָך געוועזן פּאַרטיזאַנער. דאָך האָט זיך אָן ווערטער געפילט די פרײַנטשאַפט, וואָס האָט געהערשט צווישן די געסט.

אַן אינטערעסאַנטער קאַזוס איז פאָרגעקומען בײַם אָט דער באַגעגעניש. לינקס פון ראַיסע מיכײַלאָוונען איז געזעסן אַן אַלט פּאָרפאָלק. זיי האָט זיך זייער געוואָלט דורכשמועסן מיט די געסט פון סאָוועטנפאַרבאַנד, נאָר קיין רוסיש האָבן זיי ניט געקענט. די פרוי האָט געוווּסט בלויז א ביסל ענגליש, האָט זי געפּרוּווט אף דער דאָזיקער שפּראַך פאַרפירן א שמועס מיט ראַיסע מיכײַלאָוונען, נאָר ס'האָט זיך גאָרנישט ניט באַקומען. איז די פרוי אַריבער אף פראַנצויזיש — אויך גאָרנישט.

— שפּריכן זי דויטש? — האָט זי מיט גרויס האָפענונג א פרעג געטאָן.

— עטוואָס, — האָט געענטפערט ראַיסע מיכײַלאָוונע, שטעלנדיק דעם אַקצענט אפן לעצטן טראָף.

דאָס פּאָרפאָלק איז אויפגעלעבט געוואָרן. סאָפּקאָלסאָף וועט מען זיך קאָנען דורכריידן.

— וויר קאָנען אויך עטוואָס, — האָט געענטפערט די פרוי און גלײַך א פרעג געטאָן. — פון וועלכן מאָקעם זינט זי?

— פאָן וועלכען שטאָט? — פאַרריכט איר דער מאַן.

— פאָן טשערנאָוויטשי, — ענטפערט ראַיסע מיכײַלאָוונע.

— האָבען זי ווירדע א היפּש מישפּאָכע?

— איין יוירעשל, זאָל לעבן און געזונט זײַן.

דערהערנדיק די ווערטער „מאָקעם“, „מישפּאָכע“, „היפּש“, האָט זיך אלעקסאנדער באָריסאָוויטש היל̄כיק צעלאַכט. נאָר די פרויען זײַנען אַזוי פאַרטאָן געוועזן אינעם שמועס, אז זיי האָבן אף דעם קיין שום אַכט ניט געלייגט.

— וויר האָבען צוויי יאָרשים, — האָט די פרוי מיטגעטיילט, — איין קנאַבע און איין מעדכען, קיין אײַנהאָרע ניכט.

— גענוג שוין צו קאָווערקען אונדזער מאַמע-לאָשן, — האָט מיט א ריין יידישער אויסשפּראַך זיי געוואָרנט אלעקסאנדער באָריסאָוויטש, — רעדט ריין יידיש, ווי ס'געהער צו זײַן.

ערשט איצט איז עס צו זיי דערגאַנגען. די פרויען האָבן זיך צעלאַכט, און זיי זײַנען איינס דער צווייטער געפאַלן אפן האַלדז. און ס'איז אַוועק א געשפּרעך אף יידיש אָן קיין שום מאַטערניש און אָן שטרויכלונגען.

דער עולם קוקט אויפמערקזאַם, וואָס עס קומט דאָ פאָר, און קיינער פאַרשטייט ניט. ווען אלעקסאנדער באָריסאָוויטש האָט זיי דערקלערט, האָט מען ניט געקאָנט קומען צו זיך פון געלעכטער.

— קיין וווּנדער ניט, — האָט א זאָג געטאָן יאַן, — איך האָב זיך אויך ערשט איצט דערוווּסט, אז אלעקסאנדער באָריסאָוויטש איז א ייִד.

— מער האָט מיר ניט געפעלט, ווען מע וואָלט זיך דערוווּסט וועגן דעם אין לאַגער, — האָט געענטפערט אלעקסאנדער באָריסאָוויטש, — די פאַשיסטן וואָלטן מיך גלײַך פאַרניכטעט.

און דאָ איז אוועק אַ געשפּרעך וועגן דעם, וואָס די פּאַשיסטן האָבן אָפּגעטאָן מיט דער באַפעלקערונג אין די אָקופּירטע לענדער און געגנטן.

דער ערשטער טאָסט אַף דער באַגעגעניש איז געווען פאַר דעם, וואָס עס קימערט איצט די מענטשהײַט פון גאָרער וועלט — פאַר שאָלעם און פאַר דעם, אַז די קומענדיקע דוירעס זאָלן ניט וויסן פון קיין מילכאָמעס.

●

אין איבערגאַנגס-עלטער

איצט, ווען דזשעמע איז אַלט געוואָרן פערצן יאָר און לערנט זיך שוין אין זיבעטן קלאַס, פילט זי זיך אינגאַנצן זעלבשטענדיק. אין די אָוונטן זיצט זי אינעם קינדער-צימער, גרייט זיך צו די לימודים אָדער לייענט אַ בוך. אין זאַל, וווּ ס'געפינען זיך די עלטערן, קאָן מען זי זען נאָר דאַן, ווען אין טעלעוויזאָר גיט מען איבער אַן אינטערעסאַנטע טראַנסלירונג.

אין די שטוב-איניאָנים מישט זיך דזשעמע אין אויסשליסלעכע פאַלן. דאָך פילט זיך, אַז זי איז אין קורס פון אַלע וויכטיקע געשעענישן און איז ווײַט ניט גלײַכגילטיק צו פיל דערשײַנונגען, וועלכע קומען דאָרט פאָר. די עלטערן פאַרשטייען עס, פילן זיך ניט באַקוועם און לעבן איבער, ווען זיי באַמערקן, אַז די עלטערע טאָכטער איז מיט עפּעס ניט צופרידן.

ס'טרעפט, אַז בענעגייע דעם אָדער יענעם איניען קאָן מען אין דער מישפּאָכע צו אַן אַלגעמיינער לייזונג ניט קומען. דאַן אײַצעט מען זיך מיט דזשעמען. און איר וואָרט איז אין אַזעלכע פאַלן דאָס אַנטשיידנסטע.

ווען די עלטערן אַמפּערן זיך צווישן זיך, סטאַרען זיי זיך ריידן שטיל, אַז דזשעמע זאָל ניט דערהערן. און אויב עמעצער פון זיי הערט דאָס קאָל, ווײַזט דער צווייטער אָן אַפן ווענטל, וואָס גרענעצט מיטן קינדער-צימער. און גיי ווייס, מיט וואָס דזשעמע האָט זיי אַזוי שטאַרק אַרײַנגענומען אין די הענט. ניט אַנדערש, אַז מיט דעם, וואָס זי איז צו קלוג און צו זעלבשטענדיק ניט לויטן עלטער.

וויייניק-וואָס ווערט פון איר ניספּאָעל נאָר די באָבע. זי צערעמאָניעט זיך ניט מיט דזשעמען, און ווען מע דאַרף, גיט זי איר אַ גאָב אויך. איבערהויפּט איז די באָבע זינע ניט צופרידן, וואָס דזשעמע באַציט זיך ניט ווי געהעריק צו איר איין-און-איינציק שוועסטערל בעלע, וואָס איז, לעהייפּעך דער עלטערער, אַ מער לעבעדיקע, אַ פריילעכע, זייער אַ באַוועגלעכע און האָט ליב צו שטיפן, און דערפאַר טאַקע איז זי דאַרער און פעסטער פון דער עלטערער.

ביידע שוועסטער האָבן געיאַרשנט דעם טאַטנס קירפּאַטע נאָז און די פולבלעכע ליפּן. בעלען גיט צו די דאָזיקע יערושע אַ קאָמישן אויסזען, און אַף דזשעמען וועסטו דאָס ניט זאָגן. זי זעט אויס ערנסטער און שטרענגער.

דזשעמע וואָלט וועלן, אַז דאָס שוועסטערל זאָל זיך פירן פּונקט ווי זי, און אַז די קלענערע פירט זיך, ווי ס'איז פאַר איר אייגנטימלעך סײַ לויטן כאַראַקטער, סײַ לויטן עלטער, קומט בא דזשעמען אויס, אַז איר שוועסטערל האַלט זיך ניט ווי געהעריק. אַרט עס איר, און זי לייענט דער קלענערער מוסער.

איבערהויפּט געפעלט ניט דזשעמען, וואָס די קלענערע לויפט אַרום איבערן הויף מיט די ייִנגעלעך און איז פאַרהאַוועט אין זייערע שפּילן. נאָר וואָס איז בעלע שולדיק, אַז אין זייער הויף איז ניטאָ קיין איין מיידעלע אין איר עלטער און ווײַטער פון דער שטוב און פונעם הויף דערלויבן ניט די עלטערן זיך אָפּוועגדן. קומט שוין בעמיילע אויס זיך שפּילן מיט וועמען עס מאַכט זיך. זי שפּילט מיט די יאַטעלעך אין פוטבאָל, אין כאָקיי און אין אַנדערע ייִנגלשע שפּילן. און גראַדע צווישן די שפּילער האָט זי אַ שעם פון אַן אויסגעצייכנטן גאָלקיפּער. זעלטן-ווען לאָזט זי דורך אַ פּילקע אָדער אַ שײַבע. די קאָמאַנדע, אין וועלכער זי באַטייליקט זיך, געווינט מערסטנס, אײדער פאַרשפּילט. בעשאַס בעלע האָט געקרענקט אַף גריפּ, איז איר קאָמאַנדע אויסגעקומען גאַנץ ביטער. איינע דורכפאַלן. און ווי נאָר זי האָט זיך באַוויזן אין הויף מיט דער קליושקע, האָט מען דעם וואָראַטאַר, וועלכער האָט זי פאַרביטן, גלײַך מעשאַלייעך געווען און געהייסן בעלען פאַרנעמען זײַן אָרט. און די שפּיל איז ווידער אַוועק מיט דערפאָלג.

זײַענדיק אָפּט צווישן די יאַטעלעך, האָט בעלע מעכאַניש איבערגענומען אייניקע מאַנירן זייערע. זי גייט אַרום אין הויזן. די הענטלעך האַלט זי אין די קעשענעס, האָט זיך אויסגעלערנט פײַפן. קורץ געשאָרן, מיטן קירפּאַטן נעזעלע. אין ברילן און אין הויזן זעט זי אויס ווי אַ ייִנגעלע. ווען זי פאָרט מיט דזשע-

מען אין טראַמווײַ אָדער אין טראָלייבוס, קאָן מען אָפט הערן:

— ייִנגעלע, נאַ, שטעמפל מיר אָפּ דעם בילעט!

בעלע פילט אויס די ביטע מיט גרויס כיישעק, און ס׳ארט איר ניט דערבײַ, וואָס מע נעמט זי אויף פאַר א ייִנגעלע.

און דזשעמען ארט עס שטארק. לעצטנס האָט זי ארויסגעשטעלט אַן אולטימאַטום, אַז אויב בעלע וועט ניט אָנטאָן קיין קליידל, וועט זי אין ערגעץ מיט איר ניט גיין.

ווען דזשעמע איז געווען אין בעלעס עלטער, איז זי שוין אומעטום ארומגעגאַנגען אַליין. זי פלעגט אַפילע פאָרן צום וואָקזאַל באַגעגענען די באָבע און העלפן איר טראָגן די קוישלעך מיט פרוכטן און גאָרטנוואַרג, וואָס זי פלעגט פירן פון דער דאַטשע. בעלען אָבער האָט מען מוירע צו לאָזן אַליין ארומגיין איבער דער שטאָט, מאַכמעס זי איז א קורצזיכטיקע און ניט קיין אופמערקזאַמע. און ביכלאַל טוט זיך אין דער מישפּאָכע א מאָדנע זאַך: ווען דזשעמע איז געווען אין בעלעס עלטער, האָט מען זי געהאַלטן שוין פאַר א גרויסע. בעלען אָבער האַלט מען נאָך אַלץ פאַר א קליין קינד. ניט אַנדערש דערפאַר, וואָס אין פאַרגלײַך מיטן קלענערן שוועסטערל זעט דזשעמע שטענדיק אויס ווי א גרויסע, און אין פאַרגלײַך מיט דער עלטערער זעט בעלע אויס ווי א קינד.

אין שול כאַווערט זיך בעלע מיטן סטאַראָסטע פון קלאַס פאַיִנען. זיי פאַרברענגען צוזאַמען אויף די האַפסאָקעס. נאָר פאַיִנע לעבט ניט נאָענט פון בעלען. זי איז אַן איין־און־איינציק קינד בא די עלטערן, דערצו א שוואַכינקע, א קליינינקע. לאָזט מען זי אויך ניט אָפּ ווײַטער פון ארום דער שטוב. דאָך האָט פאַיִנען מער אָפּגעגאָלטן, איידער בעלען: אין שטוב, וווּ זי וווינט, זײַנען פאַראַן מיידעלעך פון איר עלטער און לערנען זיך מיט איר אין איין קלאַס. פאַרברענגט זי מיט זיי די פרײַע צײַט. און בעלען קומט אויס פאַרברענגען נאָר מיט די ייִנגעלעך.

די עלטערן זײַנען ניט צופרידן סײַ מיט דזשעמעס, סײַ מיט בעלעס טאָג־אָרדענונג. דזשעמען וועסטו פון שטוב ניט ארויסטרײַבן קאָטש אויף א האַלבער שאָ עטעמען מיט פרישער לופט. זי זיצט איבער די ביכער און זעט ניט די פרײַע וועלט. און די קליינע — פאַרקערט: וועסט זי אין שטוב ניט פאַרטרײַבן. ווי נאָר זי פאַרענדיקט גרייטן די לימודים, ווערט זי גלײַך נעלעם. די באָבע זינע, וועלכע פילט זיך נאָך שטאַרק אין דער דייע און סטאַרעט זיך האַלטן די אויבערהאַנט אין שטוב, קאָטש אויף אָט דעם אָרט פרעטענדירט שוין שטאַרק די שנור. איבער דעם קומען צווישן זיי פאָר סיכסוכים. די באָבע האַלט, אַז די קליינע קאָן אין שטוב ניט אײַנזיצן איבער דזשעמען.

— אַז זי דערגייט די יאָרן דער קליינער, — טײַנעט די באָבע, — ניט אַזוי זיצט זי, ניט אַזוי רעדט זי. שטענדיק האָט זי צו דער קליינער טײַנעס. זי לאָזט איר ניט פרײַ עטעמען, דערפאַר אַנטלויפט זי פון שטוב.

ווײַזט אויס, אַז די אַלטע איז טאַקע גערעכט, ווײַל דזשעמע האָט אויף זיך פולקום גענומען די מיסיע צו דערציִען דאָס שוועסטערל. אויב די קליינע טוט עפּעס, וואָס דזשעמען, לויט איר נאַטור, איז ניט צום האַרצן, האַלט זי עס פאַר א שלעכטן טאַט. און אויף וויפל די שוועסטער זײַנען גאַנץ פאַרשיידענע לויטן כאַראַקטער, שווימען בא דער עלטערער אויף אָפטע סיבעס אויף צו לייענען מוסער דער ייִנגערער. אָבער וויפל דזשעמע מושטרירט ניט בעלען, העלפט עס סײַווי ניט. ווי אַן אַרבעס צו דער וואַנט. ניט מאַכמעס בעלע איז א טעמפּע צי אַן אײַנגעשפּאַרטע. פאַרקערט, זי איז זייער א פעיִקע. לערנט זיך אויף איינע פינפן און איז ווײַט ניט קיין נאַרישע. נאָר זי קאָן זיך ניט איבערמאַכן. זי טוט אַזוי, ווי ס׳איז איר אייגנטימלעך, סײַ לויטן כאַראַקטער, סײַ לויטן עלטער.

דזשעמע פאַרשטייט עס ניט. זי איז איבערצײַגט, אַז די קליינע טוט איר צולאָכעס. און נאָך קימערט איר: פאַרוואָס נעמט ניט אויף בעלע יעדע זאַך אַזוי, ווי זי.

בעלע איז א לעבעדיקע, א באַוועגלעכע און לעבנסלוסטיקע. דאָס האָט זי געיאַרשנט פון דער מאַמען. בא'ם טאַטן האָט זי איבערגענומען די אײַנגעשלאָסנקײַט: זי טיילט זיך מיט קיינעם ניט וועגן גאָרנישט. אַלע אוּלעס לעבט זי איבער אין זיך. זי איז איבערצײַגט, אַז די שוועסטער טשעפּעט זיך צו איר גלאַט אַזוי. דאָך דערווידערט זי ניט. נאָר ווען די שוועסטער דערגייט איר שוין צופיל, דאַן קלאָגט זי זיך פאַר דער באָבען, און זי, די באָבע, וועלכע לעבט אַזוי אויך איבער, וואָס די עלטערע לאָזט די קליינע קיין קאָפּ ניט אופהייבן, מישט זיך גאַנץ אָפט ארײַן.

— וואָס האָסטו צו דער קליינער? וואָס טעראָריזירסטו זי? דו פאַרשוואַרצסט איר דאָך די קינדהײַט! איבער דיר האָט זי קיין אָרט ניט אין שטוב.

— וואָס פאַר א קינד איז זי? — דערווידערט דזשעמע. — זי לערנט זיך דאָך שוין אין דריטן קלאַס און קלײַבט זיך נאָך ניט פאַנאַנדער פונדאַנען אַהין.

— אין אירע יאָרן האָסטו זיך אויך ניט פאַנאַנדערגעקליבן. ווילסט בעשום־אויפן ניט

זיך רעכענען מיט דעם, אַז זי איז מיט פינף יאָר ייִנגער פון דיר. וואָס אַרט דיך, אַז דאָס קינד שפּילט זיך? וואָס זעסטו אין דעם שלעכטס?

— וואָס? אין אירע יאָרן בין איך דען געווען אויך אַזאַ, ווי זי? — דערווידערט דזשעמע.

— נו, גוט. זאָל זיין, אַז דיין שוועסטערל איז ניט אַזאַ, ווי דו... באַטייַט עס נאָך ניט, אַז זי איז אַן ערגערע.

די דאָזיקע ווערטער האָבן, קאָנטיק, פאַרטשעפּעט אַ קרענקלעכע סטרונע אינעם אייַדעלן הערצל פון דער עלטערער.

— אַלע דאָ אין שטוב, — טייַנעט זי, — זעען נאָר מייַן אויסערלעכן אויסזען. און דאָס, וואָס אין האַרצן קומט פאָר, הייבט מען ניט אָן צו וויסן.

דאָ ווערט זינע באַריסאָווונע גלייַך ווייכער.

— אַדעראַבע, דערציייל אונדז, — זאָגט זי.

די לעצטע צייַט באַמערקט זיך, אַז מיטן קינד קומט עפּעס פאָר. עפּעס מאַטערט זי, נאָר מיט קיינעם טיילט זי זיך ניט וועגן דעם. ביידע אין טאַטן געראָטן. זייער אייַנגעשלאָסן. יענער איז אויך פון געבאָרן אַזאַ.

און גלייַך דערמאָנען זיך דער באָבען יענע צייַטן, ווען דזשעמע האָט נאָך באַזוכט דעם קינדער-גאָרטן. יאָ, זי האָט טאַקע פאַרשטאַנען פיל מער, איידער בעלע איצטער. זי האָט זייער קרענקלעך רעאַגירט, ווען אין שטוב פלעגן פאָרקומען סיכסוכים. דער טאַטע פלעגט אָפּט קומען שפּעט פון דער אַרבעט, זייַענדיק אונטערן גלעזל. און שטענדיק פלעגן זיך באַ אים געפינען וויכטיקע סיבעס. די מערהייַט סיבעס פלעגן אויספאַלן אויף אָפּמערקן אַ געבורטסטאָג פון אַ מיטאַרבעטער. און אויף וויפל אין דער פּראָיעקטנער קאָנטאָר, וווּ ער האָט געאַרבעט, האָבן זיך אָנגעציילט איבער הונדערט מיטאַרבעטער, פלעגט ניט דורכגיין אַ וואָך, עס זאָל ניט זייַן אָפּגעמערקט באַ אַ צוויי געבורטסטעג. די מאַמע פלעגט אין אַזעלכע פאַלן שיטן פעך און שוועבל אויפן טאַטן, און ס'האָט זיך געטאָן כוישעך.

זינע באַריסאָווונען האָט עס געקימערט. און ווי אַנדערש? איין-און-איינציק קינד אירס. געבאָרן געוואָרן אין דרייַ כאַדאָשים אַרום, ווען זייַן טאַטע איז אומגעקומען אויפן פראָנט. וויפל איז איר אויסגעקומען אויסצושטיין און איבערטראָגן, ביז זי האָט אים געשטעלט אויף די פיס. איר גאַנץ לעבן אים געווידמעט: הויכע בילדונג געגעבן, געמאַכט פאַר אַן אינזשעניער. נאָך דער מילכאָמע האָבן זיי אַ היפּש ביסל יאָרן געלעבט אין אַ באַראַק. זי האָט געאַרבעט אַלס בוכהאַלטער, פאַרדינט ניט איבעריקס, נאָר געטאָן אַלץ, אַז דעם קינד זאָל גאָרנישט ניט פעלן און עס זאָל זייַן מיט אַלץ באַזאָרגט, ווי אַלע לייַטישע קינדער. ווען די שטאָט האָט זיך אַ ביסל שוין אָפּגעבויט, האָט זי ווי אַ פרוי פון אַן אומגעקומענעם שלאַכטמאַן באַקומען אַ גוטע דירע מיט אַלע באַקוועמלעכקייַטן. נאָכן פאַרענדיקן דעם אינסטיטוט האָט סיאָמע ניט שלעכט זיך אייַנגעאָרדנט. דאָס לעבן איז געוואָרן גרינגער. אין שטוב האָט זיך באַוויזן לייַטיש מעבל. אירע איז געקומען אַהער שוין אויף אַלעם גרייטן, גלייַך אָנגעהויבן באַלעבאַטעווען און איז שטאַרק פאַרטראָגן אין דעראָבערן כפּייצים און נאַריאַדן. זי איז אַ נאָרמיראָווטשיצע אין אַ פאַבריק פון נייַמאַשינען, און אַלע אירע פאַרדינסטן גייען אויף נאַריאַדן.

— פאַדאַנאַק! — שרייַט זי אויף סיאָמען. — אויב דו וועסט נאָכאַמאָל קומען אין אַזאַ צושטאַנד, וועל איך דיך פון שטוב אַרויסשלייַדערן!

דאָ פלעגט שוין איבערגיין די מאָס פון זינע באַריסאָווונעס געדולד.

— ערשטנס, איז עס ניט דייַן דירע, — דערמאָנט איר די שוויגער, — און, צווייטנס, ביז דייַן אָנקום אַהער האָט מען אונטער דעם דאָזיקן באַלקן אַזעלכע פרעכע זידלווערטער ניט געהערט.

— ווייַל איר פלעגט פאַרשווייַגן אַלע זייַנע העסלעכע טאַטן, און דערפאַר טאַקע איז ער דערגאַנגען צו אַזאַ גראַד. איצט פאַרטיידיקט איר אים אויך, און מיט דעם שטויסט איר אים אין אָפּגרונט.

— אין וואָסער אָפּגרונט? באַם זידלען זיך דאַרף מען אויסקלייַבן אויסדרוקן!

— פון ווען אָן האָט זיך אין אייַך אייַנגעוואָרצלט אַזאַ הויכע קולטור? — וואַרפט איר אויף די שנור. — ניט אַנדערש, ווי פון הייַנט אָן.

דזשעמע, וועלכע איז דערבייַ געזעסן אין ווינקל, איז געווען שטאַרק פאַרטאָן אין אירע איניאָנים, און איר איז לאַכלוטן ניט אָנגעגאַנגען אין קאָפּ, וואָס עס קומט פאָר צווישן די עלטערן. ס'איז באַ איר געווען אַ לימעד מיט די ליאַלקעס און איר האָט שטאַרק געקימערט, וואָס די ליאַלקע ליעליע נעמט שלעכט אויף די דערקלערונג. איז די לערערן געצוווּנגען געווען אויסשטעלן איר אַ „צוויי". נאָכדעם האָט איר געדוכט, אַז ליעליע לעבט זייער איבער, וואָס די לערערן האָט זי שטאַרק באַליידיקט. ווי דען, אַלע אירע כאַווערטעס האָבן באַקומען „פינפן", און זי, נעבעך, אַ „צוויי". דזשעמע איז שוין גרייט געווען טרייסטן די שילערן און אַרויסרופן זי נאָכאַמאָל, קעדיי צו

פֿאַרבעסערן איר דעם באַל, נאָר דער מאַמעס קוילעס האָבן זי ווי פֿון אַ שײנעם חלום אויפֿגעוועקט. זי האָט זיך אויפֿגעהויבן פֿון אָרט, צוגעגאַנגען צו דער מאַמען און מיט טרערן אין די אויגן געבעטן:

— הער אויף!

די מאַמע איז שוין אַזוי ווײַט אַרויס פֿון די כּלים, אַז קיינער האָט אויף דזשעמען קיין אַכט ניט געלייגט.

דאַן האָט די קליינע זיך אַ וואָרף געטאָן אויף דער ערד, זיך צעוויינט און אויסגעשריִען:

— פֿאַרוואָס נעמט איר מיך צו פֿונעם קינדער-גאָרטן? איך וויל, ווי אַנדערע קינדער, זײַן דאָרטן שטענדיק.

אין שטוב ווערט גלײַך טויט-שטיל. פֿאַ׳ינע פֿאַלט אויפֿן דיוואַן און פֿאַרגיסט זיך מיט טרערן.

סיאָמע קוקט אויפֿן קינד מיט פֿאַרגאָסענע אויגן און שטשירעט די ציין, סטאַרענדיק זיך אַרויסקוועטשן אויפֿן פּנים אַ שמייכל.

— נו, קום, לאָמיר שפּילן אין לאָטאָ, — ווענדט ער זיך צו דזשעמען.

— גיי פּאַק זיך אויס! — שרײַט אויף אים די אַלטע.

זי נעמט דזשעמען אויף די הענט און טראָגט זי אָפּ צו זיך אין צימער. עטלעכע טעג גייען דורך שטיל, און אָט קומט דער טאַטע ווידער אונטערן גלעזל.

— די פּרעמ׳אַלנע אָפּגעמערקט, — פֿאַרענטפֿערט ער זיך און לייגט אַרויס אויפֿן טיש אַ פּעקל מיט פֿינפֿערלעך.

אירען גייט ניט אָן דאָס געלט. זי ברענט, ווי אַ פֿײַער. ס׳פֿילט זיך, אַז דער שווײַגן קאָסט איר זייער טײַער.

זינע באַריסאָוונע טוט אָן דאָס קינד און פֿירט זי אַוועק שפּאַצירן.

אין סקווער איז פֿריילעך. די שפּײַ׳לטער פֿילדערן און טראָגן זיך פֿון בוים צו בוים, ווי זיי וואָלטן זיך געשפּילט אין באַהעלטערלעך. די זון איז שוין פֿאַרגאַנגען. נאָר די פּענסיאָנערן זיצן נאָך אויף די בענק און שמועסן צווישן זיך. די ליידיקע בענק פֿאַרנעמען שוין די יונגע פּאָרן.

זינע באַריסאָוונע האַלט אין איין ציטערן, אַז אין איר אָפּוועזנהײַט זאָל דאָרטן, אין שטוב, ניט דערגיין צו אַ גרויסן סקאַנדאַל, וואָרעם פֿון אירען קאָן מען זיך אויף אַלץ ריכטן. יענע, ווען זי ווערט מאַלע רעציכע, פֿאַרלירט זי אינגאַנצן דעם קאָנטראָל איבער זיך. און אַז סיאָמע איז בעגילופֿן, איז ער אויף אַלץ פּאַ׳יִק. ס׳איז שווער זיך פֿאָרשטעלן, וויאַזוי וועלן זיי לעבן, ווען זינע באַריסאָוונע וועט שוין אויף דער וועלט ניט זײַן און די שנור וועט ווערן די גאַנצע באַלעבאָסטע. ס׳וועט קיין טאָג ניט דורכגיין אָן סקאַנדאַלן. סיאָמען וועט זי אינגאַנצן פֿאַרטיוקען. ווער ווייסט, צו וואָס עס וועט דערגיין?

— באָבע, פֿיר מיך אָפּ צו נאַטאַשקען, איך וועל זיך מיט איר שפּילן, — לייגט פֿאָר דזשעמע. — און דו גיי אַהיים. ווען ס׳וועט פֿינצטער ווערן, וועסטו קומען נאָך מיר.

די באָבע ווערט ניספּאָעל פֿונעם קינדס אײַנפֿאַל. אַזאַ אײדעלע נשמהלע איז אין איר פֿאַרפֿלאַנצט! זי פֿילט אַ מענטשן נאָך מער, ווי אַ דערוואַקסענע. וווּנדערלעך!

ווען זינע באַריסאָוונע הייבט זיך אויף אין קאָרידאָר אויף די טרעפּ, דערגייען צו איר אירעס קוילעס און סיאָמעס מורמלדיקער באַס. וועגן וואָס טומלט זיך דאָרטן, קאָן זי ניט פֿאַנאַנדערקלײַבן. דאָך, ווען זי עפֿנט די טיר, ווערט גלײַך שטיל. נאָר לויט דעם ווי אירעס פּנים פֿלאַקערט, פֿילט זיך, וואָס פֿאַר אַ פּסק סיאָמע האָט באַקומען.

אַזוי איז געווען, ווען דזשעמע האָט נאָך באַזוכט דעם קינדער-גאָרטן. זי האָט שוין דעמלט פֿאַרשטאַנען אין פֿיל מאָל מער, איידער ס׳האָט געדאַרפֿט פֿאַרשטיין אַ קינד פֿון איר עלטער. איצט, צו פֿערצן יאָר, איז זי שוין אַ גאַנצער באַרדאַס. דאָך גיט שטאַרק צו וויסן דער איבערגאַנגס-פּעריִאָד. אין אַ סך פֿאַלן דענקט זי נאָך לאַכלוטן קינדעריש. אָט, לעמאָשל, אין איר באַציִונג צום שוועסטערל. אויסער דעם, איז זי זייער קאַפּריז און רעאַגירט קרענקלעך אויף באַמערקונגען. נאָר דאָס איז אינדערהיים. אין שול פֿילט זיך עס ניט. דאָרט איז זי זייער אָן אויפֿמערקזאַמע און אַ פֿאָלגערן, לערנט זיך אויף אײנע „פֿינפֿן” און איז וואָזשאַטע פֿון אַ פּיאָנער-אָטריאַד. דזשעמע כאַווערט זיך מיט אַ סך שילערנס, נאָר וועגן אינטימע עניִאָנים טיילט זי זיך מיט קיינעם ניט פֿון זיי.

ווי דזשעמע סטאַרעט זיך ניט פֿאַרמאַסקירן, דאָך באַמערקט זיך, אַז זי איז ווײַט ניט גלײַכגילטיק צו פּעטיע באָיאַרטשיקן, וועלכער לערנט זיך אויך אויף אײנע „פֿינפֿן” און איז דער סטאַראָסטע פֿון קלאַס. ווען זי ווענדט זיך צו אים, ווערט ער גלײַך רויט און ענטפֿערט איר מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן. דערבײַ פֿילט זי, קאָנטיק, אַליין, אַז פֿון דער זײַט באַמערקט מען, אַז זי האַלט זיך ניט נאַטירלעך בענעגייע אים, און סטאַרעט זיך וואָס גיכער פֿאַרענדיקן דעם שמועס. ווען זי באַמערקט, אַז פֿעדיע שמועסט מיט עמעצן פֿון די שילערנס, אַרט עס זייער דזשעמען. קאָנטיק, אַז איר אַליין קימערן די דאָזיקע אירע געפֿילן צום שול-כאַווער. נאָר זי קאָן זיי ניט בײַקומען, און דאָס שאַפֿט איר ניט ווייניק אַנגסטן.

מיט די היימישע טיילט זיך דזשעמע באַזונדערס ניט וועגן אירע שול-עניִאָנים, און

די עלטערן פרעגן זיך בא איר ניט פאַנאַנדער.
זיי זײַנען רויִק פאַר איר. זיי ווייסן, אַז דזשעמע
לערנט זיך אַף אויסגעצייכנט און איז פּולקום
דיסציפּלינירט. ס'טרעפט, אין סאַף לערן-
קוואַרטאַל פרעגט בא איר די מאַמע:

— נו, מיט וואָס קאָנסטו זיך באַרימען?
ווײַז דעם טאָגבוך!

אַף דעם ענטפערט דזשעמע:

— מיט גאָרנישט האָב איך זיך ניט וואָס
צו באַרימען. בא מיר זײַנען די זעלבע באַלן,
ווי אַלעמאָל.

— איז ווײַז כאָטש א קוק טאָן!

— דער טאָגבוך איז אין פּאָרטפעל.

סײַ ס'מאַמע, סײַ איר'ס פילן זיך עפּעס שול-
דיק פאַר דער טאַטער. דעריבער סטאַרען זיי
זיך ניט אַרײַנפירן זי אין קריוודע. דער טאַטע
האָט זיך גענומען אָפּהאַלטן פון אָפּמערקן די
אָנצאָליקע געבורטסטעג פון זײַנע קאָלעגן.
און אַז ער קומט שוין אַמאָל א בעגילופנדי-
קער, האַלט זיך איר'ס אָפּ פון מאַכן אים סקאַנ-
דאַלן. אין אַזעלכע פאַלן רעדט זי ניט מיט
אים און ניט מיט דער שוויגער. באַנאַכט בעט
זי זיך אויס שלאָפן אינעם קינדער-צימער. מיט
דזשעמען רעדט זי קיין וואָרט ניט וועגן דעם,
וואָס ס'איז פאָרגעקומען. אַגעוו, איז עס אײַ-
בעריק, ווײַל די טאָכטער פאַרשטייט אָן ווער-
טער, וואָס בא דער מאַמען טוט זיך אַפּן
האַרצן.

ווען די מאַמע נעמט אַרום דזשעמען און
וויל זי א קוש טאָן, געפעלט עס ניט דער
טאָכטער:

— איך בין דאָך ניט קיין קליינינקע.

— צו פריִ ביסטו בא אונדז א דערוואַק-
סענע געוואָרן, — ענטפערט אַף דעם די מאַמע.
די טאָכטער נעמט עס אוף ווי א פאָר-
וווּרף, און ענטפערט:

— גאָר ניט פריִ. גאַנץ נאַטירלעך.

— און ביכלאַל — שטענדיק פאַרטראַכט
און פאַרזאָרגט. וואָס פעלט דיר אַזוינס? איך
אין דײַנע יאָרן האָב קעלבלעך געפּאַשעט. א
באָרוועסע אַרומגעגאַנגען אין זון און אין רעגן.
ווינטער ניט געהאַט וואָס אָנצוטאָן. אין שול
געסטאַרעט זיך זיצן באַם אײַוועלע, און כ'בין
פריילעך געווען, קיין האָר ניט געדײַגעט. איך
אין דײַן לאַגע וואָלט זיך גליקלעך געפילט.

דאָס רופט אַרויס בא דזשעמען מיטלײַד
צו דער מאַמען, נאָר זי ווײַזט עס ניט אַרויס.

— איך פאַרשטיי, פאַרוואָס דו ביסט אָנ-
געבלאָזן אַף מיר, — טײַנעט צו איר די מאַ-
מע. — קאָנסט מיר ניט מויכל זײַן פאַר די
קריגערײַען מיטן טאַטן און מיט דער באָבע.
נאָר פאַרשווײַגן איז עס אוממעגלעך. זעסט
דאָך, וואָס עס קומט פאָר!

— מע דאַרף ניט, — שלאָגט איר איבער
דזשעמע מיט טרערן אין די אויגן.

— און ביכלאַל אין יעדן הויז קומט עפּעס
פאָר, — פאַרענטפערט זיך די מוטער. — מיין
ניט, אַז בא אַלע דײַנע כאַווערטעס איז אינ-
דערהיים אַלץ קעשורע. בא אונדז קאָן מען
נאָך פאַרטראָגן.

די איינציקע, ווער עס האַלט אונטער
דזשעמען, איז די באָבע. דאָך איז זי צופרידן,
וואָס דאָס עלטערע אייניקל נעמט די אויבער-
האַנט אין שטוב. דזשעמע אַליין שטרעבט ניט
צו דעם. נאָך מער, איר ליגט עס אַפילע אין
זינען ניט. נאָר אַזוי באַקומט זיך אַליין פון
זיך. פריִער האָט זינע באַריסאָוונע געהאַלטן
אין איין דײַגענען, וואָס וועט פאָרקומען מיט
דער מישפּאָכע, ווען זי וועט אַף דער ווײַסער
וועלט ניט זײַן. איצט זעט זי, אַז די אויבער-
האַנט אין דער מישפּאָכע וועט איבערגיין צו
דזשעמען. און דאָס באַרויִקט זי א ביסל.

פאַרלירט ניט מײַן שפּור

אופרוף

קומט צו גיין, אפריקאנער און יידן   מער וועט קיינער געצוווּנגען ניט שטארבן
און יאקוטן פון ערדישן ראנד,   און ניט קריגן זיך מיט דער נאטור.
קומט צום יאָמטעוו, צום אייביקן פרידן,
נעמט צונויף זיך אין ליכטיקן לאנד!   דאָרט, אין יאם, אין די אָפענע רוימען,
ליגט אן אינדזל, און ס'צוויטשערט א בוים,
דעם בארמאזל נעמט מיט און דעם קארגן   און סע נעמט שוין צונויף זיך דער אוילעם
און דעם קראנקן — פארלירט ניט מײַן שפּור!   ווי צום טאנץ — צו מײַן קינדערשן טרוים...

ליבע

— וווּהין גייען מיר איצטער?
— צום בלויען יאם.
— ס'איז פאראן דען א יאם אין דער געגנט?
— מיסטאם...

— עפּעס שײַנט אינדערווײַטן...
— מיר דאכט זיך, א וואלד.
— א מין וועלדל פון שטראלן?
— באלד קומען מיר, באלד...

— יאָ, און דאָרט, אינעם הימל?
— א צײַטיקע רויז.
— וועלכע וואקסט פון די קאָסמישע זאמדן ארויס?

— וועלכע ווארעמט מײַן הארץ, נאָר זי היילט ניט די וווּנד,
און זי לאָזט ניט, אז גיין זאָל די ליבע צו גרונט.

א מעשׂה

דאָס פארטרוימטע, דאָס פאָלקלאָרישע פאסטעכל
האָט אוואדע פארלוירן זײַן שאָף, גייט ארום, ווי אין שלאָף,
איבער פעלדער און וועלדער און שטעט,
שטעלט זיך אָפּ באם אָסטאנקינער טורעם און שטייט,
הערט זיך צו, וואָס סע טוט זיך אין הויכן עפיר...

פאסטעכל, פאסטעכל,
גיי זיך ווײַטער, פארהאלט זיך ניט, פאסטעכל,
גיי און פארגעס ניט, וועמען דו זוכסט אױף דער ערד.
וועסט געפינען דײַן שעפעלע,
אויב ס'איז באשערט!

א פארביקער רעגנבויגן

ס'איז רויטלעך מײַן בלאָווער פעריאַד,
מײַן רויטער פעריאַד איז בלוי,
די געלע לעוואָנע געגעבן א ריר האָט
דאָס פײַערגעפּערלעכע שטרוי...

און ווערט מיר שוין שווארץ אין די אויגן —
כ'פארמאך זיי אזוי, ווי א טיר,
אז אופשטיין א פארביקער זאָל רעגנבויגן —
די רונדיקע ערד איבער מיר.

דאָס פלאָגן מיט זוניקער ליכט

איך באטראכט דעם מוזיי, דעם געווער-ארסענאל אָט דעם פײַנינקן:
זאָגט, מיט וואָס וואָלט מען נאָך מיך געקאָנט סײַ דערדריקן, סײַ פּײַניקן?

כ'גיי ארויס אף דער גאס: אין דער וועלט, פול מיט זוניקער ליכט,
ווארט און שטארט אף מיר אלץ, וואָס סע פליט און סע שפּאנט און סע קריכט.

ס'איז מײַן וועלט. און ס'האָט עפשער דער מענטש נאָך אזוי ניט געליטן
אף דער ערד, ווען אין הימל עס הענגט אף א לאזער די זון אינדערמיטן...

דער ערשטער דונער

דער ערשטער דונער רעדט צום גראם —
גראמט אָן א גאנצן טאראראם...

איך האָב אים ליב, דעם ערשטן דונער!
ער איז נאָך בראוו אזוי און יונג,
ער שיט מיט כאָכמעס, שפּריצט מיט הומאָר
און שטעקט ארויס א רויטע צונג.

דער אייביק ערשטער, דער גערעכטער —
סע גרילצט אין הימל זײַן געלעכטער...

א שפּיל! א פארס! כ'בין אים מעקאנע.
כ'האָב אויך אמאָל אזוי געלעבט, —
גערייצט די וועלט, געקנאקט מיט גראמען
און אין דער הייך, ווי ער, געשוועבט.

דער דאָנאָר-דונער... און א נאסער
אספאלט, און ס'פאלט שוין רעגנוואסער...

פ א ר ן ש נ יי

שנעל קומט ארויס פון די שטיבער און הערט:
באלד וועט א רעגן באגיסן די ערד,
א שטילער, ווי ס'כאלעשן יונגע אלמאָנעס.
הערט, ווי סע פּיקן און ס'רײַסן זיך סטרונעס
ערגעץ אָט דאָרט, צווישן הימל און ערד.

הערט, ווי די וויכערס אין צווישנרוים ווייען,
רויטע און בלויע, פארפלאַכטן אינצווייען.
הייבט אוף דאָס הארץ און די אויגן, און הערט,
וואָס מיט דער ערד אונדזער ליבער עס ווערט:
ס׳וואַרעמט דער לעצטער רעגן די ערד.

א קאטאסטראָפע אף דער פולער לעוואָנע
נאָך מארק שאגאלס טויט

גאנצע קאַלאָניעס פלאטערלעך — ווײַסע נעשאמעס
פון דער ערד און פון אנדערע וועלטן, וואָס האָבן נאָך ניט קיין לעוואָנעס —
זײַנען פּלוצעם געוואָרן צעשטרייט: אין זעניט
איז ארײַן א שטיק לעבן — א פארטאָפּלטער אעראָליט,
דאָס וויטעבסקער פּאָרל, וואָס ארום דער ערד איז געפלויגן
אינעם ווינט, מיט געעפנטע אויגן,
איבער שטעט און מעלוכעס, איבער מענטשישע ליידן און לוסט —
האָריזאָנטאַל. ער האלט זי צו בא דער ברוסט,
א כריזאנטעם וואָלט זיך נאָך אפּן קלײַדל געגלוסט...

זאָגט, ווי וועט לעבן די ערד אָן דער דאָזיקער שיינקייט?
זי זײַנען אוועק מיט דער צווייטער קאָסמישער שנעלקייט...

ווו איז דער קלײַד, די ווײַסע לעוואָנע? א כישעף, א פארכמארעניש...
אָך, מארק זאכאראָוויטש, מארק זאכאראָוויטש...

כראָניק

„סעמיטאָלאָגישע שטודיעס" נום. 2

דער טביליסער פארלאג „מעצ־נ׳ערעבא" האָט הײַנטיקס יאָר ארויסגעלאָזט דעם צווייטן באנד פונעם צווייִשפראכיקן (אף גרוזיניש און רוסיש) וויסנשאפטלעכן אלמאנאך „סעמיטאָלאָגיורי דז׳עבאני" („סעמיטאָלאָגישע שטודיעס"), אין וועלכן עס ווערן באהאנדלט די פראגן פון דער פילאָלאָגיע פון די סעמיטישע שפראכן. דרײַ ארטיקלען פונעם זאמלבוך בארירן די פראָבלעמען פון דער העברעיִשער שפראכ־קענטעניש — מ. גאצירידזעס „צו דער פראגע וועגן דער טראנסליטעראציע פון פערזענלעכע נעמען אין דער העברעיִשער איבערזעצונג פון „דעם העלד אין דער טיגער־פעל", מ. נעדאָספאסאָוועס „איידלשטיינער אין דער אראבישער איבערזעצונג פון דער ביבל" און ל. צאָצכאדזעס „די סעמאנטישע סטרוקטור פון די ווערבן אין די הײַנטצײַטיקע סעמיטישע שפראכן (אפן מאטעריאל פון דער קלאסישער אראבישער און פון דער העברעיִשער שפראך)".

אין דער מיטיילונג וועגן דער געמיינזאמער וויסנשאפטלעכער סעסיע פון דער גרוזינישער וויסנשאפט־אקאדעמיע און פונעם טביליסער מעלוכע־אוניווערסיטעט, געווידמעט דעם 80־יאָריקן יוביל פונעם אקאדעמיקער ג. צערעטעלי, ווערט דערמאָנט דער פאָרטראָג פונעם קאנדידאט פון פילאָלאָגישע וויסנשאפטן ניסאן באבאליקאשווילי „וועגן אייניקע העברעיִשע עפּיגראפישע דענקמעלער פון טשופוט־קאלע". דער דאָזיקער פאָרטראָג באזירט זיך אף די מאטעריאלן פון נ. באבאליקאשווילי עקספּעדיציעס אין קרים אין די לעצטע יאָרן.

מ י ש ע ל ע ו ו

לאַנגע שאָטנס

קאַפּיטל איינס

וואַגנער־מענדעל

די נעסיע ווערט אָפּגעלייגט

בערנאַרד שלעזינגערן און אַגיע וואַנדעלן איז גאָר ניט אַזוי פּאַשעט געווען אַנטשליסן זיך פליִען קיין בראַזיליע. בײַ ביידן האָט עפּעס ווי אַ ווערעמל געהריזעט די נעשאָמע און דער „יאָ" מיטן „ניין" האָבן זיך לאַנג געאַמפּערט. טאַקע ניט קיין אָרעמע לײַט, נאָר קיין פעטע געלט־בײַטלען פאַרמאָגן זיי אויך ניט. דערצו קאָן די ווײַטע נעסיִע זיך אָפּ לאַנג פאַרציִען. וואַנדעלן האָט עס ווייניקער געקימערט. כאָטש די לעצטע צײַט האָט ער ניט ווי אַ קאָמערסאַנט מיט וואָס צו באַרימען זיך, אָבער דערווײַל איז ער נאָך פולקום קרעדיט־פעִיק און די געהעריקע כוידעש־אײַנקונפטן באַקומט ער אומאָפּהענגיק דערפון, ווו ער געפינט זיך. ווי דאָס איז געווען אָפּגערעדט, באַגייט זיך זײַן שוטעף אָן אים, און בלויז איין מיט־אַרבעטער ווייסט, אַז דאָס געשעפט געהער צו צוויי באַלעבאַטים. אָבער בערעק איז אַ מע־דיקער און קאָן זיך מיט קיין סויכער ניט גלײַכן. די, וואָס היילן זיך בײַ אַ פּריוואַטן דאָק־טער, ווילן, אַז זייער „אייגענער" דאָקטער זאָל שטענדיק זײַן אונטער דער האַנט.

די קווענקלענישן האָבן זיך געצויגן אַזוי לאַנג ביז פייגעלע (קוים רופט זי נאָך אַזוי בערעק, ווען מיר אים נאָכפאָלגן) האָט אַנומלטן ניט קיין זאָג געטאָן:

— מאַנצבלען, וויפל איז דער שיר צו ריידן. אַוואַדע וועט איר טאָן, ווי איר פאַרשטייט, נאָר הערט כאָטש אויס, וואָס איך האָב אײַך צו זאָגן, און פאַרגעדענקט מײַנע ווערטער. דעם עמעס גערעדט, וואָלט איך באַדאַרפט פאָרן מיט בערעקן, נאָר ווער קאָן עס איבערשפּאַרן מײַן מאַן, און עפּשער איז עס טאַקע, ווי ער זאָגט, איבער מײַנע קויכעס. ס'איז אויך עמעס, אַז פון אָט דעם וואַגנערן איז בײַ מיר אין זיקאָרן קימאַט גאָרניט פאַרבליבן — ניט קיין פּאָנעם, ניט קיין שטאַלט. סײַדן בלויז, אַז ער האָט טאָמיד געשיפּעט, ווי אַ גיפטיקע שלאַנג, און נאָך די מעשונעדיקע הייך זײַנע האָט זיך פאַרגעדענקט. אַ שטיק סטראַשידלע, וואָס מע האָט געקענט מאַכן צוויי פון איר. וואַרט, וואַרט, כ'האָב נאָך ניט אַלץ געזאָגט. דאָס, וואָס ס'איז שוין פאַרבײַ אַ שאָק מיט יאָרן און מע האָט דעם מעטורעף ניט געקענט נעמען אָפּן האַטשיק, האָט דאָך אויך עפּעס־וואָס צו זאָגן. מאַלע וואָס סע קאָן זיך מאַכן? קוקט ניט אָף מיר אַזוי! סאַקאָנע פאָדערט פאָרזיכטיקײַט. נאָך וויִאַזוי! איר ווייסט דען ניט, אַז הײַנט צערעכנט מען זיך אָפּטער מיט די אײדעס, ווי מיט די באַנדיטן. דער העכט קאָן, ווי־באַר־מאַן אָדער מענגעלע, פאַרשווינדן און דער, וואָס מיטן האַטשיקל, קאָן כאָלילע...

קאַפּיטלען פונעם דריטן טייל „דער מישפּט נאָכן אורטייל. זע „סאָוועטיש היימלאַנד" נומ. 3—6. 1980.

— מאסקים, — האָט אגיע זי ניט געלאָזט פארענדיקן דעם געדאנק. — עמעס, מע דארף ניט פארלויפן דעם וועג און זיך באומרויקן פאר דער צײַט. פארן וועלן מיר אינצווייען. איין זאך איז א רעקאָמענדיר־בריוו צו מײַן פרײַנט גראָסן, און א צווייטע זאך, אז איך וועל אליין קומען צו אים. אָבער ניט דאָס איז דער איקער. ניט לאנג צוריק זײַנען מיר ארײַנגעפאלן אין די הענט וויכטיקע דאָקומענטן וועגן דעם עסעס־אָבערשטורמבאנפיורער פראָפעסאָר ווערנער הײַדע — דעם וויסנשאפטלעכן לייטער פון דער אקציע „אייטהאנא־זיע", בײַס וועלכער עס זײַנען אומגעקומען צווי הונדערט טויזנט מענטשן, און וועגן הימלערס ליבלינג, פראָפעסאָר וואָלפראם זילבערס, דעם גענעראַל־דירעקטאָר פון די וויסנשאפטלעכע אינסטיטוטן פאר דערלערנען די פראָבלעמען פון יערושעדיקײַט. ווײַזט זיך ארויס, אז לויט זייער פאָרשלאָג האָט פראנץ שטאנגל נאָך אין 1940 יאָר באקומען א באַפעל אויסערסט שנעל און שטרענג געהיים אויסבויען א פונקציאָנירנדיקע מאָדעל פון די פארניכטונגס־לאגערן, וועלכע וועלן געשאפן ווערן אין די באזיגטע לענדער. צוליב דעם ציל האָט מען אויסגעקליבן דעם שלאָס הארטהיים אין עסטרײַך.

גרײַלעך דאָרט האָט דער מיערער פון שטוטגארט ערווין לאמבערט אויסגעבויט די ערשטע גאז־קאמער. דאָרטן טאקע האָט מען געגרינדעט א ספּעציעלע שול, ווו מע האָט פון די סאמע איבערגעגעבנסטע נאציסטן געגרייט אָנפירער פאר די קומענדיקע טויט־קאָנווייערן. סײַ לאמבערט, סײַ הײַדע און זילבערס זײַנען געשטאנען פארן געריכט און קיינער פון זיי האָט וועגן הארטהיים זיך ניט ארויסגעכאפּט מיט קיין איבעריק וואָרט. וואגנער איז געווען דער ערשטער, וועמען שטאנגל האָט פארעכנט אלס צוהערער און אין עטלעכע כאדאָשים ארום אלס אינסטרוקטאָר אין דער הארטהיימער שול, און ס'איז ניט אויסגעשלאָסן, אז הײַנט־צו־טאָג ווייסט ער מער פון וועמען ס'איז־ניט־איז, ווו ס'געפינען זיך זײַנע דערציִיגלינגען. נאטירלעך, אז ארויסבאקומען עפּעס פון וואגנערן וועט זײַן ניט אזוי גרינג, נאָר פּרווון דארף מען. מעגלעך אפילע, אז פראו טערעזא שטאנגל וועט זײַן געצווונגען איַך, בערנארד, מיט עפעס־וואָס אנטקעגנקומען. קורץ גערעדט, לאנג טראכטן איז ניטאָ ווען. באלד קלינג איך אָן קיין סאן־פאולו גראָסן, און אויב ער האלט זיך בא זײַנעם, דארפן מיר דרינגענדיק ארויספליִען.

עפּעס ניט־קלאָרס האָט געבלאָנדזשעט בא בערעקן אין געדאנק. מיילע, פייגעלעס זאָג: „ניט קיין פּאָנעם, ניט קיין שטאלט" האָט ניט קיין גרויסע ווערט. זי האָט זיך דאָך גלײַך דערמאָנט אין וואגנערס שיפען, אין זײַן מעשונעדיקער הייך. אוואדע וואָלט גוט געווען, ווען זי פּליט אויך. זי וואָלט אים דערקענט, נאָר נאָך דעם, ווי זיי זײַנען מיט עלף יאָר צוריק געווען אפן האגענער פּראָצעס און די קיים פארצויגענע ווונדן האָבן בא איר זיך ווידער צעעפנט, האָט ער פעסט באשלאָסן, אז — אויס, ער איז גענוג אָנגעלערנט און וועט מער קיינמאָל ניט דערלאָזן, אז פייגעלע זאָל זיך טרעפן מיט עמעצן פון די סאָביבאָרער עסעס־לײַט. אָבער וואָנדעלס גרייטקײַט גלײַך ארויספליִען קיין בראזיליע האָט אים געבראכט אין פארלעגנהײַט.

אוואדע איז אלץ, וועגן וואָס וואָנדעל האָט גערעדט, ביז גאָר וויכטיק. שײַעד צו זאָגן, אויב פון די הונדערט מיט אכציק לעבנפארבליבענע מערדער, וואָס האָבן אָרודעוועט אין סאָביבאָר, זײַנען דערווײַל ניט מער ווי פערצן געשטעלט געוואָרן פארן מיִרעוו־דײַטשישן געריכט. צוליב אזא זאך, ווי אויסגעפינען זיי און דעמאסקירן, טאָר מען ניט זשאלעווען קיין געלט, קיין צײַט, קיין טירכע און בא א נויט מוז מען אפילע זיך שטעלן אין סאקאָנע, און דאָך האלט ער, אז ניט נאָר פייגעלע, נאָר אויך אגיע מיט זײַן קראנקן הארץ, וואָס איז אזוי פּילבאר צו די קלענסטע קלימאטישע ענדערונגען, טאָר ניט רידיקירן. דאָס איז ניט גלאַט קיין פּלי, ווען מע וועט באם אָנקומען אפן אָרט דארפן איבערשטעלן אף עטלעכע שאָ די ווײַזערס פונעם זייגער. דאָ שטייט פאָר א וועג, וואָס ציט זיך פונעם מיזרעכדיקן צום מײַרעוודיקן האלבקײַלעך. אין בראזיליע וועט אויסקומען פארגעסן אין די פיר צײַטן פון יאָר, צו וועלכע אונדזער אָרגאניזם איז אזוי צוגעוווינט. ווי וועט וואָנדעל זיך צופּאסן צום דווערהאפטן רעגן־פעריאָד פון נאָיאבער ביז מײַ? וועגן דעם אלעמען האָט ער מיט אגיען שוין ניט איין מאָל גערעדט, און ס'באקומט זיך, ווי ער זאָל וואָרפן די ווערטער אפן ווינט. איז וואָס טוט מען?

דערווײַל האָט וואָנדעל גערעדט אין טעלעפאָן מיט גראָסן. זעט אויס, עפּעס האָט זיך דאָרט בא גראָסן געענדערט און דערפאר האלט ער, אז ס'וועט זײַן גלײַכער צוווארטן מיטן ארויספליִען.

די רעדאַקציע און די רעדקאָלעגיע פון „סאָוועטיש היימלאַנד" באַגריסן האַרציק דעם שרייבער מישע לעוו אין צוזאַמענהאַנג מיט זײַן 70-טן געבורטס-טאָג און ווינטשן אים געזונט, אַריכאַס-יאָמים און נײַע שעפערישע דערפאָלגן.

— הם... — אַזוי האָט פֿיגעלע באַגעגנט אָט די נײַס און נאָך אַ היפּשער פּאַוזע צוגעגעבן: — ס'איז אַ סוואָרע, אַז געדעכט בין איך. וואָדען, מע ווייסט ניט זייערע טײַוולשע שטיק? דער וויל איך ניט גיין אָף דער לאָקער-שפּײַז.

אָנשטויסן זיך, פֿאַרוואָס גראָס האָט אומגעריכט פֿאַרגעלייגט אָפּליגן דעם אַרויספֿלי, איז געווען ניט פֿון די גרינגע זאַכן. פֿייגעלע האָט מיט יעדן טאָג אַלץ מער זיך געהאַלטן באַם געדאַנק, אַז פֿונעם אָנהייב אָן איז די מײַסע מיטן פֿליִען קיין בראַזיליע געווען אַ פּוסטע מײַסע, וואָס האָט ניט די ווערט קיין צעבראָכענעם גראָשן, און דערפֿאַר דאַרף מען עס פֿון קאָפּ אַרויסשלאָגן און קלערן וועגן בילכערע זאַכן. איך וואָנדעל האָט איצט געהאַט אַנדערע דײַגעס: מע האָט מער שוין ניט געטאָרט אָפּליגן די אָפּעראַציע אָף אײַנפֿלאַנצן אים אַ האַרץ-סטימולאַטאָר, און בערעק האָט באַ אים געפֿויעלט, ער זאָל וואָס גיכער זיך לייגן אין שפּיטאָל.

אין האָטעל „טיל"

די עמעסע סיבע, פֿאַרוואָס גראָס האָט געײַצעט צוזוואַרטן מיט דער נעסיִע, האָט בערעק זיך דערוווּסט ערשט אין אַ וואָכן פֿינף אַרום נאָכן טעלעפֿאָן-געשפּרעך מיט אים. אָט ווי עס האָבן זיך צונויפֿגעלייגט די אומשטאַנדן אין בראַזיליע.

אײַנגיכן נאָך דעם, ווי שטאַנגל און וואַגנער זײַנען אָנגעקומען אין לאַנד, האָבן זיי אײַנגעשטעלט קאָנטאַקטן מיט די נאַציסטן, וואָס זײַנען פֿריִער פֿון זיי אַנטלאָפֿן אַהער. זיי האָבן זיך אײַנגעשלאָסן אין דער געהיימער פֿאַרבינדונגס-נעץ, ווו איינער דעם אַנדערן דאַרף אַלזײַטיק שטיצן און וואָרענען וועגן יעטווידער געפֿאַר. איך דאָ האָט וואַגנער, ווי אַמאָל, זיך געהאַלטן אין הינטערגרונט, ווי שטאַנגלס שאָטן. דערפֿאַר נאָכדעם, ווען דער פּאַטראָן האָט זיך אַרײַנגעפּאַקט הינטער די גראַטעס און איז דאָרט געשטאָרבן, האָט באַ וואַגנערן זיך צעשפּילט די ערעגײַץ. זײַנע פֿאַרדינסטן פֿאַרן דריטן רײַך זײַנען גענוג גרויס, ער זאָל פֿאָדערן מער רעספּעקט צו זיך. ס'איז שוין צײַט, ער זאָל פֿאַרעכנט ווערן, אויב ניט צווישן די קאַרפֿן-קעפּ, איז צווישן די געהויבענע וועטעראַנען.

ס'קאָן זײַן, אַז די עמעסע סיבע, פֿאַרוואָס וואַגנערן האָט זיך לעצטנס אַזוי פֿאַרוואָלט זײַן אין גלאַנץ פֿון רום, איז געווען די אינטימע פֿאַרבינדונג מיט טערעזאַ שטאַנגל. פֿראַנץ שטאַנגל איז געווען ניט אַבי-ווער, — קאָן דאָך טערעזאַ זיך פֿאַרקלערן, אָף וועמען שטייט איר פֿאָר אים אויסצובײַטן. אַלזאָ, וואַגנער האָט זיך געלאָזט פֿירן פֿון דער גרויסקײַט-מאַניִע. און כאָטש די קאַמראַדן זײַנע האָבן פֿאַרשטאַנען, וווּהין ער צילט, האָט קיינער פֿון זיי אים ניט אונטערגעהאַלטן. די צײַט איז געגאַנגען, און ער האָט צו גאָרנישט זיך ניט דערשלאָגן.

צוערשט האָט ער עס ניט געקענט באַנעמען: אַ דערפֿאַרענער, פֿאַרדינסטפֿולער עסעסמאַן, וועלכער האָט געהאַט די ערע טראָגן די עמבלעם פֿון „שוואַרצן קאָפּ", איז גרייט אָפּגעבן זײַנע לעצטע קויכעס, קעדײַ דערציִען די יונגע אין היטלערס גײַסט, און דאָ געפֿינען זיך אַזוינע, וואָס לאָזן אים ניט. צו אים איז דערגאַנגען, אַז עמעצן פֿון די רעדלפֿירער איז ניט געפֿעלן זײַן נײַער פֿאַמיליע-נאָמען — מענדעל. ס'האָט אים געקאַרטעט דערציילן דעם סאָד, וויפֿל דער נאָמען האָט אים אָפּגעקאָסט און ווער איז דער גענעראַל, וואָס האָט דאָס געצאָלטס באַקומען, נאָר דערווײַל איז געווען גלײַכער זיך אָפּהאַלטן דערפֿון.

אַזוי אָדער אַנדערש, נאָר דער זעלבער וואַגנער, וואָס איז געווינט געווען, אַז מע זאָל אים הערן און פֿאָלגן און אַלץ, וואָס אים ווילט זיך, זאָל גלײַך געשען, האָט פֿאַרשטאַנען, אַז דאָס מאָל וועט ער מוזן בלײַבן באַם ווערלן. נאָך מער: אין עטלעכע יאָר אַרום וועט שוין קיינער ניט גלייבן, אַז דער פֿערמער גונטער מענדעל, וואָס פֿאַרנעמט זיך מיט אויפֿהאָדעווען קיניגלעך און אויפֿעס, איז יענער אַלמעכטיקער גוסטאַוו פֿראַנץ וואַגנער, וועלכער...

דאָס האָט אים מער ווי פֿאַרדראָסן, און באַ אַ געלעגנהײַט האָט ער קלוימערשט אין אַ שפּאַס געזאָגט טערעזען:

— אונדזערע קאַמראַדן פֿירן זיך אויף, ווי די הינער אויף מײַן פֿערמע. האָסטו פֿאַרשפּילט אין הענער-געשלעג, איז אויס מיט אַלע „פּריווילעגיעס".

באַ וואַגנערן איז אויפֿגעקומען אַ געדאַנק, וועלכן ער האָט גלײַך גענומען מיט ברען פֿאַרווירקלעכן. דורך זײַנעם אַ באַקאַנטן, וואָס האָט געהאַט אַ צוטריט צו די אָנפֿירנדיקע קרײַזן פֿון די נאַציסטן אין בראַזיליע, האָט וואַגנער איבערגעגעבן, אַז ער איז גרייט נעמען אויף זיך אַלע הוצאָות, וואָס זײַנען פֿאַרבונדן מיט די פֿײַערונגען לכּבוד היטלערס 89-טן געבורטסטאָג. ניט אַזוי גיך, נאָר זײַן פֿאָרשלאָג איז אָנגענומען געוואָרן, און ער איז אײַנגעשלאָסן געוואָרן אין דער אָרגאַניזיר-קאָמיסיע, וואָס איז באַשטאַנען פֿון פֿיר באַזונדערס באַגלייבטע מענטשן. און ווײַל דער פֿאָרזיצער איז געווען צו אין „אָנגעזעענע" פּערזאָן, ער זאָל אַליין עפּעס טאָן, איז צוביסלעכווײַז די גאַנצע צוגרייטונג איבערגעגעבן געוואָרן אין וואַגנערס הענט און ער איז געוואָרן דער גאַנצער באַלעבאָס אין דער קאָמיסיע. אין אַט די טעג האָט ער פֿאַרגעסן אין אַלע זײַנע קרענק. די נידערגעשלאָגנקײַט, די אַפּאַטיע, וואָס האָט אים לעצטנס געהאַט באַהערשט, איז ווי ניט געווען. אַ נײַע הויט איז אויף אים אויפֿגעקומען. פֿיל פֿון די „געוועזענע", וועלכע פֿלעגן אָפּמערקן דעם פֿירערס געבורטסטאָג באַ היימישע טישן, באַ אַראָפּגעלאָזענע פֿאָרהאַנגען אָדער אין אַ גאָר ענגן קרײַז, האָבן דאָס מאָל אויסגעדריקט זייער ווילן אָנטיילנעמען אין די פֿײַערונגען.

וועגן די פֿאַרשטייענדיקע היטלער-פֿײַערונגען איז הויך אויף אַ קאָל אין ערגעץ קיין וואָרט ניט אַרויסגעזאָגט געוואָרן. ס'זײַנען פֿאָרגענומען געוואָרן אַ ריי באַהאַלטענע געענג, אַז אַפֿילו די אײַנגעלאַדענע זאָלן ווי אַמשפּעטסטן זיך דערוויסן, ווען און וווּ מע וועט זיך צונויפֿזאַמלען. צוליב דעם איז עטלעכע מאָל איבערגעטראָגן געוואָרן דאָס אָרט פֿון די פֿײַערונגען. און דאָך האָט אין די סאַמע לעצטע טעג עפּעס אָנגעשראָקן די אָרגאַניזאַטאָרן. ס'האָט זיך אָנגעהויבן דערפֿון, וואָס שוין צופֿיל היץ האָבן אַרויסגעוויזן די יונגע נעאָנאַציסטן. אויף אייגענער אַכרײַעס האָבן זיי אײַנגעלאַדן געסט פֿון אַרגענטינע, באָליוויע, טשילי, פּאַראַגווײַ. די „געוועזענע", מער דערפֿאַרענע, האָבן באַשטימט זיי אַ ביסל אָפּקילן. מע האָט ווידער גענומען שטרענג קאָנטראָלירן די צעטלען פֿון די געסט און דער מערהײַט האָט מען אָנגעזאָגט, אַז הײַאָר וועט אויסקומען אָפּלייגן דאָס יאָמטעוו, דערפֿאַר איבעראַיאָר, ווען דעם פֿירער וואָלט געוואָרן נײַנציק יאָר, וועט זיך שוין טאָן אויף טיש און אויף בענק.

אַזוי איז מיטגעטיילט געוואָרן אַפֿילו דער פּראַוו טערעזאַ שטאַנגל. פֿון איר טאַקע האָט זיך עס דערוווּסט גראָס און דערפֿאַר האָט ער געייצעט וואַנדלען, אַז ס'וועט זײַן גלײַכער אָפּלייגן דאָס אַרויספֿליִען קיין בראַזיליע אויף שפּעטער.

די פֿײַערונגען, עמעס, ניט אַזוי ברייט, ווי ס'האָט זיך וואַגנערן געוואָלט, זײַנען דאָך פֿאָרגעקומען. אין יענעם פֿרימאָרגן, ווען דער אייגנטימער פֿונעם ניט-גרויסן, נאָר פּעשענעבעלן האָטעל „טיל", וואָס אין קוראָרט-שטעטל איטאַטיאַיאַ (באַ הונדערט מיט דרײַסיק קילאָמעטער דאָרעמדיקער פֿון ריאָ-דע-זשאַניירע), האָט דערקלערט די קעכערס, וואָס פֿאַר אַ באַזונדערס אויסגעזוכטע מײַכאָלים זיי שטייט פֿאָר צוגרייטן. אין יענעם זעלבן פֿרימאָרגן האָט דער שעף פֿון דער פּאָליטישער פּאָליציי אינעם שטאַט גואַנאַבאַראַ באַקומען אַ ידיעה, אַז הײַנט, דעם 20 אַפּריל, וועלן אין האָטעל „טיל" זיך צונויפֿזאַמלען דעלעגאַטן פֿון דער אונטערערדישער בראַזיליער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. דעם אייגנטימער פֿונעם האָטעל, אַלפֿרעד ווילקעלמאַנען, האָט די פּאָליציי געקענט, ווי אַ מענטשן, וואָס איז ענג פֿאַרבונדן מיט די נאַציסטן. עס איז שווער געווען צו גלייבן, ער זאָל דערלאָזן, קאָמוניסטן זאָלן זיך

צוניפקומען בא אים אין האָטעל. וואָס אָבער איז דערפון געדרונגען? מעגלעך, אַז וויל-קעלמאַן אַליין ווייסט ניט, וואָס פאַר אַ געסט ער דערוואַרט, ווען די פּאָליציי עס פרווון דערגיין. אַלנפאַלס, די געהעריקע מיטלען וועט זי אָנעמען.

ווי נאָר די האַוזשגאַכע-געבער האָבן אַרומגערינגלט דעם האָטעל, איז זיי גלייך געוואָרן קלאָר, אַז דאָ קומט פאַר אַ צוניפקום פון גאָר אַן אַנדער אייגעם. פאַרשוויגען מיט היפש דורכגעשוועקטע גאַרגלען זיינען געזעסן בא רייך-סערווירטע טישן און גאַנץ פרייַ געשריגן „הייל היטלער!". אַזוינס איז אין די היגע קאַנטן ניט געווען קיין נאָווינע און מע האָט נאָך דערוויַל קיינעם ניט באַשטראָפט דערפאַר. נאָר אַפּטרעטן אָף צוריק איז שוין געווען שפּעט, וויַל נאָך פאַר דער פאָליציי האָבן זיך דאָ באַוויזן די אומעטום פּולע ציַי-טונגס-קאָרעספּאָנדענטן.

עטלעכע פון די פאַרשווינען, וואָס זייַנען געזעסן אויבנאָן, צווישן זיי וואַגנער און פּראָ טערעזאַ, האָבן באַוויזן שטילערהייט פאַרלאָזן דעם באַנקעטן-זאַל און אַרייַן אין אַ זייַטיקן צימער. דאָס איז אויך ניט געווען קיין גאָר זיכער אָרט, און אַן אָפּיציאַנט האָט זיי אָנגעוויזן אַף אַ פאַרמאַסקירטן רעזערוו-אַרויסגאַנג. ניט געיַילט, מיט אַן אויסזען, ווי ס'גייט אים לאַכ-לוטן ניט אָן, וואָס דאָ קומט פאָר און גאַרנישט קאָן אים ניט איבעראַשן, איז וואַגנער אַרי-בער די שוועל פונעם אַרויסגאַנג און אַרייַן אין הויף פונעם האָטעל. און גלייך האָט אים באַגעגנט אַ מאַגניי-אויפבליץ, און נאָך אַ מאָל, און נאָך אַ מאָל. איין מאָל האָט מען פאָטאָ-גראַפירט אים אַליין, אַ צווייט מאָל אים צוזאַמען מיט טערעזען און אַ דריט מאָל, ווען ס'האָט אים אָנגעיאָגט עפּעס אַן אומבאַקאַנטער. דערזעענדיק אים לעבן זיך, איז וואַגנער שטיין געבליבן אַ דערשטוינטער. כאָטש גלייב ניט די אייגענע אויגן. ס'איז געווען, ווי ער זאָל קוקן אין אַ שפּיגל, — דער מענטש האָט אויסגעזען פּונקט ווי ער. אַ צווייטלינג, און גאָר. איין עלטער, די זעלבע הייך. פּונקט אַזוי מאָגער, מיט אייַנגעפאַלענע ביינערדיקע באַקן. וואַגנערן האָט אַ שלאָג געטאָן דאָס בלוט אין פּאָנעם. ער איז געוואָרן רויט, ווי אַ ציגל. די אויגן האָבן גענומען פינטלען. וואָס טוט זיך עס דאָ? ווער האָט עס אונטערגעשיקט אָט דעם טיפּ?

עס האָבן זיי אַרומגערינגלט מענטשן, געגאַפט אָף אים, אָף זייַן צווייטלינג. קומט אויס, אַז אַלע זעען, אַז זיי זייַנען ווי פון איין שטיק געשניטן. פונוואַנען האָט דער מענטש זיך גענומען, ווער האָט אים אונטערגעשיקט אַהער און צוליב וואָס?

טערעזאַ האָט גענומען וואַגנערן אונטער דער האַנט און זיי האָבן זיך געלאָזט צו זייַן מאַשין. קיינער האָט בא זיי גאַרניט געפרעגט, זיי ניט אָפּגעשטעלט. אין וועג האָט ער זיך אַ ביסל באַרויִקט. ס'האָט זיך אים גענומען אויסדאַכטן, אַז זייַן באַגעגעניש מיטן צווייטלינג איז ניט מער ווי אַ שפּאַס. עפּשער איז אים פאַר אים נאָך בעסער, וואָס ער האָט אַ צווייטלינג. וועט נאָך שווערער זייַן אים „צעקייַען" מע וועט אים מוזן אָנעמען פאַר דעם, פאַר וועמען ער שטעלט זיך אַרויס. זייַן פּאָנעם האָט זיך צוביסלעך אויסגעלייַטערט, און ער האָט געזאָגט טערעזען:

— אַ שאָד, וואָס די פייַערוונגען האָבן זיך אַזוי פאַרענדיקט, נאָר קיין דורכפאַל איז עס ניט.

אָבער גראָד טערעזאַ, וואָס האָט ביז דעם זיך געהאַלטן רויִק, האָט אַ זאָג געטאָן:

— גוסטאַוו, פאַרטראַכט איז אַלץ געווען גלענצנדיק, אָבער באַקומען האָט זיך שלעכט. עפּעס דאַרף מען פאַרנעמען, — אין אירע ווערטער האָט זיך געלאָזט הערן באַזאָרגטקייַט. נאָר ער האָט עס ניט געוואָלט אויפנעמען.

— נאַרישקייַטן, וואָס טראַכסטו אויס? — האָט ער איר אָפּגעענטפערט, ווי מע ענט-פערט אַ קינד, ווען מע וויל זיך פון דעם אָפּטשעפּען. — מע האָט קיינעם ניט פאַרהאַלטן, קיינעמס פאַמיליע-נאָמען ניט פאַרשריבן.

טערעזען האָבן זייַנע ווערטער ניט באַרויִקט.

— און איך זאָג דיר, אַז מע דאַרף זייַן געהיט. די פאָטאָגראַפיעס וועלן געדרוקט ווערן און אויפרייַסן דער וועלט די אויגן.

אָף דעם האָט ער איר געענטפערט:

— ניט דער פאַמיליע-נאָמען וואַגנער און אפילו ניט מענדעל וועלן בא מייַן פאָטאָ ניט פיגורירן.

— דייַן פאַמיליע ניט, אָבער מייַנע, אָדער פון דעם טיפּ, וואָס איז אָף דיר אַזוי ענלעך?

— ווען כ'האָב אים אין הויף דערזען לעבן זיך, האָב איך, דעם עמעס געזאָגט, אַ טראַכט געטאָן, צי איז דאָס ניט קיין האַלוציִנאַציע. ער איז, ווייַזט אויס, אויך געווען אין

זאָל. איך האָב גאָרניט געקענט פאַרשטיין, וואָס האַלט מען אין איין קוקן אויף מיר און כיכיקען. דו קענסט אים?

— עפּעס האָב איך פריִער געהערט, נאָר געזען האָב איך אים הײַנט צום ערשטן מאָל. ער האָט זיך באַרימט, אַז ער איז אַ פּאָלקאָווניק און איז געווען אין שפּיץ פון אַן אײַנזאַץ-גרופּע, וואָס האָט באַגלייט די אָקופּאַציע-אַרמיי און זיך פאַרנומען מיטן פאַרניכטן קאָמוניסטן, ייִדן, ציגײַנער.

— איך האָב קיינמאָל וועגן מײַנעם אַ צווייטלינג ניט געהערט און אַפילו הײַנט איך זאָל ניט באַמערקט אים. איך הייב ניט אָן צו פאַרשטיין, מיט וואָס קאָן ער זײַן פאַר מיר געפערלעך?

אַנשטאָט אַן ענטפער האָט טערעזאַ צעפּירט מיט די הענט.

אויף מאָרגן נאָך די ניט-געלונגענע פײַערונגען איז אין דער צײַטונג „זשורנאַל דע בראַזיל" פאַרעפנטלעכט געוואָרן אַן אַרטיקל וועגן צוזאַמענטרעף פון פּופּציק געוועזענע נאַציסטישע פאַרברעכער אין איטאַטיאַיאַ, איליוסטרירט מיט פאָטאָגראַפיעס פון די אָנטייל-נעמער.

אַט ווען וואַגנער האָט זיך געכאַפּט, אַז ער האָט פון לאַנג באַדאַרפט געווען פאַרקויפן זײַן פירמע און צוזאַמען מיט טערעזען פאַרלאָזן די אײַנגעזעסענע ערטער. אויב פרוּוון עס איצט טאָן, איז נאָך אַ גרויסע פראַגע, צי וועט זיך עס אײַנגעבן, ווײַל, ווי־זט אויס, אַז ער פאַרמאָגט שוין אויך נאָכקוקער, וווּ קיין אויסקויף-געלט וועט ניט העלפן. און אויב דאָס איז ווירקלעך אַזוי, וועט דער פּרוּוו זיך רירן פון אָרט פאַרגרעסערן זייער פאַרדאַכט. דאַן וועלן זיי אים שוין אויף געוויס פון אויג ניט אַרויסלאָזן.

פרײַוויליקע געפענקעניש

מיט יעדן טאָג האָט די שרעק אַלץ מער אָפּגענומען בײַ וואַגנערן דעם סייכל. פאַר די אַלע יאָרן אין בראַזיליע האָט ער קימאַט מיט קיינעם זיך ניט איבערגעשריבן. איצט איז דער ברייוונטרעגער געוואָרן אַן אָפּטער אַרײַנגייער צו אים. עס האָבן זיך אַ שאָט געטאָן בריוו פון פאַרשיידענע עקן וועלט. אין דער מערהײַט קאָנווערטן זײַנען געווען אַרײַנגעלייגט צײַ-טונגס-אויסשניטן. ניט שטענדיק האָט ער געקענט איבערלייענען, וואָס דאָרט איז אויף די פאַרשיידענע שפּראַכן אָפּגעדרוקט, נאָר די פאָטאָגראַפיעס זײַנען געווען איינע און די זעלבע: ער און טערעזאַ, ער און זײַן צווייטלינג. אין איינעם אַ בריוו איז לעם דעם אונטערשריפט צו דער צווייטער פאָטאָגראַפיע געווען צוגעשריבן מיט רויטן טינט: „איינער פון די צווויי איז דער הענקער פון סאָביבאָר גוסטאַוו וואַגנער, ווען ס'איז ווייניק בלויז טייטן". פון אַט די בריוו האָט אים באַפאַלן אַן אומדערטרעגלעכע מוירע. ס'האָט זיך אים שוין אויסגעדאַכט, אַז פון אַלע ווינקלען לויערט מען אויף אים.

ביז ס'פלעגט טונקל ווערן האָט ער זיך נאָך ווי-ניט-איז געצוווּנגען האַלטן אין די הענט. צוזאַמען מיט דער נאַכט איז די שרעק געוואַקסן. דאָס איז אין האַרטהיים גרינג געווען אײַנריידן זיך און אַנדערע, אַז זיי האָבן ניט פאַר וואָס מוירע צו האָבן, אַז די אויס-דערווײַלטע, וואָס געהערן צום „שוואַרצן אָרדען", וועלן אין וואַסער ניט דערטרונקען ווערן און קיין פײַער וועט זיי ניט נעמען, פון זיי וועלן אָפּשפּרינגען דעם סוינעס קוילן און די סנאַריאַדן וועלן פאַרקערעווען אין אַ זײַט. אין יענע באַבעמײַסעס האָט זיך געלאָזט גלייבן, ווען ער איז געווען אויסער יעדער געפאַר. איז ווער וועט אים איצט זאָגן, וואָס ער דאַרף פאַרנעמען, קעדיי אײַנהיטן דאָס לעבן?

ער האָט געפּרוּווט דערטרינקען די מוירע אין בראַנפן. די לעצטע יאָרן האָבן אים די דאָקטוירים קאַטעגאָריש פאַרבאָטן צו ניצן אַלקאָהאָל, נאָר ער האָט איצט אַלע פאַרנאַכט אײַנגענומען דעם ביטערן טראָפּן, — ס'האָט אָבער ווייניק געהאָלפן. אויך אין שווערן שלאָף איז דער אומרו ניט געשטילט געוואָרן און איין גרויל-כאָלעם, שוידערלעכער פונעם צווייטן, האָבן אים פאַרפאָלגט פון נאַכט צו נאַכט.

אין איינעם אַ פאַרנאַכט, ווען ער האָט אויסגעטרונקען אַ פּאָר גלעזלעך בראַזיליער באַשאַסו פון צוקער-ראָר, האָט ער אַפילו צום בעט זיך ניט דערשלעפּט. געבליבן זיצן אַ באַרוישטער בײַם טיש און שוין ניט באַנומען, וואָס ס'קומט מיט אים פאָר. ער האָט פּלוצעם דערהערט אַ קאָל ווי פון דער וויסטעניש זאָגט אָן, אַז ס'דערנעענטערט זיך צו אים די שאָ פון צעצאָלן זיך. דאָס בלוט, וואָס ער האָט פאַרגאָסן, ווייסט ניט פון קיין רו, קאָן ניט

שוויַיגן, איז זאָל ער זיך ניט איַינריידן, אז דאָס, וואָס די ערד האָט צוגענומען, וועט מיט דער ציַיט פאַרגעסן ווערן. די שטראָף איז אומפאַרמיַידלעך.

ער הערט דעם אָנוווּקס פון א טויבן געברום, דעם אָפּהילך פון טריט. דאָס קומען אָן די, וועמען ער האָט פאַרטיליקט. ווער האָט זיי איַין פינף און דריַיסיק יאָר ארום נאָך זייער אומקום ארויסגעהויבן פון פאַרגעסעניש? אָט זיַינען זיי שוין בא זיַין שוועל. ער שטייט ווי צוגעצוועקעוועט צו דער וואַנט. איבער אים הענגט זיַין יאַגדטאַש מיט די פּראַנדזן. ער איז שוין פון לאַנג קיין יעגער ניט. איצט יאָגט מען זיך נאָך אים. ער האָט מוירע זיך פון אָרט א ריר טאָן. באַלד וועט מען אָנווענדן צו אים די זעלבע אכזאָרישע פּיַיניקונגען, וועלכע ער האָט אַזוי גערן אָנגעווענדט צו די, וואָס ער האָט אומגעבראַכט. עס פאַרדריסט אים: זיי זיַינען שוין זייערס איבערגעקומען, און אים שטייט נאָך אַלץ פאָר. איז עפשער זאָל ער אַליין מאַכן א סאָף צו זיך? ס'איז גרינג צו זאָגן. קעדיי זיך אַנטשליסן, זיַיענדיק בא די געדאַנקען, פאָדערן זיך איַיזערנע נערוון און א קאַלטער קאָפּ. בא אים וועט דערצו קיין מוט ניט קלעקן.

זיי זיַינען שוין באַנאַנד מיט אים. באַקאַנטע פּענעמער. דאָרט, אין די טויט-לאַגערן, ווו ער האָט געוועלטיקט איבער זיי, האָט זיך אים געוואָלט, אז צו די קאַלך-אויוונס זאָלן זיי ניט גיין, נאָר פּויזען אָף אַלע פיר. זיַינען זיי פון אים געשמיסענע געפאַלן צו דער ערד אָף מער קיינמאָל ניט אופשטיין, און דאָ שטייען זיי ווידער אַלע אָף די אייגענע פיס. אַלע? ניין, דעם, וואָס פירט אָן מיט זיי, זעט ער צום ערשטן מאָל. לויט זיַינעם א צייכן שטעלן זיי זיך אויס ווי אַפן אַפּעל-פּלאַץ — לויטן וווּקס אין פיר שורענגעס.

די שטוב, לאָזט זיך אויס, איז גאָר קיין שטוב ניט. דאָ איז אַלץ ווי אין א לאַגער, צעטיילט אָף גראָדעקן. ס'איז ניט קיין צימערן, נאָר באַראַקן מיט פּענצטערלעך, פאַרגראַטעטע ווי איַיזערנע שטיַיגן. אַפילע סמאָלענע פּילט זיך דאָ. א רעגע, און וואַגנער דאַכט זיך אויס, אז ער איז נאָך אַלץ דער, וואָס געווען. קויער פאַרמאָגט ער נאָך, קעדיי יעדן פון אָט די מענטשן-געשפּענסטער פאַרשטעקן אין גאַרטל. איז עפשער זיך באַנוצן מיטן גוט אויסגעפּרוּווטן מיטל, א הייב טאָן, ווי אַמאָל די רעכטע האַנט און...

פאַרוואָס האָט ער איבערגעקלערט? זייערע אויגן פּינקלען ניט נאָר מיט האַס און צאָרן, — צו דעם איז ער צוגעווויינט, — נאָר אויך מיט גרינגע צולאָכעס-פּיַיערלעך, וואָס לאָזן זיך פאַרטיַיטשן: „אַדעראַבע, פּרוּוו, אָט דאָס טאַקע ווילן מיר". אויב אַזוי, איז בעסער זיי מיט עפּעס פאַרגיטיקן. מיט אָן אויסזען פון א קראַנקן און שוואַכינקן, וואָס איז, נעבעך, גענוג ניט אויסגעוואַקסן, וועט ער זיך שטעלן דער לעצטער אין ריי. ער האָט אריַינגעצויגן דעם קאָפּ טיף אין די פּלייצעס און קימאַט זיך צוגעזעצט אָף די קאָרטעטשקעס. אים, דעם אומגעלומפּערט-לאַנגן, האָט זיך געוואָלט פאַרוואַנדלט ווערן אויב ניט אין קיין אומבאַמערקבאַר שרעטעלע, איז כאָטש אין א קאַרליק.

דער אומבאַקאַנטער, וואָס האָט דאָ קאָמאַנדעוועט, האָט אים מיטן וויַיזפינגער אָנגעוויזן, ער זאָל אַרויסגיין אָף דער מיט פונעם אַפּעל-פּלאַץ. יאָ, אַזוי פלעגט טאַקע זיַין אין לאַגער. ס'איז געווען זיַין באַשטענדיק אָרט, און דאַך איז בעסער זיך טאַמעוואַטע מאַכן און ניט פאַרשטיין דעם באַפעל אָף שטום-לאָשן. נאָר יענער איז צו אים צוגעגאַנגען און ליַיכט, ווי וואַגנער וואָלט געווען ניט מער ווי אָן אויסגעטרייסלטער זאַק, אים אריבערגעוואָרפן אַפן מיט פּלאַץ.

איצט האָט וואַגנער זיך אָנגעשטויסן, ווער דאָס איז — ווילי שלעגעל, דער האַמבורגער דאָקער, וואָס האָט געקאָנט זיך אופהייבן אָף א טראַפּ פון א שיף מיט פיר פולע זעק אָף די אַקסלען.

— ווייסטו שוין, ווער איך בין? — האָט ווילי שלעגעל געפרעגט וואַגנערן, גליַיך ווי ער וואָלט געלייענט זיַינע געדאַנקען. — דיר איז שווער מיך צו דערקענען. האָסט מיך אין דער פינצטער א פאַרשמידטן אין קייטן דערשטיקט. נאָר געדענקען דאַרפסטו מיך. מעגלעך, אז כ'בין געווען דיַין ערשטער קאָרבן. געדענקסט ניט? וועל איך דיר דערמאָנען, ווי דאָס איז געווען.

אין צוויי כאַדאָשים ארום, נאָך דעם, ווי איר זיַיט געקומען צו דער מאַכט, איז אין דאַכאַו געשאַפן געוואָרן א קאָנצענטראַציע-לאַגער פאַר די קעגנער פון די נאַציסטן. איך האָב דאַן צו קיין שום לינקער פּאַרטיי ניט אָנגעהערט, נאָר סאָף מיַי 1933 בין איך שוין פאַרשפּאַרט געוואָרן אין דאַכאַו. פאַרוואָס? מיַינע מוסקולן האָבן מיך באַרימט געמאַכט, און איַיערע ווערבירער האָבן מיר פאָרגעלייגט ווערן א פּאַרטיי-גענאָסע. כ'האָב איבערגעלייענט דעם סטאַטוט פון דער נאַציאָנאַל-סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, און געמאָלדן די ווערבירער: איר קאָנט מיך פאַרשריַיבן, אָבער אַלס איַיערן א קעגנער.

אין קאַרצער האָט מען מיך אײַנגעזעצט, ווײַל איך האָב זיך אָפּגעזאָגט צו זײַן א קאַפּאָ. קיין באַפעל צו דערשטיקן מיך האָסטו פון קיינעם ניט באַקומען. האָסט געדינט אין געסטאַפּאָ, נאָר קיין דירעקטער אויספילער פון דער אַקציע „אייטהאַנאַזיע" ביסטו נאָך ניט געווען. דאָך, זײַענדיק אַליין בלויז א גאַסט אין צוכטהויז, האָסטו געבעטן א דערלויבעניש מיך אָנצולערנען.

— שלעגעל, — האָסטו מיר געזאָגט, — אויב דו ביסט מסכּים שלאָגן אַנדערע, וועלן מיר זיך מיט דיר מאָרגן טרעפן, אויב ניט...

בא וואַגנערן איז פאַרקילט געוואָרן דאָס בלוט אין די אָדערן. צעכוואַליעטע קרײַזן האָבן א פלייץ געטאָן פאַר די אויגן, און ער האָט זיי פאַרשטעלט מיט די דלאָניעס: „גאָט מײַנער, וואָס וועט זײַן? קיין געווער האָבן זיי ניט, נאָר זיי וועלן דאָך מיך באַלד דערשטיקן, ווי איך שלעגעלן, אָדער אָט ווי זיי שטייען האַנט בא האַנט מיך האַקן און בראָקן".

ווידער פרעגט ווילי שלעגעל:

— דו אָנערקענסט, אַז ניט קיין אַנדערער, נאָר דו האָסט מיך אַף טויט דערשטיקט? אַפילע דער קאָמענדאַנט, וואָס איז דערבײַ געווען, האָט דיר געזאָגט, אַז דו ביסט ניט קיין מענטש, נאָר א קנויל פון ווילדער בייזקײַט.

— יאָ, הער שלעגעל, איך האָב אײַך דערשטיקט.

— און ווי האָט זיך ווײַטער אַנטוויקלט דײַן קאַריערע?

— אינעם צעטל פון דער קאָמאַנדע, וואָס האָט געדאַרפט רעאַליזירן די ריינהאַרד-אָפּעראַציע, בין איך געווען איינער פון די ערשטע.

— מיט וואָס לאָזט זיך עס דערקלערן?

— מיסטאָמע דערמיט, וואָס כ'האָב גוט באַהערשט דעם ספּעציעלן לערן-קורס און פאַרמאָגט א רײַכע פּראַקטיק פון דורכפירן עקזעקוציעס.

— מיט וואָס האָסטו זיך פאַרנומען אין פּוילן ביז סאָביבאָר?

— קיין סאָביבאָר בין איך אָנגעקומען דעם 28 אַפּרעל 1942, נאָר אויך ביז דעם בין איך געווען אין גלאָבאָטשניקס רעשוס. אונדזער קאָמאַנדע, וואָס איז באַשטאַנען פון צוויי און נײַנציק מאַן, איז געשיקט געוואָרן קיין טראַווניקי. דאָרט האָט מען אונדז אײַנגעטיילט אין דרײַ גרופּעס — פאַר די לאַגערן אין בעלזשעץ, טרעבלינקע און סאָביבאָר. אין איינער פון אָט די גרופּעס האָב איך אָנגעפירט מיט די קורסן פון פּראַקטישן מאָרד, ניט אָנווענדנדיק קיין געווער און קיין טעכנישע אויסשטאַטונג.

— וואָס מיינט עס טעכנישע אויסשטאַטונג?

— גאַז-קאַמערן.

— אַף וועמען האָט איר פּראַקטיקירט?

— צוערשט אַף פּוילישע און דערנאָך אַף סאָוועטישע קריגס-געפאַנגענע.

— דערקענסטו דאָ עמעצן פון זיי?

— יאָ, אָט דעם, אַשטייגער, וואָס שטייט לעבן אײַך. איך בין אָפּגעגאַנגען מיט שוויס, ביז כ'האָב מיט אים פאַרענדיקט. ער האָט געדינט בא דער גרענעץ. א רוס, נאָר גוט געקענט דײַטש. געווען א דאָרפסלערער ביז דער אַרמיי.

— דאָ געפינען זיך דרײַצן מאַן פון סאָביבאָר. אין די גאַז-קאַמערן זײַנען זיי ניט געווען. מיט וועמענס הענט איז בא זיי אָפּגענומען געוואָרן דאָס לעבן?

— מיט מײַנע, הער שלעגעל, מיט מײַנע.

— באַנאַנד מיט זיי שטייען קינדער און מאַנאַכן. ווען, ווו און ווער האָט זיי אומגעבראַכט?

— דאָס איז געווען אין דעקאַבער 1942. צופעליק האָב איך זיך דערוווּסט, אַז אין א מאָנאַסטיר, ניט ווײַט פון ביאַליסטאָק, געפינען זיך געשמאַדטע ייִנגלעך, וועלכע די מאָנאַכן היטן אויס. אין דער שפּיץ פון א גרופּע עסעס-לײַט האָב איך זיך געלאָזט אַהין. די מאָנאַכן האָבן מיר אַפן אָרט דערשאָסן, און די ייִנגלעך — אין א ריוו, עטלעכע קילאָמעטער ווײַטער.

נאָך א קליינער פּאַוזע איז דער פאַרהער פאָרגעזעצט געוואָרן:

— ווו האָט געוווינט טערעזאַ שטאַנגל, ווען איר מאַן איז געווען דער קאָמענדאַנט פון סאָביבאָר?

— ניט ווײַט פונעם לאַגער. אין א פּאָסעסיע, בא אַן אָזערע, וועלכע מיר האָבן אָנגערופן פּישגוט.

— פאַרוואָס האָט אויך שטאַנגל זיך ניט גענומען קיין אַנדער פאַמיליע-נאָמען?

— אַף דעם פּאָדערט זיך א געהעריקע דערלויבעניש פון די קערפּערשאַפטן, ווו מיר געפינען זיך אפן דיסקאַנט. פאַר דער פאַמיליע מענדעל איז מיר אויסגעקומען צו באַצאָלן גאַר א היפּשע סומע, כאָטש כ'קאַן ביז היינט זיך צו אָט דער פאַמיליע ניט צוגעוווינען.

— איצט איז עס שוין ניט וויכטיק. דער אורטייל וועט אויסגעטראַגן ווערן ניט מענדעלן.

שלעגעל לאָזט זיך גיין איבער די רייען פון איין מענטשן צום צווייטן. עפּעס פרעגט ער בא יעדן פון זיי, און גלייך קומט דער ענטפער. מע זעט, אז די מענטשן זיינען זייער אופגערעגט. לויט די ליפּן דערקענט מען, אז זיי שרייען, אָבער ער הערט ניט וואָס. צי דען טראָגן זיי אַרויס דעם אורטייל איבער אים, וואַגנער? וואָס זשע איז די פּולע, וואָס ער האָט דערציילט דעם עמעס? אבי ער האָט געמיינט, אז ער וועט זיך דערמיט א ביסל אויסקויפן בא זיי. די לעצטע האָפענונג איז פאַרשוווּנדן. עס הייבט מיט אים אָן צו וואַרפן, ווי אין פיבער. אוואַדע האָבן זיי אים פאַרמישפּעט צום טויט.

שלעגעל קערט זיך אום אפן מיט פּלאַץ. ער מעלדעט:

— דער מישפּעט איבער דיר ווערט אַף א צייט אָפּגעלייגט. אלע זיינען מיר איינ-שטימיק, אז פאַר דיר איז דער טויט וויניק. נאָר פריער ווילן מיר אויסהערן, ווי עס וועלן דיך מישפּעטן די היינטיקע ריכטער.

פאַר זיי איז, הייסט עס, וויניק זיין טויט. זיי ווילן אים נאָך ביז דעם מאַטערן, פּייניקן. ער טוט זיך א וואַרף צו שלעגעלן, וויל צופאַלן צו זיינע פיס, וויינען, בעטן, נאָר יענער פאַרשווינדט פּלוצעם. אלץ אַרום ווערט פאַרזונקען אין כאַשכעס, און נאָר אן אליאַרם-גלאָק האַלט אין איין קלינגען...

אויב ער האָט אַף אן עמעס זיך אופגעכאַפּט פון שלאָף, איז איצט שפּעטע נאַכט. אין שטוב איז פינצטער. ער זיצט אָנגעשפּאַרט דעם קאָפּ אין שרייבטיש און ניט ווייס פון אים קלינגט אָן אופהער דער טעלעפאָן. דאָס געפיל פון פאַרורטיילטקייט אַנטרינט ניט, און דער פּאַכעד שפּאַרט נאָך אלץ צום האַלדז. דאָך שטרעקט ער אויס די האַנט און נעמט אַראָפּ דאָס טעלעפאָן-טרייבל. שוין דאָס ווייפלטע מאָל רופט טערעזא אָן זיין נאָמען, און בא אים זיינען נאָך אלץ פאַרשנורעוועט די ליפּן. זי האָט ניט דערוואַרט זיך, ביז ער וועט אָנרופן זיין נאָמען, און אַריינגעשריגן אין טעלעפאָן:

גוסטאַוו, דו הערסט מיך? אין עטלעכע שאָ אַרום פאַר איך אָפּ! פּינקטלעך, ווען איך וועל זיך אומקערן, ווייס איך נאָך ניט.

דאָ האָט ער ניט אויסגעהאַלטן און א פאַרביטערטער זיך פאַרקלאָגט פאַר איר:

— אליין פאַרסטו אוועק, און מיך לאָזסטו איבער מיט שלעגעלן.

— וואָס פאַר א שלעגעל? און פאַרוואָס האָסטו זיך אזוי לאַנג ניט אָפּגערופן?

— קום גלייך צו פאָרן צו מיר, איך וועל דיר אלץ דערציילן. פאַר זיך האָסטו ניט וואָס מוירע צו האָבן. דאָס איינציקע, וואָס כ'האָב אים דערציילט וועגן דיר, איז נאָר, אז דו האָסט א צייט געלעבט אין פּישגוט.

— דו ביסט פון זינען אַראָפּ? ווער האָט דיך געשלעפּט פאַר דער צונג? קומען קאָן איך ניט. שיק מיר גאַנצפרי אַרויס אפן אָפּגערעדטן אַדרעס א געניגעם בריוו. דו הערסט מיך? ביז כ'וועל דיין בריוו ניט באַקומען, וועל איך זיך ניט אומקערן און וועל דיר ניט קלינגען...

ס'האָט נאָך לאַנג געדויערט ביז וואַגנער האָט זיך דערוועגט איינשליסן די שיין. ער האָט זיך גענעצט שרייבן דעם בריוו טערעזן, נאָר ס'האָט אים נאָך געכידעשט, וואָס אין שטוב איז אלץ ווי שטענדיק, ער איז איינער אליין און קיינער פאַרהערט אים ניט און מישפּעט אים ניט.

מיטן אָנבראָך אַף טאָג האָט ער זיך אַרויסגעשלייכט פון דער שטוב, פאַרשלאָסן די טירן, דעם טויער פון הויף און זיך געלאָזט אַף דער מאַשין קיין סאַן-פּאַולו. ער איז פאַר-ביי-געפאָרן די געביידע פון דער פּאָליצײ-פאַרוואַלטונג, נאָר אָפּשטעלן די מאַשין און אַרי-בערטרעטן די שוועל האָט אים נאָך עפּעס ניט געלאָזט. אין א דערבייאיקן קאַפע, וווהין ער איז אַריין עפּעס איבערבייסן, האָט ער אַריינגעקוקט אין די פרימאָרגנדיקע צייטונגען. אין איינער פון זיי, אַף דער ערשטער זייט, האָט ער ווידער דערזען די באַקאַנטע פאָטאָגראַ-פיעס — ער און זיין צווייטלינג. אין דעם מאָמענט איז געקומען דער ענדגילטיקער באַשלוס.

באַם פּאָליצײ-קאָמיסאַר האָט זיך אויסגעגעבן א פאַרהעלטנישמעסיק פרייע שאָ, און געשטימט איז ער געווען ניט שלעכט, האָט ער געדולדיק אויסגעהערט דעם פריַען באַזוכער, וואָס האָט זיך אָנגערופן מענדעל.

— איך לייען, — האָט ער באוויזן די צײַטונג, — אז מע זוכט איינעם א גוסטאוו פראנץ וואגנער, און באנאנד מיט זײַן פאָטאָגראפיע האָט מען פארעפנטלעכט מײַנע. קרימינאליסטן, גלייב איך, קענען לײַכט פעסטשטעלן, ווער איז ווער. שוין א צײַט, ווי איך פיל, אז מע פארפאָלגט מיך. יענע, וואָס האָבן כעזשבוינעס מיט וואגנערן, קאָנען מיך אומברענגען אָנשטאָט אים, דערפאר בעט איך, די פאָליציי זאָל מיך נעמען אונטער איר שוץ.

מענדעל האָט זיך ניט געלאָזט באַרויִקן און געפריעלט, מע זאָל אים נעמען אונטער דער וואך, ווי דאָס זאָל זײַן א פאָרגעריכטלעכער ארעסט.

צו די צײַטונגס-לײַט איז די נײַס וועגן מענדעלס ארעסט גאנץ גיך דערגאנגען, און אייניקע פון זיי איז דערלויבט געוואָרן זיך טרעפן מיט אים. אוואדע האָט ער געלייקנט, אז אים איז ווען-ניט-איז אויסגעקומען אָנטיילצונעמען אין דער אויסראָטונג פון דער יידישער באפעלקערונג. אין סאָביבאָר, האָט ער דערקלערט, איז ער א קורצע צײַט יאָ געווען, נאָר פארנומען האָט ער זיך דאָרטן אויסשליסלעך מיט בויען געבײַדעס פארן לאגער-פערסאָנאל און פאר די ווארשטאטן, ווו די ארבעטער-קאָמאנדעס האָבן באדארפט רעמאָנטירן געווער. וואָס שײַך טרעבלינקע, איז אים אפילע אזא נאָמען אומבאקאנט.

נאָך דעם, ווי די צײַטונגען האָבן פארעפנטלעכט דעם דאָזיקן געשפרעך, איז וואגנער געווען גענייגט צו פארלאָזן זײַן פרײַוויליקע געפענקעניש, אָבער דאָ האָט אין איינעם א טאָג, איינעם פאָליציי-באצירק, ווו ער איז געזעסן, אָן אן ארויסרוף זיך באוויזן אין דער באגלייטונג פון זשורנאליסטן א „פריוואטע פערזאָן" — דער געוועזענער סאָביבאָרער קאצעטניק סטאניסלאוו שמײַזנער, און שוין פון זײַנע ערשטע ווערטער „א גרוס, גוסטל!" איז וואגנערן קלאָר געוואָרן, אז דאָס מאָל וועט אף זיכער פעסטגעשטעלט ווערן זײַן עמעסער נאָמען. „א גרוס, גוסטל!" — אזוי פאמיליער האָבן זיך געקענט צו אים ווענדן ניט מער ווי צוויי-דרײַ עסעס-אָפיצערן, און בלויז אין סאָביבאָר. דער יוועליר שמײַזנער האָט עס געוווסט, ווײַל זיי פלעגן אָפט באזוכן דעם ווארשטאט, ווו ער האָט געארבעט. וואגנער האָט פארגעדענקט שמײַזנערס באווײַזן קעגן שטאנגלען און איצט, דערזעענדיק אים, האָט ער אף אזויפיל זיך פארלאָרן, אז ער האָט אָנגעווירן דעם קאָנטראָל איבער זיך. באנאנד מיט דער פאָטאָ, אף וועלכער ס'איז באוויזן דער מאָמענט, ווען שמײַזנער ווענדט אָפ מיט צוויי פינגער וואגנערס רעכטע האנט, זײַנען אין דער פרעסע פארעפנטלעכט געוואָרן די ווערטער, וואָס וואגנער האָט געזאָגט דעם קאצעטלער: „נאָך דאן, ווען דו האָסט איידעס געזאָגט קעגן שטאנגלען, האָבן מיר זיך געקליבן דיך פארניכטן, נאָר דערנאָך האָבן מיר באשטימט צוווארטן. איצט וועלן מײַנע פרײַנט מאכן אן ענדע מיט דיר".

די עקס- און נעאָ-נאציסטן האָט אופגעבראכט דער פאקט, וואָס פון אָנהייב אָן גיט וואגנער זיך ניט אָפ קיין כעזשבן, וואָס ער טוט און וואָס ער רעדט. וואָס פאר א געפערלעכע גענג פאר דער פארמאסקירטער נאציסטישער באוועגונג קאָן מען נאָך פון אים דערווארטן?

אין ווײַטן וועג

דינסטיק, דעם 30 מײַ 1978, קאיאָר — אמסטערדאם האָט זיך נאָך ניט אופגעכאפט פון שלאָף — איז שוין בערעק געווען אפן אעראָפאָרט. ער האָט אומזיסט געאײַלט. דער רייס קיין בראזיליע איז אָפגעלייגט געוואָרן אף העכער א שאָ. א שאָד. ס'האָט זיך ניט אײַנגעגעבן א ביסעלע לענגער פארהאלטן פייגעלעס פאָנעם אין די הענט.

די צווייטע האלבע נאכט זײַנען זיי קימאט ניט געשלאָפן. די רייד האָבן זיך ניט געלאָזט אויסשעפן.

— האָסט אמאָל צוגעזאָגט, — האָט פייגעלע אים דערמאָנט, — אז מיר וועלן קיינמאָל ניט זײַן איינער אין ליסי, דער צווייטער אין סטריסי, איז וואָס זשע איז ווידער דיר ארײַן א מאנקאָליע אין קאָפ און ס'טראָגט דיך אף יענער זײַט וועלט? דײַן גליק, וואָס דער קאס איז מיר שוין איבערגעגאנגען, פאר אלע מײַנע לײַדן האָט גאָט מיך געבענטשט מיט ליבע. פאָר, און זאָל זײַן אין א גליקלעכער, אין א מאזלדיקער שאָ! נאָר וויפל איז דער שיר? לויט מיר נאָך, וועט מען דיך אָן אָט דער נעסיע אויך ניט קענען טאָדלען, אז דו האָסט

דײַן כּוויוו ניט אויסגעפּילט. פֿאַר מיר האָסטו זיך ניט וואָס צו זאָרגן. קענסט דאָך מיך. אַוואַדע וועל איך אָפּט קלינגען וואַנדלען. זעסט דאָך, ווי איך האָב זיך געלאָזט אײַנריידן פֿון אים און כּ׳פֿאַר אויך ניט דיך באַגלייטן. זײַ געזונט, — האָט זי אַ שעפּטשע געטאָן און מיטן גאַנצן קערפּער זיך אַ צי געטאָן צו אים.

קלערט ער וועגן פֿייגעלען, פֿילט ער, ווי עס נעמט אים דורך אַ וואַרעמע כוואַליע פֿון צערטלעכקייט.

אין באַגינג האָט ברעק זיך באַקוועם אײַנגעמאָסטעט אין ווייכן שטול באַם אילומינאַטאָר און, ניט וואַרטנדיק, ביז מע וועט דערמאָנען, צוגעשפּיליעט די רימענס. פֿון יענער זײַט אילומינאַטאָר האָט געטריפֿט אַ רעגנדל. אַ שטויס, נאָך אַ שטויס. דער געברום פֿון מאָטאָר איז זיך פֿאַרגאַנגען אין אַ געשריי. די מאַשין האָט ווי מיט גוואַלד זיך אָפּגעריסן פֿון די בעטאָן־פּליטעס, זייער גיך אַרויסגעזוכט צווישן די וואָלקנס אַ ליכטיק אינדזל און זיך אַוועקגעטראָגן אַף מײַרעוו. די גאַנצע צײַט אַף מײַרעוו.

בערעקן דאַכט זיך, אַז דער לײַנער שטייט אַף איין אָרט. די מאָטאָרן האָבן געמעמען רוישן אַלץ שוואַכער און שוואַכער. אין סאַלאָן קומט אַרויס די סטיואַרדעסע און מעלדעט:

— כאַשעווע דאַמען און הערן! אונדזער פֿלוג קומט פֿאָר אַף אַ הייך פֿון עלף טויזנט מעטער. די שנעלקײַט — טויזנט קילאָמעטער אַ שעה. די טעמפּעראַטור פֿון יענער זײַט באָרט — 68 גראַד.

דער פּאַסאַזשיר, וואָס זיצט פֿאַר בערעקן, קערעוועט אויס צו אים דעם קאָפּ און פֿרעגט בייז:

— וואָס 68 גראַד?

בערעק טוט אַ לײַכטן שמייכל:

— נידעריקער פֿון נול, נאַטירלעך.

— דאָס, — דערקלערט דער בייזער פּאַסאַזשיר מיט אַ קאָל, וואָס דערלאָזט ניט קיין דערווידערונגען, — פֿאַרשטיי איך אַליין, נאָר זאָגן האָט דאָס באַדאַרפֿט געווען די סטיואַרדעסע. זי באַקומט דערפֿאַר גוט.

בערעק שווײַגט. עס ווילט זיך ניט פֿאַרפֿירן מיט דעם פֿאַרשוין. נאָך אַזאַ באַקאַנטשאַפֿט ווילט זיך, ס׳זאָל זיך פֿליען נאָך גיכער ווי סע פֿליט זיך. ער מאַכט צו די אויגן. דערמאָנונגען און ראיוינעס שווימען אָן און שווימען אָפּ.

און אָט איז געקומען די צײַט צו לאַנדן. אַלץ און אַלע אין סאַלאָן, און אַפֿילע דאָס זון־העזל אַפֿן ברייטן מעטאַלענעם פֿליגל, האָבן גענומען זיך הוידען און וואַקלען. עפּעס האָט דער פּילאָט גענישטערט ביז ער האָט געפֿונען דאָס פּאַסיקע אָרט, וווּ דער וועג איז פֿאַר אים אָפֿן. מיט זײַן גאַנצן קויעך האָט דער באַגינג זיך אַ לאָז געטאָן אַהין. עס האָבן גענומען זיך אויסטיילן בערג, פֿאַרוואַקסענע מיט וואַלד, עס האָבן זיך באַוויזן די פֿאַרגלאָזטע ווײַטן פֿונעם אָקעאַן. די מאַשין האָט שאַרף זיך אַ קערעווע געטאָן און אַלץ האָט זיך איבערגעמישט. נאָר אָט זעט מען שוין, ווי דאָס וואַסער קנייטשט זיך. נאָך נידעריקער — ווי עס וויגן זיך די שוימיקע כוואַליעס, וויגן זיך און ס׳שפּרייט זיך דער ברעג מיט זײַן זאַמדיקער נאַקעטקײַט.

לעאָן גראָס

דער צווישנפֿעלקערלעכער אַעראָפּאָרט גאַליאַאָ, הינטער ריאָ־דע־זשאַנייראָ, האָט בעערעקן פֿון דער ערשטער מינוט איבעראַשט מיט זײַן בונטן פֿיל־פֿעלקערדיקן אוילעם. אומעטום איז געווען אָנגעשפּיקעוועט מיט פּאַסאַזשירן. די מערהײַט, האָט זיך געלאָזט דערקענען, טוריסטן. ניט אומזיסט גיט די רעקלאַמע אַף הונדערטער שפּראַכן צו וויסן דער וועלט, אַז ריאָ איז די שענסטע שטאָט אַף דער פּלאַנעטע. פֿאַר די לאַנגע שאָען, וואָס בערעק איז געווען אין וועג, האָט די זון זיך פֿאַרקליבן העכער און גענומען שײַנען שטאַרקער. אַף בראַזיליער ערד האָט זיך געשטעלט אַ שטיקנדיק־הייסער טאָג. בערעק האָט זיך געלאָזט אויספּילן די נייטיקע פֿאָרמאַליטעטן. באַם אַרויסגאַנג פֿונעם צאָל־אַמט האָט אַף אים געוואַרט לעאָן גראָס. בערעק האָט אים דערקענט לויט וואָנדעלס באַשרײַבונג. אַן עלטערער, עלעגאַנט

געקליידטער מאַן. אַ גרויִ פּירעקעכיק בערדל. בלויע ברילן. אין דער לינקער האַנט אַ בוך אין גרינע טאַוולען. אויך יענער האָט לויט וואַנדעלס סימאָנים גלײַך דערקענט ברעקן און זיך געלאָזט צו אים.

אַף יעדנפאַל האָט ברעקן זיך געוואָלט איבערצײַגן:

— הער גראָס?

— יאָ, יאָ, הער שלעזינגער. לאָמיר זײַן באַקאַנט. איר זײַט געקומען צו דער רעכטער צײַט. הײַנט, דאַכט זיך, וועלן מיר האָבן צו פאַרצייכענען גוטע נײַס. ביטע, אין מאַשין. ס׳איז מײַנע, — האָט ער באַוויזן מיט אַ ברייטן זשעסט. — באַלד וועלן מיר פאַרכאַפּן אַ וועג אַף דער עסטאַקאַדע.

ברעקן האָט זיך אָוועקגעזעצט באַנאַנד מיט גראָסן, און די מאַשין האָט גערירט פון אָרט. ס׳איז געווען שווער אָפּצורײַסן די אויגן פונעם זוניק-בלענדנדיקן יאַם, וואָס האָט זיך געצויגן לענגויס דעם וועג.

גראָס האָט זיך געפּרוּווט פאַרבײַטן ברעקן אַ גיד:

— הער שלעזינגער, טוט, ביטע, אַ קוק אויך אַף רעכטס און באַקענט זיך מיט אונדזערע בערג. פּרעכטיק, ניט עמעס? ווײַטער גייען זאַוואַד-קאָרפּוסן. די לופט געפעלט ניט? זי איז דאָ שטענדיק אַזאַ, אָנגעזאַפּט, צום באַדויערן, מיט שוועבל-וואַסערשטאָף. פאַרמאַכט דאָס פענצטערל. באַלד וועט איר זיך ווידער שפּיגלען אין יאַם און אין די בערג. ריאָ פאַרנעמט אַ ביז גאָר שמאָלן פּליין באַם ברעג און די באַרג-שיפּוים, וואָס רינגלען אַרום די בוכטע. דער פלאַכער טייל איז שוין פון לאַנג פאַרנומען, און די שטאָט וואַקסט, קלעטערנדיק איבער די בערג אין דער הייך.

זיי זײַנען געפאָרן פאַרבײַ אַן אַ שיר פּירסן מיט הייבקראַנען, שיפן, דערנאָך פאַרקערעוועט אַף רעכטס און אַרויס אַף דער הויפּט-גאַס. דער געפיל איז געווען אַזאַ, ווי דו וואָלסט אַרײַן אין אַ טיפן שפּאַלט-טאָל, פונוואַנען עס סטאַרטשען ביז צו די סאַמע וואָלקנס ווענט פון גלאָז און בעטאָן.

צום ערשטן מאָל אין לעבן האָט ברעקן זיך פאַרקליבן אַזוי ווײַט פון זײַן היים. די שפּראַך פון לאַנד קען ער ניט. קיין באַקאַנטע האָט ער ניט. פיל פון דעם ווי עס וועט זײַן מיטן איניען, צוליב וועלכן ער איז געקומען אַהער, וועט אין אַ גרויסער מאָס זײַן אָפּהענגיק פון גראָסן, וואָס וועט מיסטאָמע זײַן ניט נאָר זײַן גיד, נאָר דער איינציקער, מיט וועמען מע וועט זיך קענען אָן אייצע האַלטן. עמעס, קיין סאַן-פּאַולו, וווּהין, אייגנטלעך, ער, ברעקן, דאַרף איצט טרעפן, וואָלט ער זיך געקאָנט דערקלײַבן אויך אַליין, נאָר אַלציינס איז ער געווען דאַנקבאַר גראָסן, וואָס ער האָט אים באַגעגנט.

אין צענטער איז אויסגעקומען באַוועגן זיך מיט דער מינימאַלסטער שנעלקײַט, און גראָס האָט באַמערקט, מיט וואָס פאַר אַ נײַגעריקע בליקן שלעזינגער קוקט זיך אײַן אין די פּילצאָליקע ביכער-קראָמען.

— צי וויל ניט הער שלעזינגער דערקענען מײַן מאַגאַזין? — האָט ער שפּאַסנדיק אַ פרעג געטאָן.

ברעקן האָט זיך צעלאַכט:

— איך מיין, אַז בײַ אַ געלעגנהײַט וועט איר אים מיר ווײַזן. איך האָב ליב ביכער. מיט דער „קרענק” האָב איך זיך אָנגעשטעקט, ווען ס׳איז מיר אויסגעקומען צו וווינען אין דײַטשלאַנד. ס׳איז מיר אַפילע איינמאָל געלונגען צו זײַן אַפן לײַפּציקער ביכער-יאַריד, נאָר דאַן בין איך געווען אַן אָרעמער סטודענט און געקאָנט בלויז מיט קינע נאָכשפּירן, ווי אַנדערע קויפן דאָס, וואָס זיי געפעלט.

— האָט איר דערמאָנט לײַפּציק, קאָן איך ניט בײַשטיין דעם ניסאָיען און וועל זיך אַ באַרים טאָן מיט מײַן אָפּשטאַמונג. מײַן זיידע איז געווען זיכער, אַז אונדזער פאַמיליע שטאַמט פון יענעם לײַפּציקער בוכהענדלער גראָס, וואָס האָט אין 1595 אַרויסגעגעבן דעם ערשטן ביכער-קאַטאַלאָג. דערוווּדערן אים איז געווען געפערלעך. פאַר מיר האָט איר ניט וואָס מוירע צו האָבן, נאָר מאַכט כאָטש אָן אָנשטעל, אַז איר גלייבט מיר. עפּשער וועלן מיר מיט אײַך קענען האָבן אַ באַזוך צו די היגע בוקיניסטן. כאָטש ווער ווייסט, צי וועט אײַך קלעקן צײַט אַף זיך אומקערן קיין ריאָ.

גראָס האָט אַ קוק געטאָן אַפן זייגער, אָנגעכמורעט דעם שטערן און, אויסזוכנדיק אַן אָרט, ווו אָוועקצושטעלן די מאַשין, געזאָגט:

— באלד וועלן מיר באטרעטן דעם בארימטן פליאזש פלאַמענגאָ. דאָ באַנאַנד שטייט דער דענקמאָל די אומגעקומענע מיליטערלײַט פונעם בראַזיליער עקספּעדיציע־קאָרפּוס, וואָס האָט זיך געשלאָגן קעגן די נאַציסטן. באַ פינף הונדערט מאַן זײַנען אומגעקומען. זייערע אַלעמענס נעמען זײַנען אויסגעקריצט אויף די שטיין־פּליטעס.

דער דענקמאָל דערמאָנט אַ ריזיקן לײַכטער אויף צוויי הויכע זײַלן. לינקס פונעם לײַכטער — דרײַ פיגורן: אַ סאָלדאַט, אַ מאַטראָס און אַ פּליער. זיי שטייען מיט די פּלייצעס צום יאָם און מיטן פּנים צום הימלקראַצער, ווו עס בלאַנקט די עמבלעמע פון דער מײַרעוו־דײַטשישער אויטאָמאָביל־פירמע „מערסעדעס־בענץ”. רעקלאַמע...

גראָס איז אוועק עמעצן אָנקלינגען. בלויז נאָך דעם געשפּרעך, האָט ער געזאָגט בערעקן, וועט קלאָר ווערן, צי קאָנען זיי זיך פאַרהאַלטן דאָ אין שטאָט און איבערנעכטיקן, אָדער זיי וועט אויסקומען הײַנט נאָך פאָרן קיין סאַן־פּאַולו.

זאָגן, אַז גראָס מאַכט אַן אײַנדרוק פון אַ פאַרבאָרגענעם, אומדורכדרינגלעכן מענטשן, וואָלט געווים געווען ניט ריכטיק. גיכער פאַרקערט. דאָך מײַדט ער דערווײַל אויס צו ריידן וועגן טאָך פונעם איניען, צוליב וועלכן בערעק האָט געמאַכט די דאָזיקע ווײַטע נסיעה. פון וואַנדלען האָט בערעק געוווּסט, אַז גראָס געהערט צו יענעם טייל אָרנטלעכער דײַטשישער אינטעליגענץ, וואָס האָט, לײַדער מיט אַ פאַרשפּעטיקונג, נאָר זיך געכאַפּט, וואָס דער נאַציזם שטעלט מיט זיך פאָר. אים און אייניקע זײַנע כאַווײרים, וועלכע האָבן גענומען אַן אַקטיוון אָנטייל אין דער ליבעראַל־בורזשואַזער פּאַציפיסטישער באַוועגונג, האָט מען אַרעסטירט.

פאַרהאַלטן האָט מען אים אין ווײַמאַר און אַנגעטראָפן האָט ער קיין בוכענוואַלד. ביז דאַן האָט ער קיין אַנונג ניט געהאַט, אַז דאָ געפינט זיך איינער פון די גרעסטע און גרויזאַמסטע קאָנצענטראַציע־לאַגערן אין דײַטשלאַנד. פינף מענטשן האָבן זיי זיך געפּרוּווט אַנטלויפן, נאָר געראַטעוועט האָט זיך ער איינער. אים איז געלונגען זיך דערקלײַבן קיין בערן, ווו די אָנהענגער פון פּאַציפיזם האָבן פאַרמאָגט ניט קיין גרויסן פאַרלאַג. גראָסן האָט מען פאַרגעלייגט — זיך באַטייליקן אינעם אַרויסגעבן ליטעראַטור. פון אָט דער אַרבעט האָט ער זיך אָפּגעזאָגט. דאַן איז לעאָן גראָס געווען אַ יונגערמאַן. ער האָט זיך געגעבן דאָס וואָרט: ביז עס עקזיסטירט דער פאַשיזם, וועט ער אַקטיוו מילכאָמע האַלטן קעגן אים.

מיט אַ צײַט צוריק האָט ער באַזוכט זײַן היימשטאָט קיל. פון דאָרט האָט ער געשריבן וואַנדלען:

„די הײַנטיקע „ברוינע” זײַנען אייניקלעך פון די אַמאָליקע און פאַרמאָגן, ווי ווילד ס׳איז ניט, באַ די צען ביכער־פאַרלאַגן, גיבן אַרויס עטלעכע און זעכציק צײַטונגען און זשורנאַלן. היטלערס „מײַן קאַמף” ווערט דאָ אין קיל פאַרשפּרייט מיטן אויסרייד, אַז ס׳איז אַן אַנטיקווארער בוך. אין היגן אוניווערסיטעט האָב איך אײַנגעהאַנדלט אַ „זשעטאָן”, וואָס ווערט אָפן פאַרשפּרייט דורך דעם סטודענטן־ראַט. אויפן זשעטאָן איז אויסגעקריצט אַ פרוי און אַ מאַנצבל. די פרוי האַלט אין איין האַנט אַ פאָן מיט אַ האַקנקרייץ, אין דער צווייטער — אַ בוך מיט אַ האַקנקרייץ אויפן טאָוול. באַם מאַנצבל אַן אָרעמבאַנד, ווידער מיט אַ האַקנקרייץ. די מערהײַט סטודענטן און פּראָפעסאָרן פּראָטעסטירט קעגן דער נאַציסטישער פּראָפּאַגאַנדע, נאָר ווי עס טײַטשט דער שלעזוויג־האָלשטיינער אַדמיניסטראַטיווער געריכט קאָן עס קיינער ניט פאַרבאָטן... ווער זשע, פרעגט זיך, אויב ניט מיר, זײַנען מעכוייעוו צו קעמפן מיט די, וואָס זײַנען ביז איצט געטרײַ היטלערן?”

גראָס קערט זיך אום. ער האָט זיך ניט דערקלונגען, צו וועמען ער האָט געדאַרפט. בערעק קוקט זיך אײַן אין זײַן פּנים. דאָס געזונט באַ זײַן נײַעם פרײַנט וואָלט געמעגט זײַן אין אַ בעסערן צושטאַנד. עס געבן אים אויס די פאַרוויטלטע אויגן. לענגלעכע, שמאָלע, קוקן זיי אַרויס ווי דורך שפּאַלטן. די בלוילעך־בלאַסע ליפּן באַהאַלטן אויס אַן איראָנישן שמייכל.

דאָס מאָל פאָרן זיי מיט דער אויטאָסטראַדע ריאָ—סאַן־פּאַולו. פון אַ פלעשעלע אָן אַן עטיקעטקע נעמט גראָס אַרויס צוויי טאַבלעטקעס און שלינגט זיי אײַן מיטאַמאָל. מוז שוין בערעק פרעגן:

— ווי פילט איר זיך, הער גראָס?

— אַזוי זיך, מיטלמעסיק, און אַלץ דערפאַר, — צעשמייכלט ער זיך, — וואָס איך האַלט אין איין אָפּלייגן מײַן רײַזע קיין פאַריזש.

— וואָס עפּעס פאַריזש?

— כ'האָב געמיינט, אַז וואַנדעל האָט אײַך אַלץ דערציילט וועגן מיר. שוין יאָרנלאַנג, אַז כ'לײַד פֿון שלאָפֿלאָזיקייט, און אין פּאַריז, זאָגט מען, איז פֿאַראַן אַ פֿירמע, וואָס אַרבעט אויס אײַנוויגנדיקע מאַטראַצן...

אַ פֿריילעכער מענטש גראַס! בערעק האָט אויפֿגענומען דעם שפּאַס און זיך הויך צע־לאַכט.

— אָ, מײַן גאָט! אויב איר וועט אַזוי זיך אויפֿירן בײַ פֿראַו טערעזאַ שטאַנגל, וועלן אַפֿילו מײַנע רעקאָמענדאַציעס קיין ווערט ניט האָבן. כאָטש, ווער ווייסט?

— הער גראַס, איר מיינט, אַז כ'דאַרף זיך באַקאַנען מיט טערעזאַ שטאַנגל?

— איך בין אין דעם זיכער, נאָר מעגלעך עס וועט אײַך אויסקומען צוּוואַרטן.

— לאַנג וואַרטן קאָן איך ניט.

— און איך מיין, אַז ס'לוינט. טערעזאַ שטאַנגל האָט אַ פֿאַרדאַכט, אַז איר ערשטער מאַן איז געשטאָרבן ניט פֿון קיין האַרץ־אַטאַקע, נאָר ווײַל מע האָט אים אָפּגעסאַמט און זי וויל ניט, אַז עפּעס ענלעכס זאָל זיך איבערכאַזערן מיט וואַגנערן.

— וואָס פֿאַר אַ שײַכעס קאָן עס צו מיר האָבן?

— אַ דירעקטע. זי זוכט שוין לאַנג אַ גוטן דאָקטער, צו וועלכן קיינער פֿון די אַלטע און נײַע נאַציסטן זאָל קיין צוטריט ניט האָבן. אײַער נאָמען איז איר באַקאַנט. דער ערשטער, וועמען האָט איר דערציילט וועגן אײַך, איז געווען יאָאַכים גאָלשטיך. אויב אים גלייבן, האָט ביז אײַך קיינער ניט געקענט פֿעסטשטעלן דעם דיאַגנאָז פֿון זײַן קרענק, און ווען ניט איר, וואָלט ער פֿון האַגען ניט אַרויס קיין לעבעדיקער. פֿאַר אים און פֿאַר טערעזען איז פֿאַרבליבן אַ רעטעניש בלויז דאָס, וואָס איר האָט ניט גענומען קיין האָנאָראַר פֿאַרן וויזיט. ס'איז אויך ניט אויסגעשלאָסן, אַז טערעזאַ ווייסט אַפֿילו, אַז איר זײַט אַ ייִד, נאָר קיינער האָט איר נאָך ניט אָפּגעטראָגן, אַז איר זײַט געווען אַ קאַצעטניק אין סאָביבאָרער טויט־לאַגער. יאָ, זי רעכנט אויס אויף אײַך.

בערעק האָט זיך דערפֿילט געטראָפֿן.

— צי דען מיינט זי, און, אַגעוו, איך איר, אַז כ'וועל זיך אונטערנעמען היילן וואַג־נערן?

— זי האַלט, אַז אויב גוט באַצאָלן, קאָן מען אַלץ און אַלעמען קויפֿן. און אַז איר אַלס אַ דאָקטער וועט וואַגנערן קיין שלעכטס ניט טאָן — דאָס, ווי איר פֿאַרשטייט, קאָן איך גאַראַנטירן. זעלבסטפֿאַרשטענדלעך, אַז שטאַנגל וועט זיך אַליין ווענדן צו אײַך מיט איר פֿאָרשלאָג. דאָס איז שוין מײַן דײַגע. הײַנט נאָך וועל איך איר צו וויסן געבן, אַז איר זײַט דאָ. וואָס קוקט איר אויף מיר אַזוי, ווי איר וואָלט זיך ערשט דערוווּסט, צוליב וואָס איר זײַט געקומען אַהער? אַגיע האָט אײַך דען ניט געהאַלטן אין קורס פֿונעם איניען, ניט דערקלערט אין וואָס עס גייט דאָ? קיין סייכל, דאַכט זיך מיר, דאַרף ער בײַ קיינעם ניט לײַען. ווי מיינט איר?

— ניין, ער דאַרף ניט, נאָר איך מיין, אַז ער אַליין האָט ניט געוווּסט, ווי ווײַט עס האַלט. וואַנדעל האָט מיר בלויז געזאָגט: „מעגלעך אַפֿילו, אַז פֿראַו טערעזאַ שטאַנגל וועט זײַן געצוווּנגען אײַך, בערנאַרד, מיט עפּעס־וואָס אַנטקעגנקומען". דאָס איז געווען נאָך ביז מע האָט אים אָפּערירט, ווען ער איז געווען זיכער, אַז פֿאַרן וועלן מיר אינצווייען. דער זאָג האָט מיך שטאַרק פֿאַרכידעשט, נאָר איבערגעפֿרעגט האָב איך ניט. ערשט איצט הייב איך אָן צו פֿאַרשטיין, וואָס איר האָט פֿאַרטראַכט.

— יאָ, דאָס איז רעאַל.

— אָבער מיר דוכט, אַז וועגן מײַן קומען דאַרף מען נאָך טערעזען ניט זאָגן. ס'איז דאָך ניט אויסגעשלאָסן, אַז מיר וועט אויסקומען זײַן דער ערשטער אײדעס, וואָס וועט באַשטעטיקן, אַז וואַגנער איז וואַגנער.

— אויב אַזוי, פֿרײַנט מײַנער, ווייסט איר דאָך גאָרניט. די ענגלענדער זאָגן: „בײַ אַלטע זינד זײַנען די שאָטנס לאַנג". וואַגנערן גייען נאָך לאַנגע שאָטנס. איר זײַט איינער פֿון זיי, נאָר דער ערשטער איז שוין געווען. דאָס איז סטאַניסלאַוו שמײַזנער. אין קיין צווייטן בײַטיקט מען זיך דערווײַל ניט. און אויב מע וועט זיך בײַטיקן, וועלן זיך אויסזוכן באַלאָנים אָן אײַך. טערעזאַ ווייסט, אַז אין דעם, וואָס וואַגנער האָט זיך אַרײַנגעכאַפּט, פֿאַר־מאָגט זי אַ היפּשן כײלעק. אָפּיציעל זײַנען זיי ניט פֿאַרהייראַט, נאָר אויף דער עלטער האָט זיך בײַ זיי אַזוי צעברענט די ליבע, אַז וואַגנער האָט פֿאַרגעסן וועגן פֿאָרזיכטיקייט. בײַסן אויג אויף אויג שטעלן מיט שמײַזנערן האָט וואַגנער זיך דערלויבט אַזוינס, וואָס ער קאָן דערפֿאַר טײַער באַצאָלן. פֿאַר די אַכט און צוואַנציק יאָר, וואָס ער איז אין בראַזיליע, האָט ער

זיך באַגעגנט מיט צענדליקער מילכאַמע-פאַרברעכער. ווי אַ לייַבוועכטער האָט ער באַגלייט שטאַנגלען קיין באָליוויע אָפּן צוניפּקום פון די נאַציסטן אין לאַטייַן-אַמעריקע. אָנגעפירט האָט דאָרט יאָזעף מענגעלע. וואַגנער איז געווען דער איינציקער, פון וועמען שטאַנגל האָט ניט פאַרמאָגט קיין סודעס. דעם רעעסטער פון וואַגנערס פאַרבינדונגען מיט פאַרשטייער פון דער אונטערערדישער פאַשיסטישער הירארכיע וואָלט מען געקענט ווײַטער פירן. איצט פאַרשטייט איר, פאַרוואָס טערעזא נייטיקט זיך אין אַ „פרעמדן" דאָקטער? וואָס צו טאָן, אַז פון מאָל צו מאָל מען צו וואַגנערן צולאָזן ניט נאָר דעם טפּיסע-דאָקטער, נאָר אויך דעם דאָקטער, וואָס זי האָט אַראָפּגעבראַכט, — דאָס דאַרף מען טערעזען ניט לערנען. באַ איר, זאָלט איר וויסן, לאָזט זיך אַלץ אייַנאָרדענען. הייַנט האָט זי זיך געקליבן קומען קיין ריאָ און מיט דער הילף פון אייַנפלוסרייַכע לייַט זיך דערשלאָגן פאַר וואַגנערן אַ פּרעסע-קאָנפֿערענץ מיט היגע און אויסלענדישע זשורנאַליסטן.

ס'איז ניט בערעקס טעווע איבערשלאָגן יענעם די רייד, דאָך האָט ער ניט אויסגעהאַלטן און געפרעגט:

— אַזאַ קראַפט פאַרמאָגט זי?

פירנדיק מיט איין האַנט די מאַשין, האָט גראַס מיט דער צווייטער האַנט אַראָפּגעלאָזט דאָס דעכעלע פון דער ווינט-שויב, און די זון האָט אופגעהערט לייגן שייַן-פלעקן אויף זייַן פּנים.

— איר, פאַרשטייט איך, וואָלט געוואָלט, — האָט ער געענטפערט בערעקן, — אַז פאַר דער צייַט, וואָס מיר דאַרפן נאָך זייַן אין וועג, זאָל איך אייַך אויספירלעך אַלץ וועגן איר דערציילן. ס'וואָלט ניט געשאַט, ווייל אויב איר וועט זי ניט דערשאַצן, קאָן עס זייַן פאַר אייַך געפערלעך. אָבער אַפילו אין אַלגעמיינע שטריכן איז עס שווער אויסצופילן. ווייניק-יוער עס קענען אַזוי גוט טערעזא שטאַנגל, ווי איך. שילדערן פרוי שטאַנגל איז גאָר ניט אַזוי פּאַשעט. אין די יונגע יאָרן איז ניט אַזוי גרינג געווען בייַצושטיין קעגן איר צויבער. זי האָט געקענט לייַכט פאַרפירן, פאַרבלענדן. ענערגיע האָט איר דעמלט ניט אויסגעפעלט און איצט אווודע ניט. אויף וואָס פאַר אַן אויפן און מיט וועלכע הינטערגעדאַנק זי ווערט זיך דאָס מאָל דערשלאָגן אירס, ווייס איך נאָך ניט. אויף אַרומגיין די געזעצן זייַנען באַ איר אַלע מיטלען גוט. טערעזא אַליין גלייבט ניט שטאַרק אינעם ווידערגעבורט פון פאַשיזם. פאַרקערט, זי וואָלט געוואָלט וואָס ווייַטער אַפּגיין פון דער קאָמפּאַניע און אויף דער עלטער געניסן פון אירע קאַפּיטאַלן, אָבער אויף אַרויסראַטעווען איר גוסטן ווערט זי קיין גאָלדענע רענדלעך ניט זשאַלעווען.

בערעק האָט געלאָזט פאַלן אַ באַמערקונג:

— די פּרעסע-קאָנפערענץ פעלט איר, מיר דוכט, איס נאָר ווי אַ צייכן פון דער צייַט.

— דאָ, הער שלעזינגער, האָט איר איבערגעכאַפּט די מאָס. אומזיסט און אומגעניש באַליידיקט איר טערעזען. עס פאָדערט זיך גרינטלעך אַרייַנדרינגען אין טאָך פון דער זאַך. די קאָנפערענץ איז איר נייטיק, קעדיי וואָס מער מענטשן זאָלן הערן, אַז וואַגנער איז פאַר-בליבן טרייַ זייַנע פריערדיקע פּרינציפּן און זייַנע לייַט ניט אויסגעבן. אַזאַ רעאַבילטאַציע איז פאַר איר בײַ גאָר וויכטיק. און ניט נאָר דערפאַר, וואָס זי וויל וואַגנערן ניט שטעלן אין געפאַר. זי איז שטאַרק אָנגעשראָקן. נאָר וואַגנערן קאָן מען זיך דערקלייַבן צו איר. דאָס איז פאַר אייַך אומדערוואַרט? באַ אונדז איז אויך אַזוינס מעגלעך. מיט איין וואָרט: טערעזא וויל, אַז וואַגנער זאָל זיך אופירן, ווי שטאַנגל, ווען ער האָט זיך אַרייַנגע-כאַפּט אין פאַסטקע. זיי האָבן שטענדיק אייַנער דעם אַנדערן פון איגע ניט אַרויסגעלאָזט, איז זאָל וואַגנער אויך איצט נאָכפאָלגן שטאַנגלען.

שוין אין סאַן-פּאַולו, פאַר דעם ווי בערעק האָט אַריבערגעטראָטן די שוועל פון נעם האָטעל, האָט אים גראַס געזאָגט:

— באַ טערעזען, גלייב איך, ווערט זיך שאַפן אַ מעגלעכקייַט, איר זאָלט זיך דערוויסן עפּעס נייַס וועגן שטאַנגלען און עפּשער וועגן נאָך עמעצן פון די אַנטלאָפענע. ניט וויסנדיק אַלץ וועגן שטאַנגלען, איז שווער נאָכשפּירן וואַגנערס וועג און אים פולקום דעמאַסקירן. קלאָר, אַז אַלץ, וואָס מיר איז באַוווּסט און קאָן אייַך צוניץ קומען, וועט איר אויך וויסן. איצט אָבער דאַרפט איר זיך גוט אויסשלאָפן. קיין אייַנוויגנדיקן מאַטראַץ קאָן איך אייַך ניט פאַרלייגן, נאָר אַ פּאַשעט שלאָפמיטל האָב איך באַ זיך. איר ווילט ניט? גוט טוט איר. איך האָב פאַרגעסן, אַז אין פאַרגלייַך מיט מיר זייט איר נאָך אַ יונגערמאַן. אַ גוטע-נאַכט, הער שלעזינגער, אַ גוטע...

די ווילע אויף פּריי גאַספּאַר-גאַס

אינעם צעטל פֿון די מלחמה-פֿאַרברעכער

בערעק ווישט אָפּ די געדיכטע שוויס-טראָפּנס אויפֿן פּנים. וויפֿל איז פֿאַרבײַ, זינט ער האָט פֿאַרלאָזט אַמסטערדאַם? שיר ניט אַן אייביקייט. אין אַעראָפּלאַן האָט ער אַ דרעמל געטאָן, נאָר דאָס האָט אים ניט אָפּגעפֿרישט. ער וועט זיך פּרוּוון וועגן גאָרניט קלערן. ביז גראָז וועט ניט קומען נאָך אים, וועט ער שלאָפֿן. ס'איז גרינג צו זאָגן. אין אַ שאָ—צוויי אַרום איז ער ווידער געלעגן מיט אָפֿענע אויגן און די געדאַנקען האָבן זיך אַלץ געדרייט אַרום טערעזאַ שטאַנגל און איר מאַן.

פֿראַנץ שטאַנגלען האָט מען אַרעסטירט אין 1967. וועגן דעם, ווי דאָס איז געשען, זײַנען אַרומגעגאַנגען צוויי ווערסיעס.

די ערשטע: העכער פֿיר שאָ זײַנען די אַגענטן פֿון דער בראַזיליער געהיים-פּאָליציי געזעסן אין אַ באַהעלטעניש באַם הויז נומ. 377 אויף דער פּריי גאַספּאַר-גאַס און געדולדיק געוואַרט, ביז שטאַנגל איז אויף זײַן בײַיִבקן „פֿאָלקסוואַגען" צוגעפֿאָרן און זיך אָפּגעשטעלט לעם זײַן שטוב. אין דעם מאָמענט, ווען ער האָט געוואָלט אַרויסגיין פֿון דער מאַשין, האָבן זיך די אַגענטן אויף אים אַרופֿגעוואָרפֿן און אָנגעטאָן האַנט-קייטלעך.

די צווייטע ווערסיע: מע האָט נאָכגעשפּירט שטאַנגלס טאָכטער, און ווען זי האָט איינמאָל שפּעט אין אָוונט זיך פֿאַרהאַלטן, האָט דער פּאָליציי-קאָמיסאַר אָנגעקלונגען שטאַנגלען אַהיים און אים געבעטן דרינגענדיק קומען אין שפּיטאָל. מיט מיטגעפֿיל האָט ער אים דערקלערט, אַז דאָרט געפֿינט זיך איצט זײַן טאָכטער, וואָס האָט שווער געליטן בײַ אַן אויטאָ-מאָביל-קאַטאַסטראָפֿע. ווײַטער קאָן מען זיך אָנשטויסן, וואָס ס'איז פֿאָרגעקומען. נאָכטשאַטע-יוען שטאַנגלען איז די אַגענטן אויסגעקומען באַם אַרײַנגאַנג אין שפּיטאָל, ווו זיי האָבן אים אָנטוואָפֿנט.

דאָס מאָל מעג מען גלייבן טערעזען. איר פֿאָלדי האָט מיט זיך קיין געווער ניט געהאַט, און קיינער האָט אים ניט פֿאַרשמידט אין קייטן.

מיט נאָך מער געשפּאַנטקייט ווערט דערציילט, וויאַזוי מע האָט שטאַנגלען דעמאַסקירט. וויכטיק אָבער איז, וואָס קיינער וואָלט אים ניט באַדאַרפֿט געוועזן זוכן. מישפּטן האָט מען אים געקענט און באַדאַרפֿט גלײַך נאָך דער מלחמה, און דאַן וואָלט ער ניט געלעבט פֿראַנק און פֿרײַ אין גרויס וווילטיק ביז העכער 62 יאָר.

שוין נאָך סאָביבאָר איז שטאַנגל געוועזן דער קאָמענדאַנט פֿון טרעבלינקע. דעם 2 אויגוסט 1943 איז דאָרט אויסגעבראָכן אַן אופֿשטאַנד, און די, וועמען מע האָט זיך געקליבן פֿאַרניכטן, האָט זיך אײַנגעגעבן אונטערצינדן דעם לאַגער.

די דערשיטערנדיקע נײַעס וועגן אופֿשטאַנד אין טרעבלינקע האָט ניט באַוויזן אַלט ווערן, ווי ס'איז געקומען אַ נײַע: סאָביבאָר איז אופֿגעשטאַנען. דאָס איז געווען, ווי אַ דונער אינמיטן העלן טאָג. אַזוינס האָט זיך בײַ קיינעם פֿון די נאַציסטן אין קאָפּ ניט פֿאַרטויפֿעט. און טאַקע, ווער-וועמען האָט עס באַזיגט? קלאָר, אַז שטאַנגלען, וואָס איז געווען דער שעפֿער פֿון אָט די צוויי מוסטערהאַפֿטע טויט-לאַגערן און האָט זיך דערמיט אַזוי איבערגענומען, האָט עס ניט געקאָנט אָפּגיין גלאַט. דאָס איז געווען ניט מיט דער האַנט אָוועקצומאַכן. מיטאַמאָל איז געוואָרן אויס מיט זײַן „גוטן" נאָמען, און ניט נאָר הימלער, נאָר אַפֿילו דער פּאָליציי-גענעראַל אָדיליאָ גלאָבאָטשניק, וועלכער האָט יאָרלאַנג פּראָטעזשירט שטאַנגלען, האָט זיך אָפּגעזאָגט אים אויפֿנעמען.

שטאַנגל האָט פֿאַרשטאַנען, אַז זיך פֿאַרלאָזן ביז מע וועט זיך דערמאָנען אין זײַנע אַלטע פֿאַרדינסטן איז ניטאָ וואָס. גיכער פֿון אַנדערע אָפֿיצערן, וועלכע האָבן געהאַט אַ שײַכעס צו די לאַגערן, איז ער אַרויס פֿונעם הינערפֿלעט. אין יוגאָסלאַוויע, האָלאַנד, ווו מע האָט געקענט דערנאָך ווײַטער פֿירן דעם רעשטער פֿון זײַן אַכזאָריעס, איז ער גרייט געוועזן פֿון דער הויט אַרויסקריכן, אַבי זײַן „נאַטשאַלסטווע" זאָל וועגן אים ווידער דערהערן, נאָר, זעט אויס, ס'איז געקומען די צײַט, ווען דער גליקלעכער שטערן איז פֿאַרגאַנגען ניט נאָר

פאר אים איינעם. פראנץ שטאנגל האָט געוואָרט אַף אַן ארויסרוף קיין בערלין, און אים איז באַפוילן געוואָרן קומען קיין טריִעסט אין רעשוס פונעם אָנפירער פון די שטראָף-אַטריאַדן, וועלכע האָבן באַדאַרפט פארניכטן די פּאַרטיזאַנער. דאָרט האָט ער געטראָפן אַדיליאַ גלאָבאָטשניק, כריסטיאַן ווירטן, גוסטאַוו וואַגנערן און נאָך איבער הונדערט אָנגעזעענע עסעסאָווצעס, וועלכע האָבן געדינט אין די טויט-פאבריקן. אָט דאַן איז בא אים אופגעקומען א געדאַנק, אַז מע האָט זיי צונויפגערופן ניט בלויז קעדיי פּאָטער ווערן פון די פּאַרטיזאַנער, נאָר אויך פון זיי, די געוועזענע לאַגער-פירער. אין קנאַפּע דרײַסיק יאָר אַרום, געפינענדיק זיך אין דיסעלדאָרפער טפיסע, האָט ער וועגן דעם עפנטלעך דערקלערט.

שטאַנגל האָט ניט געקענט פארגעסן סאָביבאָר, טרעבלינקע, און אין די געוועזענע אָקופּירטע לענדער, באַזונדערס אין פּוילן, האָט מען ניט געוואָלט און ניט געקאָנט פארגעסן אין שטאַנגלען. ווי נאָר די מילכאָמע האָט זיך פארענדיקט, האָבן די פּוילישע געריכט-אָרגאַנען געמאָלדן אַף גאָר דער וועלט, אַז פראַנץ-פּאָול שטאַנגל ווערט געזוכט, און מישפּעטן דאַרף מען אים דאָרטן, וווּ ער איז באַגאַנגען זײַנע הויפּט-פארברעכנס.

בערעק האָט פון זיך אַראָפּגעוואָרפן דעם ליַילעך, אָבער אַלציינס איז ער אָפּגעגאַנגען מיט שווייס, און ס'האָט אים אַן אופהער געהאַקט אין די שלייפן, ווי מע וואָלט אויסגעפּאָמפּעט די לופט פונעם צימער, האָט ער ניט געהאַט מיט וואָס דעם אָטעם איבערכאַפּן. נאָך אַזאַ נאַכט וועט אים דער קאָפּ ניט וועלן דינען, און ער מוז געדענקען אַלץ, וואָס ער ווייסט וועגן שטאַנגלען און וואַגנערן. אָבער דערווײַל וועט ער זיך צווינגען קלערן וועגן עפּעס אַנדערש, וועגן אָנגענעמס.

ערגעץ אינדערווײַטנס האָבן גרילצנדיקע קלאַנגען זיך געאַמפּערט מיט דער נאַכטשטילקייט. סאַן-פּאַולו איז איינע פון די גרעסטע שטעט אין דער וועלט. ביזן קומען אַהער האָט בערעק ניט געקאָנט פארשטיין, פארוואָס שטאַנגל, וואַגנער און זייער גלײַכן האָבן זיך באַזעצט אין סאַמע אינדוסטריעלן שטאַט פון לאַנד. אויסרעכענען, אַז צווישן אַזאַ אַרבעטער-אוילעם וועלן זיך געפינען פיל סימפּאַטיקער, האָט מען ניט געקאָנט. אָבער דערפאַר זײַנען דאָ אײַנגעגלידערט געוואָרן צענדליקער גרויסע אונטערנעמונגען און בענק, וואָס זייערע אייגנטימער שטאַמען פון דײַטשלאַנד.

גראָס האָט דערציילט בערעקן, ווי פיל פון אָט די „גאָלדשפּינער” זאָרגן ביז הײַנט וועגן די מילכאָמע-פארברעכער. ווײַטער האָט ער אים דערקלערט, אַז אַפן דאָרעם-מיזרעכדיקן פלאַכלאַנד, וואָס אין שטאַט סאַן-פּאַולו, וווינען העכער אכצן מיליאָן מענטשן. אויסזוכן עמעצן אין אַזאַ יאַם איז גאָר ניט אַזוי גרינג. דערצו שטערט מען עס צו טאָן. אין דער לאַנדווירטשאַפט פארנעמען דעם אויבנאָן רײַכע ערדבאַזיצער, וועמען ס'אינטערעסירט בלויז איינס: פּראָפיט. צוליב דעם דאַרפן זיי ארויסבאַקומען וואָס מער קאַווע, צוקער-ראָר, בוימוואָל פארן עקספּאָרט, קוקורוזע, באָב און ציטרוס-געוויקסן פארן אינערלעכן מאַרק. מיט וועמעס הענט די אַרבעט וועט אָפּגעטאָן ווערן — איז זיי קיין נאַפקעמינע ניט. א היפּשע צאָל געוועזענע אופזעער פון די דײַטשישע קאָנצענטראַציע-לאַגערן האָבן זיך ווידער אָנגעדונגען פאר אופזעער. נאָר איצט שוין צו די רײַכע פריצים און לאַטיפונדיסטן.

אינגיכן וועט אָנהייבן טאָגן און מעגלעך הײַנט נאָך וועט אים אײַנלאַדן צו זיך טערעזאַ שטאַנגל. בייסן טעלעפאָן-געשפּרעך מיט פייגעלען האָט ער איר געגעבן וועגן דעם אָנצוהערן, נאָר ס'האָט זי ניט פארינטריגירט. זי האָט עס אָנגענומען פאר א שפּאַס, געענטפערט: „גיי שוין גיי...”. באַלד וועט ער שטאַרקער צומאַכן די אויגן און זיך פרווון דערמאָנען.

...דאָס איז געווען סאָף מאַרט 1948. דער ווינטער און דערנאָך די קאַלטע רעגנס זײַנען שוין אָפּגעטראָטן. דער פרילינג האָט צעוורשט א שפּאַר געטאָן פונעם הימל, דערנאָך פון דער ערד. אין דרויסן האָט געשטראָמט מיט וואַרעמקייט. אַזוי, דאַכט זיך, קומט עס שטענדיק פאָר, נאָר קיין צוויי אַלציינע פרילינגן האָט נאָך בערעק אין זײַן לעבן ניט געהאַט. פייגעלע איז דאַן געלעגן אין שפּיטאָל. די געפאַר איז פארבײַ. זי האָט זיך פאריכט, דאָס קלייד, וואָס איז פריִער אַף איר געהאַנגען, האָט גענומען פלאַצן אין די נאָטן. מע האָט זי שוין באַדאַרפט אויסשרײַבן. בערעק און סטאַניסלאַוו קניעווסקי, וועלכער האָט שוין דעמלט געאַרבעט אין דער פּוילישער מיסיע איבער די אָנגעלעגנהײַטן פון די קריגס-פארברעכער, זײַנען געקומען צו איר אין פּאַלאַטע, און זי, א שײַנענדיקע, טאַקע גאָר ווי א פרימאָרגנדיקצעעפנטע רויז, האָט זיי אויסגעשטרעקט ביידע הענט. לויטן פּאָנעם דערקענט מען, געווויינלעך, די קרענק און דאָס גליק, נאָר אויך פריִער, ווען די סאַקאָנע איז געווען אַף אַזויפיל גרויס, אַז ס'איז קימאַט ניט פארבליבן קיין אָרט פאר האָפענונג, אויך דעמלט פלעגט בערעק אין איר אָנוועזנהײַט אויסבאַהאַלטן זײַן פּאַכעד און ניט ארויסווײַזן קיין מינדסטן סימען פון באַאומרויִקונג. „מיט רעפּועס, — האָט ער איר געזאָגט, — שמעקט דאָ אַפילע פון די, וואָס

קלײַבן זיך מאָרגן צו דער כאַסענע". — און ווײַטער געצויגן פון זיך גוטע, באַרויִקנדיקע ווערטער.

אויך דאָס מאָל האָט זיך פּײַגעלען געוואָלט הערן גוטע נײַעס. אַזוי, זעט אויס, איז שוין אין דעם מענטשנס טעווע, און קאַניעווסקי האָט זיי איר אַנטקעגנגעטראָגן.

— הײַנט האָב איך גערעדט מיט אַ מענטשן, וועלכער האָט געזען שטאַנגלען און וואַגנערן שוין נאָך דער מילכאָמע. באַ די אַמעריקאַנער אין געפאַנגענשאַפט זײַנען זיי געווען. ווו זיי האָבן זיך דערנאָך אַהינגעטאָן, ווייסט ער ניט, און דאָך קאָן עס אונדז העלפן אין ווײַטערדיקן זוכן. אָף צו אַרעסטירן שטאַנגלען האָבן מיר אַרויסגעשיקט אַ צווישנפעלקער-לעכן אָרדער נאָך מיט אַ צײַט צוריק. די קאָמיסיע פון די פאַרייניקטע נאַציעס האָט אים איינעם פון די ערשטע אײַנגעשלאָסן אין צעטל פון די מילכאָמע-פאַרברעכער, נאָר צו די אַמעריקאַנער איז עס קלוימערשט ניט דערגאַנגען. איצט וועלן מיר אַרויסשיקן אַן אָרדער אָף וואַגנערס אַרעסט.

פּײַגעלע האָט אַ ציטער געטאָן און בלייך געוואָרן.

— פּאַני קאַניעווסקי, איר ווייסט, וואָס איך וועל אײַך זאָגן? אויב אַפילע זיי וועלן עס דערהערן, איז בלויז מיט אַ שפּיץ אויער, קעדײַ דערנאָך פאַרפירן אַ ריידאַרניע. פאַר מיר איז גענוג דערהערן זייערע נעמען, כ'זאָל אָנהייבן ציטערן, און זיי? אַ גוויר באַ אַ גוויר וועט זיך שטענדיק אויסקויפן. אין גאַנג וועט אַוועק שאַכער-מאַכער, און פאַר דער וועלט וועט מען אויסזוכן פוילע טערוצים.

ערשט איצט זעט מען, ווי פּײַגעלע איז געווען גערעכט. אין סאַמע פּינטעלע געטראָפן.

ניט דאַן, ווען די מאַזלדיקע ראָד האָט זיך פאַר שטאַנגלען פאַרהאַקט, ניט נאָך דער אַלגעמיינער מאַפּאָלע האָט ער זיך קיינמאָל ניט געקליבן אַרײַנשטעקן דעם קאָפּ אין טליִע-שטריק. וואָס יאָ? ער האָט זיך צעשיידט מיטן בערשטעלע וואָנצעס ווי באַם פּיורער און זיך אָפּגעגעבן אין געפאַנגענשאַפט צו די אַמעריקאַנער. ס'איז בעשום-אויפן ניט צום באַנעמען, פאַרוואָס די אויספאָרשונג און דאָס זאַמלען מאַטעריאַלן וועגן אים האָט זיך אַזוי לאַנג פאַר-צויגן. דאַכט זיך, קעגן פאַרשטאַנד, נאָר ס'האָט זיך באַקומען, ווי עמעצער זאָל אין אַ פאַר-גרעסער-גלאָז קוקן אָף אַ רויפּע און דערבײַ וועלן אָפּלייקענען, אַז מע זעט אַ לענגלעך האָריק באַשעפעניש מיט אַ סאַך פיסלעך. די אַמעריקאַנער איז פון אָנהייב אָן קלאָר געווען, וואָס פאַר אַ העכט ס'איז אַרײַנגעפאַלן אין זייערע הענט.

ווען שטאַנגל איז באַשטימט געוואָרן אַלס קאָמענדאַנט פון סאָביבאָר, האָט ער פאַר זײַן ערשטן שטעלפאַרטרעטער אויסגעקליבן וואַגנערן. אין טרעבלינקע — דאָס זעלבע. איינער דעם צווייטן האָבן זיי פאַרטרויט דאָס סאַמע פאַרבאָרגנסטע. די מערהײַט עסעסאָווצעס אין אָט די צוויי טויט-לאַגערן זײַנען געווען דערצויגלינגען פון דער שול פאַר אויסאַרבעטן נײַע מעטאָדן פון מאָרד. די שול האָט זיך געפונען אין עסטרײַך, אינעם שלאָס האַרטהיים באַ לינץ.

איינער פון די פאַרורטיילטע, וואָס האָט געזאָלט אויסגענוצט ווערן אין האַרטהיים אַלס „לערן-מאַטעריאַל", איז געווען דער געוועזענער עסטרײַכישער קאַנצלער האָרבאַך. האָרבאַכן האָט געראַטעוועט זײַן פערלדיקער קסאַווו און זײַן קענען אַריפמעטיק. מע ווייסט ניט, ווער ס'האָט זיך צו דעם דערטראַכט, נאָר פאַרן עקס-קאַנצלער האָט זיך געפונען אַ שטעלע אין דער לאַגער-קאַנצעלאַריע. עפשער טאַקע דערפאַר האָט דער פאָרשטייער פון דער עקסטרא-דיציִאָנערער סעקציע באַם הויפּט-שטאַב פונעם אַמעריקאַנער מיליטער, יודזשין פושער, פאָרגעלייגט, אַז מע זאָל שטאַנגלען אַרויסגעבן ניט דער רעגירונג פון פאָלקס-פוילן, ווו ער האָט אומגעבראַכט זיבן הונדערט טויזנט מענטשן, נאָר עסטרײַך, ווו ער האָט זיך קלוימערשט פאַרנומען בלויז מיט טעאָריע, און אויב געפײַניקט און דערשטיקט, זײַנען עס געווען דײַ-טשישע און עסטרײַכישע קאָמוניסטן און סאָציאַל-דעמאָקראַטן. באַווײַזן? ביטע, האָט דאָך שטאַנגל געקענט אומברענגען דעם געוועזענעם קאַנצלער און פונדעסטוועגן האָט ער עס ניט געטאָן.

דאָס פאָרל — שטאַנגל און וואַגנער — האָט מען אין ווין לאַנג ניט פאַרהאַלטן. מיט פרעמדע עלנבויגנס האָבן זיי זיך דורכגעשלאָגן אַ וועג. אָן אָרט האָט מען פאַר זיי צוגע-קליבן אַ פּאַסיקס — לינץ, ווו זיי האָבן אַפילע מיט פאַרמאַכטע אויגן געקאָנט טרעפן אָף יעדער באַליביק שטעגל. דאָרט האָט שוין געוואַרט אָף זיי טערעזאַ שטאַנגל (דאַן איז זי געווען אַ מאָגערינקע, אַ בלאַסע). אין לינץ האָט זיך שטאַנגלען און וואַגנערן געלעבט ניט שלעכט. פון קאַמער האָט ניט געשפּאָרט קיין קעלער-פאַרדומפּנקײַט, ווען מע פילט לעבע-דיקערהייט דעם טאַם פון קייווער, און שלאָפן איז ניט אויסגעקומען אָף קיין זאַק שטרוי.

ווידער האָט זיך אַף כאַדאָשימלאַנג פאַרצויגן די אויספאָרשונג. אפן געזונט האָבן ביידע ארעסטאנטן ניט געהאט וואָס צו קלאָגן זיך, און ניט קעגן זייער ווילן האָט מען זיי פון מאָל צו מאָל געפירט ארבעטן אין היגן מעטאלורגישן זאוואָד. קיין געפאר „פאלן אין די האָלאָבליעס" האָט זיי ניט געדראָט. פאר מעזומען געלט זײַנען שטענדיק געווען באלאַנים אויספילן זייערע ארבעט-נאָרמעס. אנטלויפן האָט מען געקאָנט, נאָר צוליב וואָס, אויב צענדליקער אָנגעזעענע נאציסטן האָבן שוין דאָ ווידער זיך צוגעשלאָגן צו ביז גאָר וויכטיקע שליסל-פּאָזיציעס, און מיטאמאָל אזא אליארם-סיגנאל: דער פּאָרשטייער אין לינץ פון דעם אונטערערדישן גאנגסטער-טרעסט „אָדעסא", וועלכער האָט זיך פארנומען מיט אריבערפירן נאציסטן אין אנדערע לענדער, האָט באקומען פון ווין שטאנגלס א פּאָטאָגראפיע פון פאר דער מילכאָמע נאָך. ניט אין קיין קורצע סאטינענע הייזלעך, נאָר ס'זײַנען נאָך ניט אָפּגעווישט די יוגנט-שפּורן, און אייַנצײַטיק איז שוין קאָנטיק, ווי עס שנײַדט זיך אים א פליך. אליין שטאנגל האָט ניט פארגעדענקט, ווען און ווו די פּאָטאָגראפיע איז געמאכט געוואָרן. וויכטיק איז געווען — בא וועמען זי איז געפונען געוואָרן. בא אן אויסלענדערן מיט א טיפּיש פּוילישן אקצענט. זי איז געקומען קיין ווין פון פּאריזש און זיך נאָכגעפרעגט אפן שלאָס הארטהיים, האָט מען פאר דער צײַט, וואָס די פרוי האָט געגעסן מיטיק און געמוזט ליידן די זיסע מאָנירלעכקײַט פון א באיאָרטן קעלנער, זיך שטילערהייט א גריבל געטאָן אין אירע זאכן און געפּאקט די פּאָטאָגראפיע.

דאָ איז שוין געווען פון וואָס זיך איבערשרעקן. אויב אזוי, איז ער ניט זיכער מיטן לעבן. און וואָס וועט זײַן מיט טערעזען, מיט די קינדער? אַף זיי קאָנען אויך קומען אָבלאַוועס, זי קאָן מען אויך אינטערנירן, דעפּאָרטירן? מיט וואָס זײַנען זיי שולדיק? מעגלעך, א האָר איז אָפּגעגאנגען, און ער וואָלט געווען בא די פּאָליאקן אין די הענט. דאָס ארויסקוקן אַף דער שרעק פארמערט זי, ער איז שוין אין די נעכט ניט געשלאָפן. עס האָבן בא אים גענומען ציטערן די בלאָוולעכע אָנגעשוואָלענע בײַטעלעך אונטער די אויגן. ווי א כײַע אין שטײַג איז ער שאָענוויַיז ארומגעלאָפן הין און צוריק איבער דער קאמער, זוכנדיק אן אויסוועג. דאָס ערשטע, וואָס דער געפאנגענער פראנץ שטאנגל האָט פאָרגענומען, איז געווען זיך ווענדן צו דער טפיסע-אדמיניסטראציע, זי זאָל פארשטארקן די וואך. אפילע דעם הונטס קייטל האָט שוין פאר אים געקלונגען באַרויקנדיק.

אין דרײַסיק יאָר ארום, מיט עטלעכע טעג צוריק, ניט אין לינץ, נאָר אין סאן-פּאולו, האָט גוסטאוו וואגנער אָנגעווענדט די זעלבע קונצשטיק.

פראו טערעזא

אוואדע דארף א מעדיקער שטענדיק גרייט זײַן קומען צו הילף מענטשן, נאָר אז אין בערנארד שלעזינגערן וועט זיך נייטיקן פראנץ שטאנגלס פרוי און גוסטאוו וואגנערס געליבטע — אזוינס האָט בערעקן קיינמאָל אפן זינען ניט געקאָנט קומען. טערעזען, זאָגט מען, איז ניט אזוי גרינג ארויסשלאָגן פון זאָטל, דאָך האָט וואגנערס ארעסט זי אַף א צײַט געפּלעפּט. זי וועט זיך ארומקוקן און פארשטיין, אז דאָקטער שלעזינגער איז ניט דער, וועמען זי דארף. אויב ס'וועט אזוי געשען, וועט ער פאר קיינעם ניט דארפן זיך פארענטפערן. אַף דינסט איז ער בא קיינעם ניט, אויב ער האָט א כויוו, איז עס נאָר דער כויוו פאר זײַנע דערמאָרדעטע עלטערן, פארן ברודער, פאר די שוועסטער, פאר ריגען און מיליאָנען אומגעבראכטע. אַף זײַן אייגענער אכרײַעס טוט ער, וואָס דאָס געוויסן זאָגט אים אונטער.

בערעק שפּאנט איבער ברוקלין, איינעם פון די סאמע פּעשענעבעלע ראיאָנען פון סאן-פּאולו, און דאָס געפיל איז בא אים, ווי ער וואָלט געגאנגען אין שלאָס הארטהיים באם דונײַ, ווו שטאנגל און וואגנער האָבן געגרייט פּראָפּעסיאָנעלע מערדער פאר אָשוועטשים, טרעבלינקע, סאָביבאָר און אנדערע טויט-לאגערן. ניט אין קיין פארבאָרגן ווינקעלע געפינט זיך טערעזא שטאנגלס הויז. אפילע אָן גראָסן וואָלט ער דאָ ניט געקאָנט פארבלאָנדזשען. ווער פון די היגע אײַנוווינער ווייסט ניט די פרייַ גאספאר-גאס, און געפינען דעם נומער 377 איז שוין אוואדע ניט שווער.

דאָס מיערל, וואָס פראנץ שטאנגל האָט זיך אײַנגעשאפן, איז מיט קיין דראָטן ניט ארומגעצוימט, מיט קיין שטיינערנע ווענט ניט ארומגערינגלט, קיין וועכטער באם טויער

זעט מען ניט. בלויז די קאליטקע איז פון אינווייניק פארשלאָסן מיט א ניקעלירט זיכערקײַט-קייטל. צי דען האָט מען דאָס אָנגערויבטע פארמעגן ניט קאָנפיסקירט? ווער ווייסט? די שטוב האָט געקענט זײַן פארשריבן אַף עמעצנס נאָמען, אזוי אויך די רײַכטימער, וואָס ליגן אין פארכאסמעטע באנק-סייפן. וואָס דען? די שכיינים קאָנען ווארפן בייזע בליקן. איז קיין אָרעמעלײַט וווינען דאָ ניט, און אויב אפילע די שכיינים האָבן יאָ געהערט, פונוואנען דאָס גוטס האָט זיך גענומען, גייט עס זיי ווייניק אָן.

פראו טערעזא האָט ליבלעך זיך פארנייגט פאר גראָסן און דערנאָך אנטקעגן געטראָגן איר האנט שלעזינגערן. בערעקן האָט זיך געוואָלט א געשריי טאָן, נאָר אים האָט געקלעקט קוים זיך צווינגען דערלאנגען איר די האנט.

— דאָקטאָר שלעזינגער, וועגן אײַך האָט מען מיר שוין אזויפיל אָנגעדערציילט, אז כ'האָב א געפיל צו אײַך, ווי צו אן אלטן באקאנטן. מיט דער צײַט, גלייב איך, וועט עס אזוי טאקע זײַן. פילט זיך, ביטע, ווי בא זיך אינדערהיים. ווילט איר, קאָנט איר א קוק טאָן די ביכער, די בילדער. ווילט איר, קאָנען מיר זיך צוזעצן און צוטרעטן צו אונדזער גע-שפרעך.

— אויב איר האָט מיר אליין פאָרגעלייגט, וועל איך צוערשט א קוק טאָן די בילדער.

— זײַט אזוי גוט. פאר אײַך זײַנען אלע מײַנע צימערן אָפן, און איך וועל זיך דערווײַל דורכשמועסן מיט גראָסן. פאר מיר איז עס שטענדיק א פארגעניגן, נאָר, ליידער, פארגעסט ער אָפט אין מיר.

אירע ליפן האָבן ניט געײַלט באהאלטן דעם שמייכל, ארויסווײַזנדיק די ווײַסע ציין. גערעדט האָט זי מיט א היפשער דאָזע קאָקעטישקײַט. זעט אויס, אז צו דער שלעכטער שפיל קאָן זי נאָך מאכן א גוטע מינע. מיילע, זאָל זי...

בערעק האָט זיך ארומגעקוקט. ניין, דאָס איז טאקע ניט קיין געוויינלעך הויז, אָן עכטער פאלאץ. אינעם פאָדערצימער הענגט א שפיגל, פיל העכער פון מענטשלעכן וווּקס, זעט בערעק, ווי טערעזא האָט גענומען גראָסן אונטער דער האנט. איר יעדער קער איז לײַכט, די טריט גרינג. ווײַט פון שיין, נאָר זייער פרוייש. א פריזור לויט דער לעצטער מאָדע. וויל מען, קאָן מען זאָגן אריסטאָקראטיש, עלעגאנט, וויל מען — א בעריע אַף איסבאהאלטן כעסרוינעס און אויסטיילן מײַלעס. ער וועט זיך צו איר נאָך צוקוקן, און דערווײַל פאר-קערעוועט ער אַף רעכטס.

אייל-בילדער, גואש, אקווארעלן, אָפאָרטן. זי פארמאָגט א סאך. גוט, וואָס קיינער פרעגט בא אים דערווײַל ניט קיין מיינונג. ער האָט געזוכט איר פאָרטרעט, וואָס מאקס וואן דאם האָט אין זײַן אָנוועזנהײַט געמאכט פון א פאָטאָגראפיע. דאָרט, גדענקט ער, איז דער שמייכל געווען בא איר גאָר אן אנדערער.

אויב פארשנעלערן די טריט, וועט עס זײַן ווי געלאָפן. אזוינס טאָר ער זיך ניט דער-לויבן, גייט ער ניט געײַלט, מיט א ווירדיקן טראָט. ווער האָט עס אים אונטערגעזאָגט זיך אומקערן צוריק אין זאל, וועלכן ער האָט נאָרוואָס פארלאָזט, און צוגיין צום קײַלעכדיקן טישל? אין א באשיידן רעמל איז אײַנגעפורעמט א פאָטאָגראפיע עטוואָס גרעסער פון א פאָסט-קארטל, געמאכט פון וואן דאמס פאָרטרעט, וועלכער איז ניט נאָר ענלעך, נאָר גיט א טיפערע פאָרשטעלונג וועגן איר.

אין סאָביבאָר איז דאָס געווען. גוסטאוו וואגנער האָט אין קאזינאָ, וווּ עס האָט גע-ארבעט וואן דאם, געבראכט א פאָטאָגראפיע, אַף וועלכער ס'איז אין איר גאנצן וווּקס געשטאנען א יונגע פרוי. ער האָט געפאָדערט, דער קינסטלער זאָל מאכן א פאָרטרעט פון דער פרוי. זי איז אים טײַער, און ער מוז האָבן איר פאָרטרעט. דאָס איז געווען באטאָג, און אין אָוונט...

וואן דאם איז געלעגן מיט בערעקן אַף איין נארע.

צוביסלעך האָבן די אויגן זיך צוגעוווינט צו דער כאשכעס, און ווי דאן הערט בערעק וואן דאמס ווערטער:

— וועגן סאָביבאָר דארפסטו אלץ וויסן. אלץ, וואָס איך ווייס, ווײַל דו מוזסט עס פארגעדענקען. וועסט בלײַבן לעבן. איך זאָג עס דיר נאָכאמאָל און נאָכאמאָל.

און אָט איז געקומען די שאָ...

פראו טערעזא איז צוגעגאנגען, איבערגעכאפט בערעקס פארוווּנדערטן בליק און, פאַרטכטנדיק דעם פאָרהאנג אפן פענצטער, דערקלערט:

— שיין קום איך ארויס נאָר אַף פאָטאָגראפיעס. זאָל עס אײַך ניט וווּנדערן. דעם קינסטלער האָב איך קיינמאָל ניט פאָזירט.

— איך ווייס עס.

אין זײַן שטים האָט מען געקאָנט דערפֿילן א פאַרטײַעטע רוגזע. דאכט זיך, מיט קיין צוואנגען וואָלט מען ניט געקאָנט פון אים אזוינס ארויסרײַסן און אלצייגס איז אים נאָך אין דער רעגע פרעמד געווען דאָס געפיל פון כאראַטע. גיכער איז ער גרייט געווען אָן א זײַ־געזונט צוריק אריבערטרעטן די שוועל.

— ווי האָט איר געזאָגט? — האָט זי זיך שארף א קער געטאָן.

געענטפערט האָט איר גראָס:

— פראו טערעזא, ווער האָט אײַך געבעטן ארויסנעמען דעם פּאָרטרעט אף א צײַט? ענטפערט, ביטע. פארן דאָקטאָר שלעזינגער האָב איך ניט קיין סודעס.

— איר דאָך האָט מיר אזוי געייצעט.

— און די סיבע האָב איך אײַך דען ניט דערקלערט?

— דאָס, וואָס איר לייגט פאָר, איז אויסגעשלאָסן. אזא אָנדענק! אפילע מע זאָל מיך אָפּגילטן.

— איז צוליב וואָס האָט איר ארויסגעשטעלט די פאָטאָגראפיע? ווי איך זע, פארשטייט איר נאָך אלץ ניט, אין וואָס דאָ גייט. הער שלעזינגער איז דער מענטש, וועלכער פארמאָגט מאקס וואן דאמס עטלעכע ארבעטן און איז גרייט נאָך אײַנשאפן. ס׳איז, מיין איך, ניט אויס־געשלאָסן, אז ער קלײַבט זיך פאנאנדער אין מאָלערײַ ניט ערגער, ווי אין מעדיצין. זינט ער האָט באזוכט די ערשטע נאָכמילכאָמעדיקע אויסשטעלונג פונעם קינסטלער, איז ער גע־וואָרן זײַנער א גרויסער אָנהענגער. וועגן אײַער פּאָרטרעט האָט הער שלעזינגער זיך שוין פון לאנג דערוווּסט פון מיר און איך האָב באדארפט זײַן דער פארמיטלער, וועלכער זאָל אײַך אײַנריידן פארקויפן דאָס בילד. נאָר וואָס האָב איך געזאָלט טאָן, אויב איך בין צו אײַך ביידן ניט גלײַכגילטיק? טוט, פרײַנט מײַנע, ווי איר פארשטייט, און דערווײַל מוז איך אײַך אף א צײַט פארלאָזן.

טערעזא האָט עטוואָס ברויגעזלעך־פארוווּנדערט זיך אומגעקוקט אף גראָסן און מיט א שאָקל פון קאָפּ ווי געגעבן איר האסקאָמע, ער זאָל זי פארלאָזן. לעאָנען גלייבט זי, און אלץ, וואָס ער האָט ארויסגעזאָגט, לאָזט זיך לייגן אפן סייכל, און דאָך האָט די נײַס זי אָנגעשפּיצט. אף דער וועלט זײַנען געווען און ס׳זײַנען פאראן אזויפיל גוטע מאָלער, איז וואָס עפּעס יאָגט ער זיך, אָט דער אמסטערדאמער דאָקטער, גראָד נאָך די ארבעטן פון דעם קינסטלער וואן דאם? דאָס, וואָס ביידע זײַנען זיי פון איין לאנד, איז נאָך קיין באווײַז ניט, אז אזוי דארף זײַן. די האָלענדישע קונסט איז באוווּסט אף גאָר דער וועלט. געווען באוווּסט, פאריכט זי זיך אליין, און אף אײַנשאפן א רעמבראנדט, אויב אזוינס איז נאָך מעגלעך, וועלן אים זײַנע פארדינסטן ניט קלעקן. איז ווי, פרעגט זיך, זאָל זי טאָן — אליין צוטרעטן צום איניען, וואָס לאָזט זיך ניט אָפּלייגן און צוליב וועלכן זי האָט פארבעטן שלעזינגערן, אָדער זיך איבערצײַגן, אז מער ווי וועגן וואן דאמס בילדער ווייסט ער גאָרניט? פאר איר כאראַק־טער גייט גיכער אונטער דער צווייטער וואריאַנט, און דערפאר פרעגט זי:

— הער שלעזינגער, איז אײַך פיל באוווּסט וועגן דעם קינסטלערס לעבן?

— ניט איבעריק. געלעבט האָט ער זייער ווייניק. צו דרײַ און דרײַסיק יאָר אומגעקו־מען. אין 1966, ביים זײַן אויסשטעלונג אין הילווערסום, האָט מען וועגן דעם גענוג געשריבן. דערווײַל, זעט אויס, קלײַבט ער זיך פון איר גאָרניט לייקענען, אָדער זײַנע אויגן און אויערן זײַנען אזוי וואך, אז ער ווייסט, וואָס בא איר אין קאָפּ קומט איצט פאָר.

— א שאָד. אויך איצט וואָלט ער נאָך געקאָנט זיצן בא דער מאָלברעט און מאָלן, מאָלן. מע וואָלט געצאָלט גרויס געלט פאר זײַן ארבעט, פאר מיר איז ער א הייליקער. קיין אנדער וואָרט געפין איך ניט.

ס׳איז גלײַך געווען צו זען, וווּהין זי צילט, און דאָך האָט בערעק זיך געמאכט ניט פארשטייענדיק און געפרעגט:

— פארוואָס א הייליקער?

— איר פרעגט פארוואָס? מיסטאמע ווייסט איר אויך, אז אפן וועג אין דער שווייץ האָט אים פארהאלטן א מיליטערישער פאטרול און כאָטש קיין געהעריקע דאָקומענטן, וואָס זאָלן געווען געבן א גרונט אים פרײַלאָזן, האָט ער ניט געהאט, האָט די פּאָליצײַ געבראָכן דעם באפעל און אים געלאָזט ווײַטער גיין. וואָס דען? וואן דאם האָט אין דער אָנוועזנהײַט פון א פרוי געגעבן זײַן ערנוואָרט, אז אף מאָרגן וועט ער אליין זיך מעלדן אין דער נאָענט־סטער דײַטשישער קאָמענדאטור. געזאָגט און, ניט געקוקט אף דער געפאר, אויסגעפילט. אָט דאָס הייסט האנדלען ווי א ריטער. אזעלכע מאנצבלען איז שוין פון לאנג ניט צו געפינען. נאָר דעם דאָזיקן געשפרעך און באזונדערס, וויאזוי ער האָט געמאָלט מײַן פּאָרטרעט, וועלן מיר פאָרזעצן בא א געלעגנהײַט. ווי מיינט איר, ניט אזוי?

— איך צווייפל, צי וועט נאָך זײַן בא אונדז אזא געלעגנהײַט. אהער, קיין בראַזיליע, בין איך געקומען ניט אף לאַנג. מײַנע פּאַציִענטן דערלויבן עס ניט. אָט אַזוינע אומשטאנדן זײַנען בא מיר.

— גראָס האָט עס מיר געזאָגט, און איך בין אײַך דערײַבער נאָך מער דאנקבאר פאר אײַער קומען צו מיר, פאר אײַער גרייטקײַט מיך אויסצוהערן. וואָס שײַך ווײַטער, גלייב איך, אז מיר וועלן ווי-ניט-איז זיך צונויפריידן. דאָס וויכטיקסטע פאר מיר איז, איר זאָלט מיך ריכטיק פארשטיין און ווי ווײַט מעגלעך אין אזעלכע באַדינגונגען העלפן אלס דאָקטער. בא א נויט וועלן אײַערע פּאַציִענטן אין אמסטערדאם זיך ווענדן צו אן אנדער דאָקטער, און איך, אין סאַן-פּאולו, האָב ניט אזא מעגלעכקײַט. איר פארשטייט מיך? אוודאי וועל איך עס גענוי דערקלערן, נאָר ס'איז א סאך צו דערציילן, איז לאָזט צוערשט עפּעס שטעלן צום טיש. פון מיר, בעט איך אײַך, זאָלט איר קיין בײַשפּיל ניט נעמען. ווער-ווער, נאָר איר ווייסט דאָך, ווען א פארמעגלעכע פרוי הונגערט, — אירע ברעמען האָבן זיך אויסגעצויגן אין א רונדן פרעגצייכן. — ריכטיק, ריכטיק, ווען דער דאָקטער הייסט עס. גאָט מײַנער, פארצײַ, נאָר יעדער פרוי האָט זיך אירע פארבאָרגענע סוידעס. צו זעכצן יאָר בין איך, דאָס ליבלינג-קינד, געווען העכער, וואָגיקער פון דער מאמען, און זעט איר...

זי לאָזט זיך צום עסצימער און ער, ווי א פרעמדער קויעך וואָלט אים געפירט, גייט איר נאָך. דערבײַ טראַכט ער: אפילע איצט, אין דעם מאָמענט, קלערט זי וועגן איר פיגור.

דער טיש איז געווען סערווירט אפן שענסטן אויפן. אויסגעפּעלט האָבן סײַדן בעבלעך און לאָקשן, וואָס אָרעמע קאָנען זיך ניט פארגינען עסן צו זאַט, און דאָך האָט זי געבעטן אנטשולדיקונג. זי האָט אָפּגעלאָזט די דינסט פון שטוב, און עס וועט איר אליין אויסקומען עפּעס נאָך צוגרייטן.

זאָל זי, האָט ער א קלער געטאָן און ווידער גענומען באַטראַכטן די שטוב, וואָס מע האָט, ווײַזט אויס, ניט לאַנג צוריק רעסטאַווירט. אזוינע הײַזער בויט מען שוין איצט ניט. ס'איז ניט פאר יעדנס קעשענע. נאָר ווער קאָן זיך גלײַכן צו שטאנגלען? די מערהײַט פון די, וועמען ער האָט באַרויבט, האָבן געוווינט אין האַלב-אויסגעקרימטע, האַלב-אײַנגעזונקענע הײַזקעס מיט צעטרעסקעטע טירן און פארזשאווערטע זאַוויסעס. דער דאַך געדעקט מיט דראַניצעס אָדער טשערעפּיצע. די ווענט איין מאָל אין יאָר געטינקעוועט. דער ערדענער דיל איין מאָל אין וואָך באַשאָטן מיט געלן זאַמד. בערעק געדענקט, ווי בא זײַן מאמען אין שטוב איז אף דער דאַן שוין אַלטמאָדישער שאַפע, וואָס איז געווען פול מיט מילבן, געשטאַנען דער סאַמאָוואַר. ער האָט געפּעכקעט ווי א לאָקאָמאָטיוו. געבויגענע לײַכטער, א קופּערן שטייסל, א האַק-ברעטל. אין טעג פון פּאַשעטן מיטוואָך — שטשערבאַטע טעלער און שיסל, צינענע לעפל. אין גוטע צײַטן האָט מען, אויסער פּריש קאָרנברויט, זיך געקענט פארגינען א גלאָז זויערמילך אָדער טיי מיט א זערנעלע סאַכאַרין און א בייגל, א פּאָר געזאַלצענע פישלעך, און אויב א געהויבענער גאַסט, — איז פארדעקט דער טיש מיט א טישטעך און אוועקגעשטעלט א פלאַש ווישניק מיט קישקע און צימעס צום פארבײַסן. דערנאָך נעמט מען די אַלטע הילצערנע דודע און, שיקער פון צאָרעס, שפּילט מען אויס א שטיל-יאָמערדיקן ניגן. דאַכט זיך, אזא לעבן האָט קיין קאָפּיקע ניט די ווערט, נאָר בערעקס עלטערן האָבן פון עפּעס בעסערס ניט געוווּסט. פרעגט זיך, וואָס קאָן מען נעמען בא אזוינע קאַפּצאָנים? נאָר שטאַנגל האָט גענומען פון טויט און פון לעבעדיק.

אויסערלעך איז בערנאַרד שלעזינגער ניט ענלעך אף זײַן מאמע פּעסיע, וועלכע פלעג באַקן געשמאַקע בלינצעס מיט קעז, און ניט אף זײַן טאַטן נאָכעם, וואָס האָט ליב געהאַט פארבן טירן און פענצטער, דילן און דעכער. צי ניט מיט דעם האָט ער אזוי אויסגענומען אין שטאַנגלס שטוב?

ווי קומט עס, וואָס אַנשטאָט דעם, ער זאָל מאַכן טיל-טעל פון אלץ, וואָס טרעפט זיך אים דאָ אונטער דער האַנט, זיצט ער עס אזוי, בערעק, בעהאַרכאָוועדיק בא שטאַנגלס טיש און דערלויבט, פראַו טערעזאַ זאָל פאר אים פראַוון א מאָלצײַט. ער געדענקט, ווי פייגעלע, ווען זי איז נאָך אפילע זײַן ווײַב ניט געווען, האָט מיט אים אײַנגעטײַנעט:

— בערעק, געזונט זאָלסטו זײַן, דו ווייסט דען, ווו די פיס טראָגן דיך? איך זאָג, ס'איז עפּשער אָך און ווי צו מײַן סייכל, נאָר צוליב וואָס טויגן דיר אָט די גליטשיקע געשעפטן? צי דען האָבן מיר ווייניק איבערגעטראָגן און צי דען האָבן מיר צוליב דעם זיך אַרויסגעריסן באַם טויט פון די הענט? בערעק, פארוואָס ביסטו אזא פארברענטער אקשן, פארוואָס?

ווי אָבער, אויב טערעזאַ איז גרייט צאָלן פאר איר געליבטן ניט בלויז מיט געלט, נאָר מיט עמעצן פון די, נאָך וועמען עס ציט זיך א בלוטיקע סטעזשקע, און וויפל מע זאָל זיי ניט שטראָפן וועט זיי אלץ נאָך קומען? וועמענס בלוט ס'זאָל ניט זײַן — פון די, וואָס זײַנען

אין שלאַכט געפאַלן, פון זײַן מאַמען, פון וואַנדעלס פאַטער, פון טאַדעקן, קוריעלן, — ווי קאָן ער זיך ניט אײַנשטעלן פאַר די, וואָס לעבן אין אונדזער זיקאָרן?

ס'איז שטיל. ניט מער, דער וואַנטזייגער לאָזט זיך הערן.

אויף א זילבערנעם טאַץ מיט אינקרוסטירטע בילדער האָט טערעזא אַרײַנגעטראָגן שוואַרצע קאַווע און אַן עקזאָטישע מאַמאָן-פּרוכט. פאַר דער צונג האָט מען טערעזען צ'ען ניט באַדאַרפט. דערציילט האָט זי לעבעדיק, אויסדריקלעך און, ווי ס'האָט זיך געדאַכט, אַפילו אַפּנהאַרציק, דערציילט וועגן זיך, וועגן די קינדער און די אייניקלעך, ווי געטרײַ, איבערגעגעבן פראַנץ איז צו זיי געווען.

וועגן דעם, אַז שטאַנגל האָט גאָרניט געזשאַלעוועט פאַר זײַן פרוי און קינדער און זיי ליב געהאַט, האָט בערעק נאָך פריִער געהערט, איז וואָס נאָך האָט זי צו דערציילן?

זי האָט פאַרגעזעצט:

— ליבע, איינס פון די פאַרבאָרגנסטע געפילן, איז צו מיר געקומען זייער פרי. צו זעכצן יאָר בין איך געווען העכער פון מײַן מאַמען. די בריסטן — פול אויסגעפורעמט. איר וועט מיר, הער שלעזינגער, אנטשולדיקן, נאָר פאַקטיש האָט מיר אַלס „הייראַטספעציקע מעדכען" גאָרנישט ניט געפעלט. ווען מײַנע כאַווערטעס פון מײַן עלטער האָבן נאָך געשפּילט אין קלאַסן, בין איך, גראָד ניט קיין צעבאַלעוועט קינד, אַרומגעגאַנגען מיט א פולן קאָפּ מיידלשע טרוימען. לויט דער נאַטור איבערגעטריבן פילבאַר, האָט זיך מיר שטענדיק געוואָלט עפּעס נײַס. הײַנט איז מיר געווען געפעלן א באַכער, וואָס איז די פאַרקערפּערונג פון קראַפט און מוטיקײַט, מאָרגן א שוואַכליניג, וואָס איז פאַרטאָן אין קאָמערציע.

בערעק, וואָס איז גרייט געווען איידל געבן אַנצוהערן, אַז אירע רייד האָבן פאַר אים א ווערט פון א צעבויגענער דענעזשקע און ניט צוליב דעם איז ער געקומען פון האָלאַנד קיין בראַזיליע, האָט זיך איבערצײַגט, אַז אַן געדולד האָט ער ניט געהאַט וואָס צו קומען אַהער. ענדלעך האָט זי זיך דערקלייבן צום איקער — און גענומען דערציילן וועגן וואַגנערן און שטאַנגלען. איצט וועט שוין אויסקומען אַנשפּיצן די אויערן. הערט ער:

— האקיצער, קענען געזונטן פאַרשטאַנד, נאָר געזיגט האָט פראַנץ. כײַעלעך פון פּלאַסטילין האָט ער דאַן ליב געהאַט אויסקלעפּן. קיין צוואַנציק יאָר נאָך ניט אַלט געווען. אינגיכן איז ער געוואָרן באַלעבאַס פון א שניטקראָם. מײַן טאַנטע האָט אים געקרוינט מיטן טיטל „דער אומבאַזיגבאַרער". א פלינקן קאָפּ און ווילדע אַקשאָנעס האָט ער פון שטענדיק אָן פאַרמאָגט, און דאָ האָט אין אים אויפגעוואַכט דער מאַכט-מענטש. צו מיר איז עס נאָך ניט דערגאַנגען, נאָר מײַנע עלטערן, וואָס זײַנען געווען גײַציק נאָך א פעניג, האָבן פאַרשטאַנען, אַז ער וועט זיך העכער אַרופּשלאָגן, מער דערווערבן, איידער זײַן כאַוער, וואָס האָט דער ערשטער מיר פאַרגעלייגט פאַר אים כאַסענע האָבן. ס'איז ניט געווען דער טאָג, מע זאָל מיר ניט דערמאָנען: „אַזא וואַרפט ניט קיין ווערטער אַפּן ווינט. אײַל זיך צו, אַניט וועט אים אַן אַנדערע אויסכאַפּן".

כ'האָב זיך אים אָפּגעגעבן, ווי מע גיט זיך אָפּ א האַר, א הערשער. גוסטאַוון האָט עס שטאַרק פאַרדראָסן, נאָר וואָס האָט ער געקענט טאָן? ביידע זײַנען זיי געווען מיטגלידער פון איין פּאַרטיי, און אויך דאָרטן איז וואַגנער געווען אונטערגעוואָרפן פראַנצן. ביידע האָבן זיי פאַרגעטערט זייער שעף. אַדילאַ האָט מען אים גערופן. זומער 1933 איז ער געצוווּנגען געווען פאַרלאָזן עסטרײַך. פּינקטלעך מיט וואָס ווייס איך ניט, נאָר מיט עפּעס האָט אים פראַנץ מיטגעהאָלפן. אַדיליאַ גלאָבאָטשניק איז דערנאָך געוואָרן אַן אָנגעזעענער גענעראַל און אין פראַנצס געפעליקײַט האָט ער קיינמאָל ניט פאַרגעסן. גוסטאַוון האָב איך צוערשט זיך באַמיט אויסמײַדן. אינגיכן האָב איך געבוירן א קינד, וואָס איז מיר אָנגעקומען אַזוי שווער, אַז כ'בין שיר פון דער וועלט ניט אַוועק.

אין אַזא גאַנג — ווי מיט הויכע רייד, ווי איבערגעטריבן סאַנטימענטאַל, — וואָלט זי נאָך געקאָנט לאַנג פאַרזעצן, נאָר, זעט אויס, דער פרויִשער כוש האָט איר אונטערגעזאָגט, אַז ניט אַלץ, וואָס זי דערציילט, איז שלעזינגערן אינטערעסאַנט. איז צוליב וואָס איז אים פאַרטרויען דאָס בעסטע, וואָס א מענטשלעך האַרץ פאַרמאָגט. שוין אָפּגערעדט דערפון, וואָס ער קאָן ניט הערן מיט אַזוינע אויערן און זען מיט אַזוינע אויגן, ווי זי. דערוווּסט זיך פון גראַסן, אַז דאָקטער שלעזינגער איז מאַסקים זיך טרעפן מיט איר, האָט זי צוגעקליבן און אויסגעשטעלט די ווערטער, וואָס מוזן אים געזאָגט ווערן. נאָר דאָ זײַנען אַנדערע ווערטער איר פאַרלאָפן דעם וועג. דער קאָפּ איז בא איר אַפּן אָרט, נאָר פריִער וואָלט מיט איר אַזוינס בעשום-אויפן ניט געקאָנט געשען. ס'האָט דאָך שיר ניט געהאַלטן דערבײַ, אַז זי זאָל פאַר א ווילד פרעמדן מענטשן אַנערקענען, אַז די ליכטיקע צײַט פון איר ערשטער אופריכטיקער

ליבע איז געקומען ערשט נאָך פראַנצס טויט. טאַקע אַ דאָקטער, נאָר דאָס איז ניט פאַר אים. מאַנצבלען, וואָס פאַרשטייען זיי דערין?

— הער שלעזינגער, דעם געשפּרעך מיט אײַך וואָלט איך באַדאַרפט געוועזן גלײַך אָנהייבן וועגן גוסטאַוו וואַגנערס געזונט-צושטאַנד, נאָר דאָ איז אַזאַ אויסנאַם-פאַל, וואָס ווי איך זאָל זיך ניט פּלײַסן, וועט מיר אויסקומען ריידן וועגן אַנדערע און, מעגלעך, מער געפערלעכע זאַכן. איז ווייל איך אײַך אָפריכטיק זאָגן: אײַער וועלט-אָנשויונג קימערט מיך ניט. ס'איז פרידן-צײַט. אַלס דאָקטער און מענטש פּאַסט איר אונדז. זאָל מען מיר אַפילו זאָגן, אַז איר זײַט וואַגנערס קעגנער, וואָלט עס מיך אויך ניט געשראָקן, איר זײַט אַן עכטער מעדיקער, און, ווי גראָס האָט מיך פאַרזיכערט און איך אַליין פאַרשטיי, איז אויסגעשלאָסן וועלכע-ניט-איז פאַרבינדונג צווישן אײַך מיט די, פאַר וועלכע מיר דאַרפן זיך היטן. הײַנט-צו-טאָג איז עס דאָס סאַמע וויכטיקסטע. באַדינגונגען קאָנט איר אַרויסשטעלן באַליביקע. מיר וועלן זיך באַמיִען, זיי זאָלן אויסגעפילט ווערן, נאָר איינס בעט איך אײַך: זאָגט מיר ניט אָפּ. אַנדערש דאַרף איך זיך דאָס לעבן נעמען. מעגלעך, אַז אין שטאַנגלס פּריציײַטיקן טויט בין איך אויך אין אַ געוויסער מאָס שולדיק, נאָר די שולד פאַר וואַגנערס טויט וועט פאַלן אויסשליסלעך אויף מיר.

אָפּט קאָנען מיר הערן, ווי מענטשן זאָגן: ניט אַזוי גיך טוט זיך, ווי ס'רעדט זיך, און דאָ, טאַקע נאָר צום שטויגען, האָט געטראָפן פּונקט פאַרקערט. אַלץ, וואָס טערעזא האָט געזאָגט, אויך דאָס אומגלייבלעכע, האָט אָנגעהויבן מעקויעם ווערן, און אַפילו פאַר דער אָנגעמערקטער צײַט. וואַגנערן האָט מען אַרעסטירט דינסטיק דעם 30 מײַ און אין דרײַ טעג אַרום, פרײַטיק, האָט מען אים אַריבערגעפירט אין דער הויפּט-שטאָט, קיין בראַזיליאַ. טערעזא, אין דער באַגלייטונג פון איר אַדוואָקאַט, פלאָענאַ דראַנקע, איז אָנגעקומען אַהין אויף עטלעכע שאָ פריִער און זיך אָפּגעשטעלט אין אַ פּריוואַט הויז, וואָס זי האָט געדונגען אויף אַ לענגערער צײַט. פאַרטאָג האָט זי אָנגעקלונגען שלעזינגערן.

פּראַו טערעזא? פון בראַזיליאַ? — האָט ער זיך פאַרוווּנדערט. ווי האָט זי עס אַזוי גיך באַוויזן זיך אַהין דערקלײַבן? סײַדן ווי אַ מאַכעשייפע, רײַטנדיק אויף אַ בעזעם. זי האָט געבעטן, אַז בערעק זאָל ווי אַמשנעלסטן אויך קומען אין דער הויפּט-שטאָט. אַז די אויספאָרשונג און דאָס זאַמלען מאַטעריאַלן קעגן באַשולדיקטן וועט זיך נאָך אויף לאַנג פאַרציִען, דאָס ווייסט זי, נאָר ביז דער טרעפונג מיט די עקספּערטן זײַנען פאַרבליבן ניט קיין טעג, נאָר געציילטע שאָען.

בערעק האָט אָפּגיך זיך אָנגעטאָן, צונויפגעלייגט זײַנע זאַכן און זיך געלאָזט צום אַרויסגאַנג. ס'קאָן זײַן, אַז מיט פראַו טערעזעס קלונג האָט אים צוגעשפּילט. ס'איז געוויס בעסער, אויב ער וועט איצט זײַן דאָרט, וווּ די געשעענישן אַנטוויקלען זיך.

קאַפּיטל דרײַ

דער פאַרהער

עקספּערטן

די צוויי עקספּערטן, וואָס זיי איז דערלויבט געוואָרן צו טרעפן זיך און שמועסן מיט וואַגנערן, האָבן מיט דער פּינקטלעכקײַט פון אַ גוטן זייגער זיך באַוויזן באַם דורכגאַנג פון דער טפיסע. דער דריטער דורכלאָז-שײַן, פאַר שלעזינגערן, האָט זיי, ווי מע קאָן פאַרשטיין, ניט דערפרייט. בערעק האָט באַמערקט זייערע פרעגנדיקע בליקן. איינער פון די מענטשן, אַן ערעך אין איין עלטער מיט וואַגנערן, האָט אים געגעסן מיט די אויגן. אַפילו זיי פאַרזשמורעט, דערבײַ זײַנען איבער זײַן פּאָנעם זיך צעלאָפן פיל קנייטשעלעך. דערנאָך האָט ער מיט אַ שמייכל דערלאַנגט בערעקן די האַנט:

— יודזשין פושער.

ס'איז געווען אַן אַרויסגענאַרטער שמייכל.

קלאָר, אַז דאָס איז דער זעלבער פושער, וואָס איז זײַנערצײַט געווען דער פאַרשטייער פון דער עקסטראַדיציאָנערער סעקציע באַם הויפּט-שטאַב פונעם אַמעריקאַנער מיליטער אין

דײַטשלאַנד. נאָך סטאַניסלאַוו קאַניעווסקי האָט געהאַט דערציילט בערעקן, ווי פּושער האָט זיך געהאַלטן באַם פֿאַרהער פֿונעם אָבער-גאַז-מײַסטער פֿון סאַביבאָר עריך באַוער. דאָס איז געווען מיט דרײַסיק יאָר צוריק. נאָך פֿריִער האָט פּושער צוגעלייגט זײַן האַנט, שטאַנגל און וואַגנער זאָלן אויסמײַדן די פֿאַרדינטע שטראָף. דאַן האָט זיך די אַמעריקאַנער ניט אײַנ-געגעבן צונעמען אַלץ, וואָס איז אָנגערויבט געוואָרן אין די לאַגערן, ווײַל עס, מיסטאָם, איצט פּושער אַרויסבאַקומען ווי אַ לאַנג-געבאָרגטע זאַך. איז פֿון וואָס וועט פּושער הײַנט אָנהייבן?

אינדרײַען האָט מען זיי אַרײַנגעפֿירט אין אַ היפּשן צימער און באַוויזן יעדערן זײַן שטול. קיין רייעך פֿון פֿאַרפֿומען אָדער געשמירטע זאַלבן האָט זיך דאָ ניט געפֿילט, נאָר אויך מיט קיין טפּיסע האָט דאָ ניט געשמעקט. וואַגנערן האָט מען אַרײַנגעפֿירט דורך אַ צווייטער טיר און דאַפֿקע אַ מער ברייטערער, נאָר ווײַטער פֿון דער שוועל האָט מען אים דערווײַל ניט געלאָזט. דער וואַכמאַן, זעט אויס, האָט געוואַרט אַף אַ פֿאַראָרדענונג. מעגלעך, אים וועט באַפֿוילט ווערן האַלטן אַ וואַך אויג באַם אַרעסטאַנטס שטול, כאָטש בייס אַזעלכע פֿאַרהערן, ווייסט ער, טרעפֿט עס זעלטן.

באַ פּושערן האָט געפּלאַצט דאָס געדולד, ער איז צוגעגאַנגען צו דער אָפֿענער טיר און מיט אַ מאַנענדיקן טאָן זיך געווענדט צו עמעצן אין קאָרידאָר:

— די געהעריקע דערלויבעניש איז געגעבן געוואָרן אין דער פּרעפֿעקטור, איז וואָס זשע פֿאַטערן מיר אומזיסט צײַט?

באַוער, גאַמערסקי, באַלענדער, פּרענצעל, שטאַנגל. אַלע האָבן זיי אַ שטעל געטאָן זיך פֿאַר בערעקס אויגן. נאָך סאַביבאָר האָט ער זיי אַלעמען געזען אַף די פֿאַרהערן, און אָט איז נאָך איינער, וואַגנער. ווי אַ היִענע, וואָס זוכט איר רויב, פֿלעגט ער זיך אַרומטראָגן איבערן לאַגער. האָט אָט דער טײַוול אין מענטשן-געשטאַלט אַף עמעצן ניט אַזוי אַ קוק געטאָן, האָט מען געוווּסט, אַז דער סאָף איז געקומען. איצט שטייט ער, ווי אַ ניונקעלע. די געדיכטע העל-ברויִנע טשופּרינע איז שיטערער, טונקעלער געוואָרן און פֿונעם הויקערן זיך האָט ער אָנגעוואָרן די אומגעלומפּערטע לענג. נאָר דער האַלדז איז ווי באַ אַ זשיראַף אויסגעצויגן, און אַ דינע הויקערדיקע נאָז קוקט אַרויס פֿונעם פּאָנעם.

אַלץ איז דערליידיקט. דער וואַכמאַן איז שוין פֿון יענער זײַט פֿאַרמאַכטער טיר, און וואַגנער מיט אַ באַשעפּטיקטן אויסזען מאָסטעט זיך אײַן אַף זײַן שטול. דאָס העמד איז באַ אים צעשפּיליעט, און ס'זעען זיך אַרויס די שליסלביינער און די האָריקע ברוסט.

— הער וואַגנער, ווי איז אײַער געזונט?

בערעק האָט אַפֿילע נישט באַמערקט, ווער ס'האָט די פֿראַגע פֿאַרגעבן.

— דערווײַל, — האָט וואַגנער זיך אַ ריגעווע געטאָן, — האָב איך ניט אַף וואָס זיך צו קלאָגן.

אַלץ, וואָס ס'איז דאָ ווײַטער פֿאָרגעקומען, איז דעריקער געווען אַ געשפּרעך צווישן פּושערן און וואַגנערן.

פּושער: דאָס איז זייער גוט. קאָנען מיר מיט אײַך זיך פֿאַרגינען בעטן אַנטשולדיקונג באַ אײַער דאָקטער, וואָס מיר האָבן אים באַאומרויִקט, און אים אָפּלאָזן.

באַ וואַגנערן האָט דער סייכל ניט געדרעמלט, מעגלעך, אַז טערעזא האָט אים צו-געגרייט.

וואַגנער: וואָס איך מעג זיך פֿאַרגינען און וואָס ניט, ווייס איך אַליין.

פּושער האָט רויִק אַראָפּגעשלונגען די ביטערע פּיל.

— און דאָך וואָלטן מיר אײַך געבעטן...

— אויסגעשלאָסן. אויב איר האָט עפּעס צו זאָגן, איז עפֿנטלעך און ניט באַהאַלטן אונטערן רעקל.

— אין טפּיסע, ווי מיר און אײַך איז באַוווּסט, קומט מען אָן אַפּאַראַטור...

— מיך קימערט עס ניט און לאָמיר וועגן דעם מער ניט ריידן.

— דאָס מאָל וועלן מיר אײַך נאָכגעבן און גלייבן, אַז צווישן אונדז וועט עס בלײַבן. איך ווייס ניט, ווי מע האָט אונדז פֿאָרגעשטעלט פֿאַר אײַך, נאָר געוויס ווייסט איר, אַז אײַער נאָמען איז אונדז באַקאַנט ניט פֿון די לעצטע טעג, ווען די מיטיילונג וועגן אײַער אַרעסט האָט אויפֿגערודערט די צווישנפֿעלקערלעכע טעלעגראַף-אַגענטורן. איך פּערזענלעך האָב זיך פֿאַרנומען מיט אײַער איניען נאָך אין יאָר 1945. דער אַמעריקאַנער אָפּטייל פֿאַר אויספֿאָרשן די קריגס-פֿאַרברעכנס האָט זיך דאַן געפֿונען, ווו מיינט איר? אין לינץ. יאָ, אין דער זעלבער עסטרײַכישער שטאָט לינץ, וווהין ס'פֿלעגן פֿון די אָקופּירטע געגנטן אָפּגעשיקט ווערן די סאַמע טײַערסטע בילדער. אַהין און קיין קעניגסבערג.

די וואַגשאָלן, אַף וועלכע מע קלײַבט זיך אָפּוועגן אײַערע היפּשע זינד, דאַרפן אײַך אינטערעסירן פיל מער, ווי אונדז. מיך פערזענלעך אינטערעסירן זיי הײַנט-צו-טאָג גאָר ווייניק. אמאָל טרעפט, ווען ס'איז גענוג א לײַכט, זײַטיק ווינטל, דער ווײַזער אַף די וואָג-שאָלן זאָל זיך א קער טאָן אין דער אָדער יענער זײַט. אין אײַער פאַל איז עס ניט גענוג. דאַ פאָדערט זיך צו א גרויסער קויעך און, זעלבסטפאַרשטענדלעך, אז פיל וועט זײַן אָפּ-העענגיק פון אײַער אופירונג. קיינער פון אונדז קלײַבט זיך ניט פרעגן בא אײַך, צי אנערקענט איר אײַער שולד אָדער מיט וואָס דערקלערט זיך אײַער שנעלע קאַריערע בײַס דער מיל-כאָמע. די אַלגעמיינע פאַשיסטישע היִעראַרכיע איז אונדז גוט באַקאַנט און אײַער פערזענ-לעכער דאָסיע — ניט וויניקער. אפילע צווישן די געסטאַפּאָ-לײַט זײַן איר באַוווּסט געווען מיט אײַער, ווייך גערעדט, שווערן כאַראַקטער.

לאָמיר אַף א ווײַלע דערלאָזן, אז סאָביבאָר, טרעבלינקע זײַנען געווען ניט מער, ווי קליינע שקלאַפן-מעלוכעס, און איר — דער אייגנטימער פון די לאַגער-שקלאַפן. שאָקלט ניט מיטן קאָפּ אַף ניין און באַמיט זיך ניט פאַרשטעלן, ווי א לעצטראַנגיקע, ניט וויכטיקע פיגור. אינעם קיניגרײַך, ווו איר האָט געהערשט, האָט איר פאַרמאָגט מער רעכט, ווי אן אייגנטימער. איר זײַט געווען ניט נאָר דער לײַטער פון אן ארבעטס-לאַגער, נאָר אויך פון א טויט-פאַבריק, ווו איר האָט פאַרן אויסראָטן די מענטשן זיך באַמיט ארויסצובאַקומען פון זיי מאַקסימום נוץ. שטאַנגל האָט עס מיר אזוי דערקלערט: „מיר האָבן זיך געניטיקט אין דער פאַרכאַפּטער טעריטאָריע און ניט אין די מענטשן, און דערפאַר זײַנען מיר געצוווּנגען געווען שאַפן שטראַף-אָטריאַדן, וואָס האָבן צעטרעשט צוגעצויגן די פאַרורטיילטע צו צוואַנגס-ארבעט און דערנאָך שוין באַפרײַט זיך פון זיי". אזויאַרום, האָט איר געדינט אין צוויי אַמטן: אין הויפּט-זיכערהײַטס-אַמט פון רײַך אַפּן געביט פון פיזישער אויסראָטונג און אין הויפּט-אַמט פאַר דער ווירטשאַפט און אַדמיניסטראַציע פון עסעס אַף איבערנעמען די פאַרמעגנס און אויסניצן די ארבעטסקראַפט ביז איר אומברענגען. איז אָט, וועגן גאַנצע באַוועגלעכע און אומבאַוועגלעכע פאַרמעגנס, וואָס זײַנען קאָנפיסקירט געוואָרן, איז שוין איצט ניטאָ וואָס צו ריידן, אָבער אויסערסט ווערטפולע זאַכן — איידלשטיינער, קונסטווערק, וועלכע זײַנען ארײַנגעפאַלן אין פריוואַטע הענט, — דאָס איז עפּעס אנדערש.

ענדלעך האָט וואַגנער באַנומען, וווּהין פּושער צילט, און געענטפערט:

— גאָלד און אנדערע ווערטפולע זאַכן פלעגן אָפּגעשיקט ווערן קיין בערלין. אָבער צו דעם האָב איך קיין שײַכעס ניט געהאַט און אפילע בא מײַן בעסטן ווילן קאָן איך אײַך ניט באַהילפיק זײַן.

— זעט אויס, וואַגנער, כ'האָב אײַך נאָך ניט גענוג איבערצײַגט, אז מיר זײַנען גענוג באַהאַוונט אין אײַערע ענינים. מיר אייצען אײַך ניט אויסבאַהאַלטן פון אונדז די מינדסטע קלייניקײַט. דאָס מאָל וועל איך אײַך אונטערזאָגן. בלויז דורך דער געזעלשאַפט „אָסט" איז פון די לאַגערן, צו וועלכע איר האָט געהאַט א שײַכעס, ארויסגעפירט געוואָרן גוטס אַף א סומע פון 179 מיליאָן מאַרק. דאָס איז אָפּיציעל פאַרעגיסטרירט און ווערט פון קיינעם ניט אָפּגעלייקנט. הײַנט, וואָס פאַר א קאַלאָסאַלע ווערטן זײַנען פון „אָסט" פאַרבאַרגן געוואָרן?

— מיר איז איצט שווער אפילע פינקטלעך צו דערמאָנען זיך, ווו און מיט וואָס „אָסט" האָט זיך פאַרנומען.

— וועלן מיר אײַך דערמאָנען. „אָסט" איז געווען טעטיק אין דעם גענעראַל-גוווערנע-מענט. דער שעף איז געווען דער זעלבער אָדיליאָ גלאָבאָטשניק, וועלכן איר האָט אזוי גוט געקענט. „אָסט" איז געווען א פירמע פון עסעסישן קאָנצערן „דויטשע ווערק-בעטריבע" און געווען געקניפּט און געבונדן מיטן קרופּ-קאָנצערן „אי. גע. פאַרבען" און אנד., וועלכע האָבן אויסגענוצט אומזיסטע ארבעטסקראַפט און באַקומען פּראָפיטן פון זייער פאַרמעגן. איצט, גלייב איך, האָט איר זיך דערמאָנט אין אײַערע פאַרבינדונגען מיט אייניקע מיטארבעטער פון אָט דער קאָנספּיראַטיווער פירמע.

— ניין, ניין, — האָט וואַגנערס שטים ניט קיין ציטער געטאָן, — אויב עמעצער האָט אײַך עפּעס אזוינס געזאָגט וועגן מיר, איז גלייבט ניט. דאָס וויל ער אריבערוואַרפן זײַן שולד אַף מיר.

— גערינגן דערמאָנט ער מיר, — האָט פּושער אויסגעקערעוועט דעם קאָפּ צו זײַן קאָלעגע, וועלכער האָט דערווײַל קיין אָנטייל אין געשפּרעך ניט גענומען, — דער אַמערי-קאַנער פּסיכאָלאָג זשילבערט, וואָס איז בײַגעווען אַף דעם נירנבערגער פּראָצעס, דערציילט, אז נאָכן דעמאָנסטרירן די דאָקומענטאַלע קינאָ-קאַדרען וועגן דער פאַרניכטונג פון וואָר-שעווער געטאָ, האָט ער בא גערינגן געפרעגט, וואָס האָט ער וועגן דעם צו זאָגן. דער ענט-פער איז גלײַך געקומען: „די קלאַנגען וועגן די גרויזאַמקײַטן זײַנען געווען אַף אזויפיל אומ-

גלײַבלעך, אַז כ'האָב עס אָנגענומען, ווי דעם סוינעס פּראָפּאַגאַנדע". אין דעם מאָמענט האָט זיך געריכט אפילו כאָלעמען ניט געקענט, אַז מאָרגן וועט דער קינאָ-עקראַן באַווײַזן, ווי ער אינסטרוקטירט היידריכן צוטרעטן צו רעאַליזירן די „ענדגילטיקע לייזונג" פֿון דער ייִדן-פֿראַגע.

פֿישער האָט ווידער זיך אויסגעקערעוועט צו וואַגנערן:

— דערווײַל וועלן אונדז באַפֿרידיקן קורצע ענטפֿערס. צוזאַמען מיט שטאַנגלען און אַנדערע, וועלכע זײַנען געלאָפֿן פֿון די לאַגערן פֿאַר אינטערנירטע, האָט איר זיך אַ צײַט אויפֿגעהאַלטן אין די בערג פֿון עסטרײַך?

— יאָ.

— פֿאַרוואָס האָט אײַך אַזוי געצויגן קיין אָבזעדאָרף און באַד-אַאוסזע? דאָס איז אַן ערטער בײַ פֿופֿצן קילאָמעטער פֿון דער אָזערע טיאַפּליץ.

— ווײַל דאָס איז קימאַט די סאַמע מיט פֿון די אומצוטריטלעכע אַלפּן-בערג.

— קיין אַנדערע סיבעס זײַנען ניט געווען?

— ניין.

— דעם נאָמען וועראָניקאַ ליבל האָט איר ניט פֿאַרגעדענקט? אין די בערג פֿלעג זי קומען ניט אַליין, נאָר אײנעם מיט אירע דרײַ זין: קלאַוס, דיטער און האָרסט.

—דאָס פֿרעגט איר בײַ מיר וועגן אַדאָלף אייכמאַנס פֿרוי און קינדער? ניין, איך האָב זיי דאָרט ניט געזען. מעגלעך, שטאַנגל.

— בײַ שטאַנגלען זײַנען פֿון אײַך קיין סודעס ניט געווען. דאָרט, ווי איר האָט זיך אויסגעדריקט, „אין סאַמע מיט פֿון די אומצוטריטלעכע אַלפּן-בערג" האָט מען נאָך לאַנג פֿאַר דעם, ווי אײַער טויזנט-יאָריקער רײַך איז געפֿאַלן, פֿאַרגראָבן אומגעהייער גרויסע אוצרעס און צווישן זיי זעלטענע איידלשטיינער, ניט נאָר אוועקגערויבטע אין די לאַגערן, נאָר אויך אַרויסגעגאַנוועטע בײַ פּריוואַטע פּערזאָנען אַפֿילו ניט אין קיין אָקופּירטע לענדער. אין די זעלבע אומצוטריטלעכע אַלפּן-בערג האָבן זיך אויסבאַהאַלטן פֿיל אָנפֿירער פֿון דער אונטערערדישער נאַציסטישער באַוועגונג. אַגעוו, דאָרט האָט איר פֿונדאַסנײַ געגעבן אַ שבֿועה פֿון אַן עסעס-מאַן. שטאַנגלען און אײַך האָבן די נײַע נאַצי-פֿירער באַגעגנט און באַגלייט בעסער, ווי אַנדערע ביז גאָר אָנגעזעענע געגנעראַלן. דערלאָזן, אַז זיי זײַנען באַגאַנגען אַ פֿעלער, איז אויסגעשלאָסן. טאָ פֿאַרוואָס אַזאַ ערע? דערפֿאַר, ווײַל אין די באַהאַלטענע אוצרעס האָט איר אַרײַנגעטראָגן אַ היפּשן צושטײַער און אויסגערעכנט האָט מען באַקומען פֿון אײַך נאָך מער. אַ וועגווײַזער אין די בערג האָט פֿאַר אײַך אויסגעקליבן ניט אַבי-ווער, נאָר וועראָניקאַ ליבל. צי דען געדענקט איר עס ניט, און איך דאַרף עס אײַך אַלץ דערמאָנען?

— ניין, כ'געדענק ניט. אײנעם פֿון אירע זין האָב איך דאָ ניט לאַנג צוריק געזען.

— פֿאַר מיר איז עס ניט קיין סוד. זאָגט מיר בעסער, וואָס פֿאַר אַ שבֿועה האָט איר דאַן געגעבן?

— אַ שבֿועה, אַז ווער ס'וועט בלײַבן לעבן, דער וועט טיילן זײַנע אײַנקונפֿטן מיט די פֿאַמיליעס פֿון די אומגעקומענע עסעסאָווצעס.

— האָט איר זיך אונטערגענומען, איז ניט שײַעך, נאָר מיט וואָס טיילן? אין די לאַגערן, ווו איר האָט געדינט, האָבן די סאַמע ווערטפֿולע זאַכן באַדאַרפֿט צוערשט אַרײַנפֿאַלן אין די הענט פֿון אַן עקספּערט. אַזאַ ערשטקלאַסיקן פֿאַכמאַן האָט אײַך אַליין הימלער צוגעשיקט. קורי̇על האָט מען אים גערופֿן. עמעס, איר קאָנט זאָגן, און אויך באַוער האָט עס אין מײַן אָנוועזנהייט אַמאָל באַהויפּט, אַז אַ צוטריט צו קורי̇עלן האָבן געהאַט קורט באָלענדער און יאָהאַן נוימאַן. בײדע זײַנען זיי שוין אויף יענער-וועלט.

ריכטיק אָבער איז אויך דאָס, אַז איר האָט געהאַט אַ מענטשן, וואָס האָט נאָכגעשפּירט קורי̇עלן און פֿאַריינס באָלענדערן און נוימאַנען. אַ קורצע צײַט האָט אײַער מענטש געהאַט אַ מעגלעכקײַט אַרײַנקוקן אין דיסקאָנט-זשורנאַל, וואָס דער עקספּערט איז מעכויעוו געווען צו פֿירן. אײַך און שטאַנגלען האָבן פֿאַרייניקט שטאַרקע קנופּן. וואָס איז שײַעך אמת-אינטערעסן, האָט צווישן אײַך געהערשט פֿולשטענדיקער צוטרוי. נאָר אויך שטאַנגל האָט ניט געוואָלט זיך טיילן אַפֿילו מיט זײַן ערשטן פּאַרטרעטער גלײַך אויף גלײַך, ער האָט אײַך אָבער ניט דערשאַצט, ווײַל געשען איז ניט אַזוי, ווי ער האָט אויסגערעכנט. פֿון פֿינף גרויסע, ביז גאָר טײַערע דימענטן, וועלכע זײַנען קיין בערלין ניט דערגאַנגען, זײַנען צוויי פֿאַרבליבן אין זײַנע הענט, צוויי בײַ אײַך און אײנער בײַ באָלענדערן. אײנעם פֿון אָט די דימענטן איז שטאַנגל געצוווּנגען געווען אָפּגעבן פֿאַר „אָדעסאַ". איר זײַט אָפּגעקומען מיט פֿיר שטיקער גאָלד, וואָס בלויז פֿון סאָביבאָר האָט איר זיי אַרויסגעפֿירט אין די צענדליקער.

ווען איר זײַט אַרײַנגעפֿאַלן צו אונדז אין די הענט, האָבן מיר, לײַדער, וועגן די צוויי ברילִיאַנטן, וואָס איר האָט אַראָפּגעלאָזט אין אײַער אייגענער קעשענע, ניט געוווּסט. קיין באַריכט-דאָקומענטן פֿאָדער איך ניט פֿון אײַך, נאָר כ'וויל דײַטלעך זאָגן, וווּהין פֿירן די ווײַטערדיקע שפּורן פֿון אָט די ברילִיאַנטן. צוליב דעם בין איך אַרויסגעפֿאָרן אַהער, ווי נאָר כ'האָב זיך דערוווּסט וועגן אײַער אַרעסט. געקומען בין איך ניט אַליין. מיט זיך האָב איך פֿאַרכאַפּט אײַערן אַן אַלטן באַקאַנטן. אין בראַזיליִא איז ער איצט, און אויב דאָס וועט נייטיק זײַן...

פֿון אויפֿרעגונג האָבן די הענט בײַ וואַגנערן געציטערט. זײַן היפּשער גאָרגל-קנאָפּ האָט זיך באַוועגט, ווי ער זאָל עפּעס פּרוּוון און ניט קאָנען אײַנשלינגען. מיט שטילע טריט האָט ער גענומען שפּאַנען, ווי אַ הונט אויף אַ קייט, פֿון איין וואַנט צו דער צווייטער. אויב קריגן זיך מיט פֿושערן, וועט ער טאַקע קיינמאָל ניט אַרויסגיין פֿון אונטער שלאָס און ריגל. טערעזאַ, מיט איר געזונטן פֿאַרשטאַנד, האָט מיט רעכט געהאַלטן, אַז ער דאַרף מיט רעספּעקט אויפֿנעמען פֿושערן, געדולדיק אויסהערן אים און ווי ווײַט מעגלעך פֿאַרגיטיקן, וועט ער ענטפֿערן בלויז אָט וואָס:

— הער פֿושער, איר רעדט מיט מיר ווי אַ ריכטער און פֿאָרשער, נאָר איר לעבט אין טאָעס. דאָס, וואָס איר באַהויפּט, איז ניט מער, ווי אַן אויסטראַכטעניש און דערמיט וועט איר גאָרנישט ניט דערגרייכן. דאָס האָט איר געקענט הערן פֿון אַזעלכע דײַטשן, ווי קאַרל פֿרענצעל. ניין, אַפֿילו אויף אים איז עס שווער צו גלייבן. גיכער, פֿון ראָבערט יורסן, ווען ער איז באַרוישט פֿון ווײַן. ניכטערערהייט און אין מײַן אָנוועזנהײַט וועט דער דיסקאָנט-פֿירער, וואָס פֿלעגט צונויפֿשטעלן די אַקטן אויפֿן קאָנפֿיסקירטן אייגנטום, זיך מוזן פֿון זײַנע ווערטער אָפּזאָגן. צו מיר זײַנען קיין שום דימענטן ניט אַרײַנגעפֿאַלן, און דערפֿאַר וועט עס קיינער ניט דערווײַזן.

פֿושער האָט וואָלפֿיש אַ פֿינקל געטאָן מיט די אויגן:

— קיין געציילטע מינוטן וועל איך ניט דאַרפֿן, קעדיי דערווײַזן, אַז ס'איז אַזוי, ווי איך זאָג. ערשט האָט איר דערמאָנט אַ ניט-געלונגענעם שיִשפּילער קאַרל פֿרענצעל און אַ ליבהאָבער פֿון אַזאַרט-שפּילן ראָבערט יורסן. ס'איז דאָ אַ סמאַך צו מיינען, אַז אויך זיי וואָלטן אײַך געקענט דעמאַסקירן. אַגעוו, מײַן הויפּט-איידעס איז אויך אַ ליבהאָבער פֿון אַזאַרט-שפּילן. איר האָט אים געהאַט אַראָפּגעבראַכט קיין סאָביבאָר פֿון טערעזיִענשטאַט. גערופֿן האָט מען אים נאַטאַן שלאָק. אין אַמעריקע וווינט ער.

נאָך וווינט בײַ אונדז אײַער אַן אַלטער באַקאַנטער, אויך ניט קיין דײַטש, דזשאָן דעמיאַניוק. דער איז שוין אין פֿולן זין פֿון וואָרט אײַער אַ דערצויגלינג. גענומען האָט איר אים פֿון דער עסעס-שול אין טראַווניקי, וווּ איר, שוין אַלס אַן אָנערקענטער מײַסטער פֿון פּײַניקונגען, האָט אונטעריכטעט. צוויי שטעלעס מיטאַמאָל איז אײַך ניט איין מאָל אויסגעקומען צו פֿאַרנעמען, און וועגן דעם איז גוט באַוווּסט מײַנע איידעס. מיסטאָם געדענקט איר, מיט וואָס פֿאַר אַ פֿלײַס איוואַן דעמיאַניוק האָט אויפֿגענומען אײַער לער. ער זאָגט, אַז פֿאַר דעם, וואָס איר האָט אים אַרופֿגעפֿירט אויף אַ וועג, האָט ער אײַך מאַמעש פֿאַרגעטערט, אָבער דאָס וועט אים ניט שטערן אַרויסטרעטן קעגן אײַך. דערווײַל איז ער פֿאַרנומען און האָט ניט געקענט מיט מיר קומען. דער געריכט אין קליוולענד באַטראַכט זײַן איניען און, מעגלעך, מע וועט בײַ אים אָפּנעמען די אַמעריקאַנער בירגערשאַפֿט. אָבער דאָס קאָן נאָר פֿאַרשטאַרקן זײַן אָפּהענגיקײַט פֿון מיר. ס'הייסט, ניט ער און ניט שלאָק וועלן וועגן אײַך גאָרניט אויסטראַכטן. מיך אָבער וועט ניט אַרן, אויב ס'וועט זיך בײַ זיי פֿאַריינס אַרויסכאַפּן אַן איבעריק וואָרט, וואָס קאָן נאָר פֿאַרשטאַרקן דעם באָדן פֿאַר דער באַשולדיקונג.

וואַגנער, — האָט פֿושער מיטאַמאָל אָנגעהויבן ריידן פֿאַמעלעך, מיט האַפּסאָקעס, — איך פֿאַרשטיי, ווי אײַך איז שווער. איר געפֿינט זיך צווישן עטלעכע פֿײַערן מיטאַמאָל. אײַך קומט אויס מוירע צו האָבן ניט נאָר פֿאַר די לעבנגעבליבענע לאַגערניקעס, וואָס ווילן אויף אַ געזעגלעכן אופֿן אָפּנעמען בײַ אײַך דאָס לעבן, נאָר אויך פֿאַר אײַערע נעכטיקע גוטע-פֿרײַנט, וועלכע ווילן ניט, איר זאָלט שטאַרבן מיט אַ שאַנד-טויט. אויב אַפֿילו ניט ווי קיין געפֿערלעכן, איז ווי אַן איבעריקן באַלאַסט קאָן מען אײַך אָן אַ פּיפּס אָפּראַמען פֿון וועג. נאָך האָט איר, דאַכט זיך, אין איינעם אַ לאַנד אינסטרוקטירט די זיכערהײַט-דינסט. איז אויף וועמען קאָנט איר זיך פֿאַרלאָזן, אויב ניט אויף מיר? קיין אַנדער ברירע האָט איר ניט, ווי עפֿנטלעך, אויף וויפֿל דאָס איז נאָר מעגלעך, באַרויִקן די, וועמען איר וואָלט געקאָנט אויסגעבן, און שטילערהייט מיר אַנטקעגנקומען. פֿאַר די צוויי דימענטן, ווי אויך פֿאַר אַ ריי אַנדערע, באַזונדערס ווערטפֿולע זאַכן און קונסט-בילדער, זײַנען די יאָרשים פֿון די געוועזענע אייגנטימער גרייט באַצאָלן האַלב פֿון זייער איצטיקער ווערט. וואָס שײַך אײַער ווײַ-

טערדיקן גורל, איז ווי נאַר איר וועט באַפרײַט ווערן, אַזוי וועט איר זיך לאָזן ווהין די אויגן וועלן אײַך טראָגן, און ניטאָ מער. ערגעץ אין אַן אַנדער אָרט וועט איר רויִק פאַרענדיקן אײַער לעבן. איז צוליב וואָס זאָלט איר לויפן דעם אומגליק אַנטקעגן? איך זאָג עס אײַך אָפן. ווײַל פרעסנערן פאַרטרוי איך, און פאַרן דאָקטער, קוים זײַט איר באַשטאַנען, ער זאָל בײַזײַן, האָט איר זיך, מיסטאָמע, ניט וואָס צו היטן.

בעקיצער, באַקלערט זיך. דערבײַ פאַרגעסט ניט אין שלאָקן, דעמיאַניוקן. וועגט אָפּ אַלע „פאַר" און „קעגן". דערנאָך וועלן מיר זיך ווידער טרעפן, אָבער אויג אויף אויג. אויב ס׳וועט האַלטן באַם אָנרופן פאַמיליעס, אַדרעסן וועט איר זיי פון מויל ניט אַרויסברענגען. נאָר שרײַבן מיטן פינגער אויף מײַן דלאָניע. יאָ, הײַנט מוז איך אויף צוויי-דרײַ טעג אָפּפאָרן. פינקטלעך, ווען כ׳וועל זיך אומקערן, וועט פּראַו טערעזאַ וויסן. רעכט?

מיט דער הימל-שטראַסע...

די צײַט, זאָגט מען, שוואַכט אָפּ אין זיקאָרן אַפילע די סאַמע שוידערלעכע איבערלעבונגען, נאָר סאָביבאָר, זעט אויס, איז אַן אויסנאַם. פושער האָט גערעדט, און ברעק דערפילט עפּעס ווי אַ קעלט אין רוקן. ער האָט מיט אומגלויבן אין בליק און פאַרהאַלטענעם אָטעם זיך צוגעהערט צו דעם, וואָס דער אַמעריקאַנער רעדט, ווי ער זאָל זיך האָבן דערוווּסט וועגן דעם צום ערשטן מאָל. געווען צי ניט געווען? נו, און דאָס, וואָס ער, ברעק, זיצט און הערט, ווי עס גייט אַ רייד וועגן שלאָקן, דעמיאַניוקן איז דען צום גלייבן? שלאָק, דער קאַפּאָ שלאָק! איבער די אייגענע אַ סראָרע און פאַרן סראָרע אַ הונט. אַפילע צווישן די קאַפּאָס און יודנראַטלער, וואָס האָבן געוואָלט געווינען צוטרוי בײַ די נאַציסטן און געוואָרן אַ בײַטש קעגן די אייגענע, איז ער געווען פון די ערגסטע. קוריִעל האָט וועגן אים געזאָגט: „שלאָק קאָן שלאָגן אומזיסט און אומגישט. אַ שלעכטער מענטש".

איצט האָט ברעק זיך וועגן אים דערוווּסט נאָך ערגערס.

פייגעלע האָט געזאָגט: „ווײַבער, מיידלעך, זעט נאָר! ווער איז דאָס! ברעק איז צו אונדז געקומען אָן זײַן היטער. וואָס, ווילט איר וויסן, איז געשען מיטן קאַפּאָ שלאָק? הערסטאָך, אויפן וועג אַהער זײַנען פון הימל אַראָפּגעפאַלן צוויי שטיינער. איינער — פון די דײַטשן — האָט דעם קאַפּאָ צעבראָכן רוק-און-לענד, דער צווייטער — פון די ייִדן — האָט געמאַכט צו אים אַ סאָף".

אוי, פייגעלע, פייגעלע, ווי מיר האָבן זיך אַליין אָפּגענאַרט! אויסגעלאָזט האָט זיך, אַז שלאָקס געדעכעניש איז ניט אויסגעראָנען. ניט קיין שטיין און ניט קיין קויל האָבן דעם מענוּוול ניט גענומען. שלאָק איז נאָך אַלץ אַ היגער אויף דער וועלט.

מאַקס וואַן דאַם האָט געפרעגט: „מיט וואָס איז דער ייִד שלאָק בעסער פאַר וואַגנערן, גאָמערסקין, נוימאַנען?"

געפרעגט און אַליין געענטפערט: „מע דאַרף זיי אַלעמען אויף איין שטריק אויפהענגען".

וואַן דאַם איז געווען אַ יורישערדיקער מענטש, און דער אורטייל וואָלט געווען אַ גערעכטער.

איוואַן דעמיאַניוק איז, דאַכט זיך, דער זעלבער וואַכמאַן, וואָס האָט באַמערקט, ווי ברעק שטייט צוגעשפּאַרט צו דער וואַנט פונעם באַראַק אין צווייטן לאַגער. ברעק, וואָס האָט דאַן אָנגעטראָפן צום סאַמע ראַנד פון אומקום, איז געשטאַנען אַ דערשראָקענער און נאַכגעשפּירט די שאָטנס, וואָס שלײַכן איבערן וועג. די מערהײַט שוין באַרוובטע, אָפּגעריסענע, אָפּגעשליסענע, אָנגעטאָן אין טראַנטעס, אין צערעפּעטע שקראַבעס. איינער מיט לאַנגע ווײַסע באָרד-און-פּייעס, אין אַ שטרײַמל, אין אַ זײַדענער קאַפּאָטע, וואָס האָט נאָך ניט פאַרלוירן איר גלאַנץ, איז אונטערגעגאַרטלט מיט אַ שטריק, אויף וועלכן עס הענגט אַ שוואַרץ פאַרויכערט קעסעלע. באַנאַנד מיט אים שלעפּט זיך אַ באָכער, וואָס זײַן אָפּגעבליאַקעוועט העמדל איז שוין אַזוי לאַנג ניט אַראָפּגענומען געוואָרן פון לײַב, אַז ס׳איז ווי צוגעוואַקסן צו זײַן אײַנגעהויקערטער פּלייצע. אַ דריטער איז אין אַ הוט, וואָס פאַלט אים אַראָפּ איבער די אויגן. זײַן העמדל איז אין הוילע לעכער. הינטער אים גייט אַ יונגע פרוי מיט אַ קינד אויף די הענט. איר קלייד איז פאַרקנעפּלט באַם סאַמע האַלדז, זיי גייען, גייען, און קיינער וועט ניט וויסן, ווהין זייער געביין איז אַהינגעקומען. בלויז דער שטויב רייכערט זיך אונטער די שאַרקענדיקע פיס...

ס'איז ניט צו וווּנדערן זיך, וואָס בערעק האָט ניט דערזען, ווי דער לאַנדסקנעכט דערנעענטערט זיך צו אים און פאַרהייבט דעם גומענעם שטעקן איבער זײַן קאָפּ. א גליקלעכער צופאַל האָט אים דאַן געראַטעוועט. ס'גרוילט אים נאָך איצט דערמאָנענדיק זיך.

וואָן דאַס, קוריִעל זײַנען אומגעקומען. שלאַק, דעמיאַניוק, וואָס וואָלטן געמעגט אַף דער וועלט ניט געבוירן ווערן, לעבן. און פושער, דער זעלבער פושער, וועלכער וואָלט לויט זײַן נאָכמילכאָמע-אַמט באַדאַרפט שטיין אַף דער וואַך פון געזעץ, איז גרייט אָן א סימען פון בושע שליסן שאָלעם מיט דער כײַע פון סאָביבאָר, מיט וואַגנערן, וואָס באַטראַכט אפילע איצט זײַנע מערדערײַען ווי העלדנטאַטן. די פרײַנטשאַפט וועט אָן סאָפעק געשלאָסן ווערן, אויב דער עסעסאָווער וועט אפילע אַף א העלפט באַפרידיקן פושערס קליִענטן. כאָטש מיסטאַמע וועלן זיי זיך נאָך גוט א דינג טאָן.

דער מיסכער קומט פאָר אין בראַזיליע, ווו די ערד-טיפענישן זײַנען רײַך מיט ווערטפולע שטיינער. אין יעדן האָטעל-נומער ליגט באַנאַנד מיט דער ביבל א רײַך-אויסגעפורעמטער רעקלאַמע-פּראָספעקט מיט געדרוקטע בוכשטאַבן, וואָס וואַרפן זיך אין די אויגן: „די פירמע „שטערן" איז דער בעסטער צושטעלער פון אײדלשטיינער". אַף דער צווייטער זײַט איז געגעבן אָנגעוויזן, ווו די מאַגאַזינען פון דער פירמע געפינען זיך. מיט „שטערן" קאָנקורירט די פירמע „אַמסטערדאַם", וואָס דערמאָנט אויך אַף יעדן טריט און שריט, אַז „בראַזיליע איז דאָס היימלאַנד פון אײדלשטיינער און דערפאַר זײַנען זיי דאָ ביליקער". מיט וועלכע פון אָט די צוויי פירמעס אָדער גאָר מיט אַן אַנדערער, אַן אַמעריקאַנער, איז פושער פאַרבונדן? ווער האָט אים באַופטראָגט קומען אַהער און אין וועמעס נאָמען איז ער געקומען?

דער ראַנדעוווּ איז נאָך ניט פאַרענדיקט. נאָך קימאַט א שאָ איז פאַראַן אין רעזערוו. צום וואָרט קומט דער, וואָס זיצט רעכטס פון פושערן. פון באַרוף איז ער א פסיכאָלאָג. פּרעסנער איז זײַן פאַמיליע. ער האָט זיך אויסגעהוסט, ריין געמאַכט דעם גאָרגל, א ריר געטאָן דאָס בינטל האָר, וואָס איז אים קאָסע געלעגן איבערן פליך, און צוגעטראָטן צום פאַרהער. וווּהין צילט ער? צי דען, וואַגנער זאָל באַשטעטיקן, אַז נאָך דער מילכאָמע האָבן פיל לענדער פון לאַטײַן-אַמעריקע מער ווי גאַסטפרײַנטלעך באַגעגנט און צוגעלאַשטשעט טויזנטער נאַציסטן. די גוטע באַציִונג האָט זיך געלאָזט פילן ניט נאָר מיצאַד די רײַכע קאָלאָניעס פון דײַטשישע עמיגראַנטן, וועלכע זײַנען געקומען אַף דעם קאָנטינענט אין אָנהייב יאָרהונדערט, נאָר אויך מיצאַד די אָרטיקע דיקטאַטאָרן. די נײַ-געקומענע מאָרד-ספּעציאַליסטן האָבן געבראַכט מיט זיך קאָלאָסאַלע אָנגערויבטע פאַרמעגנס און אַליין גענומען פאַרנעמען הויכע פּאָסטנס אין די מאַכט-אָרגאַנען.

דער פאָדעם פונעם געשפּרעך האָט זיך אַזוי געצויגן, אַז בערעק האָט געהאַט א גענוגנדיקן סמאַך א טראַכט צו טאָן, אַז ווען דאָ זאָלן בײַזײַן זשורנאַליסטן, וואָלטן זיי געמעגט אָנשרײַבן: „דער שמועס איז פאַרבײַ אין א פרײַנטלעכער אַטמאָספער".

ווײַטער, דאַכט זיך בערעקן, וואָלט פּרעסנער א באַלן געוועזן סיסטעמאַטיזירן די רײַכע מאָרד-דערפאַרונג פונעם געוועזענעם עסעס-אָבערשאַרפירער. קימאַט ווי מיט ליוב מערקט ער אָפּ וואַגנערס איניציאַטיוו, אײַנפאַלערישקײַט און אָרגאַניזאַציאָנעלן כוש באַם ליקווידירן טויזנטער לעבנס, און דעריקער, ווי עס פלעג זיך אים אײַנגעבן אָפּטעמפּן בא די פאַרורטײלטע דעם גײַסט פון ווידערשטאַנד. דאָס איז אויך הײַנט אַקטועל פאַר די, וואָס קומען אָן צו רעפּרעסיעס. פּרעסנער דרייט זיך אַרום וואַגנערן, ווי א בין אַרום האָניק.

דער פסיכאָלאָג פרעגט זיך נאָך וועגן איינעם אַן אופזעער פון טרעבלינקע, וואָס פלעגט מיט דערפאָלג באַנוצן טעסטן באַם אָפּקלײַבן אסירים אַף צײַטווײַליקער אַרבעט. מאַקס בילאַס האָט מען אים גערופן.

— בילאַס, מאַקס בילאַס? — פּרוּווט זיך וואַגנער דערמאָנען. — אַזא אופזעער, געדענקט זיך מיר, איז געוועזן, נאָר וואָס פאַר א טעסטן האָט ער געקענט צוקלערן און צוליב וואָס? אַלע אויפאַנים אויסצופאָרשן די אַרבעטספּעציקײַט פון באַזונדערע פּערזאָנען אָדער גרופּעס האָבן מיר דערלערנט אין האַרטהײמער שול, ווען אין פּוילן זײַנען נאָך קיין לאַגערן ניט געוועזן. די אויספּרוּוון זײַנען געמאַכט געוואָרן אַף דײַטשישע און עסטרײַכישע קאָמוניסטן, אַף סאָציאַל-דעמאָקראַטן. אַז אַבסאָליוט אַלץ איז געוועזן קלאָר און ריכטיק פּראָוויסגעזען, האָבן באַוויזן די רעזולטאַטן פון אונדזער אַרבעט.

ווען בערעק זאָל האָבן א מעגלעכקײַט, וואָלט ער בא וואַגנערן געפרעגט:

— אַלץ? און ווי איז מיט די אופשטאַנדן אין טרעבלינקע און סאָביבאָר?

און אָט וואָס עס וואָלט דערהערט פּרעסנער, ווען בערעק דערלויבט זיך דענקען אַף א קאָל:

— הער פסיכאָלאָג, דערקלערן אײַך וואָס פאַר א טעסטן דאָס זײַנען געווען קאָן איך, מיסטאמע, ניט ערגער פאַר וואַגנער. איין-און-איינציק מאָל, נאָר איך האָב געזען, ווי דער עסעס-אָבערשאַרפירער גוסטאַוו וואַגנער, מיט וועלכן איר שמועסט איצט אזוי פרײַנטלעך, איז זיך באַגאַנגען מיט די אויסגעדייוועטע, אויסגעשעפּטע מענטשן, וועלכע מע האָט ערשט אויסגעלאָדן פון די עשעלאָנען. ער האָט באַפוילן:

— ספּעציאַליסטן, א שפּאַן פאָרויס!

שוין בלויז פון זײַן בליק איז קלאָר געווען, אז קיינער פון די, וואָס מע האָט אהער פאַרטריבן, האָבן פאַר אים ניט קיין שום ווערט. קיינעם אינטערעסירט ניט זייער צאָל, זייער עלטער. אלעמען ביז איינעם וועט מען זיי פאַרניכטן. וואָס דען? די פאַכמענער, וואָס קענען אין דער מינוט אויסגענוצט ווערן, וועלן עטוואָס לענגער זיך פאַרהאַלטן אויף דער וועלט. דאָס קאָן זיך פאַרציִען אויף שאָען, טעג, אָבער ניט מער, ווי אויף געציילטע וואָכן.

וועגן די, וועלכע האָבן דעם טראָט פאָרויס ניט געמאַכט, שרײַבן איצט אייניקע היס-טאָריקער און ליבהאָבער פון עקספּערימענטאַלער פסיכאָלאָגיע: „ווי רינדער, וואָס אײַלן צום פעטן פּאַשע-פעלד, אזוי זײַנען זיי געלאָפן צום טויט אין די אָרעמס". טאָמער איז עס קאַרג, געפינען זיך אויך אזוינע, וואָס זאָגן: „אין זייער פּריִמיטיוויִקן גאַנג צום טויט האָבן די פאַרור-טיילטע אײַנגעזען א טאַט פון מאָראַלישער דערהויבנקייט".

און בא קיינעם פון אָט די „ערודיטן" טוט די האַנט ניט קיין ציטער. עס ווערן אַרויס-געזאָגט אזוינע ווערטער און עס ווערט ניט אָפּגענומען דאָס לאַשן.

דער פּסיכאָלאָג פּעטער פּרעסנער הערט אָבער ניט ברערקן. ער קאָן ניט אָפּרײַסן די אויגן פון וואַגנערן.

— ריכטיק, — שטימט ער אײַן מיט אים, — אײַך האָט זיך גיך און גרינג אײַנגעגעבן אָפּטיילן, אָפּוואַרפן די איבערוועגנדיקע מערהייט שוואַכלינגען, וועלכע האָבן שוין ניט גע-קענט אויסגענוצט ווערן אַלס אַרבעטסקראַפט. נו, און ווײַטער?

וואָס ווײַטער איז געווען האָט בערעק שטענדיק פאַרגעדענקט. די, וואָס האָבן ניט געטויגט, אָדער ניט געוואָלט דינען אַלס שקלאַפן, האָט מען צוליב „ריינקייט וועגן" אָפּגע-שאָרן און אוועקגעשיקט מיט דער הימל-שטראַסע...

פּרעסנער האָט געוואָלט נאָך פרעגן און פרעגן, נאָר די צײַט איז אויסגעגאַנגען. „סעניאָר וואַגנער", האָט ער באַוויזן אַרויסברענגען, און אין דעם מאָמענט האָט זיך געעפנט די טיר און דער פּאַליציאַנט האָט מיטן ווײַזפינגער א פּיר געטאָן היִן און צוריק פאַר די אייגענע ליפּן. דאָס האָט באַטײַט: עס ווערט פאַרבאָטן פאַרזעצן דעם פאַרהער. שלעזינגערן האָט דער פּאַליציאַנט איבערגעגעבן א פּאַנענדאָסקאָפּ, א טאָנאָמעטער און א מיקראָ-אַפּאַראַט אויף צו מאַכן א קאַרדיאָגראַמע. אזוינע דרײַ אַפּאַראַטן האָט בערעק מיט זיך געבראַכט פון אַמסטערדאַם, נאָר אין וואַרט-צימער האָט מען זיי בא אים אָפּגענומען. איצט האָט מען אים געגעבן פרעמדע, ניט זײַנע. די צוויי פאַרשוין, מיט וועלכע ער איז ערשט געזעסן, האָבן פאַרלאָזט דעם צימער. פּרעסנער איז פון וואַגנערן אוועק א באַפרידיקטער.

פאַרבליבן זײַנען זיי אינדרײַען: וואַגנער, דער וואַכמאַן און בערעק. ריכטיקער — דאָקטער בערנאַרד שלעזינגער. ווי עס פּירט זיך אין אזעלכע פאַלן, איז אוועק א רייד וועגן קרענק און רעפּועס.

ענדלעך קאָן וואַגנער מיט אן אַנדער לופט אן אָטעם טאָן. אין זײַן גאַנצער לענג ציט ער זיך אויס אויף דער סאָפע. הינטער די ברילן מיט די גראָבע גלעזלעך איז צו באַמערקן ווי אין דער טיף פון זײַנע ביר-קאָלירענע אויגן נעסטעט זיך א שרעק. ער קלאָגט זיך, אז עס טוט אים ווי אונטער די ריפּן און דער קאָפּ איז א שווערער. שלעזינגער מאַכט אן אײַנשפּריצונג אויף אַראָפּנעמען דעם ווייטיק און פאַריינס אַראָפּשלאָגן דעם בלוטדרוק.

קוים האַנדלט זיך וועגן זײַן, וואַגנערס, געזונט, ענטפערט ער העפלער, געַנוי. פּאַר א מעדיקער, וואָס וועט אים היילן, האָט ער אָפּשײַ. ער ליגט האַלב-נאַקעט, א שטילינקער באַם ברעג פון דער קושעטקע און האָט מוירע א ריר טאָן זיך פון אָרט. ענטפערנדיק אויף דעם דאָקטערס פראַגן, בלעטערט ער זײַנע יאָרן:

— מײַנע עלטערן זײַנען געווען ניט קיין פאַרמעגלעכע, מיטעלע, ווי מע זאָגט, מענטשן. געוואַקסן בין איך נאָרמאַל. קיינמאָל ניט געפּוסטעפּאַסטעוועט. דאָס ערשטע טועכץ מײַנס? א שיק-ייִנגל אין א קראָם, א גאַס-פאַרקויפער, דערנאָך א געווייִנלעכער עסטרײַכישער אָנגעשטעלטער. מיט קיין ספּירט-געטראַנקען האָב איך איבעריק ניט מיסגעברויכט, סײַדן עפּשער א קורצע צײַט. נאָר געווען איז עס נאָך פאַר דער מילכאָמע. ניט פאַרוווּנדעט. ניט קאָנטוזיעט. עס פלעג מיר אָפּט אויסקומען אַרבעטן איבער די קויכעס, נאָר נערווירן זיך? ניין. דאָס שטימט ניט מיט מײַנע פּרינציפּן. איך פאַרמאָג א פעסטן ווילן און האָב ליב

זעלבסטדיסציפּלין. ווי איך האָב געהיילט דעם מאָגן-געשוויר? כ׳האָב גענומען וואַנעס, גע-
טרונקען מינעראַלע וואַסער, דורכגעמאַכט געהעריקע פּראָצעדורן. ניין, כ׳מיין ניט, אַז מיַין
מאָגן-קראַנקייט איז פאַרבונדן מיטן מילכאָמע-פּעריאָד. באַ מיר איז געווען אַ געוויינלעכע
אַרבעט. יאָ, הער שלעזינגער, אַ געוויינלעכע. צי וואָלט איך געקענט רויִק באַאָבאַכטן גסיסע-
אַנגסטן? אויב ניט באַ קיין נאָענטן פאַר מיר מענטשן, פאַרוואָס ניט?

באַ אַ צוויי מינוט איז שווער געווען באַ אים אַ וואָרט אַרויסבאַקומען. נאַרוואָס האָט ער
אַ זאָג געטאָן, ווי יעדער מענטש קאָן אַמאָל אַ זאָג טאָן, „אַ געוויינלעכע אַרבעט", און מיט-
אַמאָל האָט ער אָנגעכמורעט דעם שטערן, ווי ער וואָלט זיך וועלן אין עפּעס דערמאָנען, און
ווי אַ צעווילדעוועטער בופלאַקס, עמעצן אַ דראָע געטאָן מיט די אויגן. זעט אויס, אַז ביז
היַינט לייגט זיך ניט זיַין סינע אין קיין ברעג. באַ בערעקן שווימט אויף אַ כשאַד, צי שטויסט
זיך וואַגנער ניט אָן וועגן עפּעס. נאָר, ניין, עס וועט אים קיינמאָל אַפן זינען ניט קומען, אַז
קור׳עלס און דאָקטאָר שלעזינגערס וועגן האָבן זיך געקאָנט איבערקרייצן.

בערעק האָט דערלאַנגט וואַגנערן אַ גלאָז וואַסער, ווידער אַ טאַפּ געטאָן זיַין דויפּעק
און שוין געקליבן זיך אוועקגיין, נאָר צו וואַגנערן האָט זיך אומגעקערט דאָס לאַשן.

— דאָס הארץ האָט באַ מיר די לעצטע יאָרן גענומען אונטערהינקען, און טערעזאַ
האָט מיר איבערגעגעבן, אַז איר זיַיט אַ גרויסער פאַכמאַן, איז העלפט מיר, — ער האָט אָנ-
טוישט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט און שוין גאָר מיט אַן אַנדער שטים אַרויף אַף אַן אַנדער
געשפּרעך: — איר ווייסט, וואָס איך וועל איַיך זאָגן, פּושער איז טאַקע איבערקלוג און מיינט,
אַז מיט שלאָקן און דעמיאַניוקן האַלט ער מיך פעסט אין זיַינע הענט. זאָל ער זיך עס פון
קאָפּ אַרויסשלאָגן. טערעזאַ וועט אים גיך אויסניכטערן. יענער שווינדלער איז נאָך ניט גע-
בוירן געוואָרן, וואָס זאָל זי קאָנען נאַרן.

דער פּאַליציִאַנט, וואָס איז די גאַנצע ציַיט געשטאַנען, ווי אַ טויב-שטומער, האָט ווידער
אַ פּיר געטאָן מיטן וויַיזפינגער פאַר די ליפּן: „פאַרבאָטן". וואַגנער האָט מיט לאַנגזאַמע טריט
זיך געלאָזט צו דער טיר. מעגלעך, אַז ער האָט נאָך דערוואַרט עפּעס הערן פונעם דאָקטער,
נאָר בערעק האָט באַשטימט בעסער אָפּשוויַיגן, ווי ער זאָל ניט האָבן קיין איין וואָרט אין
מויל.

אין קאָרידאָר איז געווען פּוסט. אַלע טירן פאַרמאַכט. אין דער באַגלייטונג פונעם קאָנ-
וואָיִר איז בערעק ווידער געקומען אַפן קאָנטראָל-פּונקט, וווּ מע האָט אים אומגעקערט די
מעדיצינישע אַפּאַראַטור.

פון דאָרט האָט ער זיך געלאָזט גיין מיט דער שאָטנדיקער זיַיט פון גאַס. אין דער
ניַי-אויסגעבויטער שטאָט, וואָס איז ערשט צוריק מיט אַכצן יאָר געוואָרן דער פּאָליטישער
צענטער פון לאַנד, רויכערן ניט קיין זאַוואָד- און פאַבריק-קוימענס, קיין שום אינדוסטריִעלע
אונטערנעמונגען זיַינען דאָ ניטאָ, און אַלציינס האָט ער ניט מיט וואָס צו עטעמען. פּראָו
טערעזאַ האָט אים געבעטן, ער זאָל ווי אַמשנעלסטן קומען. מיילע, זי וועט צוּוואַרטן. אַפּריִער
דאַרף ער נאָך מיט זיך אַליין גוט זיך מעיִאַשעווען זיַין. טאָן קאָן מען עס בייסן עסן. אָט איז
גראָד אַ באַר אַפן ערשטן שטאָק. דאָ קאָן מען קריגן אַ פיַין שטיקל געבראָטן פלייש, באַ-
שטעלן אַ פיַינקוכן. נאָר עסן קומט אויס שטייענדיק, וועט ער אָפּזוכן אַן אַנדער אָרט.

אָנגעטראָפן האָט ער אַף אַ באַשיידן רעסטאָראַנדל, גיכער וואָלט מען עס געקענט אָנ-
רופן, אַ גוטע גאָרקיך. אין דער שאָ זיַינען דאָ געווען זוייניק באַזוכער. אין אַ ווינקל, באַ
אַ באַזונדער טישל, האָט ער זיך צוגעזעצט. גלייך האָט מען אים דערלאַנגט אַ היפשן טעלער
מיט סאַלאָט ווי נאַרוואָס פון דער בייט, נאָר צוגעפעפערט און באַגאָסן מיט בוימל. מע
האָט אים פאַרגעלייגט דאָס נאַציאָנאַלע געריכט פּייזשוּאַדאַ. ער האָט געקייט עפּעס ענלעכס
אַף ליוּוער. דינע ריפּעלעך ווורשט, דופּטיקע אַרבעסלעך. דאָס אַלץ האָט ער פאַרטרונקען
מיט קאַקאַס-זאַפט, ווו ס׳זיַינען געשווומען שטיקלעך איַיז. די הענט, דאָס מויל האָבן זיך
זייערס געטאָן, און אַליין האָט ער נאָך אַלץ געטראַכט וועגן דעם, וואָס ס׳איז פאַרגעקומען
אין טפיסע.

די פּרעסע-קאָנפערענץ

דער לאָקאַל, ווו ס׳האָט באַדאַרפט פאָרקומען וואַגנערס טרעפונג מיט די ציַיטונגס-
פאַרשטייער, איז געווען צו ענג אַף אַלעמען אַריַינצונעמען. די, וואָס האָבן געוואָלט זיַין
נעענטער צום אָרט, וואָס איז אויסגעטיילט געוואָרן פאַרן אַרעסטאַנט, איז אויסגעקומען זיך

דורכשלאָגן אהין מיט דער הילף פון די עלנבויגנס. דער אופּברויז איז געוואקסן, נאָר די טיר פון דער דעזשור-קאמער איז נאָך אלץ געווען צוגעמאכט.

בערעק האָט פארפריער געוווסט, אז וואגנער, כאָטש ער געפינט זיך הינטער די גראַטעס, וועט דאָס מאָל פאר די זשורנאליסטן זיך ניט באווייזן די הענט אף ארונטער און זיצן וועט אים ניט אויסקומען אף א טאבורעטל בא ניט קיין געהובלעוועטן טיש. נאָך האָט ער געוווסט, אז אייניקע פון די קאָרעספּאָנדענטן זייַנען געקומען אהער, קעדיי, מיט זייערע פראגעס און רעפליקעס אופמוטיקן וואגנערן און דערנאָך פרווון דערווייַזן פאר דער עפנטלעכקייַט, אז ס'איז ביכלאל ניטאָ קיין גרונט צו מישפּעטן אים. די דאָזיקע לייַט האָבן ניט געהאט קעגן, אז די טרעפונג זאָל פארוואנדלט ווערן אין א סאלאָן-געשפּרעך.

וואגנער איז ארייַנגעקומען אין דער באגלייטונג פונעם זעלבן פּאָליציי-וואכמאן, וואָס האָט אים געבראכט אף דער באגעגעניש מיט די עקספּערטן. קלוימערשט אומגעצווונגען, פאָכעט ער מיט די נאקעטע אָפּגעברענטע הענט, נאָר גיין גייט ער פאמעלעך, טראָט בא טראָט. בערעקן קומט ניט אויס, ווי אנדערע, זיך אופהייבן אף די שפּיץ פינגער. ער זעט אים אזוי אויך גוט פון קאָפּ ביז די פיס. פאר געציילטע עטלעכע טעג איז וואגנער אראָפּ פון פּאָנעם. די קנייטשן זייַנען פיל טיפער געקארבט. דער האלדז איז געוואָרן נאָך מער מאָגער און שלאבעריק. ווי ער זאָל זיך ניט באמי:ען אויסצי:ען אין דער גאנצער לענג, לאָזט אים ניט די סוטולעוואטע פּלייצע.

אין פאָטעל לאָזט ער זיך אראָפּ געלאסן און מיט אויגן, וואָס קוקן איבער די קעפּ אריבער, באטראכט ער דעם פארשיידנארטיקן עולעם, מיט וועלכן ס'וועט אים באלד אויסקומען האָבן צו טאָן. די דריידלעך זייערע און די קונציקע גענג זייַנען אים באקאנט. מע וועט דארפן זייַן געהיט. ניט אומזיסט זאָגט מען, אז א פען שיסט אמאָל ניט ערגער פון א ביקס. קלאָר, אז ניט אלץ, וואָס אים איז באוווסט, קלייַבט ער זיך זיי זאָגן. גיכער פארקערט. בא א פּאָר מינוט זיצט ער, ווי ער וואָלט אָנגענומען א פול מויל מיט וואסער, און זיך צוגעהערט צו דעם, וואָס ער טראכט. ווען דאָס וועט זיך פאָדערן, וועלן זיך בא אים די בייטיקע ווערטער ווי-ניט-איז א שיט טאָן ווי פון ארבל.

אזוי אָדער אן ערעך אזוי, האָט בערעק זיך פאָרגעשטעלט וואגנערס געדאנקענגאנג.

ריידן האָט וואגנער אָנגעהויבן שטיל, דערנאָך איז זייַן קאָל געוואָרן פעסטער, דייַטלעכער:

— מיט די ווערטער, וואָס איך קלייַב זיך דאָ זאָגן, וויל איך אייַך איבערצייַגן אין מייַן אומשולד...

דאָס איז, ווייַזט אויס, די ארבעט פונעם אדוואָקאט.

דערווייַל פירט זיך וואגנער אוף קאָרעקט, ער רעדט רו:יק און שיר ניט געמיטלעך. די צונג איז בא אים ווייַט ניט אין גאָלעס. ווי נאָר אָבער ס'איז געקומען צו די פראגן און ענטפערס, איז געוואָרן אויס מיט דער באדאכטקייַט. ער קנייטשט מיט די אקסלען, ענטפערט בארויגעז-אָפּשטויסנדיק, מיט פארדראָס, אפילע מיט רעציכע, זייַן פּאָנעם ווערט אָנגעגאָסן מיט בלוט:

— יאָ, דער אויספאָרשונג-ריכטער האָט מיך באקאנט מיט די באשולדיקונגס-מאטעריאלן. יאָ, מיך באשולדיקט מען אין מאָרדן, פּייַניקן, נאָר איך וועל דערווייַזן, אז דאָס אנטשפּרעכט ניט דער ווירקלעכקייַט. וויפל זייַטלעך עס פארנעמען שוין די מאטעריאלן פון מייַן איניען, דאָס האָט מיר קיינער ניט מיטגעטיילט. ווער-ווער, נאָר צייַטונגס-מענטשן ווייסן אליין גוט, אז א פען לאָזט זיך פירן אהין און אהער. באשטעטיקן אָדער אָפּלייקענען, אז קיין סאָבּיבאָר זייַנען אָנגעקומען 106 טראנספּאָרטן, קאָן איך ניט. מעגלעך, אז דאָס איז אזוי. אויך איצט האלט איך, אז שוואכע און קראנקע דארפן אומקומען. דאָס האָב איך געוווסט נאָך איידער דער פיורער איז געקומען צו דער מאכט. איך וואָלט ניט געזאָגט, אז טרעבלינקע און סאָביבאָר זייַנען געווען טויט-לאגערן. צוואנג-ארבעט איז דאָרט געווען, אָנפירן איז אויסגעקומען מיט א שטארקער האנט. דאָס איז עמעס. וועגן פראנץ-פּאול שטאנגלען פרעגט איר? אן אויסגעצייכנטער אָפיצער און א גוטער, אן אָרנטלעכער מאן.

אזוי האָט ער טאקע געזאָגט — א גוטער, אן אָרנטלעכער מאן.

— פארוואָס ענטפערט איר ניט אף אלע פראגעס? — האָט עמעצער הינטער וואגנערס פּלייצע אויסגעשרי:ען.

— אף וועלכע? דערווייַל האָב איך אף אלע געענטפערט און זייַט אזוי גוט, שלאָגט מיך ניט איבער, אניט וועל איך זיך אָפּזאָגן פאָרזעצן דעם געשפּרעך. איך קאָן זיך עס דערלויבן. קיין קאָנטראקט מיט אייַך האָב איך ניט געשלאָסן: יאָ — יאָ, ניט — ניט.

געזאָגט און גלײַך זיך דערמאָנט, וואָס דער אַדוואָקאַט האָט אים געוואָרנט: „מיט גע־דולד שעפּט מען אויס אַ קוואַל". עס קאָן געמאָלט זײַן, אַז ער פּירט זיך אויף ניט קלוג. באַלד וועט ער זיך ווידער נעמען אין די הענט און באַמיִען זיך רויִק ענטפערן אויף אַלע פראַגן. אַט וועט ער אפילו אַנטקעגנקומען אַט דעם, אַשטייגער, „בא וועמען דער פליך גלאַנצט, ווי אַ קאַשטאַנען־נוס, און דאָס בערדל איז אַ מאָגערס.

— איך הער אײַך.

— אַ דאַנק. די מערהײַט צײַטונגס־לייענער, ווי איר ווייסט, האָבן ליב סענסאַציעס. מיט אײַער הילף וואָלט איך זיי געוואָלט מיטיילן אַלץ וועגן אײַער צווייטן פאַמיליע־נאָמען מענדעל. אַז איר האָט ווי געהעריק דערלערנט דעם גענעאַלאָגישן בוים פון די מענדעלס, צווייפל איך ניט.

וואַגנער שווײַגט אַ היפּשע ווײַלע. צי כאַזערט ער ניט איבער אין קאָפּ אַלץ, וואָס ער האָט פאַרגעדענקט וועגן דער דאָזיקער פאַמיליע בייס ער האָט זי געקויפט? דאָס איז געווען אַן אונגאַריש־ייִדישע מישפּאָכע. מענטשן מיט וויסן, געבילדעטע. אין XV יאָרהונדערט איז זי געווען פאַרעכנט צווישן די סאַמע כאַשעווסטע אין לאַנד. פונעם 1482 יאָר ביזן 1539 יאָר האָבן פאַרשטייער פון די מענדעלס פאַרנומען דעם פּאָסטן פון הויפּט־ריכטער איבער די ייִדן אין אונגאַרן. דערנאָך איז דער אמט אָפּגעשאַפן געוואָרן. פיל דאָקומענטן זאָגן איידעס וועגן דעם, אַז די פאַמיליע האָט פאַרמאָגט אַ הויכע רעפּוטאַציע באַם קיניגלעכן הויף. אַזוי, לעמאָשל, האָט דער קיניג וולאַדיסלאַוו מיט דער אייגענער האַנט אָנגעשריבן אַ בריוו צו די פירער פון דער ווענעציאַנער רעפּובליק, ווו ער האָט זיך אײַנגעשטעלט פאַר יוסעף מענדעלן, דעם זון פון יאַקאָוו־יעהודע מענדעל, און געבעטן אים באַפרײַען פונעם אומקאָוועד צו טראָגן אַן אויסטייל־צייכן. דעם בריוו האָט ער זעלבסט אי־בערגעגעבן יויסעפן. געווען איז עס אין 1511 יאָר. די מענדעלס פלעגן זיך אָפּט מישטאַדל זײַן פאַר די ייִדן אין לאַנד און געווינלעך פלעגן די מאַכטהאָבער זיי ניט אָפּזאָגן.

— אויב, הער זשורנאַליסט, בא אײַך איז די פען אַ שאַרפע, מיין איך, אַז ס'וועט זײַן גענוג פאַר אַ סענסאַציע.

אַדעראַבע, זײַ אַ נאַווי און טרעף, וואָס דער קאָרעספּאָנדענט האָט געהאַט אין געדאַנק און אַז אָנשטאָט אַ דאַנק, וועט קומען נאָך אַ פאָדערונג:

— מײַנע לייענער וואָלט אויך אינטערעסירט, וואָס ווייסט איר וועגן דעם ווײַטערדיקן גוירל פון די מענדעלס.

די פראַגע האָט וואַגנערן געבראַכט אין פאַרלעגנהײַט. וואָס זאָל ער ווײַטער דערציילן וועגן די מענדעלס? אַז ס'איז פון זיי קיין זייכער ניט געבליבן? אַנדערש וואָלט ער דעם פאַמיליע־נאָמען ניט באַקומען.

— זעלבסטפאַרשטענדלעך, — האָט וואַגנער געענטפערט, — מיר איז באַוווסט דער גוירל פון אַט דער ייִדישער פאַמיליע, נאָר וואָס איז דאָ צו דערציילן? וואָס געשען — איז געשען.

— איך וועל אָנשרײַבן אַן ערעך אַזוי: פריִער אָדער שפּעטער, אָבער אַלץ וועט אומ־באַדינגט באַוווּסט ווערן, ווײַל די מענטשהײַט דערלויבט ניט פאַרניכטן איר זיקאָרן. און נאָך: פאַרברעכער קאָן מען פאַרניכטן, פיל שווערער איז פאַרניכטן זייער פאַרברעכערישע לערע, וואָס הייבט זיך אָן מיט האַס און ענדיקט זיך מיט מאָרד.

וואַגנער איז ווי שטום געוואָרן. זײַנע אַקסלען האָבן אַ ציטער געטאָן, ווי פון אַ קלאַפּ. די גאַל איז אים ווידער אַרײַן אין פּאָנעם... „רויִק, גוסטאַוו, רויִק, — האָט ער זיך אַליין אײַנ־געשטילט, — היט זיך פאַר אַן איבעריק וואָרט..." און דאַך — זיך אַליין ניט בײַגעקומען:

— יעדער איינער גייט אין זײַן וועג. אײַך, מיין איך, וואָלט קיין מוט ניט געקלעקט זיך אופירן אַזוי, ווי די, וועלכע איר רופט אָן פאַרברעכער. איך בין געווען דײַטשלאַנדס אַ טרײַער סאָלדאַט. הימלער האָט געהאַלטן, אַז אָן עסעס...

און ווי איז דער נאָמען „הימלער" אויף זײַנע ליפּן אַרויף? עס האָט זיך באַקומען, ווי ער אַליין וואָלט זיך אונטערגעשטעלט אַ פיסל. אין זאָל האָבן עטלעכע מענטשן מיטאַמאָל זיך צעלאַכט.

צוויי זשורנאַליסטן האָבן זיך אופגעהויבן פון זייערע ערטער. ביידע זײַנען זיי געווען פון אַ היגער בראַזיליִער צײַטונג. מיט די אויגן האָבן זיי זיך צונויפגערעדט, ווער פון זיי ס'וועט אָנהייבן.

— הער וואַגנער, — האָט דער עלטערער געזאָגט, — עס לוינט ניט אַזוי פײַערן און קאָכן. לאָמיר זיך בעסער פרוּוון אַרײַנטראָגן קלאָרקײַט. צי האַלט איר ניט, אַז אין סאָביבאָר, אין טרעבלינקע זײַט איר געווען ניט מער, ווי אַ מאַריִאָנעטקע אין פרעמדע הענט?

צו וואַגנערן איז נאָך ניט דערגאַנגען, אַז דאָס פּרוּווט מען זיך אים אַרויסשלעפּן פון זומפּ. מיט אַ האַנט-באַוועגונג האָט ער אָפּגעוואָרפן די פראַגע:

— ניין, ניין, אַלע יאָרן איז מיין שעף געווען פראַנץ שטאַנגל. איינער צום צווייטן האָבן מיר זיך באַצויגן מיט גרויס אָפּשײַ. קיינמאָל האָט ער מיך פאַר קיין מאַריאָנעטקע ניט געהאַלטן. איך קאָן עס דערווײַזן.

— מע דאַרף ניט. זאָגט אונדז בעסער, וואָלף, מיינט איר, געפינען זיך איצט אין בראַזיליע פאַרמאַסקירטע עקס- און נעאָ-נאַציסטן?

אָט דאָס זײַנען, ווײַזט אויס, די פראַגעס פון זײַנע גוט-ווינטשער, צוליב וועלכע טערעזאַ האָט זיך דערשלאָגן די פרעסע-קאָנפערענץ, און ער האָט געמיינט, אַז קיינער וועט זיי אים שוין ניט פאַרגעבן. דאָ טאָר ער ניט פאַרלירן קיין איין מינוט.

ער האָט זיך געצווונגען ענטפערן, ווי פּשוט האָט אים רעקאָמענדירט און טערעזאַ האָט פון אים געפאָדערט:

— איך האָב זיי ניט געציילט.

— און ווי, אויב מיר זאָלן אײַך בעטן אָנרופן כאָטש אייניקע פון זיי?

— דאָס איז אויסגעשלאָסן.

אַ שאָד. אונדז, פאַרשטייט זיך, האָט איר רעכט צו ענטפערן אויך אַזוי, נאָר אויב מע וועט זיך פאַר אײַך גוט אַ נעם טאָן, דאַן וועט איר געווים בעסער ווערן און ענטפערן.

וואַגנער האָט נאָכאַמאָל פעסט געזאָגט:

— דאָס איז אויסגעשלאָסן! — און נאָך אַ פּאָזע צוגעגעבן: — איך בין אַ בירגער פון בראַזיליע, און אויב מע וויל מיך איבערגעבן אין געריכט, איז אין מײַן לאַנד. עמעס, איך וועל אויך ניט קעגן האָבן, אויב מע וועט מיך אַרויסגעבן דער פעדעראַטיווער רעפּובליק פון דײַטשלאַנד.

עס זײַנען געווען נאָך פראַגעס און ענטפערס. נאָר בערעק האָט זיך שוין צו זיי ניט צוגעהערט. ער האָט אַ קלער געטאָן: ניט קיין קונציק שטיקל אַרבעט. פון טערעזען האָט מען געקענט דערוואַרטן, זי זאָל אינסצענירן עפּעס אַזוינס, וואָס זאָל זײַן מער איבערצײַגעוודיק.

די פרעסע טיילט מיט
„הומאַניטע", פּאַריזש, 23 יוני 1978

דער שאָטן פון דער „ריינהאַרד-אַקציע"
פאַרוואָס האָט דער אַרעסטירטער אין בראַזיליע עסעסאָוועץ וואַגנער זיך געפּרוווט נעמען דאָס לעבן?

פון פּיער דיוראַנס רעפּאָרטאַזש:

...ענדלעך, האָט מען גוסטאַוו פראַנץ וואַגנערן אַריבערגעפירט קיין בראַזיליאַ. דאָרט אין טפיסע האָט מען אים אויסגעטיילט אַ באַזונדער קאַמער, ווו ער האָט אַ מעגלעכקייט קוקן דעם טעלעוויזאָר, לייענען די פרעסע און זיך באַנוצן מיט פיל אַנדערע באַקוועמלעכקייטן, וועלכע ס'פאַרמאָגן ניט קיין אַרעסטאַנטן אין דעם ווײַט ניט דעמאָקראַטישן לאַנד. אַזוי, צום בײַשפּיל, איז וואַגנערן דערלויבט געוואָרן דורכפירן אַ פרעסע-קאָנפערענץ. אָף די זשורנאַליסטן האָט דער אַרעסטירטער געמאַכט אַן אײַנדרוק פון אַ זעלבסטזיכערן מענטשן, וואָס האָט ניט וואָס צו זאָרגן פאַר זײַן צוקונפט. אופגעפירט האָט ער זיך פרעך און גרויס-האַלטעריש.

וואָס זשע, פרעגט זיך, האָט געקאָנט אַזוינס פּאַסירן מיט וואַגנערן, וואָס ניט מער ווי אין אַ וואָך אַרום האָט ער געפּרוווט נעמען זיך דאָס לעבן?

הײַנט-צו-טאָג איז וואַגנער אַלט 67 יאָר. דאָס איז אַ גיגאַנט מיט ליכטיקע האָר, קאַלטע בלויע אויגן. קיין בראַזיליאַ איז ער געקומען אין 1950 יאָר. אין דער אומגעגנט פון סאַן-פּאַולו האָט ער זיך אײַנגעשאַפן אַ פערמע. אַ קורצע צײַט האָט ער געדינט אַלס מעכאַניקער. דערנאָך פאַרנעמט ער זיך מיט האָדעווען קיניגלעך, אויפעס. צוביסלעכווײַז לערנט ער זיך אויס פאַרשטיין און אפילו אַ ביסל ריידן אָף פּאָרטוגעזיש.

געווים וואָלט וואַגנער געקענט פאָרזעצן רויק לעבן, ווען ער זאָל ניט זײַן אַזוי פאַר-ליבט אין דער אַלמאַנע פון זײַן אַלטן גוטן-פרײַנט — מאַדאַם טערעזאַ שטאַנגל. לויטן באַ-

שלוס פונעם צווישנפעלקערלעכן נירנבערגער טריבונאַל איז פראַנץ שטאַנגל, דער שעף פון די טויט-לאַגערן טרעבלינקע און סאָביבאָר, פאַרמישפּעט געוואָרן צו טויט-שטראָף. אין טרעבלינקע זײַנען אומגעקומען 700 טויזנט מענטשן. אין סאָביבאָר 250 טויזנט. אין ביידע לאַגערן זײַנען פאָרגעקומען אופשטאַנדן, און דערנאָך האָבן די טויט-פאַבריקן אופגעהערט פונקציאָנירן.

ארויסטרעטנדיק אַף דער פרעסע-קאָנפערענץ, האָט וואַגנער ניט געלייקנט, אַז ער איז געווען אַן עסעסאָוועץ. לויט זײַן מיינונג, איז סאָביבאָר געווען ניט קיין געגנעם נאָר אַן ארבעטער-גאַניידן, ווו געטייט האָט מען בלויז קראַנקע, ווײַל אין דײַטשלאַנד זײַנען ניט געווען קיין פרײַע ערטער אין די לאַזאַרעטן.

אַף דער פרעסע-קאָנפערענץ האָט וואַגנער דערקלערט: „איך האָף, אַז מע וועט מיך עקסטראַדירן (ארויסגעבן) דער פעדעראַטיווער רעפּובליק פון דײַטשלאַנד. בייס דער מיליכאַמע האָב איך טרײַ געדינט דײַטשלאַנד און דאָס דאַרף גענומען ווערן אין אכט. דאָרט פאַרמאָג איך גוטע פרײַנט. עס וועט זײַן אַבסאָליוט גערעכטיק, אויב די דײַטשישע רעגירונג וועט מיך שטיצן.

מע קאָן פרעגן, וואָס איז עס — ניט-באַטראַכטער ציניזם? איך מיין ניט, אַז דאָס זאָל זײַן אזוי. וואַגנער איז איינער פון די גרויזאַמסטע פײַניקער, וואָס זײַנען געווען אין די מאָרד-לאַגערן, נאָר קיין נאַר איז ער ניט. זינט ס׳איז געוואָרן א סאַך מיטן דריטן רײַך האָט ער געהאַט גענוג צײַט, קעדיי אַלץ באַקלערן, און דאָך איז ער ביזן טאָג פון זײַן ארעסט געווען אַנגעהעריק צו דער אונטערערדישער עסעס-אָרגאַניזאַציע. וואָס עס קומט פאָר אין דער פעדעראַטיווער רעפּובליק פון דײַטשלאַנד ווייסט ער זייער גוט. ער ווייסט אויך, אַז ער האָט זיך ניט וואָס צו שרעקן פאַרן אַרדער אַף אים צו ארעסטירן, וואָס מײַרעוו-דײַטשלאַנד האָט ארויסגעגעבן אין 1967 יאָר. אים איז אויך באַוווּסט, אַז פון 85 טויזנט מילכאָמע-פאַרברעכער, וועלכע לעבן אין מײַרעוו-דײַטשלאַנד, האָבן בלויז 7 טויזנט באַקומען א מינימאַלע שטראָף, אי דאָס האָט מען זיי מיט דער צײַט פאַרקירצט דעם טערמין.

אין עטלעכע טעג ארום נאָך דער פרעסע-קאָנפערענץ האָט וואַגנער געפּרוּווט באַגיין זעלבסטמאָרד. זעט אויס, אַז ער האָט געהאַט א מער זיכערע האַנט אומצוברענגען אַנדערע, איידער זיך אליין.

■ ■ ■

הערשל באַראַז

צוגאַסט באַ דער נאַטור

1. קוקאַוועס

העכער פערציק יאָר האָב איך געטראָגן אינעם רעכטן פוס א קליין שפּליטער פון א זעניט-סנאַריאַד. מיר האָבן זיך מיט אים „באַפרײַנדעט" אַן ערגעץ אַף דער הייך פון זעקס-זיבן הונדערט מעטער, נאָך אין די ערשטע טעג פון דער מילכאָמע באַם שטעטל קליעוואַן, ניט ווײַט פון דער שטאָט ראָוונע. אַזוי-אָ האָבן מיר זיך צוגעווינט איינער צום אַנדערן און יאַקאָס געלעבט. נאָר אַף דער עלטער, ווי מע זאָגט, האָבן זיך אונדזערע כאַראַקטערן אַף אַזויפיל געענדערט, אַז דאָס געמיינזאַמע לעבן איז געוואָרן אומעגלעך, און דער שפּליטער האָט באַשטימט מיר געבן א געט. איז מײַלע, ניט קיין פריידיקע איז געווען די ליבע, וועט די צעשיידונג זײַן אַן טרויער. נאָר פאַרן אַוועקגיין האָט דער קליינינקער רעצייעד, דער שפּליטער, הייסט עס, מיר אַזוי דערקוטשעט, אַז אין אונדזער געגנט האָבן זיך געמוזט אַרײַנמישן די כירורגן. געפין איך זיך איצט אין שפּיטאָל, וועלכער שטייט אַפן סאַמע הויכן ברעג פון דעם טײַך.

מײַן באַליבטע שלאַנקע סאָסנע מיט איר צעצווײַגטער קרוין זעט אויס, ווי א גרויסער גרינער שירעם. ער באַשיצט פון הייסע זונען-שטראַלן און אַפילע פון א רעגן. די לופט איז דאָ ריין און שמעקט מיט א זיסן טאַם פון ליפּע-צוויט. אונטן פליסן לאַנגזאַם די בלויע וואַסערן פונעם שטילן דאָן, איבער וועלכע עס טראָגן זיך מיט א רעאַקטיווער שנעלקײַט און געשריי די ברעג-שוואַלבן. זיי אײַלן זיך צו מאַכן עטלעכע רייסן מיט קלייִקער בלאָטע אין די פּיסקעלעך ביז די זון וועט ניט פאַרגיין.

אונטער דער סאָסנע שטייען געפּלאַכטענע פאָטעלן. זיי האָבן איין מײַלע, צי עפּשער א כיסאָרן — דו באַמערקסט ניט, ווי זיצנדיק, דרעמלסטו אײַן. אַזוי האָט עס געטראָפן מיט מיר. נאָר פּלוצעם:

— קו-קו, קו-קו! — האָט זיך דערטראָגן פונעם צעדערבוים-וועלדל, וואָס שטייט אַפן לינקן ברעג פונעם דאָן.

אין מײַן זיקאָרן זײַנען אופגעשווומען קימאַט פאַרגעסענע עפּיזאָדן פון די גוירלדיקע פערציקער יאָרן, ווען מע האָט מײַן אַעראָפּלאַן אַראָפּגעקלאַפּט.[1] ס'האָט מיר דאַן אָפּגעגליקט, וואָס דער בענזין האָט זיך געענדיקט, פּינקטלעכער — ער איז אויסגערונען. אין אַזא פאַל איז קימאַט אויסגעשלאָסן אַן אופרײַס.

קורץ, „אַפן ערנוואָרט" און אַף איין פליגל, ווי מע זאָגט, האָב איך דערצויגן צו אַזא-אָ וועלדל, פונוואַנען עס שיקט מיר איצט א גרוס די קוקאַווע.

וואָס קאָן זײַן פלינקער פון א געדאַנק? גאָרניט! אַפילע די הײַנטצײַטיקע רעאַקטיווע לײַנערס זײַנען ניט פלינקער. כ'האָב באַוויזן אויסרעכענען, ווען זיך טרעפן מיט די קרוינען פון די ביימער, אין געדאַנק זיך געזעגנט מיט די נאָענטע און טײַערסטע... און דערצויגן צום וועלדל. זיך א גליטש געטאָן איבער די ביימער. ווי אַן אַמאָרטיזאַטאָר האָבן זיי געלאָשן די שנעלקײַט פון מײַן אַעראָפּלאַן און... אַלץ איז פאַרשוווּנדן.

וויפל איך בין אַזוי אָפּגעלעגן, געדענק איך ניט. עפּשער א שאָ, צי צוויי, נאָר אופגעוועקט האָט מיך, אַזוי האָב איך דאַן געטראַכט, א קוקאַווקעלע. אַלץ האָט ווי געטאָן, דעם קאָפּ איז געווען שווער אופצוהייבן. כ'האָב מוירע געהאַט אויסציִען א האַנט, א פוס: עפּשער איבערגעבראָכן? און דאָך, צי-

[1] דער אווטאָר איז אין דער מילכאָמע געווען א מיליטערישער פליִער (רעד.).

די רעדאַקציע און די רעדקאָלעגיע פון „סאָוועטיש היימלאַנד" באַגריסן האַרציק אונדזער אַוטאָר הערשל באַראַז מיט זײַן 70־טן געבורטסטאָג און ווינטשן אים געזונט, אַריכאַס־יאָמים און נײַע שעפֿערישע דערפֿאָלגן.

טערנדיק, האָב איך אָנגעהויבן אויספּרוּוון מײַנע גלידער: א פוס, א האַנט, א פוס, א האַנט... א קאַלטער שוויס האָט מיך באַשלאָגן. איך האָב זיך דערמאָנט אין אונדזער קאָמיסאַר: „דאָס לעצטע, וואָס פאַרלאָזט דעם מענטשן, — דאָס איז די האָפענונג"... אזא איז געווען זײַן לעבנס-קרעדאָ.

איך בין געלעגן און געטראַכט וועגן דעם, אַז מיר איז, דאַכט זיך, נאָך באַשערט צו לעבן. ס'האָט זיך אַזוי געוואָלט לעבן, נאָך און נאָך פליִען, קעמפן, נאָך און נאָך אַראָפּקלאַפּן פאַשיסטישע „מעסערס".

דאָס קוקאַווקעלע האָט אַלץ געציילט עמעצן די יאָרן. כ'האָב מיט פאַרשמאַכטע ליפּן א פרעג געטאָן:

— און מיר, טײַערינקע, וויפל איז נאָך באַשערט?

די קוקאַווע האָט, ווײַזט אויס, שוין פאַרענדיקט איר לידל און מיר אָפּגעציילט סאַכאַקל — איין יאָר. אָבער דעם פויגל אָפּצולאָכעס בין איך נאָך געפלויגן און געפלויגן, אַנטיילגענומען אין א סאַך שלאַכטן, דערגאַנגען צו בערלין.

— דײַן ווײַטע קרויווע, — האָב איך זיך געווענדט צו דער קוקאַווע פונעם וועלדל אויפן לינקן ברעג פון דעם טײַך דאָן, — האָט דעמלט א טאָעס געהאַט. נו, און דו, וויפל וועסטו מיר שענקען?

כ'האָב זיך צוגעהערט און אָנגעציילט גאַנצע צוועלף מאָל — צוועלף יאָר.

— נו, מיילע, א טוץ איז א טוץ. וועלן מיר לעבן...

2. א מיליצע פאר דעם שטאר

שוין געווען גאַנץ שפּעט אין אָוונט, ווען כ'האָב זיך אומגעקערט אַהיים. צווישן מײַן קאָרעספּאָנדענץ האָב איך באַמערקט א צעטעלע, אָנגעשריבן אין ייִדיש: „טײַערער פרײַנט! איך נייטיק זיך זייער אין אײַער הילף. אויב איר האָט צײַט, בעט איך אײַך, קומט אַרײַן. אײַער יויסף מיכײַלאָוויטש".

עפּשער איז דער אַלטער קראַנק? איך לייג אַרײַן די צײַטונגען צוריק אין פּאָסטקעסטל און לויף מאַמעש אַוועק צום אַוטאָר פונעם בריוול.

יאָסל דער שנײַדער איז שוין א באַאַרטער ייִד, און ער לעבט איינער אַליין. די גאַנצע מישפּאָכע זײַנע איז אומגעקומען אין דער מילכאָמע-צײַט אין ווײַסרוסלאַנד. דער אַכצניאָריקער זון איז געפאַלן אין שלאַכט הינטער קיִעוו, און ער אַליין האָט פאַרלאָרן א פוס בא סטאַלינגראַד. נאָך דער מילכאָמע איז ער געקומען צו אן אַלטער קרויווע קיין ראָסטאָוו, א צווייט מאָל כאַסענע געהאַט, נאָר קיין קינדער האָט דאָס ווײַב אים ניט געשענקט. זי איז געווען זייער א קראַנקע און ניט צו דער צײַט געמאַכט יויסעפן ווידער פאר אן אַלמען. צו 70 יאָר איז ער אַוועק אף פּענסיע, און זײַן ביסל באַלעבאַטישקײַט פירט ער איינער אַליין.

עפּשער דערפאַר איז ער א ביסל א שווײַגער, א ביסל א האַרבער אין די באַציִונגען מיט מענטשן. זעלטן-ווען זעט מען בא אים אפן פּאָנעם א שמייכל. זײַנע שײַנע שוואַרצע אויגן זײַנען נאָך ניט אויסגעלאָשן, נאָר אין זיי פּילט

זיך אַ פֿאַרבאָרגענער אומעט. שטענדיק איז ער מיט עפּעס פֿאַרנומען. ער האָט צוויי געזונטע גאָלדענע הענט, געווינטע צו אַרבעט.

די שכיינים הערן ניט אויף זיך צו וווּנדערן:

— אַ מענטש באַ די אַכציק, אָף איין פֿוס, און אַזוי אַקטיוו. אָבער אַ שווײַגער...

איך האָב זיך דערפֿרייט, ווען רעב יויסעף, אַ געזונטער, ווי אַלעמאָל, האָט מיר געעפֿנט די טיר און זיך אַליין פֿאַרכידעשט:

— אַזוי שפּעט?

— איר האָט דאָך מיר איבערגעלאָזט אַזאַ צעטעלע...

— יאָ, יאָ. איר קאָנט מיך באַגריסן: פֿון הײַנט אָן ווײַנען מיר שוין דאָ צוויי אינוואַלידן...

— ?!

— איך און דער שטאָר. ער האָט ערגעץ אָנגעווירן די פֿינגערלעך פֿונעם לינקן פֿיסעלע. האָב איך אים געבראַכט אַהיים.

— רעב יויסעף, איך בין דאָך ניט קיין וועטערינאַר.

— די מײַסע איז אין דעם, וואָס מיט דער צײַט וועל איך דאַרפֿן האָבן אַ שטיקל ווייך גרינג דראָט. איז אַזוי ווי איר זײַט אָן אָפּטער גאַסט אָפֿן זאַוואָד ראָסטסעלמאַש, וועט איר מיר, גלייב איך, העלפֿן.

— וואָס זשע האָט איר אַזוינס פֿאַרטראַכט, אויב ס'איז ניט קיין סעקרעט?

— כ'וועל מאַכן אַ מיליצע פֿאַר דעם שטאָר. איר געדענקט, וואָס פֿאַר אַ שיינע מיליצע איך האָב אַמאָל געמאַכט פֿאַר אַ טויב? פֿאַרוואָס זשע ניט העלפֿן דעם שטאָר?

און דער אַלטער האָט מיר דערציילט, ווי אַזוי ער וועט אויסדויבען אין דראָטל אַ נעסטעלע פֿאַרן פֿיסעלע. צום נעסטעלע וועט ער צוקאָכן דרײַ לאַפּקעלעך...

אין אַ וואָך אַרום האָב איך געבראַכט די סעדרע „מיליצעס".

וואָס זאָל איך זאָגן? ווען איך זע דאָס אַלץ ניט מיט מײַנע אויגן, וואָלט איך קיינמאָל ניט געגלייבט. ס'איז געווען אָן אוניקאַלע יוועליר־אַרבעט. דער שטאָר איז שוין צוגעוווינט געוואָרן צו זײַן באַלעבאָס און, פּונקט ווי עפּעס פֿאַרשטאַנען, ניט דערווידערט, מ'זאָל אים אָנמעסטן די מיליצע. ער איז ניט שלעכט געשטאַנען אָפֿן פֿיסעלע, צוערשט שווער דאָס איבערגעשטעלט, דערנאָך, ווען ער האָט דערפֿילט קויער, האָט ער זיך געריסן אין דרויסן אַרויס. פֿאַרבענקט זיך, ווײַזט אויס, נאָך די אַנדערע פֿייגעלעך, וועלכע זײַנען אַלץ אָפֿטער געקומען צום פֿענצטער, ווו ס'איז געשטאַנען זײַן שטײַגעלע.

— מער קאָן איך ניט צוזען, ווי דער פֿויגל מאַטערט זיך, — האָט איינמאָל אַ זאָג געטאָן יויסעף מיכײַלאָוויטש. — איך לאָז אים אַרויס.

און ער האָט צוגעבונדן אַ קליין רויט סטענגעלע צו דער מיליצע, עטלעכע מינוט געהאַלטן דעם שטאָר אין די הענט, דערנאָך אַ גלעט געטאָן איבערן קעפּעלע און אַרויסגעלאָזט אים דורך דעם אָפֿענעם פֿענצטער. ביז אָפּדערנאַכט האָט יויסעף מיכײַלאָוויטש געוואַרט, צי דער פֿויגל וועט זיך ניט אומקערן, נאָר אומזיסט...

אין צוויי טעג אַרום האָט ער מיר געזאָגט מיט אַ פֿריילעכער, גליקלעכער שטים:

— באַגריסט מיך, מײַן שטאָר איז צוריק געקומען!

אַזוי זײַנען אַוועק עטלעכע כאָדאָשים. פֿאַרשטייט זיך, מײַן פֿרײַנט האָט מיך אָפֿט אינפֿאָרמירט וועגן אַלץ, וואָס האָט אַ שײַכעס צום שטאָר. ער האָט פֿאַר אים אויפֿגעהאַנגען אין סעדל אַ קעסטעלע, און דער געראַטעוועטער שטאָר וווינט שוין דאָרט מיט אַ זיעלע...

אָנהייב יוני האָב איך ווידער באַקומען אַ צעטעלע. דאָס איז געווען אָן אײַנלאַדונג, כ'זאָל אַרײַנקומען צו אים, און אויב איך וויל צוזען אַ שיינע זאַך — ווי דאָס פּאָרל לערנט די קליינינטשקע פֿייגעלעך פֿליִען, זאָל איך זיך צאַײַלן.

ביז איך געקומען, ווען די לער איז שוין געגאַנגען צום סאָף. די עלטערן האָבן זיך גראָד פֿאַרנומען, ווי מיר האָט דערקלערט דער אויפֿגעלעבטער, פֿריילעכער יויסעף מיכײַלאָוויטש, מיט זייער אײַנגעשפּאַרטן מיזיניק. דאָס איז געווען זײַן ערשטער פֿלוג. די עלטערן האָבן אָף זייער שפּראַך עפּעס געשעפּטשעט — ווי גוט און שיין עס איז צו פֿליִען, פֿילן די קראַפֿט פֿון די פֿליגל און קוקן אָף דער וועלט פֿון דער הייך.

אָך, ווי שווער עס איז זיך אויפֿהייבן דאָס ערשטע מאָל אין הימל! דער טאַטע איז איבערגעפֿלויגן אָף אַ צווייטער צווײַג און גערופֿן זײַן מיזיניק. די מאַמע איז אייכעט איבערגעפֿלויגן אָף אָן אַנדער צווײַג און געהאַלטן אַ ווערעמל אין פּיסקעלע. דאָס האָט באַטײַט, אַז מע דאַרף נאָר איבערפֿליִען צו דער מאַמען, און דאָס ווערעמל איז דײַנס. אָבער די שרעק האַלט אײַן דאָס פֿייגעלע. אַ ווינטל איז אָנגעפֿלויגן פּלוצעם פּונקט דאַן, ווען דער קלייניקער, שוין דאָס ווײַפֿלטע מאָל, האָט אויפֿגעהויבן און צעשפּרייט די פֿליגעלעך, דאָס צווײַגעלע האָט אַ ציטער געטאָן, זיך אָנגעבויגן, און ער האָט אַ פֿאַל געטאָן צו דער מאַמען. די שרעק איז פֿאַרשוווּנדן, ווי ניט

5*

געוועזן. ס'קאָן זײַן, אַז דאָס ברעקעלע פייגעלע איז אַליין אַריבער אויף אַנדערע צווײַגעלעך, און עפשער האָט דער ווינט אים פאַרטריבן?

אָט דאָס אַלץ האָט אָן אויפהער קאָמענטירט רעב יויסעף. איך האָב אַ קוק געטאָן אויף אים — ס'האָט אויף זײַן פּאָנעם גערוט די שכינע.

— ריבוינעשעלוילעם, — האָב איך אַ טראַכט געטאָן, — ווי ווייניק עס דאַרף אַ מענטש. מיט דעם האַרצן און מיט דער נעשאָמע זיך צוגעריכט צו דער נאַטור, און ער איז גליקלעך. מער שוין ניט עלנט: פאַראַן וועגן וועמען צו זאָרגן...

3. אויף קייווער־אָוועס

אונדזער עקספּעדיציע איז געווען גרייט אַרויספליִען צום מאַראָקער גלעטשער, וועלכער ליגט אין די צאָפן־קאַווקאַזער בערג ניט ווײַט פון קאַראַטשײַעווסק, נאָר...

יעדער אַעראָפּאָרט, אַזוי ווי יעדער פּילאָט, האָט זיך זײַן „מינימום". אײַנער, אַשטייגער, האָט דאָס רעכט אויפצונעמען אַעראָפּלאַנען, ווען די וואָלקנס זײַנען ניט נידעריקער פון דרײַ הונדערט מעטער, אַ צווייטער — ביז הונדערט. אײַן פּילאָט דערלויבט מען אָוועקזעצן דעם אַעראָפּלאַן בײַ די זעלבע אומשטענדן, אַ צווייטן — ניט. מע נעמט אויך אין אַכט דעם טיפּ אַעראָפּלאַן, די שטאַרקײַט פון דעם ווינט, די אַטמאָספער־אָפּזאַצן און אַזוי ווײַטער.

יאַשע שולמאַן פליט פּאַקטיש אָן שום מינימומען, סײַדן נאָר בײַ אויסערגעוויינלעכע אומשטענדן — בײַ אַ געדיכטן נעפּל, ווען די זעיִקײַט איז גלײַך צו נול. אָדער בײַס אַ שטאַרקן געוויטער. אין אַזאַ פאַל דערלויבט מען ניט אויפהייבן זיך און לאַנדן אַפילו ערשטקלאַסישע פּילאָטן, אַזעלכע ווי ער, יאַשע שולמאַן.

אַזוי האָט געטראָפן דאָס מאָל. שווערע גרויסע וואָלקנס מיט אַ בלוילעכן אָפּגלאַנץ האָבן זיך אָנגערוקט אויפן מינוואָדער אַעראָפּאָרט. זיי האָבן זיך געקנוילט און געריסן אין דער הייך. אייניקע, פאַרקערט, האָבן זיך געצויגן פון דער הייך צו דער ערד, ווי לאַנגע שפּיציקע צונגען.

ס'איז מאַמעש פינצטער געוואָרן. אין עטלעכע מינוט אַרום האָט אַ שאָט געטאָן אַ געדיכטער שניי, און אַ צעצווײַגטער בליץ האָט אַרויסגעכאַפּט פון דער פינצטערניש די פאַרשנייטע לײַנערס, וועלכע זײַנען געשטאַנען צוגעפעסטיקט צו די בעטאָנקעס. גלײַך נאָכן בליץ האָט אַ קנאַל געטאָן, דערנאָך ווידעראַמאָל און נאָך פיל מאָל. מע האָט געקאָנט מיינען, אַז עס גייט אַן אַרטילערישע צוגרייטונג פאַר אַן אָנגריף. בײַ אייניקע פון דער עקספּעדיציע האָט דאָס שרעקלעכע בילד געפּאַטערט די שטימונג — זיי פליִען אין די בערג דאָס ערשטע מאָל.

אַפילו ראָזע מאַרקאָווע, דעם פּילאָטס מוטער, וועלכע באַגלייט דעם זון קימאַט יעדעס מאָל, ווען ער פליט אין די בערג, האָט געפּרוווט אונטערזאָגן:

— עפשער וועט איר הײַנט ניט פליִען...

— באַרויִק זיך, מאַמע, אַלץ וועט זײַן גוט. אין אַ שאָ אַרום וועט זיך אויסלײַטערן.

און ווירקלעך. וויפל ס'זאָל ניט דונערן און בליצן — אַ געוויטער דויערט אַפילו זומער ניט לאַנג. מ'האָט אָפּגערייניקט אויף דער בעטאָנקע אַ ברייטן פּאַס. דער קאָמאַנדיר איז געקומען און באַפוילן: אין דער קאַרעטע! מיר פאָרן אויפן סטאַרט!

— נו, יאַשענקע, מיט מאַזל... פאַרגעס ניט די בלומען, און פאַרנייג זיך דעם טאַטן!

זי ווישט אויס מיט אַ ווײַס טיכעלע אירע גרויסע שוואַרצע אויגן. די, וואָס פליִען דאָס ערשטע מאָל אין מאַרוך, שושקען זיך:

— ניט שוין זשע געפינט זיך איר מאַן, אַן אַלטער מענטש, אויפן מאַרוך?

— יאָ, — האָט עמעצער געענטפערט, — נאָך פון דעמלט, ווען מיר זײַנען אויף דער וועלט ניט געקומען. דאָס איבעריקע וועט איר שפּעטער פאַרשטיין...

אַלע זײַנען געוואָרן ערנסט. קיין פינגער אין מויל דאַרף מען זיי ניט אַרײַנלייגן. מע ווייסט גוט, וואָס עס איז אַזוינס מאַרוך...

אונטער אונדזער אַלטן אַעראָפּלאַן „לי־2" האָבן זיך באַוויזן די בערג — פאַרשנייטע, גרויסאַרטיקע.

יאַשע האָט מיך אַ רוף געטאָן:

— פעטער גרישע, זײַט אַזוי גוט, קומט אַרײַן אין קאַבינע.

ווען איך בין אַרײַן צו די פּילאָטן, האָט דער ערשטער זיך געווענדט צום צווייטן:

— קאָליע, איך בעט, טרעט אָפּ דאָס אָרט... האָב קיין מוירע ניט, דער כאַוווער האָט פּילאָטירט „אי־15", „אי־16", „מיגן", „לאַגן", ווען מיר ביידע זײַנען נאָך געווען קינדער...

קאָליע האָט אַ שמייכל געטאָן און פאַרלאָזט זײַן שטול. איך האָב פאַרנומען זײַן אָרט, אײַנגעשלאָסן די מאַסקע אין דער זויערשטאָף־סיסטעם און גענומען דעם רול אין די הענט. מײַן שטימונג אין אָט דער מינוט קאָן פאַרשטיין בלויז דער, ווער עס האָט אַמאָל זיך

צעשיידט מיט זײַן באַליבטער אַרבעט און אַקאַרשט ווידער זיך אומגעקערט צו איר.

— ס'איז דאָס אָרט? — פרעגט יאַשע.

— ניין. דער שנײַ האָט דאָ אַ ביסל אָן אַרבעט געטאָן און אופגעהויבן דעם גלעטשער. מיר דאַרפן נעמען אַ ביסעלע לינקער...

מיר מאַכן אַ לינקן קרעז, לאָזן זיך אַראָפּ, אַף וויפל ס'איז מעגלעך, נידעריקער, נאָך נידעריקער און...

— פאַראַן! — שרײַ איך אויס.

יאַשע האָט אָן עפן געטאָן דאָס זײַטיקע פענצטער פון דער קאַבינע, און דער מאַמעס בלומען האָבן אַ פלי געטאָן צום שנײַ אַפן גלעטשער, אַף דעם מאַרוכער גלעטשער, ווו ס'איז אומגעקומען יאַשעס פאָטער, דער פינף־און־צוואַנציקיאָריקער פּאָלעמיאַטשיק אַווראָם שולמאַן. ער איז אומגעקומען אין אַ שלאַכט מיט די דײַטשישע פאַשיסטן פון דער דיוויזיע „עדעלווייס". אַף טריט זײַנען געשטאַנען אונדזערע סאָלדאַטן, זיי האָבן פאַרוואַנדלט דעם מאַרוכער גלעטשער אין אַן אומצוטריטלעכן באַסטיאָן. קימאַט די גאַנצע דיוויזיע „עדעלווייס" האָט דאָרט אַנגעלייגט מיטן קאָפּ, נאָר די העלדן פון מאַרוך זײַנען ניט אָפּגעטראָטן.

אין אַ יאָר אַרום האָבן אונדזערע עקספּעדיציעס געפונען אַפן מאַרוכער גלעטשער אַ סאַך סימאָנים פון דער שלאַכט — דורכגעשאָסענע קאַסקעס, הילזעס, סנאַריאַדן, צעשעדיקטע אווטאָמאַטן און צווישן זיי — אַ גאָלמעסער, אַף דעם הענטל פון וועלכן עס איז געווען אויסגעקריצט „אַ. ל. שולמאַן".

דאָס אָרט, ווו מ'האָט געפונען דעם גאָלמעסער, רעכענען ראָזע מאַרקאָוונע און יאַשע פאַרן קייווער פון זייער סאַמע נאָענטסטן מענטשן.

צוויי יאָר איז אַלט געווען יאַשע, ווען אַווראָם שולמאַן איז אומגעקומען. אַף דער מילכאָמע איז אַווראָם אַוועק פון ביראָבידזשאַן, וווהין די מישפּאָכע איז געקומען אין 1931 יאָר פון אוקראַינע. ווען יאַשע איז שוין געוואָרן אַ פּילאָט, האָט מען אים געשיקט אַרבעטן אַף צאָפן־קאַווקאַז. די מוטער לעבט באַם זון און האָט דרײַ אייניקלעך, דער עלטסטער פון וועלכע איז, פאַרשטענדלעך — אַווראָמעלע...

...כ'האָב פאַרלאָזט די קאַבינע, זיך אומגעקערט אין סאַלאָן און דערזען, אַז אַלע מײַנע כעווירע שטייען מיט אַנטבלויזטע קעפּ, די היטלען אין די הענט, און קוקן אַפן גלעטשער, ווו עס ליגן צעשפּרייט רויטע בלומען.

דער אַעראָפּלאַן האָט גענומען דעם קורס צו דער באַזע פון אונדזער עקספּעדיציע.

4. וועגן וואָס רוישט דער טאָפּאָל?

באַם סאַמע אַרײַנגאַנג אין דריטן מעכאַניש־מאָנטאַזשנעם צעך פון דעם וועלט־באַרימטן זאַוואָד ראָסטסעלמאַש, שטייט אַ הויכער, ברייט־צעצווײַגטער טאָפּאָל. אין שאָטן פון זײַן טונקל־גרינער קרוין קלײַבן זיך צונויף אין די איבעררײַסן מענטשן. אָרט סטײַעט אונטער דעם בוים פּאַר אַ גרויסן אוילעם. מע רוט אָפּ. ווער עס שפּילט אין שאָך, צי אין בלאָנדזש, ווער עס לייענט אַ ביכל, אַ צײַטונג, ווער עס שמועסט געמיטלעך. מיט איין וואָרט — אונטער דער קרוין זײַנען שטענדיק אין אַ פרײַער פון אַרבעט צײַט פאַראַן מענטשן.

דער דאָזיקער טאָפּאָל איז אַ וועטעראַן פונעם זאַוואָד. נאָך אין 1929 יאָר האָט פאַרפלאַנצט דאָס ביימעלע איינער פון די ערשט־בויער — סימכע לעבעדיעוו. געוואַקסן איז דער טאָפּאָל שנעל, הויך, ברייט און פּילצווײַגיק. די אַרבעטער פלעגן שפּאַסן:

— פון אַזאַ אוכאַזשעווען וועט אַפילע אַ שטיק טשוהון זיך צעבליִען...

ווען דער טאָפּאָליאָק האָט שוין דערלאַנגט צום דאַך און אין זײַן שאָטן איז אײַנגעשטעלט געוואָרן דאָס אָרט אַף זיך אָפּרוען, האָט אויסגעבראָכן די מילכאָמע.

פאַרן אַוועקגיין אַפן פראָנט איז „דער באַלעבאָס פונעם טאָפּאָל" געקומען זיך געזעגענען מיט די פרײַנט און מיט זײַן ליבלינג. צום בוים האָט זיך סימכע געווענדט, ווי צו אַ לעבעדיקן:

— נו, רויש און וואַקס! מע וועט ניט לאָזן, דו זאָלסט אומקומען, אַרום דיר לעבן מענטשן...

ער האָט פאַרייכערט, אַרומגענומען דעם בוים און איז אַוועק. דער טאָפּאָל האָט זיך אַ וויג געטאָן און גענומען אַזוי שטאַרק צו רוישן, ווי גלײַך ער וואָלט געפילט, אַז דאָס איז זייער לעצטע באַגעגעניש.

פון דער מילכאָמע האָט זיך סימכע לעבעדיעוו ניט אומגעקערט. נאָר דעם טאָפּאָל האָט מען פאַרהיט. ווען אַלטע וועטעראַנען גייען אַוועק אַף פּענסיע, גיבן זיי איבער דעם טאָפּאָל די יונגע אַרבעטער, אַזוי ווי די סאַמע טײַערסטע רעליקוויע. עס רוישט דער טאָפּאָל באַטאָג און באַנאַכט, די בלעטער סוידען זיך וועגן עפּעס זייערס...

זעקס און פופציק יאָר איז דער טאָפּאָל געווען אַ לעבעדיקער אײדעס פון פּאַסירונגען, סימכעס און טראַגעדיעס. ער ווייסט אַלץ וועגן יעדן אַרבעטער — ווער ס'איז אַוועק אַפן

פראָנט און זיך ניט אומגעקערט, און ווער עס האָט דערלעבט צום זיג. פיל גליקלעכע און ניט גליקלעכע ליבעס האָבן זיך אָפּגעשפּילט אונטער זײַנע צווײַגן. די פאַשיסטישע בעסטי־עס האָבן גלײַך אין צעך, באַם טויער, באַ וועלכן ער שטייט, אויפגעהאַנגען די קאָמסאָ־מאָלקעס מאַשע וויניקאָווא און ליזע מייערסאָן, דערשאָסן די אַלטע מאָנטאַזשניקעס איוואַן מירוטענקאָ, ליבער ווינקלער און מיכאַיל גלינ־קאַ... אַלץ געדענקט דער אַלטער טאָפּאָל. גאָרניט און קיינעם ניט האָבן ניט פאַרגעסן די אַרבעטער פון ראָסטסעלמאַש. אַף דער וואַנט פונעם צעך, אַנטקעגן דעם טאָפּאָל האָבן זיי אויפגעשטעלט אַן אָבעליסק, וועלכער דער־ציילט, אַז איינער פון די ערשטע בויער פונעם זאַוואָד — סימכע לעבעדיעוו, „דער העראָיש אומגעקומענער אין דער גרויסער פאָטערלענ־דישער מילכאָמע, האָט פאַרפלאַנצט דעם דאָ־זיקן טאָפּאָל אין 1929 יאָר".

פאַרבײַגייענדיק, שטעלן זיך אָפּ די אַר־בעטער און לייענען דעם ניט געוויינלעכן אויפ־שריפט — די זעלטענע אָדע דעם מענטשן און דער נאַטור.

ניט לאַנג צוריק, אָנהייב ווסנע, בין איך געקומען מיט אַ מאָלער אַפן סעלמאַש צום אַלטן טאָפּאָל. מײַן פרײַנט האָט געוואָלט אָנ־מאָלן דעם וועטעראַן. ער האָט אים לאַנג באַ־טראַכט און ענדלעך איבערגעטראַכט: בעסער וועט ער צוואַרטן ביז עס וועלן זיך צעעפענען די קנאָספּן נאָך אַ גוטן וואַרעמען רעגן. דער קינסטלער וויל, מעגלעך, אָנמאָלן דעם בוים אין זײַן פולער קראַפט, כאָטש דער טאָפּאָל איז שוין אַן אַלטער. עפשער וויל דער מאָלער דערמאָנען וועגן דעם, אַז די עלטער גיט אָפט יונגע שפּראָצן...

דרײַ איבערזעצונגען

מיכאיל לוואָוו — רוסישער סאָוועטישער דיכ־טער. געבוירן אין 1917 אין דעם דאָרף נאסיבאש (באשקיריע). אָנטיילנעמער פון דער גרויסער פאַ־טערלענדישער מילכאָמע. אוטאָר פון די ביכער „די צײַט", „מוט", „ליריק", „אין אָט די יאָרן", „בא אונדז אין רוסלאנד", „איך לעב אין צוואנציקסטן יאָרהונדערט". אא. סעקרעטאָר פון דער מאָסקווער שרײַבער־אָרגאניזאציע, שטעלפארטרעטער פונעם הויפּט־רעדאקטאָר פון דעם ליטעראַרישן כוידעש־זשורנאל „נאָווי מיר".

מיכאיל לוואָוו

ייִדישע מאָטיוון

פאַני יאַוואָרקא

א שטוב אין מוקאטשעוואָ,
פארוויקלט אין פרידן.
א דײַטשישער שטאב
לעם דער פרידלעכער היים.
פאַני יאוואָרקא
איר מאן, דעם ייִדן,
האָט אפן בוידעם
געהאלטן געהיים.

מיט ציגל זי האָט
די מאלינע פארמויערט,
דעם מאן אף דער לופט
בלויז באנאכט געפירט,
און ווידער דאָס שטיבל
פארמאכט און פארריגלט,
און ווידער פארמויערט
מיט ציגל די טיר.

מיר האָבן דעם קאַדעש,
אײַער באשערטן —
געוווינט צוויי כאָדאָשים —
געזען אים איין מאָל!

געלעבט כ'האָב בא אײַך
מיט מײַן פרוי דער יונגער,
אף נײַע פריידן
געוואַרט מיט געדולד.
פונקט ווי א זאטער
אנטקעגן דעם הונגעריקן,
געקוקט אף די לײַדן
איך האָב מיט שולד.

דער מענטש איבעם קייווער —
מיט כושים מיט אלע,
ניט שולדיק אין גאָרניט,
פארמאטערט און גרוי,
און אויב ס'וועט זײַן לעבן
ניט ווערן פארפאלן,
דערפאר לאָמיר דאנקען
זײַן אידעלער פרוי.

פאַני יאַוואָרקאַ האָט
גענקניט פאַרן אויבערשטן
און היטלערס מאַפּאָלע
באַ אים געפּויעלט.
אַרויס איז איר מאָן
צו קאַפּאָטניקעס קלוימערשטע,
און זיי — אים באַגריסט
מיט אַ דײַטשן „יאַוואָל".

אין קיוועך צוויי יאָר
ער איז אָפּגעווען גאַנצע,
און איצט שוין יאָרצענדליקער
שמייכלט ער ניט.

אין שטוב זיצן געסט.
די יונגע טאַנצן.
און ער גייט אַוועק
מיט דערשראָקענע טריט.

פאַר קיין שום פאַל
וועל איך קיינמאָל פאַרגעסן,
וויפל כ'וועל לעבן
געדענקען איך וועל,
פאַני יאַוואָרקאַ,
אײַער אופטו דעם גרעסטן,
אײַער ליכטיקן אופטו
אין אַ פינצטערער וועלט.

* * *

דער יידישער אַלטער בעסוילעם
אין פּראָג — שוין פאַרצויגן מיט מאָך,
דאָרט לעבט פון נעשאָמעס אַן אוילעם,
און פריש איז אויך איצט זייער בראָך.
זיי ריידן אַרום יענע זאָרגן,
וואָס האָבן געבראַכט זיי אַהער.

פאַר נעכטן, פאַר הײַנט און פאַר מאָרגן
פאַרגיסן זיי ביטער אַ טרער.
די קוואָרים, אין וועלכע זיי ליגן,
אַף אַנדערע שטייען געפּרעסט.
איז לאָמיר זיי זינגען אַ ניגן,
ווײַל טיף איז געבויט זייער נעסט.

* * *

שוין אָפּגעוועזן אין מײַן זיקאָרן,
ניט איין יאָרטויזנט און ניט צוויי,
ציוויליזאַציעס זיך פאָרן
מיט די פּאָמפּייעס לויט דער ריי.

אין אַלע צײַטן, אַלע וועטערס
צום גליק עס שטערבן קינד און קייט,
און ס'גייען עסטאַפּעטעס,
און ס'ציט פון לעבן זיך די קייט.

* * *

מיט כאָכמע — מער, ווי באַ אַ סאָווע,
ווי אַ לייב, מיט קויעך מער,
שוין צוגעגליכן צו אַ נאָווי,
איך שטראָף און וואָרן און באַשווער.
און באַלד כ'וועל פּאַסקענען דעם עמעס
און שטרענג זיך פירן ווי אַ גאָט.

נאָר שטילערהייט וועט קומען עמעץ,
אַף מיר אַ קוק געבן מיט שפּאָט.

* * *

דאָס לעבן האָט דיך ניט געלעסטערס,
עס איז געמיטלעך דיר אין שטוב.
פאַרוואָס זשע אינעם כאָלעם זעסטו
ווי קדוישים פירט מען צו דער גרוב?

די צײַט באַפרײַט אונדז ניט פון גאַרניט,
אַפילע ניט פון זיך אַליין.
סײַ וואָס מע מעג,
סײַ וואָס מע טאָר ניט,
אַזוי צי אַנדערש —
וועסט דערגיין.

נייך, גאָרניט האָט דיך ניט געלעסטערט,
פון אַלץ קלײַבסט נאָכעס אָן אַ שיר.
די קדוישים באַ דער גרוב דער לעצטער
אָן אופהער קוקן איצט אַף דיר.

צו א ייִדישן דיכטער

פון אַלטע שוואַכקייטן
שוין פֿאָטער,
דאָס פֿאָלק מיר שטעלן
אײַנדערמיט:
איך —
האַלב א רוס און האַלב א טאַטער,
דו —
פון געבוירן אַן א ייִד.

ניטאָ קיין כּלעק
אײַנעם ייִכעס,
מיר לעבן פּרײַנטלעך,
גליד צו גליד.
ווי טעװיע האָט צעפירט זײַן מילכיקס,
אַזוי באַטײַלסט אונדז
מיט דײַן ליד.

און עפּעס טראָגסטו מיט ייִד רייזיקס,
און אַלע פרײַנט דײַנע געפעלט,
וואָס ניט געקליאַנטשעט האָסט קיין וויזעס,
כאָטש פאָרסט אַרום
איבער דער וועלט.

מע רעדט, אַז דו מיט שפּיז מיט שאַרפער
האָסט גוט געאַרבעט אינעם קריג,
נאָר ביסט דען הײַנט ניט אַף א שלאַכטפעלד,
מיט סאָנים קאַלערליי צעקריגט?

און ווען דו פרעגסט,
און ווען דו ענטפערסט,
און ווען דעם עמעס שטעלסטו אײַן,

פאַר פאָלק פאַר אײגענעם א קעמפער —
א פרײַנט פון פעלקער ביסט, מײַן פרײַנט.
דו קענסט ניט
מויכל זײַן,
נאָר מאָנען,
מיט צאָרן מישפּעטן
דו קענסט.
געדענקסט
וועגן די זעקס מיליאָנען,
וועגן די צוואַנציק
דו געדענקסט,

גלײַך דו אַליין וואָלסט אומגעפאַלן
מיט לעצטן אָטעם צו דער ערד,
אין באַבי־יאַר געווען פאַרפאַלן,
געווען דערהאַרגעט אין געפּעכט.
אין דיר עס לעבן די, וואָס זיכער
זיי וואָלטן הײַנט געאַרבעט גוט,
אומשטערבלעכע געשריבן ביכער,
באַוויזן אינעם אופבוי מוט.

יאָ, מיר,
פון שוואַכקייטן שוין פאָטער,
דאָס פאָלק מיר שטעלן
אײַנדערמיט:
איך —
האַלב א רוס און האַלב א טאַטער,
דו —
פון געבוירן אַן א ייִד.

ייִדיש — אַרן ווערגעליס

לעבעדיקע גרוסן

יוסף שוסטער

באַגעגענישן בײַ די היילונגס־קוואַלן פֿון דרוסקינינקײַ

אָפּרו אין אַ ייִדישער קולטור־סוויווע

דעם האַרבסט אַרן אַרלויב האָב איך ווידער פֿאַרבראַכט אין דעם מאָלערישן קוראָרט־שטעטל דרוסקינינקײַ — אַ יישעוו, וואָס האָט מיט צוויי הונדערט יאָר צוריק זיך צוגעטוליעט צו די ברעגן פֿונעם פֿולוואַסערדיקן ניעמאַן, צווישן די געדיכטע סאָסנע־וועלדער פֿון דער ליטווישער דײַנאַווע. די נאַטור אַליין האָט געבענטשט און באַשאָנקען דאָס אָרט מיט די אומויסשעפּלעכע היילונגס־קוואַלן, וועלכע האָבן דערלויבט דאָ אויסצובויען אַזאַ נײַעם באַלנעאָלאָגישן קאָמפּלעקס, וואָס איז פֿעיִק צו באַדינען מיט די פֿאַרשיידענע מינים היילונגס־פּראָצעדורן אין משך פֿון יאָר איבער 80 טויזנט אָפּרוענדיקע. לויט זײַנע מאַסשטאַבן, אָריגינעלער אַרכיטעקטאָנישער אויספֿילונג און מאָנומענטאַלקייט, איז עס בעפֿיירעש אַ שעדעווער פֿון דער הײַנטצײַטיקער אורבאַניזאַציע. וואָס שײַעך דער אויסערלעכער אויסֿפֿורעמונג, רופֿט זי זיך טרעפֿלעך איבער מיט טשורליאָניסעס אויסטערלישע בילדער און זײַן מוזיקאַלער פֿאַנטאַזיע.

אין דרוסקינינקײַ איז הײַנטיקן זומער דורכגעגאַן דער טראַדיציאָנעלער אין דער סאָוועטישער ליטע פֿאָלקס־יאָמטעוו פֿון געזאַנג אונטערן צייכן פֿון 40 יאָר זינט איבערן היטלערישן פֿאַשיזם. אין אָט דעם טאָג האָט אַ מאַסן־כאָר פֿון עטלעכע הונדערט זינגער און אַ מענטשן־שטראָם פֿון די היגע טוישווים און פֿון פֿילצאָליקע אָפּרוענדיקע פֿאַרפֿלייצט די זאַפֿטיק־גרינע וואַלד־לאָנקע נעבן דער קוראָרט־שטאָט.

בײַ אַזאַ צופֿלוס פֿון מענטשן פֿון נאָענטע און ווײַטע קאַנטן פֿונעם לאַנד פּאַסירן אָפֿט צופֿעליקע באַגעגענישן און באַקאַנטשאַפֿטן. אומדערוואַרט האָב איך אין ביוועט, וווּהין די אָפּרוענדיקע גייען דרײַ מאָל אין טאָג זיך קוויקן מיט די מינעראַל־וואַסערן (זיי הייסן דאָ „דרוסקינינקײַ" און „דזוקיִאַ"), זיך באַגעגנט מיט זאַלמען ליבינזאָנען פֿון גאָרקי — דעם ליטעראַטור־פֿאָרשער, אָן אויטאָר פֿונעם זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד", און מיט זײַנעם אַן אַלטן פֿרײַנט פֿון די יוגנט־יאָרן מיכאַיִל מיניעוויטש פֿון כאַבאַראָווסק, מיט וועמען ליבינזאָן האָט שוין לאַנג זיך ניט געזען.

מיכאַיִל באָריסאָוויטש מיניעוויטש איז איינער פֿון די ערשטע בויער פֿון דער שטאָט ביראָבידזשאַן. ער רופֿט אָן זײַנע שול־כאַווייִרים, די שפּעטערדיקע פֿאַרדינסטפֿולע ביראָבידזשאַנער לערערן, כײַע טשערנאָבראָד, דעם דיכטער אַרן וועראַגעליס, מיט וועלכע ער האָט צוזאַמען פֿאַרענדיקט אין ביראָבידזשאַן אַ צעניאָריקע שול און דערנאָך געפֿאָרן זיך לערנען אין די הויכשולן פֿון מאָסקווע. מישע מיניעוויטש קערט זיך אום נאָך זײַן לער קיין ביראָבידזשאַן מיט אַ דיפּלאָם פֿונעם באַרימטן בײַ אונדז אין לאַנד פּלאַן־עקאָנאָמישן אינסטיטוט אױף פּלעכאַנאָווס נאָמען. אין זײַן היימשטאָט פֿאַרפֿולקומט ער די טעאָרעטישע און פּראַקטישע קענטענישן, און פֿון אַ געוויינלעכן פּלאַנאָוויק מאַכט ער דורך דעם וועג ביז דעם פֿאָרזיצער פֿון געגנט־פּלאַן און שטעלפֿאַרטרעטער פֿונעם פֿאָרזיצער פֿון געגנט־אויספֿירקאָם פֿון דער ייִדישער אויטאָנאָמער געגנט. שפּעטער איז ער פֿאָרזיצער פֿונעם פּלאַניר־אָפּטייל פֿון דעם כאַבאַראָווסקער קאַנט. פֿאַראַיאָרן, אין די טעג, ווען די ייִדישע אויטאָנאָמע געגנט האָט פֿײַערלעך אָפּגעמערקט דעם האַלבן יאָרהונדערט פֿון איר עקזיסטענץ, האָט מיכאַיִל באָריסאָוויטש באַקומען אַ דאַנק־בריוו פֿונעם געגנטקאָם פֿון דער פּאַרטיי און געגנט־אויס-



פון רעכטס אַף לינקס: זאַלמען ליבינזאָן, מיכאיל מיניעוויטש און דער אוטאָר פון דער פאַרצייכענונג באַם דענקמאָל מיקאָלאָיוס טשורליאָניס

פירקאָם מיט אַן איינלאַדונג אַף די יובילײ־פייערונגען אין ביראָבידזשאַן.

— שטעלט איך פאָר, — רופט אויס מיכאיל באָריסאָוויטש, — ווי מײַן האַרץ איז איבערפולט מיט פרייד, ווען איך האָב שפאַצירט איבער די יאָמטעוודיקע גאַסן פון ביראָבידזשאַן, איינער פון די שענסטע שטעט אַפן ווייטן מיזרעך!

אונדזער געשפרעך אין דער שאָטנדיקער אַלייע באַם רוישיקן בייטשל ראַטניטשאַ, וואָס פאַלט אַרײַן מיט אַ שטאַרקן גערויש אינעם פולוואַסערדיקן ניעמאַן, האָט זיך אַזוי פאַרצויגן, אַז מיר האָבן שיִער ניט דורכגעלאָזט די צײַט, ווען מע דאַרף פאַרנאַכט־צו ווידער גיין צו די קוואַלן.

ליבינזאָן האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן:

— יאָ, גייען מיר מאָרגן אַף אַ יידישן קאָנצערט. זען, וואָס עס וועלן באַווײַזן די קאָוונער זעלבסטעטיקע קאָלעקטיוון. מע זאָגט, אַז אין זומער־סעזאָן זײַנען זיי דאָ, פונקט ווי דער ווילנער פאָלקס־טעאַטער, אָפטע געסט. און אַזוי ווי דער קאָנטינגענט צושויער, אָנגעפאָרענע פון פאַרשיידענע מעקוימעס, בײַט זיך אָן אויפהער, איז דער קאָנצערט־זאַל שטענדיק איבערגעפולט. מיט אינטערעס באַזוכן די קאָנצערטן אויך די אָרטיקע אײַנוווינער...

ביז דער מילכאָמע האָט דרוסקינינקײַ פאַרמאָגט אַ היפּשע יידישע באַפעלקערונג, וועלכע די היטלעריסטן האָבן מערדעריש אומגעבראַכט. איצט לעבן דאָ געציילטע יידישע מישפּאָכעס. צוזאַמען מיט די ליטווינער, רוסן און אַנדערע נאַציאָנאַליטעטן מיִען זיי זיך אין די אָרטיקע אַנשטאַלטן און אונטערנעמונגען, וועלכע באַדינען אַ קוראָרט־שטאָט פון צען סאַנאַטאָריעס. אַלע צוזאַמען נעמען אויף די הייל־אַנשטאַלטן כוידעשלעך העכער 5000 מענטשן, ניט אַרײַנגערעכנענדיק די גרויסע צאָל טוריסטן און יענע, וואָס קומען אַף אָפּרו זעלבשטענדיק.

פאַר די לעצטע יאָרן זײַנען דאָ אויסגעבויט געוואָרן צוויי קאָנצערט־זאַלן, אַ גראַנדיעזער קינאָ־טעאַטער, אַ מאָדערנער „פּאַלאַץ פון געזונט" מיט קאָלערלײַ פיזקולטור־קאָמפּלעקסן. אויסער דעם, פונקציאָנירן בײַ די סאַנאַטאָריעס אייגענע קלובן מיט ביבליאָטעקן און קינאָ־אײַנריכטונגען. פּאָפּולער איז די שטאָט־ביבליאָטעק. זי געפינט זיך אין סאַמע צענטער פונעם קוראָרט, אין דער אַרומרינגלונג פון הויכע לינדנביימער און קליאָנען. אין איר גערעמען און העל־באַלויכטענעם לייענזאַל קאָנט איר קריגן אַ באַליביקע פּעריאָדישע אויסגאַבע, צווישן זיי אויך די נײַסטע נומערן „סאָוועטיש היימלאַנד" מיט זײַנע בײַלאַגעס, וועלכע די ביבליאָטעק שרײַבט אויס רעגולער. אַף די ביכער־פּאָליצעס און אין די פאָנדן פון דער ביבליאָטעק זײַנען פאַראַן די ביכער פון יידישע שרײַבער, סײַ אַף יידיש, סײַ אין די איבערזעצונגען אַף אַנדערע שפּראַכן.

נאָך די אומופהערלעכע יול־רעגנס האָבן אין דרוסקינינקײַ זיך אײַנגעשטעלט זוניקע, הייסע טעג, ווען דער טערמאָמעטער האָט באַוויזן העכער 30. אַזעלכע טעמפּעראַטורן טרעפן זעלטן אין די בײַבאַלטישע מעקוימעס. די מענטשן האָבן אַוועקגעלייגט אין אַ זײַט די שירעמס און מיט אַ פריידיקער שטימונג, אין לײַכטע פאַרשיידנפאַרביקע זומער־קליידער, פאַרפולט די אָפּגעפרישטע גאַסן און די פײַכטע אַלייען אין פּאַרק, פונוואַנען עס דערטראָגט זיך דער אַראָמאַט פון פריש־געקאָסעט היי.

אָוונט־צײַט, ווען דער רויטער זון־קײַלעך האָט שוין אַראָפּגענידערט צו די טונקל־גרויע וואַסערן פונעם ניעמאַן, האָט דעם פּלאַץ אַרום דעם קאָנצערט־זאַל פאַרפלייצט אַ גרויסער עולעם, וואָס האָט זיך געצויגן צום אַרײַנגאַנג אין צושויער־זאַל. ווייסנדיק, אַז אין זאַל וועלן זיך געפינען פיל לייענער פון דער יידישער ליטעראַטור, האָט די אָרטיקע אַגענץ פון

„סאָיוזפּעטשאַט" אויסגעטיילט אירן א פּאָר-
שטייער, וואָס זאָל אין פּאָיע דורכפירן די אבאָ-
נירונג אף „סאָוועטיש היימלאַנד" אפן יאָר
1986.

זאַלבעדריט האָבן מיר באַשטימט אויס-נוצן אָט די געלעגנהייט, איינער פון אונדז זאָל אַרויסטרעטן מיט א וואָרט וועגן דער סאָוועטישער ייִדישער ליטעראַטור, באַזונדערס וועגן דעם זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד" און וועגן דער בײַלאַגע צו אים. דער אויסוואַל איז געפאַלן אף זאַלמען ליבינזאָנען — דעם פּראָפעסאָר, דאָקטאָר פון פילאָלאָגישע וויסנשאַפטן, וועמען דער אוילעם האָט אופגענומען מיט פאַרגעניגן.

אין פּאָיע בא א טישל, אף וועלכן עס זײַנען געלעגן א פּאָר צעעפנטע זשורנאַלן, האָבן מיר געשמועסט מיט אייניקע לייענער פון „סאָוועטיש היימלאַנד" און מיט אזעלכע, וואָס זײַנען פון הײַנט אָן געוואָרן אבאָנירער אפן זשורנאַל. מעגלעך, אז אייניקע פון זיי וועלן, אומקערנדיק זיך צו זייערע היימען, ווערן געזעלשאַפטלעכע פאַרשפּרייטער. אזא, אַלנפאַלס, איז דער באַשלוס פון ליזע מענאַקער פון באַקו, זאַלמען אוליצקי פון וואָראָשילאָווגראַד, אראָן סמושקעוויטש פון קיִעוו אאַ.

וואָס שייַך גופע דעם קאָנצערט, האָט דער אוילעם געזען פאַר זיך א שיינע טאַלאַנטפולע יוגנט, וואָס קאָן זינגען און טאַנצן, פאַרשאַפן די מענטשן פאַרגעניגן. וועגן זיי איז קעדײַ אָן אנדערש מאָל ווידמענען א באַזונדער אַרטיקל. דערווײַל ווילן מיר אָנרופן בלויז אייניקע פון זיי — די, אזוי צו זאָגן, וועטעראַנען פון די קאָוונער ייִדישע זעלבסטעטיקע קאָלעקטיוון באַם שטאָטישן פאַריינען-הויז, וועלכע האָבן באַזונדערס אויסגענומען בא די צושויער: יודל ראָנדערן (קאָנפעראַנס), עלינע כינעס — צווייטער קאָנפעראַנס און זינגערן, דעם סאָלאָ-זינגער בענציִען שליאַם, די זינגערן מאַיע אַנעליק, וועלכע האָט גלענצנד אויסגעפילט איציק מאַנגערס „אפן באַרג שטייט א בוים", די פּלאַסטישע טענצערן און אָנפירערן מיטן טאַנץ-אַנסאַמבל כאַנע לערמאַן, דעם סאָלאָ-טענצער מאַרק טייטעל און דעם סאַמע ייִנגסטן אין דער כאָרעאָגראַפישער גרופּע — דעם שילער פונעם 6-טן קלאַס אַרטור זאַרכין.

פּרעכטיק איז דער אָפּרו אין דרוסקינינקײַ. אזעלכע באַגעגענישן פאַרגעדענקען זיך.

■

מענדל דער וואַד-ראַשקעווער פון טשילאַנזאַר

מיט מענדל וואָראָנסקי האָב איך זיך באַקאַנט באַם סאַמע ברעג פון דער אָזערע דרוסקאָניס, זיצנדיק לעם אים אף א באַנק, בעשאַס כ'האָב געבלעטערט א פרישע מאָסקווער צײַטונג, אין וועלכער דער אומבאַקאַנטער האָט מיט ניײַגער פונזײַטנס אַרײַנגעקוקט.

— פונוואַנען איז א ייִד? — האָב איך זיך געווענדט צו אים, באַקוקנדיק זײַן אויסגעקאַרבט, אָפּגעברענט פּנים, גלײַך ער איז אָקאָרשט געקומען פון א שוואַרציאַמישן פּליאַזש.

— פון טאַשקענט בין איך, פּינקטלעכער — פון טשילאַנזאַר, דעם ריזיקן מיקראָראַיאָן, וועלכער איז אויסגעבויט געוואָרן מיט דער הילף פון בויער פון פאַרשיידענע שטעט נאָך דער גרויסער טאַשקענטער ערדציטערניש. א געבוירענער אָבער בין איך פון וואַד-ראַשקעוו — א שטעטל, וואָס איז אײַך מיסטאָמע באַקאַנט לויט דעם, ווי ס'האָט עס באַשריבן מײַן בען-איר יעכיעל שרײַבמאַן. ער געדענקט אונדזער שטעטל בעסער פון מיר, ווײַל איך האָב פאַרלאָזט וואַד-ראַשקעוו נאָך אין מײַן פריער יוגנט, דאַן בין איך אָנגעקומען זיך לערנען אינעם אָדעסער „יעווראַבמאַל", אין וועלכן הונדערטער ייִדישע יוגנטלעכע פון די קליינע שטעטלעך האָבן דעמלט באַקומען פּראָפעסיעס פון טאָקערס, שלאָסערס, רעמאָנטלער. מיט יאָרן שפּעטער האָט זיך אין מיר דערוועקט די נייגונג צו מאָלערײַ, כ'בין אָנגעקומען לערנען אין א קונסט-שול און שוין אפן גאַנצן לעבן פאַרבונדן מײַן גורל מיט דער מאָלערײַ-קונסט.

מיר האָבן זיך געלאָזט שפּאַצירן איבער דער טשורליאָניס-גאַס — צו דער צענטראַלער מאַגיסטראַל פונעם קוראָרט, ביז מיר האָבן פאַרקערעוועט אין א גרין געסל, ווו די וואָראָנסקיס האָבן זיך אָפּגעשטעלט מיט זייער גאַנצער מישפּאָכע — ער מיט דער פרוי ראַכיל דאַנילאָוונע, א מעדיקערן, די טאָכטער מײַע און דאָס עלטסטע אייניקל ניִנאָטשקע, וועלכע האָט פאַר זיך אויך אויסגעקליבן דעם זיידנס באַרוף. אינגיכן האָבן זיך אומגעקערט פונעם ניעמאַן מיט ווענטקעס אין די הענט דער איידעם אַרקאַדי, א ליבהאָבער פון פישפאַנג, און זײַן דרײַצניאָריקער זון גענא — א געל באָכערל מיט שיטערע קלײַען אף די ראָזעווע בעקעלעך. דער פאָטאָ-אַפּאַראַט אף די אַקסלען, אראָפּגעהאָנגען ביז די קני, האָט צוגעגעבן גענען א זעלבשטענדיקן אויסזען. דער זיידע מענדל שמייכלט אונטער, שעפּט טײַנעג פון זײַן אייניקל.

סאָרע מאַלער
אונ מענדל וואָראָנסקי

— איר וואָלט געמעגט זען, ווי ער האָט עס פֿאַרן אָפּפֿאָרן אַהער אַראָפּגעכאַפּט די מומע סאָרע באַם לייענען דעם זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד”. טאַקע ווי אַן עמעסער רעפּאָרטיאָר. די פֿאָטאָגראַפֿיעס זייַנע ווערן שוין אויסגעשטעלט אין פּיאָנערן־הויז. וואָס שייַך דער מומע סאָרע, סאָרע מאַלער, און איר מאַן אבראַם קאָגאַן, זייַנען זיי ביידע בּיכלאַל פֿאַרכאַפּט מיט לייענען ייִדישע ליטעראַטור. סאָרע, די שכיינע אונדזערע, איז שוין צוויי יאָר אויף פּענסיע, קלעקט איר צייַט ניט בלויז צו לייענען, נאָר אויך פֿאַרנעמען זיך מיט געזעלשאַפֿטלעכע איניאָנים. געפֿעלט איר עפּעס אין זשורנאַל, פֿוילט זי זיך ניט צו איבערזעצן גאַנצע שטיקער פֿון ייִדיש אויף רוסיש, קעדיי מיט דעם באַקאַנען אירע קינדער און אייניקלעך, ווי אויך שכיינים — זאָלן זיי האָבן האַנאָע.

מענדל וואָראָנסקי, ווייסן מיר שוין, איז אויך אַ שטענדיקער לייענער און פּאָפּוליאַריזאַטאָר פֿונעם זשורנאַל. ווו ער זאָל ניט זייַן, אויף אַ סימכע צי גלאַט ערגעץ־ווו צוגאַסט, קאָן מען באַ יעדער געלעגנהייַט אָפֿט פֿון אים הערן: „די בילדער פֿון אָט דעם קינסטלער האָב איך געזען אין „סאָוועטיש היימלאַנד”, צי „וועגן דעם האָב איך געלייענט אינעם ייִדישן זשורנאַל”.

וואָראָנסקי אַליין פֿאַרנעמט זיך הויפּטזאַכלעך מיט גראַפֿיק. אַפֿילע איצט, אין אָפּרוצייַט, איז אויפֿן טיש געלעגן אַ פּאַפּקע מיט געמעלן צו אַ קינדער־בוך, אַ באַשטעלונג פֿון אַ טאַשקענטער פֿאַרלאַג. ער האָט אויך באַוויזן אייניקע זייַנע פֿריִערדיקע אַרבעטן, צווישן זיי אַ פּאָסט־קאַרטל מיט אַ פֿאַרביקן פּאָרטרעט צום יובּילייַ פֿון אַלישער נאַוואָיִ, אילוסטראַציעס צו קינדער־מייַסעלעך. וואָראָנסקי לייענט אָפֿט ביכער פֿון ייִדישע שרייַבער, וועלכע ער קויפֿט אייַן פֿאַר זייַן היימישער ביבליאָטעק. אַפֿילע אין דרוסקינינקייַ האָט ער שוין געפֿונען צייַט צו באַזוכן דעם קוראָרטנע לייענזאַל און דאָרט אָפּקלייַבן פֿאַר זיך אַ ייִדישן בוך צום לייענען.

אין אונדזער געשפּרעך האָט זיך אַרייַנגעמישט מענדלס איידעם אַרקאַדי, וועלכער איז די גאַנצע צייַט געזעסן און געהערט, ניט וועלנדיק, ווייַזט אויס, איבערייַסן דעם שמועס צווישן אונדז, עלטערע, כאָטש ייִדיש, ווי איך האָב באַמערקט, פֿאַרשטייט ער ניט שלעכט. ער האָט אויסגעדריקט אַ פֿאַרלאַנג, מיר זאָלן פֿאַר אים און זייַן טאָכטער נינע, דער יונגער קינסטלערן, קריגן אין מאָסקווע אַ רוסיש־ייִדישן און עפּשער אויך אַ ייִדיש־רוסישן ווערטערבוך, וואָס זאָלן מיטהעלפֿן לייַכטער אויפֿנעמען די ייִדיש־לימודים, וועלכע ווערן געדרוקט אין זשורנאַל.

איך בין אַרויס פֿון דער שטוב אַ צופֿרידענער מיט דעם, וואָס איך האָב בעשאַסן זייַן אין דרוסקינינקייַ זיך באַקאַנט מיט נאָך איין סימפּאַטישער מישפּאָכע, בעראָש פֿון וועלכער עס שטייט אַזאַ באַשיידענער, אַרבעטזאַמער און האַרציקער מענטש, ווי מענדל וואָראָנסקי.

■

די מומע זאָסיע

— אויב איר זוכט אַ וווינונג אויף דער צייַט פֿון אייַער אורלויב, איז גייט זיך דורך לענגויס דער צענטראַלער גאַס, וואָס פֿירט צום טשורליאָניס־מוזיי. דאָרט וועט איר אַ פֿרעג טאָן, ווו עס לעבט די מומע זאָסיע, באַ איר איז, מעגלעך, נאָך פֿרייַ אַ צימער צו פֿאַרדינגען, — האָט אונדז געעצעט אַן אָרטיקע אייַנוווינערן, וועלכע האָט לויט די רענצלעך אין אונדזערע הענט דערקענט, אַז מיר זייַנען פֿון די, וואָס זייַנען אָנגעקומען מיטן אינדערפֿריִענדיקן צוג.

אין איינעם אַ הויף, ניט ווייַט פֿונעם מוזיי, האָבן מיר דערזען אין גאָרטן אַן עלטערע פֿרוי, וואָס האָט פֿלייַסיק זיך געפּאָרעט אויף אַקוראַטע בייטן.

— גוט־מאָרגן אייַך, באַלעבאָסטע. מיר דאַרפֿן צו דער מומע זאָסיע.

— דאָס בין איך.

די פֿרוי האָט אויף אונדז אַ קוק געטאָן מיט שאַרף־אָנגעשטרענגטע אויגן און נאָך אַ קורצער פּאַוזע מיטאַמאָל געזאָגט עטלעכע ווערטער אויף ייִדיש, וואָס עס האָט אַרויסגערופֿן באַ אונדז אַ פֿראַגע: פֿונוואַנען קומט צו דער באַאָרטער ייִדישער פֿרוי דער פּוילישער נאָמען זאָסיע?..

— וווּנדערט זיך ניט, טייַערע, פֿון געבוירן בין איך סאָרקע. סאָרע קאָפּילאָוונע גאַבאָוויטש. דער נאָמען זאָסיע גייט נאָך פֿון אָש-

וועטשים, פונוואַנען איך בין מיט ניסים אַרויס אַ לעבעדיקע.

באַ די ווערטער איז די פרוי אַנשוויגן געוואָרן מיט פאַרשלאָסענע ליפּן, גלייך זי האָט שוין לאַנג מיט קיינעם ניט גערעדט. פון אירע אויסגעוואָלקטע, טרויעריקע אויגן האָבן זיך איבערן געזיכט אַ גאַס געטאָן טרערן. מיר האָבן זי אָנגעהויבן באַרויִקן.

— איך וויין אָפּט, אַפילע אין שלאָף, ווען עס כאַלעמט זיך מיר אָשווענטשים...

די אַלטיטשקע האָט פאַרקאַטשעט דעם אַרבל פון דער רעכטער האַנט, פון וועלכער עס האָט אַ שטאָך געטאָן אין די אויגן אַ שוואַרצער פינפציפערדיקער נומער — דער פינצטערער זייכער פונעם היטלערישן אָשווענטשים.

מיר האָבן געקוקט אָף זאָסיען, און אויך אונדזערע אויגן האָבן זיך אָנגעגאָסן מיט טרערן.

— קומט, טײַערינקע, אַרײַן אין שטוב, — האָט זי שוין ווי אַן אייגענע זיך געווענדט צו אונדז, — עמעס, דעם צימער, וואָס איר זוכט, האָב איך, לײַדער, שוין אָפּגעגעבן אַנדערע. אָט וועט קומען פון וואַלד מײַן אַלטיטשקער, וועלן מיר אײַך אײַנאָרדענען באַ אונדזערער אַ שכיינע. אַ צימער פאַרדינגען מיר אין מעשעך פונעם זומער-סעזאָן ניט אַזוי צוליב געלט, ווי צוליב היימלעכקײַט...

נאָך דעם, ווי די סאָוועטישע אַרמיי האָט באַפרײַט די לעבנגעבליבענע אַסירים פון אָשווענטשימער טויט-לאַגער, זיי געהאָלפן מיט עסן און אָנטאָן, האָט סאָרקע איינע אַליין זיך אומגעקערט אין איר געבוירן-שטאָט גראָדנע. אַלע אירע אייגענע — דעם טאַטן, די מאַמע, די ברידער און שוועסטער האָבן די פאַשיסטן פאַרברענט אין די גאַז-קאַמערן. דאָס לײַם-שטיבל אָף דער מאַליאַרסקע-גאַס, אין וועלכן די גאַבאָוויטשעס האָבן אין בורזשואַזן פוילן געלעבט אין דאַכקעס און אין וואָגלענישן, איז געלעגן צעוואָלגערט ווי אַ כורווע. סאָרקע האָט זיך דערקליבן צו אַ באַקאַנטער ווײַסרוסישער פרוי, וועלכע האָט אין יענע יאָרן געדינט אַלס היטערן אָפּן צווינטער.

— ס'אַ גליק, וואָס דו ביסט געבליבן לעבן, — האָט די פרוי באַרויִקט די אומגליקלעכע סאָרקע, — וועסט קומען צו-זיך, טײַערע, — ס'איז געווען אַזאַ ביטערע מילכאָמע... וואָס מיר וועלן עסן, וועסטו אויך עסן. ווי מיר וועלן טאָגן און נעכטיקן, וועסטו זײַן מיט אונדז. פון הײַנט, זאָסיענקע, — זאָסיע, זאָגסטו, האָט מען דיך דאָרט גערופן? — רוף מיך מאַמע, מאַמע זשעניע.

זאָסיע פלעג אַלע טאָג זיך באַווײַזן אָף דער מאַליאַרסקע-גאַס, אָפן אָרט פון דעם כאָרעוון לײַם-שטיבל, זיך אויסוויינען דאָס האַרץ און אַ צעבראָכענע זיך אומקערן צו איר טרייסטערן, דער מאַמע זשעניע.

און דאָך — פאַרבלײַבן אין איר לײַבלעכער שטאָט, ווו זי האָט קיינעם פון אירע אייגענע ניט געטראָפן, איז דער איינזאַמער סאָרקען געווען אומדערטרעגלעך. זי האָט באַשלאָסן זיך אַוועקלאָזן וווּהין די אויגן וועלן טראָגן. באַ דער ערשטער געלעגנהײַט שליסט זי זיך אָן צו אַ גרופּע יוגנטלעכע, וועלכע פאָרט קיין קאַראַגאַנדאַ, קומט דאָרט אָן אַלס שוואַרצאַרבעטערן אָף אַ זאַוואָד. אין די באַדינגונגען פון דער אַרבעטער-סוויווע קומט זי ביסלעכווײַז צו-זיך, נעמט אָנטייל אין געזעלשאַפטלעכן לעבן פון דער אונטערנעמונג. דאָ באַפרײַנדעט זי זיך מיט אַ באָכער, אַ געבוירענעם פון פוילן, וועלכער האָט אויך אַמאָל געלעבט אין גראָדנע — יאַצעק גערגעל — אַ קאָטשעגאַר באַ די דאַמף-קעסלען פונעם זאַוואָד. זיי האָבן כאַסענע און אינגיכן ווערט באַ זיי געבוירן אַ טאָכטער, אין אַ פּאָר יאָר אַרום — אַ זון. וועגן דעם, אַז זי וועט צוריק קומען צום לעבן און נאָך ווערן אַ מאַמע פון צוויי קינדער, האָט סאָרקע גאַבאָוויטש, שמאַכטנדיק אין די בלאָקן פון אָשווענטשים, אַפילע כאָלעמען ניט געקאָנט. ווען די קינדער זײַנען אונטערגעוואַקסן, זײַנען זיי אַוועקגעפאָרן צו זיך לערנען און איצט אַרבעטן זיי אין דער אוקראַיִנישער האַפן-שטאָט זשדאַנאָוו. די עלטערן באַקומען פון זיי גוטע בריוו.

מיט עטלעכע יאָר צוריק האָט סאָרקען מיט יאַצעקן ווידער אַ צי געטאָן צו די היימישע קאַנטן. זיי האָבן זיך באַזעצט אין דרוסקינינקײַ, פונדאַנען פאָרן זיי אָפּט קיין גראָדנע, צו די קינדער פון דער מאַמע זשעניע, וועלכע נעמען זיי אויף ווי אייגענע.

■

אַ קאָמאַנדיר פון אַ זעלבסטבאַוועגלעכן האַרמאַט

מיט זינאָווי זוסמאַנאָוויסקין, דעם לענינגראַדער סטאָמאַטאָלאָג, מיט וועלכן איך האָב זיך באַקאַנט מיט אַ סאַך יאָרן צוריק, ווען ער האָט באַזוכט די רעדאַקציע פון „סאָוועטיש היימלאַנד", האָב איך הײַנטיקן זומער זיך באַגעגנט אין דרוסקינינקײַ. אין מעשעך פון צוויי וואָכן, קימאַט יעדן טאָג, האָבן מיר זיך געטראָפן, שפּאַצירנדיק אין פּאַרק, אָדער בייס די פּראָצעדורן אין באַלנעאָלאָגישן קאָמפּלעקס.

אויסערלעך איז זינאָווי אבראַמאָוויטש א טיפּיש ציווילער מענטש, א גוטמוטיקער, מיט א מילדן שמייכל אַף די ליפּן. די לעצטע יאָרן פאַרנעמט ער זיך ניט בלויז מיט פּראַקטישער סטאָמאַטאָלאָגיע, נאָר אויך מיט דערפינדונגען און ראַציאָנאַליזאַציעס. דאָס סאַמע וויכטיקסטע אָרט אין זײַן לעבנס-ביאָגראַפיע האָבן פאַרנומען, ווי ער זאָגט, די יאָרן פון דער גרויסער פאַטערלענדישער מילכאָמע. אַפן פראָנט איז ער אָנגעקומען אין 372-טן גוואַרדייישן אַרטילערישן פּאָלק פון זעלבסטבאַוועגלעכע האַר-

זינאָווי זוסמאַנאָווסקי אין די יאָרן פון דער גרויסער פאַטערלענדישער מילכאָמע

מאַטן, וועלכער האָט זיך פאַרמירט הינטער לענינגראַד, און מיט דעם פּאָלק איז ער דער-גאַנגען ביז בערלין.

דעם גוואַרדיע-יינגערן לייטענאַנט זינאָווי זוסמאַנאָווסקין האָט מען נאָמינירט אַלס קאָ-מאַנדיר פון אַן עקיפּאַזש בא א זעלבסטבאַ-וועגלעכן האַרמאַט СУ-85. אינגיכן צייכנט ער זיך אויס אין די שלאַכטן פאַר באַפרייַען די פּוילישע שטאָט פּעטראַקאָוו פון די פאַשי-סטישע פאַרכאַפּער. דער גוואַרדייישער פּאָלק האָט נאָך די בלוטיקע שלאַכטן באַקומען דעם נאָמען פּעטראַקאָווער. ווייטער גייט דורך דער עקיפּאַזש אונטער זוסמאַנאָווסקיס קאָמאַנד-שאַפט א ביז גאָר שווערן וועג איבער פּוילן, טשעכאָסלאָוואַקיע, דייטשלאַנד.

באַם מילכאָמע-וועטעראַן ווערן אָפּגע-היט אין היימישן אַרכיוו פאָטאָגראַפיעס, אויס-שניטן פון פראָנט-צייטונגען, בריוו פון כאַ-ווײרים-שלאַכטלייט, ווי אויך צייטונגס-אויס-שניטן שוין פון אונדזערע טעג. צווישן זיי זוסמאַנאָווסקיס א נאָטיץ אין דער מאָסקווער „פּראַוודאַ" — „א דאַנקבאַרער אָנדענק" און אַן אַרטיקל פונעם מילכאָמע-וועטעראַן ל. מינאַש אין דער צייטונג „וועטשערני לענינגראַד", געווידמעט זוסמאַנאָווסקיס עקיפּאַזש „די שלאַכט באַם דאָרף קאָושע", פאַר יאַנואַר 1985.

— איך האָב אָנטיילגענומען אין דער באַפרייַונג פון דעם דייטשישן דאָרף קאָושע, ניט ווייט פון בערלין, — דערציילט זוסמאַ-נאָווסקי, — און אין 1984 האָט דער ראַט פון דער דאָרפס-געמיינדע מיך איינגעלאַדן אַף דער פייערונג פון דעם 35-טן יאָרטאָג, זינט ס'איז אַנטשטאַנען די דייטשישע דעמאָקראַ-טישע רעפּובליק. שווער איבערצוגעבן, מיט וואָס פאַר א געפיל איך האָב נאָך אַזויפיל יאָרן ווידער באַטראַכטן דעם וואַלד-ראַנד פו-נעם דאָרף, ווו כ'האָב אין איינעם אַן אינ-דערפרי זיך באַוויזן מיט מיין СУ-85 און דערזען פאַר זיך עטלעכע פאַשיסטישע טאַנ-קען...

לעקאָווד דעם גאַסט האָבן אין קאָושע אַרום א גרויסן טיש זיך צונויפגעקליבן אַלע דערוואַקסענע איינוווינער פונעם דאָרף. מע האָט געקאָנט הערן דערמאָנונגען וועגן דער פאַרגאַנגענער מילכאָמע און געניוע פּראַטים וועגן יענער שלאַכט.

יאָ, ס'האָט מיר בעפּייעס אָפּגעגליקט. די באַגעגענישן מיינע מיט באַקאַנטע און אומבאַקאַנטע מענטשן דאָ אין דרוסקינינקיי זיינען אַזעלכע באַלערעוודיקע, אַז כ'האָב באַ-שטימט וועגן זיי אָנשרייבן...

■ ■ ■

קוקן קינדערלעך אַרויס...

Милый, милый смешной дуралей.
Ну куда же, куда он гонится?
Неужель он не знает,
Что живых коней
Заменила стальная конница?..

С. Есенин

צאַק-צאַק — טוט א קוק:
ס׳גייט א פערדל אפן ברוק,
ווו אין היציקן גאַלאַפּ
יאָגן אווטאָס אוף און אָפּ.
נאָר דער טומל, דער געקלאַנג
שטערן ניט דעם פערדלס גאַנג.
גייט דאָס פערדל זיך פאַרביי
דעם טראָליבוס, דעם טראַמוויי.
ס׳גייט ניט אײַלנדיק, מיט קאָפּ.
ווו מע דאַרף, — עס שטעלט זיך אָפּ,
ווײַל אף יעדן שריט און טריט
דאַרף מען זייער זײַן געהיט.
ס׳ווייסט די קלאָלים פון דער גאַס
דער פירפיסיקער באַרדאַס.
אין א וועגל אײַנגעשפּאַנט,
מידט ער זיך מיט אונדז באַנאַנד.
גייט מיט ווירדע און באַדאַכט,
ווײַל א קינדער-גאָרטן וואַרט.
אין דעם שטאָטישן געהילך
פירט ער פאַר די קליינע מילך.
לעבן פערד א פורמאַן גייט,
און זײַן מויל איז פול מיט רייד,
ווײַל די סעדרע „גרין-געל-רויט"
האָט ער דעם באַרדאַס פאַרטרויט.
און דאָס פערדעלע — עס ווייסט,
אַז א וואָרט איז יאָסלס טרייסט.
זאָגט אים יאָסל: „הער, מײַן פרײַנט,
ווו זשע האַלטן מיר אף הײַנט?..
יאָ, כ׳געדענק עס ביז אַצינד,
כאָטש געווען כ׳בין דאַן א קינד.
און אוואַדע פּרווו פאַרגעס
אָט דעם וווּנדער, אָט דעם נעס,
ווען דעם שטעטלשן קאַיאָר
האָט צעשפּליטערט „דאָס שוואַרציאָר"
(ס׳האָט אַזוי פון שרעק דערשטוינט,
אים די באָבע דאַן געקרוינט).
ניט קיין לייב און ניט קיין בער,
שטאָל און אײַזן — און ניט מער.

נאָר אַרום האָט ער געקרײַזט,
ווי א כײַע צי א גײַסט,
און געהודזשעט, און געשאַלט,
און געטראַסקעט, און געקנאַלט,
געטאַראַכקעט און געגרילט,
און מיט רויך געווען באַהילט...
אָט אַזאַ צום ערשטן מאָל
כ׳האָב דערזען דאָס פערד פון שטאָל...
אף דעם וווּנדער, אף דעם נעס,
ווי א פויגל פון די נעסטן,
האָט זיך עס פון יעדן הויף
אָנגעהויבן א געלויף!
ס׳איז קיין גרענעץ ניט געווען
צו די קינדערס היץ און ברען!..
יאָרן פיל זײַנען אַוועק.
איצט אף יעדן וועג און שטעג
גייען ערלעך אין געשפּאַן
סײַ דער טראַקטאָר, סײַ דער באַן.
ווער עס קאָן און ווער עס וויל,
קויפט זיך אַן אווטאָמאָביל.
ס׳איז באַהערשט די יאַמען-טיף,
ס׳איז אין קאָסמאָס אונדזער שיף.
אַגעוו, האָסט אַליין צעקײַט,
וואָס באַטײַט די טעכניק-צײַט,
ווען מע טײַנעט, אַז די פערד
האָט מען נײַן אײלן אין דר׳ערד.
ס׳איז א ברייטהאַרציקער זשעסט,
וואָס מע האַלט דיך נאָך אף קעסט.
יאָסל הויפּנט רייד אף רייד;
נאָר דאָס פערד צום טויער גייט.
און פאַר דעם צעשטראַלט זיך ברייט
אין די קינדער-אויגן — פרייד!
שנעקלעך רינגלען עס אַרום
מיט אַנציקונג און מיט רום...
פאַר די קליינע איז ניט נײַ
ניט דער קלאַנג פון דעם טראַמווײַ,
ניט דאָס פײַפן פון א צוג,
ניט דער טומל אפן ברוק

מיט זײַן ליאזג און מיט זײַן בראזג,
מיט זײַן מאַטאַציקל-טראַסק, —
דאָס איז וואַכעדיק און קלאָר
פאַר דעם שפּאָגל-נײַעם דאָר.
נאָר א הירזשע פון א פערד —
דאָס איז ווערט צו הערן, ווערט!
אוי, א וווּנדער, אוי, א נעס,
ווי דאָס פערדל כאַפּט אָן עס:
יעדער קוק זײַנס, יעדער בוק,
יעדער טרייסל, יעדער צוק,
יעדער פּאַכע מיטן עק —
איז א טײַנעג אָן א ברעג!
יאָסל קוויקט זיך, יאָסל שטראַלט,
און זײַן מויל האָט זיך צעפּראַלט:
„זײַ מיר מויכל, ברודער-פערד,
כ'בין געווען הײַנט ניט גערעכט

מיט דער טײַנע, אז דײַן צײַט
איז שוין לאַנג אַף יענער זײַט...
סײַ דער מענטש און סײַ דאָס פערד
דאַרפן לעבן אַף דער ערד.
נאָר אין לעבעדיקן בלי
האָט א זינען אונדזער מי,
און עס ווערט פאַרדאַרבן דער,
וועמענס גלויבן איז — געווער.
ווער פון טעכניק מאַכט א האַר, —
בלײַבן קאָן אליין באַם נאַר,
ווײַל אין דעם איז דאָך די קונץ,
אז זי זאָל נאָך דינען אונדז.
קום זשע ווײַטער, מײַן בארדאָס.
ווידער וואַרט אַף דיר די גאַס.
פון דעם פאָלגנדיקן הויז
קינדער קוקן שוין ארויס..."

בראָניק

אין אינסטיטוט פאַר מיזרעכקענטעניש

די סאָוועטישע וויסנשאַפטלעכע אנשטאַלטן פירן דורך רעגולער קאָנפערענצן, ווו עס טרעטן ארויס מיט פאַרטראָגן וועגן זייער פאָרשונגס-טעטיקײַט אספּיראַנטן און יונגע וויסנשאַפטלעכע מיטארבעטער. אזא קאָנפערענץ איז אָקאָרשט דורכגעגאַנגען אין דעם מאָסקווער אינסטיטוט פאַר מיזרעכקענטעניש בא דער וויסנשאַפט-אקאַדעמיע פון פססר. די טעמאַטיק פון דער קאָנפערענץ איז געווען פאַרבונדן מיט די פּראָבלעמען פון דער הײַנטצײַטיקער לינגוויסטיק.

די ערשטע זיצונג האָט זיך אָנגעהויבן מיטן פאָרטראָג פונעם יינגערן וויסנשאַפטלעכן מיטארבעטער, קאַנדידאַט פון פילאָלאָגישע וויסנשאַפטן אלעקסאַנדרע אײַכענוואַלד „קאַטעגאָריעס פון דער באַשטימטקײַט און אומבאַשטימטקײַט אין דער הײַנטצײַטיקער העברעיִשער שפּראַך". די מיטיילונג האָט באַרירט די געזעצמעסיקײַטן פון דעם געברויך פונעם באַשטימטן ארטיקל „ה" און פונעם פּאַרטיקל „את" אינעם הײַנטצײַטיקן איוורית. עס זײַנען דורכגעפירט געוואָרן פּאַראַלעלן מיט גראַמאַטישע קאָנסטרוקציעס פון אנדערע סעמיטישע שפּראַכן און פון אזא ווײַטן פון העברעיִש לאָשן ווי טערקיש. ווי עס האָט באַוויזן די פאָרשערן, עקזיסטירן געוויסע אונטערשיידן אין די קאַטעגאָריעס פון דער באַשטימטקײַט און אומבאַשטימטקײַט צווישן דער קלאַסישער און דער הײַנטצײַטיקער העברעיִשער שפּראַך, ביפראַט אינעם אויסנוצן פּערזענלעכע פּאָסעסיוו-סופיקסן און פּערזענלעכע פּאָסעסיוו-פּראָנאָמען, ווי אויך אין דעם, וואָס אינעם איצטיקן אומגאַנג-איוורית קאָן מען באַמערקן א טענדענץ צו אנטשטייונג פון אן אומבאַשטימטן ארטיקל (אזא ארטיקל עקזיסטירט ניט אין דער ליטעראַרישער שפּראַך) אַפן יעסאָד פונעם צאָל-נאָמען „אחד — אחת" (אייִנער — איינע).

די טעזיסן פון די פאָרגעשטעלטע אַף דער קאָנפערענץ פאָרטראָגן זײַנען פאַרעפנטלעכט אין א באַזונדערער בראָשור.

פּובליציסטיק

לעאנעל דאדיאני

דער שאָך פון די קיבוצים און פונעם קיבוציזם

אלס א באווײַז, אז די געזעלשאפטלעכע אָרדענונג אין ייִסראָעל טראָגט א „באזונדערס דעמאָקראטישן", „האלב סאָציאַליסטישן" און אפילע שיר ניט א „סאָציאַליסטישן" כאראקטער, ווערט אויסגענוצט יענע גרונטלאגע, אז 92 פראָצענט פון די באָדנס אויסער די שטעט זײַנען דאָרט דאָס אייגנטום פונעם ייִדישן נאַציאָנאלן פאָנד[1] אָדער פון דער מעדינע און אז אינעם לאנד איז ניטאָ קיין יערושעדיקע „ייִדישע אריסטאָקראטיע". ווי באוווּסט, האָבן די לעצטע צוויי מאָמענטן זיך געשאפן היסטאָריש. די אָפּוועזנהײַט אין ייִסראָעל פון ייִדישע פּריצים פונעם אדל-אָפּשטאם רעדט לאכלוטן ניט וועגן דעמאָקראטיע און עגאליטאריזם. אין דער מעדינע עקזיסטירט שוין פון לאנג א ייִדישע גרויסבורזשואזיע, מיליאָנערן און מולטימיליאָנערן, און א סאך פערמערס האָבן פאקטיש זיך פארוואנדלט אין פּריצים, וועלכע עקספּלואטירן הויפּטזאכלעך די ביליקע מי פון אראבער.

דער קאָנטראָל פון דער מעלוכע און פון די ציִעניסטישע אנשטאלטן איבער קימאט אלע ערד-שטאָכים פונעם לאנד דינט די אינטערעסן ניט פון די פאָלקסמאסן, נאָר פונעם גרויס-קאפּיטאל. די האָרעפאשניקעס און די לאנדווירטשאפטלעכע קאָאָפּעראטיוון, ווי די קיבוצים גופע, זײַנען ניט קיין באלעבאטים פון די ערד-באצירקן, וועלכע זיי באארבעטן, און די ארענדע באטרעפט א באדײַטנדיקע סומע. היפשע ערד-שטאָכים געפינען זיך אין קאָנצעסיע בא די נאפט-קאָמפּאניעס מיט א געמישטן אויסלענדישן און ייִסראָעלדיקן קאפּיטאל, פיל גרויסע ערד-באצירקן זײַנען אָפּגעגעבן די מאָנאָפּאָליעס, די פערמעס און קאפּיטאליסטישע אונטערנעמונגען פאר פרוכט-פּלאנטאציעס. עס זײַנען געווען פאלן, ווען די ערד, וועלכע די מאכט-אָרגאנען האָבן אָפּגענומען בא די קיבוצים און מאָשאוון, איז ארײַנגעפאלן אין די הענט פון קאפּיטאליסטישע קאָרפּאָראציעס.

די אפּאלאָגעטן פונעם ציִעניסטישן פּסעוודאָ-סאָציאַליזם האָבן געלויבט אין הימל ארײַן און אפּישירט די קיבוצים (אין די לעצטע יאָרן ווערט דאָס געטאָן אײַנגעהאלטענער) אפילע מער ווי די היסטאדרוט. לעמאָשל, אין דער אנאָטאציע צום דערשײַנענעם אין 1962 בוך „אָן אנדער געזעלשאפט" פונעם איצט פארשטאָרבענעם אָנגעזעענעם ייִסראָעלדיקן עקאָנאָמיסט, א טוער פון מאפּאם, כ. דארין-דראבקין ווערט געזאָגט, אז די קיבוצים — דאָס זײַנען „איינע פון די סאמע רעוואָליוציאָנערע און באדײַטונגספולע עקספּערימענטן אין דער וועלט-געשיכטע", אז זייער בײַשפּיל „ווײַזט, מעגלעך, אָן דעם וועג צו א לייזונג פונעם איצטיקן שארפן קאָנפליקט צווישן די אינטערעסן פון די קאפּיטאליסטן און דעם ארבעטער-קלאס פון אלע לענדער, וועלכער פירט א קאמף פאר פּאָליטישער פרײַהײַט און פאר העכערן דעם לעבנס-ניוואָ, באזונדערס אין די נײַע מעלוכעס פון אזיע און אפריקע".

איינער פון די טעאָרעטיקער און לידערס פונעם סאָציאַליסטישן אינטערנאציאָנאל י. בראונטאל האָט באהויפּטעט, אז „די קיבוצים שטעלן מיט זיך פאָר דעם סאמע אינטערעסאנטן עקספּערימענט אין ייִסראָעל", אז דאָס איז „א פארווירקלעכונג פונעם אלטן טרוים פון דעם אוטאָפּישן סאָציאַליזם". „די אויסלענדישע סאָציאַליסטן, — זעצט פאָר בראונטאל זײַן פּאנעגיריק, — זעען אינעם קיבוץ א געזעלשאפט פון גלײַכבארעכטיקטע און פרײַע

[1] ייִדישער נאציאָנאלער פאָנד (קערען קאַיעמעס לעייִסראָעל) — א ציִעניסטישער אנשטאלט, וועלכער פארנעמט זיך מיט אײַנקויפן בא די אראבער ערד. געשאפן אין 1901.

מענטשן, וועלכע האָבן פריַיוויליק זיך פאַריי-
ניקט, קעדיי צו פאַרווירקלעכן א נייַעם מין
געזעלשאַפטלעך לעבן. זיי האָבן אָפּגעשאַפן
דאָס פּריוואַטע אייגנטום און די געלט-ווירט-
שאַפט... זיי לעבן אין העסקעם מיטן נאָבעלן
מאַרקסיסטישן אידעאַל: יעדן לויט די פעיִ-
קייַטן, יעדן לויט די באַדערפעניִשן. די קיבו-
צים, — האָט פאַרזיכערט בראַונטאַל, — זייַנען
דער אידעאַל פון ראָבערט אָוען, עטיִען קאַבע
און שאַרל פוריע.

אן אַפּאָלאָגעטיק פון די קיבוצים קאָן
מען טרעפן אויך בא א סאַך בורזשואַזע אַוו-
טאָרן, און דאָס האָט געדאַרפט זייַן א וואָרע-
נונג פאַר די טעאָרעטיקער, וואָס האַלטן זיך
פאַר סאָציִאַליסטן, ווייַל ס'איז דאָך קלאָר, אַז
אַנהענגער פונעם קאַפּיטאַליזם וואָלטן ניט
אַרייַנגעפאַלן אין היספּייַלעס פון א סאָציִאַלי-
סטישער אינסטיטוציע. ס'רופט ניט אַרויס קיין
כידעש, וואָס דער אַמעריקאַנער בורזשואַזער
שריפטשטעלער דזש. פּאַרמען האָט דער-
קלערט, אַז יִיסראָעל האָט געגעבן דער וועלט
„אַן אוניקאַלע פאָרם פון סאָציִאַליזם" — קי-
בוצים. מיט אים איז מאַסקים אַן אַנדער בור-
זשואַזער אַווטאָר פון פשא — ג. עליס, וועל-
כער דערקלערט, אַז די קיבוצים זייַנען „אַן
אידעאַלע סאָציִאַלע אָרגאַניזאַציע" אַדג. אַאַוו.
„די איניציִאַטאָרן פון די ערשטע יִישו-
וים, — שרייַבט דער סאָוועטישער פאָרשער
א. שומילין אין זייַן אַרבעט „צו דער פראַגע
וועגן דעם „קיבוצישן סאָציִאַליזם", — קאָן מען
בעפיירעש ניט אָפּזאָגן אין דער נייגונג צו
אידעאַליזם, אין דער שטרעבונג פּאָטער צו
ווערן פונעם נאַציִאָנאַלן יאָך, פאַרייניקנדיק
די באַמיִונגען אינעם איינהייַטלעכן שטראָם
פון קאָלעקטיווער מי. אין די לאָזונגען און אין
די גוטע קאַוואָנעס פון די פּיִאָנערן פון די קי-
בוצים האָט מען געפילט א באַדייַטנדיקע ווידער-
קלונג פון דער ערשטער רוסישער רעוואָלוציע
פון 1905, פון אירע נאָבעלע אידעאַלן פון
פרייַהייַט, גלייַכהייַט און ברידערלעכקייַט פון
אַלע אַרבעטנדיקע".

די רעאַליטעט פון דער ציִעניסטישער
קאָלאָניזאַציע פון פּאַלעסטינע האָט אָבער שנעל
אָפּגעוואָרפן די סוביעקטיווע פּראָגרעסיווע
שטרעבונגען פון א ריי ערשטע קיבוצניקעס,
און גאַנץ גיך זייַנען די קיבוצים פאַרוואַנדלט
געוואָרן אין איינעם פון די גרונט-געצייַגן פון
דעם קאָלאָניזאַטאָרישן שאָוויניסטישן לאָזונג
„דעראָבערן שטאָכים", „דעראָבערן מי" און
„דעראָבערן פּראָדוקציע".

דער פראַנצויזישער קאָמוניסטישער פּו-
בליציסט א. זשיסעלברעכט מערקט אָפּ מיט
רעכט, אַז אַפילע די ערשטע קיבוצניקעס אין
פּאַלעסטינע (אין אָנהייב פונעם איצטיקן יאָר-
הונדערט), צווישן וועלכע עס זייַנען געווען
ניט ווייניק אַזעלכע, וואָס האָבן אופריכטיק
געוואָלט איינשטעלן עגאַליטאַריזם און סאָציִ-
אַלע גערעכטיקייַט, האָבן ניט געקאָנט לאַנג זיך
קעגנשטעלן דער קאַפּיטאַליסטישער אַרומרינג-
לונג, און אין א צייַט אַרום האָבן די קיבוצים
זיך „גיך פאַרוואַנדלט אין א מין עקספּלואַטיר-
טע עקספּלואַטאָרן". פּראָפּאַגאַנדירנדיק אָפּ
קאָלערליי אויפאַנים דעם קיבוציזם און מאַכנ-
דיק מאַקסימאַלע אָנשטרענגונגען צו שאַפן נייַע
קיבוצים, האָבן די לידערס אַפילע פון דער
סאַמע לינקער סאָציִאַל-דעמאָקראַטישער אָר-
גאַניזאַציע „האַשאָמער האַצאַיִר" באַהויפּטעט
אין די 20-ער — 30-ער יאָרן, אַז עס
האַנדלט זיך, זעט איר, וועגן „פאַרוואָרפענע
שטאָכים פונעם היימלאַנד". וועגן דעם, אַז
דאָס זייַנען געווען אַראַבישע שטאָכים, האָבן
זיי ניט דערמאָנט.

די אַזוי שטאַרק רעקלאַמירטע קיבוצים
זייַנען קאָאָפּעראַטיווע, אָפּט מיליטאַריזירטע,
לאַנדווירטשאַפטלעכע יִישווים, אין וועלכע דאָס
אייגנטום פון די מיטגלידער איז באַגרענעצט
הויפּטזאַכלעך מיט כפייצים פון פּערזענלעכן
געברויך. די קיבוצים זייַנען שוין פון לאַנג
פולקום אָפּהענגיק פון די קאַפּיטאַליסטישע
בענק, פון די קרעדיט-קאַסעס און פּריוואַטע
פירמעס, וועלכע עקספּלואַטירן סייַ זיי אַלס
גאַנצעס, ווי אַן אָרגאַניזירטן איינס, סייַ באַזונ-
דער יעדן פון די קיבוצניקעס. גלייַכצייַטיק
האָבן אין די לעצטע יאָרן זיך באַוויזן אין א
ריי קיבוצים אייגענע מיליאָנערן. שוין אין מע-
שעך פון עטלעכע יאָרצענדליקער נעמען אויף
די קיבוצים אין אַלץ גרעסערן מאַסשטאַב
אַרבעטער פון דער זייַט, הויפּטזאַכלעך אַראַ-
בער, אַרויסטרעטנדיק אַלס קאָלעקטיווע עקס-
פּלואַטאָרס פון ביליקער אַרבעטסקראַפט.
די מערהייַט קיבוצים, וועלכע זייַנען אין אָנ-
הייב געווען לאַנדווירטשאַפטלעכע קאָאָפּעראַ-
טיוון, לאָזן איצט שוין אַרויס, אין מעשעך פון
א סאַך יאָרן, אויך אינדוסטריִעלע פּראָדוקציע.
אין 1982 האָבן קאָרעוו 85% קיבוצים געהאַט
מינימום צו איין פאַבריק, און א סאַך — עט-
לעכע אינדוסטריִעלע אונטערנעמונגען. אין די
באַדינגונגען פונעם הייַנטצייַטיקן יִיסראָעל
שטעלן פאָר מיט זיך די קיבוצים אַן עפעק-
טיווע פאָרם פאַר צוגרייטן קוואַליפיצירטע און
אין דער זעלבער צייַט פאַרהעלטניסמעסיק בי-
ליקע אַרבעטסקראַפט, זייַענדיק איינצייַטיק א
באַקוועם געצייַג אָפּ צו דערציִען די יוגנט און
די נייַע עמיגראַנטן אין ציִעניסטישן גייַסט. זיי
ווערן אויך אויסגענוצט מיצאַד די סאָציִאַל-
ציִעניסטן (אָן קיין שום גרונט דערצו), קעדיי
פּראָפּאַגאַנדירן דעם קלוימערשט עקזיסטירנ-
דיקן אינעם לאַנד עגאַליטאַריזם.

דער אַנגעזעענער ענגלישער פּאַציפיסט ר. באַרי, וועלכער איז אין די 60-ער יאָרן געווען אַ לענגערע צײַט אין ייִסראָעל און האָט געאַרבעט אין די קיבוצים, האָט געשריבן, אַז „די קיבוצניקעס האָבן זיך פאַרוואַנדלט אין אַן אַמערסטן קאָנסערוואַטיוון שיכט פון דער ייִסראָעלדיקער געזעלשאַפט", אַז „פונעם קיבוץ טרײַבט מען אַרויס אַ געבוירן אין אים ייִדיש מיידל, אויב זי האָט כאַסענע פאַר אַן אַראַבער. זי קען זיך אומקערן צוריק אינעם קיבוץ בלויז דעמלט, ווען איר מאַן וועט אָננעמען דעם יודאַיִזם". די אָנפירער פון דער ייִסראָעלדיקער ליגע פאַר מענטשן-רעכט אַ. דעוויס און אי. שאַראַך האָבן מיט פולן גרונט געשריבן, אַז „דער קיבוץ איז אַן אינסטיטוט פון אַפּאַרטעיִד". דער אַמעריקאַנער אויטאָר מ. ספּיראָ האָט, פון זײַן זײַט, אָפּגעמערקט, אַז אין די קיבוצים אַנטפּלעקן זיך גאַנץ אָפט פאָרורטיילן, וועלכע טראָגן אַ ראַסיסטישן כאַראַקטער בענעגייע די מיזרעכדיקע ייִדן, וועלכע לעבן אין זיי.

פאַרמעל זעען אויס די קיבוצים ווי דעמאָקראַטישע אַנשטאַלטן. עס ווערט, לעמאָשל, אָפּגעשירט, אַז די קיבוצניקעס אַרבעטן געווייגלעך לויט דער ריי אָף דער קיך, וואַשן דאָס געפעס אין דער אַלגעמיינער גאָרקיך און אַז די אַרויסגעקומענע פונעם קיבוץ קנעסעט-דעפּוטאַטן אָדער מעלוכע-אָנגעשטעלטע באַזוכן אייניקע מאָל זייער קיבוץ און טוען דאָרט אַ געוויסע אַרבעט. אינדערעמעסן אָבער עקזיסטירט צווישן די קיבוצניקעס אַ שטרענגע סאָציאַלע גראַדאַציע. די „אַריסטאָקראַטיע פון די קיבוצים" (איצט זײַנען עס, אַלס קלאַל, יאָרשים פון די פאָרשטייער פון דער אַזויגערופענער צווייטער און דריטער „אַליאַ"[1]) טיילט אויס פון זיך אָנפירער און אַדמיניסטראַטאָרס. די אַנדערע רינגען פונעם פאַרוואַלטונגס-אַפּאַראַט פון די קיבוצים פאַרפולן מיט זיך פאָרשטייער פונעם אַזויגערופענעם מיטעלן שיכט. די ניט-קוואַליפיצירטע אַרבעטער זײַנען פּאָשעטע מאַסן-קיבוצניקעס, וועלכע געפינען זיך אין אַ ניטגלײַכבאַרעכטיקטער לאַגע איז פאַרגלײַך מיט דער קיבוציאַנישער אַריסטאָקראַטיע, האַגאַם פאָרמעל פאַרמאָגן אַלע מיטגלידער אַלצייִנע רעכט.

אַפילע דער אַפּאָלאָגעטיש געשטימטער בענעגייע דעם קיבוציזם איטאַליענישער קאָטוילישער אויטאָר ק. טאַסקאַ האָט געשריבן, אַז „אין די קיבוצים ווערן פאַרפּעסטיקט די פּאָליטישע פונקציעס פאַר אַ שמאָלער גרופּע פערזאָנען, און דאָס ברענגט צו פּאָליטישער פּאַסיווקײַט מיצאַד די איבעריקע". וועגן דער אָפּוועזנהײַט פון דעמאָקראַטיע אין די קיבוצים רעדט, לעמאָשל, אויך דער פאַקט, וואָס אין די יאָרן 1952—1953 האָט מען פון די מאַפּאַמישע קיבוצים פאַרטריבן די קאָמוניסטן און אין 1951 האָט מען אויסגעשלאָסן די מיטגלידער פון מאַפּאַם פון די קיבוצים, מיט וועלכע ס'האָט אָנגעפירט מאַפּאַי.

מע דאַרף אָפּמערקן, אַז קיבוצים זײַנען פאַראַן ניט נאָר בײַ די סאָציאַל-ציוניסטישע, נאָר אויך בײַ אייניקע אַנדערע, טיפּיש בורזשואַזע פּאַרטייען. דער פּראָצענט קיבוצניקעס בענעגייע דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג האַלט אין איין פאַלן — אין 1949 — 5,4%, אין 1979 — 3,3% און אין אָנהייב 1985 — סאַכאַקל 3% (140 טויזנט מענטשן). אין דער לאַנדווירטשאַפט פון דער מעדינע שפּילן אַלץ אַ גרעסערע ראָל די מאָשאַוון — פּריוואַטע ערדאַרבעטערישע ווירטשאַפטן פּאַקטיש פון אַ באַלעגופישן נוסעך, אין וועלכע די ערד באַאַרבעטן באַזונדערע מישפּאָכעס, אויסנוצנדיק ברייט לוין-אַרבעטער (קימאַט בלויז אַראַבישע), און דער אָפּזאַץ פון דער פּראָדוקציע ווערט פאַרווירקלעכט דורך די קאָאָפּעראַציע. הײַנט-צו-טאָג וווינען אין די מאָשאַוון אויך 3% פון דער ייִדישער באַפעלקערונג פון ייִסראָעל. שוין אינעם אָנהייב פון די 70-ער יאָרן האָבן די קיבוצים אַרויסגעלאָזט בלויז 28% פון דער לאַנדווירטשאַפטלעכער פּראָדוקציע פון ייִסראָעל.

פיל יאָרן האָט די ייִסראָעלדיקע פּראָפּאַגאַנדע אָף פאַרשיידענע אופאַנים געלויבט אין הימל אַרײַן קיבוצניקעס, אַרויסשטעלנדיק זיי ווי האַרמאָניש זיך אַנטוויקלענדיקע מענטשן, הויך מאָראַלישע אידעאַליסטן-פּיאָנערן. וויאַזוי האַלט עס מיט דעם אינדערעמעסן?

מע דאַרף זאָגן, אַז ביז דער לעצטער צײַט האָבן די אָפּשטאַמיקע פון די קיבוצים באַטראָפן אַ ביז גאָר היפשן שיכט פון דער ייִסראָעלדיקער פּאָליטישער און מיליטערישער עליטע. ס'איז נאָך אַלץ הויך דער פּראָצענט קיבוצניקעס צווישן די פּליִער פון די מיליטערישע לופט-קריכעס און צווישן די מיליטערלײַט פון די אָפּגעקליבענע איינהײַטן פון דער ייִסראָעלדיקער אַרמיי, וועלכע פילן אויס פאַרשיידענע ספּעציעלע אויפגאַבעס פון די רעגירנדיקע ציוניסטישע קרײַזן (באַנדיטישע ריידן אָף דער טעריטאָריע פון די שכיינעסדיקע אַראַבישע לענדער, דיווערסיעס אאַז.).

[1] אונטער דער צווייטער „אַליאַ" איז געמיינט געוואָרן די געקומענע קיין פּאַלעסטינע אין די יאָרן 1904—1914, אונטער דער „דריטער אַליאַ" — די אימיגראַנטן פון די יאָרן 1919—1923. אין משך פון פיל יאָרן איז די איבערוועגנדיקע מערהײַט ייִסראָעלדיקע לידערס געווען פאָרשטייער פון דער „צווייטער אַליאַ".

דער ענגלישער זשורנאַל „עקאָנאָמיסט"
האָט אין פעברואַר 1985 געשריבן, אַז די קאַ-
סירן פון די קיבוצים האָבן אָפט דורכגעפירט
צווייפלהאַפטע מאַכינאַציעס אויף דער פאָנד-
בירזשע, ספעקולירט מיט באַנק-אַקציעס. ווען
אין 1983 איז דער קורס פון די דאָזיקע אַק-
ציעס שאַרף געפאַלן, האָבן אַ סך פינאַנסיסטן
אין די קיבוצים אָנגעהויבן אַריבערפירן זייערע
אַקטיוון קיין אויסלאַנד. אייניקע פאָרשטייער
פון דער קיבוציאַנישער קנופּיע באַשעפטיקן
זיך מיט וווּכערשאַפט אונטער אומדערלאָזבאַרע
הויכע פּראָצענטן.

די געשווירן פונעם קאַפּיטאַליסטישן
לעבנס-אַרט האָבן טיף אָנגעריירט אויך די קי-
בוצים. אַזוי, לעמאָשל, באַנוצן זיך לעכאָלהאַ-
פּאָכעס אַ צענטליק פון די שול-קינדער אין
די היינטיקע קיבוצים מיט נאַרקאָטיקעס, אין אַ
ריי קיבוצים האָט מען אפילע געמוזט שאַפן
ספעציעלע „קאָמיטעטן אויף צו פירן אַ קאַמף
מיט נאַרקאָמאַניע".

אַזויאַרום, באַווייזט דאָס לעבן, אַז די
רעאַליעס פונעם קיבוציזם האָבן קיין שום גע-
מיינזאַמס ניט מיט יענעם אידילישן בילד, וואָס
עס שילדערט די פּראָפּאַגאַנדע. דאָס מערקן
אָפּ אָדער אַנערקענען אין דער אָדער אַנדע-
רער מאָס אויך אייניקע בורזשואַזע מעכאַברים,
דערונטער ציעניסטן. אַזוי, לעמאָשל, האָט
דער דירעקטאָר פונעם באַראַטונגס-אָרגאַן פון
פאַרשיידענע קיבוצישע אַסאָציאַציעס אין טעל-
אַוויוו יאַ. גאָלדשמידט אָפּן דערקלערט אין
1971: „דער קיבוץ שטעלט מיט זיך פאָר אַ
קאַפּיטאַליסטישע אונטערנעמונג, יעדע פון זיי
דאַרף זיין אַ גרויסמאַסשטאַביקע. מיר דאַרפן
באַקומען מאַקסימום פון יעדן אַרבעטנדיקן,
מאַקסימום פונעם אינוועסטירטן קאַפּיטאַל".
דער פּראָציעניסטיש געשטימטער פּובליציסט
ט. פּיטי, וועלכער כאַראַקטעריזירט די קיבוצים
ווי אַ ספּעציפיש ייִסראָעלדיקע „פאָרם פון סאָ-
ציאַליזם אינעם דאָרף", אַנערקענט אין דער
זעלבער צייט, אַז זיי פאַרוואַנדלען זיך אין טי-
פּיש קאַפּיטאַליסטישע אונטערנעמונגען.

אין זייער פּאָליטיק בענעגייע דער „קי-
בוציאַנישער באַוועגונג" באַזירן זיך די ייִסראָ-
עלדיקע קאָמוניסטן אויף דעם, וואָס צווישן די
פּאַשעטע קיבוצניקעס זיינען אויך היינט-צו-
טאָג פאַראַן פּראָגרעסיווע מענטשן, אָנהענגער
פונעם סאָציאַליזם, וועלכע זיינען דערווייל
אָבער פאַרבלענדט פון דער סאָציאַל-ציעניסטי-
שער פּראָפּאַגאַנדע. ניט האַלטנדיק קיינמאָל
די קיבוצים פאַר „סאָציאַליסטישע קעמערלעך"
אין דער ייִסראָעלדיקער קאַפּיטאַליסטישער
געזעלשאַפט, קריטיקירנדיק שאַרף אַלע רע-
אַקציאָנערע און נעגאַטיווע אַספּעקטן פונעם
קיבוציזם און זיין אידעאַליזירונג, אָפּמערקנ-
דיק, אַז איבער דער שולד פון די לידערס פון
מאַי און פון דער היסטאַדרוט האָבן די קיבו-
צים אין די לעצטע יאָרן נאָך מער זיך אַ קער
געטאָן אויף רעכטס, טרעט אַרויס די קאָמוני-
סטישע פּאַרטיי פון ייִסראָעל גלייכצייטיק ווי
אַ קאָנסעקווענטער קעמפער קעגן דעם, וואָס
די בענק און די וווּכערניקעס באַראַבעווען די
קיבוצים, פאָדערן אַ מאָראַטאָריע אויף אויסצאָלן
די כויוועס פון די קיבוצים. די קאָמוניסטן
זעען אין אַ סך פּאָשעטע קיבוצניקעס פאַר-
בינדעטע פונעם אַרבעטער-קלאַס אינעם אַל-
געמיינעם קאַמף פאַר שאָלעם, דעמאָקראַטיע
און סאָציאַלן פּראָגרעס.

אויפדעקנדיק דעם עמעסן מעהוס פון די
קיבוצים אין דער פאַרגאַנגענהייט און אין
אונדזערע טעג, דעמאַסקירט איינצייטיק די
קאָמפּאַרטיי פון ייִסראָעל די דעמאַגאָגישע
פּרווון פון די ייִסראָעלדיקע עקסטרעם-רעכטע
קרייזן צו שילדערן גראָד די קיבוצים און די
קיבוצניקעס ווי די איקערדיקע שולדיקע אין
דער קלאָגעדיקער לאַגע פון ייִדן — אָפּשטאַ-
מיקע פון די אַפראָ-אַזיאַטישע לענדער. סטאַ-
רענדיק זיך אַרויסשטעלן די קיבוצניקעס-אַש-
קענאַזים אַלס די איקערדיקע עקספּלואַטאַטאָרן
פון די מיזרעכדיקע ייִדן, פאַרפּאָלגן די פאַשי-
סטיש געשטימטע ליקודאָווצעס צוויי צילן:
ערשטנס, אָפּווענדן דעם צאָרן און די אומצו-
פרידנקייט פון די אָרעמסטע שיכטן פון דער
ייִסראָעלדיקער באַפעלקערונג פון די מיליאָ-
נערן, וועמענס אינטערעסן עס דריקט אויס און
באַשיצט דער „ליקוד", און צווייטנס, דערלאַנ-
גען נאָך איין קלאַפּ איבער דעם קאָנקורירנ-
דיקן בלאָק „מאַאַראַך".

אין זיין אַרטיקל „די פאַשיסטישע דע-
מאַגאָגיע און די קיבוצים" האָט דער ייִסראָעל-
דיקער קאָמוניסט ש. שאַקער געגעבן אַן
אָביעקטיווע אָפּשאַצונג פונעם טאָך פון די קי-
בוצים און פון זייער אָרט אינעם לעבן פון דער
מעדינע. ווי ער באַווייזט, סטאַרעט זיך די פאַ-
שיסטישע ליקוד-פּראָפּאַגאַנדע, אַז די קיבוצים
זאָלן אינעם באַוווּסטזיין פון די ייִסראָעלדיקע
האָרעפּאַשניקעס (קוידעמקאָל פון די מיזרעכ-
דיקע ייִדן) ווערן דאָס קאַפּאָרע-הינדל, פּונקט
ווי די היטלעריסטן האָבן זיינערצייט אין אַלץ
באַשולדיקט „דעם פּאַראַזיטישן ייִדישן קאַפּי-
טאַל" און די ייִדן ביכלאַל. דער ציל פון די
פאַשיסטן פון אַלע נאַציאָנאַליטעטן און פון
באַליביקע קאָלירן איז איינער און דער זעל-
בער — אָפּווענדן די אויפמערקזאַמקייט בא די
פאָלקסמאַסן פון די ווירקלעכע שולדיקע אין
זייער דאַלעס און אין זייערע לײדן.

ש. שאַקער שטרייכט אונטער, אַז אויב די
קיבוצניקעס ווילן ניט צעטראָטן ווערן אונטער
די רעדער פון „ליקוד", אויב זיי ווילן ווי פריער

לעבן אין העסקעם מיט זייער לעבנס-אַרט, דאַרפֿן זיי פֿאַרשטאַרקן דעם אַנטיפֿאַשיסטישן קאַמף, שאַפֿן אַ ברייטן אַנטי-אימפּעריאַליסטישן פֿראָנט".

דער טיפֿער און קעסיידער וואַקסנדיקער קריזיס פֿון דער ייִסראָעלדיקער געזעלשאַפֿט האָט פֿאַרכאַפּט אויך די קיבוצים. אַ היפּשע צאָל קיבוצניקעס האָט זיך אַנטוישט אין די סאָציאַל-ציוניסטישע פּאַרטייען מאַי און מאַפּאַם. בייס די לעצטע קנעסעט-וואַלן אין יול 1984 האָבן 8% וויילער — מיטגלידער פֿון די קיבוצים, וועלכע האָבן פֿריִער אָפּגעגעבן זייערע שטימען דעם בלאָק מאַי — מאַפּאַם (מאַאַראַך), געשטימט פֿאַר קלײנע צענטריסטישע פּאַרטייען, אַזעלכע ווי „די באַוועגונג פֿאַר בירגער-רעכט" (ראַץ), „ענדערונג" (שינוי), פֿאַר א. עליאַוס פּאַציפֿיסטישער ליסטע. אין דער זעלבער צײַט האָבן 2% קיבוצניקעס פֿונעם געוועזענעם עלעקטאָראַט פֿון די סאָציאַל-ציוניסטישע פּאַרטייען אונטערגעהאַלטן דעם „ליקוד".

דער קער אויף רעכטס פֿון אַ טייל קיבוצניקעס (שוין אָפּגערעדט פֿון פֿירנדיקע טוער אין דער „קיבוציאַנישער באַוועגונג") האָט זיך אַנטפּלעקט אויך אין דעם, וואָס זיי האַלטן אַקטיוו אונטער די אַנעקסיע-פּאָליטיק פֿון די ייִסראָעלדיקע רעגירנדיקע קרײַזן, וועלכע איז געריכטעט צו בויען ייִשובֿים אויף די אָקופּירטע אַראַבישע באָדנס — אויפֿן מערבֿ-ברעג פֿונעם טײַך יאַרדן, אינעם עזה-סעקטאָר און אויף די גאָלאַנער הויכקײַטן. בראָש פֿון דעם אַזױגערופֿענעם גאָלאַנער לאָבי, וואָס האָט געפּאָדערט אָנעמען אַ געזעץ וועגן אײַנשליסן אָט די סירישע טעריטאָריע אין באַשטאַנד פֿון ייִסראָעל, איז געשטאַנען איינער פֿון די אָנפֿירער פֿון די קיבוצים, וועלכע האָבן זיך אָנגעשלאָסן צו מאַי, דער קנעסעט-דעפּוטאַט א. קאַץ-אָז. אָט דער פּסעוודאָ-סאָציאַליסט איז אַרויסגעטראָטן אין אַן אײַנהײַטלעכן פֿראָנט מיט די לידערס פֿון דער פֿאַשיסטישער פּאַרטיי „טעכיאַ" („אויפֿלעבונג") און דער קלעריקאַלער נאַציאָנאַל-רעליגיעזער פּאַרטיי.

„אין ייִסראָעל, — האָט געשריבן אין 1984 דער פּאַלעסטינער זשורנאַל „אַל-אַרד", — האָט בעהאַדראָגעדיק זיך אויסגעפֿורעמט אַ מיליטערישע עליטע, וועלכע האָט אַ קאָלאָסאַלע ווירקונג און פֿולמאַכטן. בייס דער ליוואַנישער מילכאָמע האָט זי זיך פֿאַרוואַנדלט אין דעם מויעד-צענטער, ווו עס ווערן אָנגענומען פּאָליטישע באַשלוסן. די דאָזיקע עליטע שעפּט איר פּאָליטישע און עקאָנאָמישע קראַפֿט אין דער ייִסראָעלדיקער אַרמיי".

דער זשורנאַל „אַל-אַרד" שרײַבט ווײַטער: „אין דער הײַנטצײַטיקער ייִסראָעל-מעדינע איז דאָס געשטאַלט פֿון אַ „קיבוצניק", פֿון אַ „פּיאָנער" פֿאַרביטן געוואָרן מיטן געשטאַלט פֿון אַ מענטשן אין אַ מיליטערישער אוניפֿאָרם, סימבאָליזירנדיק דערמיט גופֿע די מיליטאַריזירונג פֿונעם לאַנד".

אין דער זעלבער צײַט קריטיקירט אַ טייל קיבוצניקעס דעם פּאָליטישן קורס פֿונעם ייִסראָעלדיקן איסטעבלישמענט. אַ נײַעם אימפּולס דערצו האָט געגעבן די באַרבאַרישע אַגרעסיע פֿון ייִסראָעל קעגן ליוואַן. ס'איז באַוווּסט, אַז אַ פֿערטכײלעק פֿון די קיבוצניקעס, וועלכע זײַנען צום ערשטן מאָל גערופֿן געוואָרן אין דער אַרמיי, האָבן זיך אָפּגעזאָגט צו ווערן אָפֿיצערן. אין די פֿאָריקע יאָרן זײַנען אַזעלכע פֿאַלן ניט געווען. אַ סך קיבוצניקעס האָבן זיך פֿאַרוואַנדלט אין פּאַציפֿיסטן. אָט די נײַע מאָמענטן זאָגן אָן שום סאָפֿעק נאָכאַמאָל איידעס וועגן דעם טיפֿן קריזיס אין דער אידעאָלאָגיע און אין דער פּראַקטיק פֿונעם ציוניזם.

אַזאַ איז דער עמעס וועגן די קיבוצים.

די אַפּאָלאָגעטישע קאָנצעפּציעס בענוגייע אָט דער קערפּערשאַפֿט שטעלן מיט זיך פֿאָר ניט מער ווי מאָדיפֿיצירטע וואַריאַנטן פֿונעם אַלטן בורזשואַזן און סאָציאַל-דעמאָקראַטישן קאָאָפּעראַטיוויזם, פֿאַרפּראַוועט מיט סאָציאַל-ציוניסטישער דעמאַגאָגיע. די דאָזיקע דעמאַסקירטע מיצאַד דעם מאַרקסיזם-לעניניזם טעאָריעס זײַנען באַרופֿן געוועזן צו אונטערפֿירן אַ „וויסנשאַפֿטלעכע" באַזע אונטער דעם קורס פֿון דער סאָציאַל-ציוניסטישער קנופּיע פֿון ייִסראָעל אויף צו אויסברייטערן די ראָל פֿון די מעלוכישע אינסטיטוטן און פֿון זייערע „געזעלשאַפֿטלעכע" צוגאָבן — דער היסטאַדרוט און די קיבוצים — אין דער מיליטאַריזירונג פֿונעם גאַנצן לאַנד, ווי אויך צו פֿאַרשטאַרקן די פּאָזיציעס פֿון דער סאָציאַל-פּאָליטישער עליטע אין דער מעדינע.

די פּראָפּאַגאַנדע אַרום די קיבוצים, אַז זיי זײַנען קלוימערשט אַ מין „זעלטענער בײַשפּיל פֿון אַ דעמאָקראַטישן קאָאָפּעראַטיוו און פֿון אַ דערפֿאָלגרײַך בעשוטפֿעדיקן לעבן" אין אַ „קלאַסנלאָזער געמיינדע" אדג., פֿאַרפֿאָלגט דעם ציל אָפּצונאַרן די פּראָגרעסיווע וועלטעפֿנטלעכקײַט, אָפּווענדן די ייִסראָעלדיקע האָרעפּאַשניקעס פֿונעם קלאַסנקאַמף, ווי אויך פּרווון דיסקרעדיטירן די ווירקלעכע סאָציאַליסטישע מאַרקסיסטיש-לעניניסטישע פּרינציפּן פֿון דער לאַנדווירטשאַפֿטלעכער קאָאָפּעראַציע.

■ ■ ■

ליטעראַטור-קריטיק
ביבליאָגראַפֿיע
פּראַגן פֿון קונסט

אַ ר אָ ן ג ו ר ע ל נ י ק

אַ שרײַבער-קאָמוניסט

צווישן די אָפּיצערן, אָנטײלנעמער פֿונעם היסטאָרישן ניצחון-פּאַראַד, וועלכע האָבן מיט אַ שטאָלץ אױפֿגעהױבענעם קאָפּ, מיט אַ פֿעסטן טראָט דורכגעמאַרשירט דעם 24 יוני 1945 איבערן רויטן פּלאַץ, איז געווען אויך דער ייִדישער שרײַבער הערשל פּאָליאַנקער. ביז דעם דאָזיקן געדענק-טאָג האָט ער געקעמפֿט אױף דער מלחמה פֿונעם אָנהייב ביזן סוף, ווי מע זאָגט — „פֿון דעם גלעקל ביז דעם גלעקל".

צי ניט דערפֿאַר, וואָס דער שריפֿטשטעלער האָט פּנים-אל-פּנים ניט איין מאָל זיך באַגעגנט מיטן טויט און געזען מיט די אייגענע אויגן די גרוילן, וועלכע דער קריג ברענגט די פֿעלקער, קלינגט קעסיידער אין הערשל פּאָליאַנקערס שאַפֿונג מיט אַזאַ קראַפֿט די אַנטימלחמה-טעמע? זי באַשטימט דעם פּאַטאָס שיר ניט פֿון אַלץ, וואָס ער האָט אָנגעשריבן פֿאַר די לעצטע פֿיר יאָרצענדליקער.

און אָנגעשריבן האָט ער ניט ווייניק. פּאָליאַנקער געהערט צו יענע מײַסטערס פֿונעם קינסטלערישן וואָרט, וואָס זײַנען טרײַ דעם דעוויז: קיין איין טאָג אָן אַ שורה.

ער איז געקומען אין דער גרויסער ליטעראַטור קורץ פֿאַר דער צווייטער וועלט-מלחמה, אינעם אָנהייב פֿון די 30-ער יאָרן. פֿאַרן ראַטנלאַנד איז דאָס געווען אַ צײַט פֿון אַ גרויסן איבערבראָך אינעם עקאָנאָמישן און גײַסטיקן לעבן פֿון דעם פֿאָלק, אַ צײַט פֿון אַ גראַנדיעזן אויפֿשטײַג, אַן אויפֿפֿליעסק פֿון מאַסן-ענטוזיאַזם.

פֿון אונטער דער פּען פֿונעם יונגן שריפֿטשטעלער דערשײַנט אַ בוך נאָך אַ בוך. די גרעסערע דערציילונג „שטײנקוילן" (1932), די זאַמלביכער פֿון דערציילונגען „אױף יענער זײַט ברעג" (1934), „די זקנים נעמען אַ וואָרט" (1937), „דער פֿעטער יאָשע" (1940), די עסיי-ציקלען „אין די בליענדיקע סטעפּעס" (1938) און „פֿונעם דניעסטער ביזן דונײַ" (1940). פּאָליאַנקער האָט זיך אויך אַנטפּלעקט ווי אַ טאַלאַנטירטער ראָמאַניסט, אַוטאָר פֿון די ברייטסטע לײַוונטן „די צווייטע באַגעגעניש" (1937) און „שויעל דער זיפּנמאַכער" (1938).

אַ נאָמען פֿון אַ באַדײַטנדיקן וואָרט-קינסטלער און אַ פֿעסט אָרט צווישן די אָנגעזעענע סאָוועטישע ייִדישע פּראָזאַיקער האָט געבראַכט פּאָליאַנקערן דער ראָמאַן „שמײַע גאַזלען", וועלכער איז צום ערשטן מאָל דערשינען אין 1940. אין דער רוסישער איבערזעצונג איז דער ראָמאַן אַרויס אונטערן נאָמען „דער סאָד פֿון לאַנגיאָריקײַט". אין אָט דעם בוך האָבן באַזונדערס בוילעט געקלונגען מאָטיוון, וועלכע זײַנען כאַראַקטעריסטיש פֿאַר דער ווײַטערדיקער שאַפֿונג פֿונעם שרײַבער. זיי האָבן באַשטימט זײַן אייגענעם סטיל, אויסגעאַרבעט זײַן אייגנאַרטיקע אינדיווידועלע קינסטלערישע מאַניר.

אַ זון פֿון אַן אומאַניער באַלמלאָכה, איז הערשל פּאָליאַנקער געוואָרן אַן אייגנאַרטיקער קינסטלער. ער האָט וואָס צו דערציילן, און ער קען ריידן מיטן לייענער אױף זײַן לײַכט דערקענענדיק, בלויז פֿאַר אים אייגנטימלעך לשון.

דער ליטמאטיוו פון פאליאנקערס גאנצער שאפונג איז געווען און פארבלייבט דער היסטארישער אפטימיזם, דער גלויבן אין דעם מענטשן. ניט געקוקט אף די טראגישע ניסיוינעס, וועלכע זיינען אויסגעפאלן אפן גורל פון דעם פאלק אין די שוידערלעכע יארן פון דער צייטווייליקער היטלער-אקופאציע, ניט געקוקט אפן אומקום פון מיליאנען סאוועטישע יידן, גלייבט דער שרייבער-פאטריאט פולשטענדיק און אנטשלאסן אין דער ליכטיקער צוקונפט פון זיין פאלק. ס'איז אים אבסאליוט פרעמד די „אלימפישע רו". ער איז פאשעט ניט פעיק צו קאמענטירן מיט א קאלטן לונג-און-לעבער די געשעענישן אינעם לעבן פון דעם לאנד און פונעם פאלק, אופנעמענדיק דאס גוטע און דאס בייזע גלייכגילטיק. פארקערט, ער איז איבערפולט מיט זודיקער ליידנשאפט און ס'איז אים באוווסט דער סאד, וויאזוי דעם דאזיקן צושטאנד דערוועקן אינעם לייענער.

הערשל פאליאנקער געהערט צו יענע ווארט-קינסטלער, וועלכע באציען זיך מיט אומרו צו אלץ, וואס עס קומט איצט פאר אין דער וועלט. ס'איז אים פרעמד דער באגריף „דיסטאנץ". עס זיינען אים נאענט און פארשטענדלעך די באלדיקע זארגן פון זיינע מיטצייטלער, זייערע טרוימען און האפענונגען. דערפון דרינגט ארויס די אקטועלקייט פון יעדער שורע, וועלכע גייט אראפ פון זיין פען. א שרייבער-קאמוניסט, פארשטייט ער זיין פאראנטווארטלעכקייט פאר דער צוקונפט פונעם פאלק און פון דעם היימלאנד.

די פריוואטע זארגן און פערזענלעכע אינטערעסן פון זיינע העלדן קאן פאליאנקער אופאסן אין קאנטעקסט מיט די גלאבאלע פראבלעמען פון דער צייט. דאס גיט צו א ברייטן פארנעם זיינע שילדערונגען פון דער וואכעדיקייט אינעם לעבן פון די פאשעטע הארעפאשניקעס.

בעעמעס, ווי ס'האט געזאגט א פאעט — איצט זיינען מיר פאראנטווארטלעך פאר אלץ אין דער וועלט. דאס באנעמען די דאזיקע הויכע פאראנטווארטלעכקייט איז כאראקטעריסטיש פאר פאליאנקערס העלדן סיי אין די טעג פון שאלעם, סיי אין די טעג פון מילכאמע, סיי אין דער נאכמילכאמעדיקער אנגעשטרענגטער צייט פון בויונג.

דער ראמאניסט באזיצט גוט די קונסט פון בויען א סוזשעט. זיינע ביכער לייענען זיך לייכט, מיט ניט קיין אפגעשוואכטן אינטערעס.

ריידנדיק וועגן הערשל פאליאנקערן, מערקט מען געוויינלעך אפ זיין העמשעכדיקע פארבינדונג מיט דעם גרויסן שריפטשטעלער-הומאניסט שאלעם-אליכעם. דערביי ווייזט מען, אלס קלאל, אן אין דער ערשטער ריי אף דער זאפטיקער שפראך פון פאליאנקערס דערציילונגען און ראמאנען, אף דעם, אז אלע זיינע ווערק זיינען איינגעטונקען אין שפריכווערטלעך, גלייכווערטלעך, אידיאמעס, וועלכע עס איז שווער איבערצוזעצן אף אן אנדער שפראך. מע פארופט זיך אף די סטיל-אייגנשאפטן פונעם פרייליכן, קיינמאל ניט פארומערטן דערציילער.

דאס אלץ איז ווירקלעך אזוי. ווי בא זיין מערקווירדיקן פארגייער, שפילט דער געלעכטער אין פאליאנקערס שאפונג א גאר וויכטיקע, מיר וואלטן אפילע געזאגט, פארמירנדיקע ראל. אלס קלאל, איז עס א גוט מיטפילנדיק געלעכטער, וואס איז געדיכט צוגעפעפערט מיט איראניע. אזא הומאר איז א לעבנס-באשטעטיקנדיקער, היילעוודיקער, מונטערנדיקער. די יעסוידעס פון אזא זוניקן הומאר שטעקן אין דער פאלקס-פסיכאלאגיע. „לאכן איז געזונט, דאקטוירים הייסן לאכן" — האט געראטן שאלעם-אליכעם. און אין אט דעם שפאס ליגט א גרויסער זין. געלעכטער איז א געווער פון שטארקע. אינעם באשטעטיקן דעם פאלקס-עמעס איז געלעכטער א היפש געווער.

אבער דאס וויכטיקסטע און דאס ווערטפולסטע איז, וואס הערשל פאליאנקער האט באהערשט און שעפעריש אופגענומען אין דער יערושע פון די קלאסיקער דאס קענען אופדעקן די אומויסשעפלעכע גייסטיקע רייכטימער פונעם פאלקס-כאראקטער. און ניט אומזיסט אנטפלעקט זיך אין דעם זעלבן שויעל דער זיפנמאכער, ווי אין שמייע גאזלען און אינעם אלטן סאנטאס, ווי אויך אין אנדערע העלדן פאליאנקערס, זייער גענעטישע קרויוועשאפט מיט טעוויע דעם מילכיקער. דאס זיינען בעעמעס גוטע און קלוגע מענטשן, פילבארע און אף זייער אויפן דעליקאטע, ארנטלעכע הארעפאשניקעס, וועלכע קענען און האבן ליב ארבעטן ווי ס'דארף צו זיין, און זיי גלייבן פעסט אינעם טריומף פון דעם עמעס איבערן ניט-עמעס.

א טיפישע פיגור פון דעם שייוועט ניט-געפאלענע בא זיך איז דער בלעכער שייע ספיוואק, וועמען די לאנדסלייט האבן א נאמען געגעבן „שמייע גאזלען" פאר זיין טומלדיקן כאראקטער, פאר זיינע אומדערמידלעכע פאנטאזיעס און מיסטיפיקאטארישע נייגינגען. מיט וועמען פארגלייכן נאר ניט די לייענער אט דעם קאלאריטפולן פערסאנאזש! מע רופט אים „יידישער קאלא ברוניאן", „יידישער בראווער סאלדאט שווייק" אדג.

מערקווירדיקער פון אלץ איז דאס, וואס אין יעדערן פון די דאזיקע אפן ערשטן קוק

פּאַראַדאָקסאַלע פאַרגלײַכן איז פאַראַן, און
דערבײַ א היפשער, כײַלעק עמעס.
ס'האָט ניט באַוויזן שמײַע זיך אומקערן
מיט פיל ווונדן פון די פראָנטן פון דער ער-
שטער וועלט-מילכאָמע, ווי ס'האָט אויסגע-
בראָכן די רעוואָליוציע און עס האָט זיך אָנגע-
הויבן באַלד נאָך איר דער בירגערקריג. און
דער דערפאַרענער סאָלדאַט שאַפט אן אַטריאַד
פון זעלבסטשוץ, וועלכער שטעלט א ווידער-
שטאַנד די פּעטליורישע גאַרגלשנײַדער. דער-
נאָך שלאָגט ער זיך אין קרים קעגן דעם באַ-
ראָן וראַנגעל. עס קומט אָפּ ניט לאַנג די מיט
אַזויפיל מי דערקעמפטע פרידלעכע צײַט, און
שמײַע איז ווידעראַמאָל אין די ערשטע רייען:
ער לייגט אַרײַן זײַן אומגעצוימטן טעמפּעראַ-
מענט אין דער בויונג פון א נײַ לעבן. זעלבסט-
פאַרשטענדלעך, אַז אין די יאָרן פון דער פאָ-
טערלענדישער מילכאָמע האָט ער אויך ניט
געקאָנט שטיין אין א זײַט: שײַע ספּיוואַק, דער
זעלבער „שמײַע גאַזלען", טראָגט אַרײַן זײַן
צושטײַער אינעם זיג איבער די היטלעריסטן.
און שפּעטער אַרבעט ער מיט היספּײַלעס,
שטעלט אויף דעם קאָלווירט פון די מילכאָמע-
רויִנעס.

ווי מיר זעען, טראָגט דער איבערוף פון
הערשל פּאָליאַנקערס מיטצײַטלער מיטן פּאָל-
קלאָר און מיט די קלאַסישע מוסטערן לאַכ-
לוטן ניט קיין פאָרמעלן כאַראַקטער. ווי די
געשטאַלטן פון דער פאַרגאַנגענהײַט, וועלכע
געהערן צו די באַליבטע העלדן פון דער
פאָלקס-שאַפונג, איז שמײַע גאַזלען א ווערטל-
זאָגער, א מײַסטער מיט גאָלדענע הענט.
ער באַקומט אויך נײַע אייגנשאַפטן, אַדאַנק די
גראַנדיעזע סאָציאַל-פּאָליטישע איבערגעשטאַל-
טונגען אין סאָוועטנפאַרבאַנד.

די קינדהײַט פונעם „זון פון דעם אַלטן
טעסליער פון קאָראָליווקע", דעם העלד פונעם
ראָמאַן „דער בעקער פון קאָלאָמייע", האָט גע-
יאַרשנט אייניקע שטריכן פון דעם טאַלאַנט-
פולן יינגל „מאָטל פּייסי דעם כאַזנס", אָבער
דער כאַראַקטער פון פּאָליאַנקערס יונגן העלד
ווערט אויסגעקאָוועט אין אַנדערע געזעלשאַפט-
לעכע באַדינגונגען.

מע קאָן אָנווײַזן נאָך אויף אייניקע פּע-
דעם, וועלכע ציִען זיך פון די קלאַסיקער פון
דער יידישער ליטעראַטור, אין דער ערשטער
ריי פון שאָלעם-אַלייכעמען, צו דער פּראָזע פו-
נעם סאָוועטישן שריפטשטעלער הערשל פּאָ-
ליאַנקער. ער זעצט ווירדיק פאָר די הומאַני-
סטישע טראַדיציעס. אָבער גלײַכצײַטיק דאַרף
מען אונטערשטרײַכן נאָכאַמאָל, אַז עס גייט א
רייד לאַכלוטן ניט וועגן נאָכקרימען זיך. די
אַלטע „אייביקע" מאָטיוון ווערן אין נײַע צײַטן
קוואַליטאַטיוו איבערגעשטאַלטיקט, קלינגען

אויף אן אַנדער אויפן. די אָוועס פון פּאָליאַנ-
קערס העלדן, אָרעמע און דערשלאָגענע, וואָס
האָבן זיך געוואַלגערט אין די פינצטערע גע-
טאָס פונעם טכום-האַמוישעוו, זײַנען אַרויס אויף
די שטורמישע קרייצוועגן פון דער געשיכטע.
פון „אָביעקטן" פון דער געשיכטע ווערן זיי
פאַרוואַנדלט אין באַוועגער פונעם סאָציאַלן
פּראָגרעס.

אָנהייבנדיק דעם ראָמאַן „דער בעקער פון
קאָלאָמייע" פון, וואָלט זיך אַזוי געדאַכט, אן
אייַנפאַכער און עפּעס א מין טראַדיציאָנעלער
דערציילונג וועגן דעם, אַז דער „פאַרשײַטער
מאַקס", אן אָפּשפּראָץ פונעם פילקינדערדיקן
אָרעמען טעסליער, דעם שיקער יויסעף קרייס-
לער, ברעכנדיק דעם ווילן פון די עלטערן,
קלײַבט זיך אַריבער פון קאָראָליווקע אין דער
סאָלידער לויט יענע צײַטן קאָלאָמייע און
ווערט א לערן-יינגל אין דער בעקערײַ פון
פאַני זשיכלינסקע, — וויקלט פאַנאַנדער דער
אויטאָר די לעבנס-אָדיסייע פון איינעם פון די
העלדן פון אונדזער צײַט.

די לעבנסבאַשרײַבונג פון מאַקס קרייס-
לערן, „דעם בעקער פון קאָלאָמייע", פלעכט
זיך איבער מיט דער ביאָגראַפיע פון א גאַנצן
דאָר, ווען ס'איז פאָרגעשטאַנען זיך קעגנ-
שטעלן דער פאַשיסטישער אָקופּאַציע, און דער
ראָמאַן וואַקסט איבער אין אן עפּישער לע-
גענדע וועגן די וויכטיקסטע געשעענישן פון
אונדזער אומרויִקן יאָרהונדערט.

איינער א ליטעראַטור-קריטיקער, וואָס
האָט אָנגעשריבן א זאַכלעך אַרטיקל וועגן
פּאָליאַנקערס שאַפונג, האָט זיך ניט אָפּגע-
האַלטן פון אָנקלאָגן זיך אויף דעם אויטאָר פו-
נעם ראָמאַן „שמײַע גאַזלען" פאַר דעם, וואָס
ער שטויסט אַרײַן אין איין ווערק „די גאַנצע
געשיכטע פונעם צוואַנציקסטן יאָרהונדערט",
און דעריבער לײַדט דאָס ווערק פון פראַגמענ-
טאַרישקײַט.

ס'איז א סאָפעק, צי עס האָט א זין צו
דערווידערן פּראָטימדיק, ביפראַט נאָך, אַז אין
דעם אויבן-געזאָגטן איז אַוואַדע פאַראַן אויך
א שטיקל עמעס. אָבער גלײַכצײַטיק דאַרף
אויך אָנגענומען ווערן דאָס, וואָס דער אַוו-
טאָר פונעם ראָמאַן האַלט ניט פאַר נייטיק גע-
נוי זיך אָפּשטעלן אויף יעדן מערקצייכן אין דער
געשיכטע. אייניקע דערשײַנונגען, געשעענישן,
קאָליזיעס זײַנען אָנגעוויזן בא אים מיט א
פּונקטיר, אַנדערע זײַנען באַריִרט פאַרבײַגייענ-
דיק. דאָס איז זײַן רעכט. דעריקער איז, וואָס
דער ראָמאַניסט קלײַבט אויס, אַלס קלאָל,
פּינקטלעך די שליסל-מאָמענטן, די וויכטיקסטע
עפּיזאָדן אין די ביאָגראַפיעס פון זײַנע העלדן.
אין דער אונטערשטער שורע שטייען אויף לע-
בעדיקע מענטשלעכע כאַראַקטערן, וועלכע זײַ-

נען טיפיש גראָד פאר דער געגעבענער עפּאָכע.

דער יונגער בעקער פון קאָלאָמייע קאָן ניט אײַנזיצן אין א העק. אָנדינגענדיק זיך צו באוואכן די פי, וואָס ווערט איבערגעטריבן קיין דײַטשלאנד, דערקלײַבט זיך מאקס דורך גאנץ גאליציע און פוילן קיין בערלין. עס איז אים באשערט אין לעבן דער היכער רום פון אָן ארטיסט. אָבער ביז דעם וועלן אים טרעפן אפן וועג די סאמע הארבע ניסיונעס. דער דעביוט פונעם ארטיסט אף דער היכער בינע איז צונויפגעפאלן מיטן איבערגאנג אין אָנגריף מיצאד די היטלעריסטן, וועלכע האָבן זיך געריסן צו דער מאכט אין דײַטשלאנד. און מאקס פארנעמט, אָן קווענקלעניש, זײַן אָרט צווישן די אנטיפאשיסטן. ווען אין שפאניע ברעכט אויס דער בירגערקריג, טרעט ער ארײַן אין די רייען פון דער אינטערנאציאָנאלער בריגאדע. אין די יאָרן פון דער היטלער-אָקופאציע פון פראנקרײַך שליסט זיך מאקס אָן צו די ווידערשטאנד-העלדן.

„דער בעקער פון קאָלאָמייע" געהערט צו יענע מערקבארע ווערק פון דער סאָוועטישער פילנאציאָנאלער אנטיפאשיסטישער און אנטימילכאָמע-ליטעראטור, וועלכע פארלירן ניט זייער אקטועלקײַט. דער ראָמאן רופט צו וואכזאמקײַט, לערנט צו זײַן קאָמפּראָמיסלאָז צו די סאָנים פון שאָלעם, צו די טרעגער פון דער אנטימענטשלעכער אידעאָלאָגיע. אין דעם בוך קלינגען הויך די מאָטיוון פון פּראָלעטארישן אינטערנאציאָנאליזם.

דער אויטאָר אליין האָט אָנגעוויזן, אז דער הויפט-העלד פון דעם „בעקער פון קאָלאָמייע" פארמאָגט א רעאלן פּראָטאָטיפּ. „דאָס איז א דערציילונג, — שרײַבט הערשל פּאָליאנקער, — וועגן אָן עמעסן מענטשן. אין יעסאָד פונעם ראָמאן ליגט א וואָרהאפטיקע לעבנס-געשיכטע פון איינעם פון אונדזערע מיטצײַטלער". דערמיט ווארפט אָפּ דער ראָמאניסט דעם פאָרוואורף אין דער ניט-וואָרהאפטיקײַט, אָנגעטראכטקײַט פון אייניקע קאָליזיעס, סיטואציעס, עפּיזאָדן, וועלכע זײַנען געשילדערט אין דעם ווערק.

פּאָליאנקערס ראָמאן „דער לערער פון מעדזשיבאָזש" (1977) מישט אויף די אומפארגעסלעכע בלעטלעך פונעם העראָישן פּינקעס פון דער גרויסער פאָטערלענדישער מילכאָמע. ווידמענדיק זײַן ווערק הויפטזאכלעך די שלאכט-העלדנטאטן פונעם הויפט-פּערסאָנאזש עליע פרענקיס, זײַנע אונטערערדישע, פּארטיזאנישע פראָנט-אופטוען (עליע פונקציאָנירט אינעם סוינעס הינטערלאנד, פארשטעלנדיק זיך פאר א דײַטש), דערציילט פּאָליאנקער גאנץ אויספירלעך וועגן פארשיידענע עטאפּן אינעם לעבן פונעם העלד, וועלכע זײַנען טיפּיש פאר יעדן דאָר.

די מילכאָמע, די היטלער-אָקופּאציע האָט איבערגעאנדערשט דעם שול-לערער עליע פרענקיסן, דעם מענטשן פון דער סאמע פרידלעכער פּראָפעסיע. טראָגנדיק שוין דעם נאָמען ערנסט גרושקאָ, ווערט ער איינער פון די פאָלקס-נעקאָמענעמער, פירט דורך געוואגטע אָפּעראציעס קעגן דעם כוצפּעדיקן, זעלבסטזיכערן און גײַוועדיקן סוינע. און ווידער שטרײַכט אונטער הערשל פּאָליאנקער, אז אין יעסאָד פונעם ראָמאן ליגן „עמעסע געשעענישן פון די ניט ווײַטע יאָרן", האגאם „אין אונדזערע צײַטן, ווי איר ווייסט, טרעפט גאנץ אָפט אזעלכס, אז אפילע ווען איר וועט פארמאָגן אכצן קעפּ, וועט איר אזוינס ניט צוטראכטן". ס'וואָלט אָבער געווען א טאָעס צו מיינען, אז הערשל פּאָליאנקער טרעט ארויס אין דער ראָל פון א מין רעגיסטראטאָר פון די געשעענישן, פון א זאמלער און קאָמענטאטאָר פון מערקווירדיקע פאקטן. דער קינסטלער איז ניט קיין פאָטאָגראף, אויב אפילע דער יעסאָד פון זײַנע ווערק איז א דאָקומענטאלער. ער קלײַבט זאָרגזאם אָפּ פונעם לעבן דאָס סאמע וועזנטלעכע, כאראקטעריסטישע, וואָס איז נייטיק, קעדיי פארשטיין די טרײַבקרעפטן פון דער צײַט.

פּאָליאנקערס און אומשטרײַטבארער דערפאָלג איז דער ראָמאן „דער אלטער סאנטאָס און זײַנע יאָרשים", וועלכער איז אָנגעשריבן געוואָרן ווי מיט איין אָטעם. באזונדערס איבערצײַגנדיק ווערט דאָ באשטעטיקט אין די רעאליסטישע געשטאלטן די אידיי פון אומצעשטערבארקײַט פון דער ברודערשאפט פון די סאָוועטישע מענטשן, פון דער איינהײַט פון זייערע לעבנס-אינטערעסן.

דער ראָמאן איז אָנגעשריבן מיט עכטער ליבע צו אוקראַיִנע. מיט אוקראַיִנע איז פארבונדן דאָס גאנצע לעבן פונעם שרײַבער. אין זײַנע ראָמאנען און דערציילונגען ווערט רעליעף געשילדערט די נאטור און די מענטשן פונעם היימישן קאנט, הויפטזאכלעך פון פּאָדאָליע און פון די טראנסקארפּאטן. אין צענטער פונעם ראָמאן „דער אלטער סאנטאָס און זײַנע יאָרשים" געפינט זיך די פרײַנטשאפט פון די אוקראַיִנישע און ייִדישע האָרעפּאשניקעס, וועלכע דרינגט ארײַן מיט אירע וואָרצלען אין דער פארגאנגענהײַט.

פון לאנגאָנען האָבן זיך אײַנגעשטעלט גוטשכײַנעסדיקע באציִונגען צווישן די ייִדן-ווײַנציכטלער, וועלכע האָבן זיך באזעצט אפן ברעג פונעם דניעסטער און אויסגעבילדעט דאָרט דאָס שטעטל רוזשיצע, — דערציילט

דער מעכאַבער, — מיט די אײַנוווינער פֿונעם אוקראַיִנישן דאָרף לוקאַשיווקע. זיי האָבן פֿון רײנעם האַרצן אונטערגעשטיצט איינע די אַנדערע, געהאָלפֿן אין אַ שווערער שאָ. ס׳איז פֿאַראַן, צווישן אַנדערס, אַ לעבנס-לאָגיק אין דעם, וואָס די ייִדן-האָרעפּאַשניקעס האָבן אויסגעשטרעקט די האַנט פֿון הילף דעם לעגענדאַרן אוקראַיִנישן רעוואָליוציאָנער-בונטאַר קאַרמעליוקן, וועלכער איז געשטאַנען אין דער שפּיץ פֿון דער פּויערים-באַוועגונג אויף פּאָדאָליע קעגן דעם זעלבסטהערשעריש-פּריצישן יאָך.

ווען די היטלעריסטן האָבן צײַטווײַליק אָקופּירט פּאָדאָליע און אָנגעהויבן פּולקום אויסראָטן די ייִדן, האָבן די לוקאַשיווקער זיי פֿאַרטיידיקט. די אוקראַיִנער האָבן געטאָן אַלץ, וואָס מעגלעך, קעדיי ראַטעווען זייערע גוטע שכיינים פֿון רוזשיצע, אויסבאַהאַלטן זיי פֿון די דײַטשישע פֿאַשיסטן און פֿון די אָרטיקע פֿאַרעטער. נאָך דער מילכאָמע האָבן רוזשיצע און לוקאַשיווקע זיך צונויפֿגעגאָסן אין איין קאָלווירט.

די ניסיוינעס פֿון דער מילכאָמע האָבן ניט אײַנגעבראָכן, פֿאַרקערט — פֿאַרהאַרטעוועט די נעשאָמע בײַ דעם הויפּט-העלד פֿון פּאָליאַנקערס ראָמאַן „דער גוירל פֿון אַ קינסטלער“. ער האָרעוועט מיט זעלבסטפֿאַרגעסונג, ווייניקער פֿון אַלץ זאָרגנדיק וועגן דעם ווילטיק אייגענעם לעבן. עס איז אים טײַער יעדע מינוט, ווײַל ער דאַרף אַרויסזאָגן אַלץ, וואָס עס האָט זיך אָנגעזאַמלט אין זײַן נעשאָמע פֿאַר די מילכאָמע-יאָרן. דאָס פֿאַרבאָרגענע זעקעלע מיט ערד, איבערגעמישט מיט אַש, וואָס ער האָט געבראַכט פֿונעם קריג, האָט אים ניט געלאָזט צורו ניט באַטאָג און ניט באַנאַכט. ער האָט געאַרבעט אַ סאַך און אָנגעשטרענגט, ניט ווייסנדיק פֿון קיין מידקײַט, געאײַלט צו זאָגן די מענטשן, אַז אַזוינס דאַרף זיך מער ניט איבערכאַזערן אויף דער ערד.

דער מעכאַבער און דער דערציילער איז הערשל פּאָליאַנקערס ווערק זײַנען, פֿאַרשטייט זיך, מענטשן, וואָס זײַנען „געקנאָטן פֿון איין טייג“ — אידייִשע מיטקעמפֿער. זיי זײַנען נאָענט איינער צום אַנדערן לויטן גײַסט און טעמפּעראַמענט, זיי פֿריידיקן איין און דעם זעלבן גלויבן, באַשטעטיקן איינע און די זעלבע אידעאַלן. פֿונדעסטוועגן אָבער וואָלט געווען אַ טאָעס צו אידענטיפֿיצירן דעם אווטאָר און דעם דערציילער, שטעלן שטענדיק אַ גלײַכצייכן צווישן זיי.

דער דערציילער אין פּאָליאַנקערס פּראָזע איז אַ פֿאַרשיידנאַרטיקער אין פֿאַרשיידענע ווערק. עס טרעפֿט, אַז דער אווטאָר לייגט אַרויף די פֿונקציעס פֿונעם דערציילער אויף איינעם פֿון די פּערסאָנאַזשן. אַזוי אָדער אַנדערש, נאָר טאָמיד איז אָט דער דערציילער אַן אָנפֿאַרטרויטע פּערזאָן פֿונעם אווטאָר, וואָס האָט, פּונקט ווי ער, אַ סאַך געזען און וועגן אַ סאַך ערנסט געטראַכט. ער שילדערט אויף זײַן אייגענעם אויפֿן אַלץ, וועגן וואָס עס רעדט זיך אינעם בוך, שטעלט פֿאַנאַנדער די אַקצענטן, טרעט אַרײַן אין אַ דירעקטן קאָנטאַקט מיטן לייענער. דערבײַ פֿאַרבאַהאַלט ער ניט זײַנע סימפּאַטיעס און אַנטיפּאַטיעס. ער איז אָפֿנהאַרציק און פּרינציפּיעל אין די אידייִש-מאָראַלישע דעפֿיניציעס, קאָמפּראָמיסלאָז צום אידייִשן קעגנער. ער פֿאַרמאָגט אַן אָפֿענעם קוק און אַ שאַרפֿע צונג, אַ רײַכע פֿאַנטאַזיע און אַ ניכטערן פּראַקטישן סייכל, וואָס עס איז אַזוי כאַראַקטעריסטיש פֿאַר פֿאָלקסמענטשן.

ווען מיר ריידן וועגן פֿאַרטייִשקײַט און פֿאָלקסטימלעכקײַט אין הערשל פּאָליאַנקערס שאַפֿונג, דאַרף מען קוידעמקאָל אַ טראַכט טאָן וועגן דעם געשטאַלט פֿונעם דערציילער, וועמען דער שרײַבער טרויט אָן זײַנע פֿאַרבאָרגנסטע געדאַנקען.

אין זײַנע 75 יאָר איז הערשל פּאָליאַנקער פֿול מיט שעפֿערישער ענערגיע. וועגן דעם זאָגט, אַגעוו, איידעס זײַן נײַער ראָמאַן „די צײַט פֿון גרויסע האָפֿענונגען“, וועלכער איז פֿאַרעפֿנטלעכט געוואָרן אין „סאָוועטיש היימלאַנד“ צום 40-טן יאָרטאָג פֿון דעם זיג אין דער גרויסער פֿאָטערלענדישער מילכאָמע.

דאָס נײַע ווערק וועט זיכער צוציִען צו זיך די אויפֿמערקזאַמקײַט פֿון די לייענער. דערווײַל וועלן מיר בלויז זאָגן, אַז די טעמע פֿונעם ראָמאַן, וועלכער איז געדיכט באַזעצט מיט אונדזערע מיטצײַטלער, איז — דער העלדנטאַט פֿון דער סאָוועטישער אַרמיי הינטער סטאַלינגראַד, און שפּעטער אויפֿן קורסקער בויגן, אין די גענעראַלע שלאַכטן, וועלכע האָבן אין דער אונטערשטער שורע באַשטימט דעם אויסגאַנג פֿון דער מילכאָמע און גלײַכצײַטיק דעם גוירל פֿון דער גאַנצער וועלט. און אויך אין אָט דעם ווערק איז פּאָליאַנקער טרײַ זײַנע שעפֿערישע גרונט-פּרינציפּן, דעם לעבנס-עמעס.

ס׳איז קיין צווייפֿל ניט, אַז דער שרײַבער-קאָמוניסט הערשל פּאָליאַנקער וועט אויך אויף ווײַטער דערפֿרייען די לייענער מיט נײַע ביכער, וואָס וועלן, ווי די פֿריִערדיקע, טראָגן מיט זיך דעם אָטעם פֿון אונדזער צײַט.

■ ■ ■

דער ציִוניזם פֿונדערנאָענט

מיר האָבן באַקומען די טרויעריקע ידיעה, אַז עס איז געשטאָרבן דער מיטגליד פֿון פּאָליטביוראָ פֿון דער ייִסראָעלדיקער קאָמוניסטישער פּאַרטיי כ׳ עמיל טומא. צוזאַמען מיטן מיטגעפֿיל־אויסדרוק דעם צענטראַל־קאָמיטעט פֿון קפּ״י און דער מישפּאָכע פֿונעם פֿאַרשטאָרבענעם, פֿאַרעפֿנטלעכן מיר אַ רעצענזיע אױף זײַן בוך, וואָס איז אָקאָרשט דערשינען אין מאָסקווער פֿאַרלאַג „פּראָגרעס״ (רעד.).

צוערשט — צוויי ציפֿערן: צום אָנהייב פֿונעם 1984 יאָר האָט די צאָל עמיגרירטע פֿון ייִסראָעל שוין באַטראָפֿן באַ 800 טויזנט מענטשן; אין 1984 האָט די אינפֿלאַציע אין ייִסראָעל דערגרייכט 400 פּראָצענט.

די דאָזיקע ציפֿערן — אײַנדרוקספֿולע, ענג פֿאַרבונדענע צווישן זיך — ווערן געבראַכט צווישן אַ סאַך אַנדערע אינעם בוך „ציִוניזם פֿונדערנאָענט״ פֿון עמיל טומא, דעם אָנגעזעענעם טוער פֿון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פֿון ייִסראָעל, וועלכער איז באַוווּסט אַלס סאָציאָלאָג, אַווטאָר פֿון אַ ריי פֿאָרשונגען, וואָס באַווײַזן דעם אַנטיפֿאָלקישן כאַראַקטער פֿון דער פּאָליטיק פֿון די רעגירנדיקע קרײַזן פֿון ייִסראָעל.

דעם בוך, וועגן וועלכן עס גייט די רייד, האָט היאָר אַרויסגעלאָזט דער מאָסקווער פֿאַרלאַג „פּראָגרעס״. אין אים זײַנען אַרײַן פּובליציסטישע ווערק, וועלכע עמיל טומא האָט אָנגעשריבן אין די 70־ער — אָנהייב 80־ער יאָרן.

דאָסראָוו קריטיקער פֿונעם ציִוניזם שפּאַרן זיך אָן אין זײַערע ווערק הויפּטזאַכלעך אױף אָפֿיציעלע דאָקומענטן, סטאַטיסטישע אָנגאַבן, מאַטעריאַלן פֿון דער פּרעסע. אין אונטערשייד פֿון זיי האָט עמיל טומא, לעבנדיק אין ייִסראָעל, פּאָנעם־על־פּאָנעם זיך צונויפֿגעשטויסן מיט דער ציִוניסטישער אידעאָלאָגיע און פּראַקטיק. דאָס האָט אים דערלויבט צו באַווײַזן דעם ציִוניזם אין ברייטן מאַסשטאַב, אַנטבלויזן זײַן מענטשנפֿײַנטלעכן טאָך, וואָס איז אויסבאַהאַלטן אונטערן פֿאַרהאַנג פֿון פּראָפּאַגאַנדיסטישע מיפֿן.

דער אויפֿמערקזאַמער לייענער וועט געפֿינען אין דעם בוך ניט ווייניק אינטערעסאַנטס און באַלערנדיקס. אַזוי, שטעלן מיט זיך פֿאָר, אָן צווייפֿל, אַן אינטערעס די געבראַכטע אין אים ציפֿער־אָנגאַבן וועגן דעם צושטאַנד פֿון דער ייִסראָעלדיקער עקאָנאָמיק. אין 1982 יאָר איז לויט די אָנגאַבן פֿון דער צענטראַלער סטאַטיסטישער ביוראָ אין לאַנד ניט אָפּגעמערקט געוואָרן קיין וווּקס פֿונעם נאַציאָנאַלן ברוטאָ־פּראָדוקט, און דער דעפֿיציט פֿונעם האַנדלס־באַלאַנס איז אויסגעוואַקסן ביז 4,9 מיליאַרד דאָלאַרן. דער אויסערלעכער כויוו פֿונעם לאַנד האָט באַטראָפֿן אין 1971 יאָר — 3,4 מיליאַרד, אין 1979 יאָר — 19,4 מיליאַרד, אין 1982 יאָר — 26 מיליאַרד דאָלאַרן; אין דער איבערעכענונג אױף אַ נפֿאָשע פֿון דער באַפֿעלקערונג האָט ער באַטראָפֿן אין 1981 יאָר 1400 דאָלאַרן. ניט צופֿעליק האָט דער פֿליכטן־אויספֿילער פֿונעם סעקרעטאַר פֿון דער קאָמפּאַניע „כעוור־ראַט אָודין״ מאַשע אָלעניק דערקלערט אין דער ייִסראָעלדיקער פּרעסע, אַז „דאָס לאַנד פּרעסט אױף זײַן צוקונפֿט, שטערבנדיק זיך אָנזעטיקן הײַנט״.

אין לאַנד פֿאַרשאַרפֿט זיך דער קלאַסנקאַמף.

נאָכן צעצינדן אַ מילכאָמע מיט ליוואַן האָט די רעגירונג פֿון ייִסראָעל צום ערשטן מאָל זיך אָנגעשטויסן אױף אַן אַנטשיידענער אָפּאָזיציע פֿון די ברייטע שיכטן פֿון דער באַפֿעלקערונג. שוין דעם 26 יוני 1982 האָט דער קאָמיטעט קעגן מילכאָמע אין ליוואַן דורכגעפֿירט אין טעל־אַוויוו אַ צוואַנציקטויזנטקעפּיקע דעמאָנסטראַציע. אין אַ וואָך אַרום, דעם 3 יולי, האָט די באַוועגונג „שאָלעם — הײַנט״ אָרגאַניזירט אַ מאַניפֿעסטאַציע, אין וועלכער עס האָבן אָנטיילגענומען הונדערט טויזנט מענטשן, און דערנאָך איז אין טעל־אַוויוו פֿאָרגעקומען אַ מאַסן־דעמאָנסטראַציע פֿון פּראָטעסט קעגן דער מילכאָמע — אין איר האָבן אָנטיילגענומען 400 טויזנט מענטשן. אַ ברייטע פֿאַרשפּרייטונג האָבן באַקומען אַנטימילכאָמע־פּיקעטן, הונגער־שטרײַקן פֿון פּראָטעסט, אַרויסטרעטונגען פֿון פֿרויִשע און סטודענטישע אָרגאַניזאַציעס.

מיט פּראָטעסטן קעגן דער מילכאָמע זײַנען צום ערשטן מאָל אַרויסגעטראָטן די רעזערוויסטן פֿון דער אַרמיי. זיי האָבן געשאַפֿן אַן אָרגאַניזאַציע אונטערן נאָמען „פּאַראַן אַ גרענעץ״. אײַנגיכן האָבן העכער 400 אָפֿיצערן און אַנדערע מיליטערלײַט געשיקט דעם פּרעמיער־מיניסטער און דעם מיניסטער פֿון לאַנדשוץ אַ פּעטיציע וועגן אַן אָפּזאָג צו דינען אין דער אַרמיי אױף דער טעריטאָריע פֿון ליוואַן און אױף די אָקופּירטע אַראַבישע טעריטאָריעס. אַן אַנדער גרופּע מי-

---

Эмиль Тума. Сионизм крупным планом. М., издательство «Прогресс», 1985.

80.000 יידן ווילן זיך אומקערן אין ר״פ

אין דעם גאַנצן הר״קא ארום דער פראגע פון כלומרשטער זארג וועגן די סאָוועטישע יידן פאַרגעסט מען, מען פאַרשוויגט און מען פאַרטושט די בולטע פאַקטן, אַז קנאַפּע 90% פון די ארויס־פאַרנדיקע יידן פון סאָוועטנפאַרבאַנד ווילן בכלל ניט קומען קיין ישראל און אַז 80 טויזנט יידן פון די, וועלכע האָבן פאַרלאָזט דעם סאָוועטנפאַרבאַנד האָבן זיך געוואַנדן צעבראָכענע, אנטוישטע צו די סאָוועטישע מאַכט־אָרגאַנען, אַז זיי זאָלן זיי דערלויבן צוריקומען אין סאָוועטנפאַרבאַנד.

ס'איז גאָרניט אויסגעשלאָסן, אַז אין אנבליק פון דער נייער סיטואַציע וועלן אפשר די ציוניסטישע און אנדערע „זאָרגער" וועגן די סאָוועטישע יידן אויפהייבן אַ קאַמפּאַניע אונטערן לאָזונג: „לאָז צוריק אריין מיין פאָלק אין סאָוועטפאַרבאַנד!".

לעבן קינאָ־טעאַטער פּעטאַך־טיקוואַ האָבן די רעליגיעזע פאַנאַטיקער געמאַכט אַ סקאַנדאַל

■ „איך האָב פּאַר אים מורא, ער קאָן מיך אָפּרייניקן ווי אַ קעשענע גנב... דער יונגערמאַן באַזיצט אַ טעכניק פון אַרויסרופן קאָנפליקטן". (מיניסטער יצחק מודעי וועגן מיניסטער גדעון פּת — ביידע פון דער ליבעראַלער פּאַרטיי).

■ „ער דאַרף גיין צו אַ פּסיכיאַטער... ער איז נישט קיין פירמע, וואָס איך זאָל זיין גרייט צו שטעלן זיך פאַר אים אויף אכטונג". (מיניסטער גדעון פּת וועגן יצחק מודעי).

■ „די קנאה צווישן זיי איז אַ קרענקלעכע. יעדער איינער פון זיי וועט אַלץ טאָן, אַז דער צווייטער זאָל פאַלן". (אַן אנגעזעענער טוער פון דער ליבעראַלער פּאַרטיי).

■ „פראַנצויזישע צייטונג האָט פאַרגעלייגט דעם געוו. פינאַנס־מיניסטער יורם אַרידור דעם נאָבעל־פּרייז פאַר הומאָר. איך מיין, אַז מ'דאַרף אים געבן דעם נאָבעל־פּרייז פאַר ספּאָרט. אַרידור האָט מיט גרויס טאַלאַנט אָרגאַניזירט דעם גרעסטן גאַסן־געלויף אין דער געשיכטע — 4 מיליאָן זענען פון זייערע היימען געלאָפן אין די בענק". (שלום ראָזענפעלד אין „מעריב").

■ „אַזאַ באַלאַגאַן האָב איך נאָך נישט געזען". (איינער פון די מיניסטאָרן נאָך דער רעגירונג־זיצונג פון 9 שעה, מיט אירע באַשלוסן אויפן עקאָנאָמישן געביט).

ליטערליַיט — „סאָלדאַטן קעגן שוויַיגן״ — האָט דורכ־
געפירט א פּרעסע־קאָנפערענץ, אף וועלכער זי האָט דעמאַסקירט די דערקלערונגען פון די מאַכט־אָרגאַנען וועגן דעם קלוימערשטן „הומאַנישן״ כאַראַקטער פון דער מילכאָמע.

א באַדיַיטנדיקן אינטערעס שטעלן מיט זיך פאַר די געבראַכטע אינעם בוך פּילצאָליקע פאַקטן וועגן דער ענגער מיטאַרבעט צווישן די ייִסראָעלדיקע און אַמעריקאַנער מאָנאָפּאָליעס, וועלכע דרינגען אַלץ טיפער אַריַין אין דער עקאָנאָמיק פונעם לאַנד. צווישן זיי — דער קאָנצערן „מאָנסענטאָ״, דער דריַטער צווישן די כימישע מאָנאָפּאָליעס פון פשא, די אַמעריקאַנער קאָמפּאַניע „אַלקאָן״, איינע פון די גרעסטע אין דער וועלט; „דזשענעראַל טעלעפאָן קאָמפּאַני״, וואָס געהערט צו די מעכטיקסטע עלעקטראָנישע קאָמפּאַניעס פון פשא. 41 פּראָצענט פון די אַקציעס פונעם ייִסראָעלדיקן באַנק „פערסט אינטערנעשנל״ געהערט דעם פּענסילוואַנער באַנק, א פירנדיקן אין אַמעריקע.

עס איז גאַנץ באַוויַיזלעך, וואָס די קאַפּיטאַליסטישע מאָנאָפּאָליעס, באַזונדערס די אַמעריקאַנער, פירן גערן איבער א טייל פון זייערע אָפּעראַציעס אין ייִסראָעל אָדער טרעטן צו צו נײַע אָפּעראַציעס אף דער ייִסראָעלדיקער טעריטאָריע, וויַיל זיי באַקומען דאָרט פינאַנציעלע פּאַרצוגן — מעלוכישע סובסידיעס, א מעסיקע באַשטיַיערונג. דער אַרבעטסלוין פון די אַרבעטער אין ייִסראָעל איז אף אַזויפיל נידעריַקער, איידער אין פשא, אַז די סכוירעס, וועלכע ווערן דאָרט אויסגעאַרבעט, זיַינען גאַנץ קאָנקורענטפעיִק, — האָט אָנערקענט דער פּרעזידענט פון דער אַמעריקאַנער קאָרפּאָראַציע, וועלכע האָט אָנטיילגענומען אינעם שאַפן די ייִסראָעלדיקע קאָמפּאַניע פון מעטאַל־אַרטיקלען.

נאָך איין אַספּעקט פון די אַמעריקאַנער קאַפּיטאַל־איַינלאַגן אין דער ייִסראָעלדיקער עקאָנאָמיק — דאָס זיַינען די פּלענער פון אויסנוצן ייִסראָעל אַלס א קאַנאַל צוליב אַריַינדרינגען אין דער „דריטער וועלט״ — אין די לענדער פון אַפריקע, אַזיע און לאַטיַין־אַמעריקע.

און צום שלוס — איינע א גאַנץ פּילבאַדיַיטנדיקע ציטאַטע. דער אַמעריקאַנער פּובליציסט דזשיימס צאַרבורג, געוועזענער ראַטגעבער פונעם פּרעזידענט רוזוועלט, האָט געשריבן: „די איצטיקע אַמעריקאַנער פּאָליטיק איז געריכטעט אף אויסנוצן ייִסראָעל אַלס א צושטעלער פון מיליטערישער קראַפט צוליב האַמעווען סאָציאַלע רעוואָליוציעס אין דעם דאָזיקן רעגיאָן״.

...די געשיכטע פון דער ציִוניסטישער קאָלאָניזאַציע פון פּאַלעסטינע, די אידעאָלאָגישע וואָרצלען פון דער ייִסראָעלדיקער עקספּאַנסיע, די ראַסיסטישע פּראַקטיק פון די טעל־אַוויווער רעגירער אף די אָקופּירטע אַראַבישע טעריטאָריעס, דער גענאָציד אין באַצוג צום פּאַלעסטינער און ליוואַנער פעלקער — אַזעלכע זיַינען די טעמעס פון אַנדערע אַרטיקלען, וועלכע זיַינען אַריַין אין דעם רעצענזירטן זאַמלבוך.

עמיל טומאַס בוך וועט מיט אינטערעס לייענען דער, ווער עס אינטערעסירט זיך מיט דער לאַגע אַפן נאָענטן מיזרעך, מיטן קאַמף פון די פּראָגרעסיווע קרעפטן פון ייִסראָעל בעראָש מיט די קאָמוניסטן קעגן דעם אימפּעריאַליזם און ציִוניזם.

ע. לעווין

צעבראָכענע גורלעס

פאַר אונדזערע אויגן ליגט א באַשולדיקונגס־דאָקומענט, — „דער וויַיסער בוך״[1], וועמענס זיַיטלעך זיַינען אָנגעזעטיקט מיט פאַקטן וועגן פיל מענטשלעכע טראַגעדיעס. איינער נאָך דעם אַנדערן גייען דורך פאַרן לייענער גורלאַלעס פון מענטשן, וועלכע האָבן פאַרשאָלטן דעם טאָג און די שאָ, ווען זיי זיַינען אַריַינגעפאַלן אין דער פרעמד. און פאַרנאַרט האָבן זיי אַהין, צעשיידט מיטן היימלאַנד און מיט דער היים, צעטאָפּטשעט זייערע מענטשלעכע רעכט און זייער ווירדע דער אימפּעריאַליזם און דער ציִוניזם, די זעלבע טראַנסאָקעאַנישע און אַנדערע דינסטן, די זעלבע לײַט, וואָס שלייערן זיך ציניש אין מאַלבושים פון „הומאַניזם״.

וועלכע זאָלן מיר אויסקלײַבן שורעס פון בריוו, איינע ביטערער פון די אַנדערע, וועלכע זיַינען פאַרעפנטלעכט אינעם „וויַיסן בוך״? עפשער די דאָזיקע? „איך קאָן ניט שאָלעם מאַכן מיט די פאַראַנדקעס אין אָט דער מעדינע, און אויב ס׳וועט מיר געלונגען זיך אומקערן, וועל איך קושן די שטיינער אינעם היימלאַנד״. אָדער די דאָזיקע? „אַלע אונדזערע מענטשן, וועלכע זיַינען געקומען פונעם סאָוועטנפאַרבאַנד, וויינען. זיי לעבן ווי אַרעמעליַיט, קאָנען זיך ניט אומקערן. איינע שעמען זיך, אַנדערע זיַינען פאַרקראָכן אין כוויוועס, דריטע געפינען זיך אין פסיכיאַטרישע שפּיטאָלן, בא אייניקע האָט מען די קינדער צוגענומען אין אַרמיי״...

אַלץ קומט פאַר אין ייִסראָעל. און עפשער האָבן יענע, וועמען מע האָט פאַרנאַרט אין אַנדערע לענדער, געפונען א בעסערן גורל? „אָן א דאַך איבערן קאָפּ, אַרבעטלאָזיקייט, ניטזיכערקייט אינעם מאָרגנדיקן טאָג, פאַרברעכערישקייט, וועלכע איז שוין געוואָרן א שטענדיקע דערשיַינונג אין דער דאָזיקער געזעלשאַפט, — אָט וואָס מיר האָבן דערזען אין

[1] Белая книга. Новые факты, свидетельства, документы. «Юридическая литература», 1985 г.

אמעריקע״, — ווערט געזאָגט אין איינעם א בריוו, וועמענס מעכאבער האָט אף יענער זײַט אָקעאַן זיך אָנגעשטויסן אין ראסיזם און אנטיסעמיטיזם. צום בײַשפּיל, א דריטל פון די פירמעס, וועלכע בויען וווין־הײַזער אין ניו־יאָרק, פארדינגען ניט קיין צימערן פאר יידן, קאָרעוו 700 געשעפט־קלובן אין 46 שטאטן דערלאָזן ניט קיין יידן צו ווערן מיטגלידער, מע קאָן גאָרנישט ניט העלפן: די פאראייניקטע שטאטן פון אמעריקע זײַנען „א פרײַ לאנד״...

אן ערעך דרײַ טויזנט געוועזענע בירגער אונדזערע לעבן קוים דורך א טאָג אינעם שטעטל אָסטיִא, ניט ווײַט פון רוים. זיי פארדינען אף ברויט און קוואס פון קליין־האנדל אף דעם אָרטיקן מארק. בא די אײַנוווינער פון אָט דער פרישגעבאקענער געטאָ שווימען אוף אין זיקאָרן די פערסאָנאזשן פון מ. גאָרקיס פיעסע „אפן דנאָ״. ס׳איז שווער צו גלייבן, אז זיי האָבן אמאָל אויך פארמאָגט א מענטשלעכע וווינונג, א שטענדיקע ארבעט, א פארמעגן, אז זיי האָבן געהאט אָפּשײַ בא די כאווירים. דאָס אלץ איז געווען אין דער פארגאנגענהײַט. אין דער צוקונפט אָבער איז — פוסטקײַט.

פארשטייט זיך, אז די דאָזיקע מענטשן מוזן איצט שווער באצאָלן פאר זייער אייגענעם ניט באטראכטן טראָט. אכוץ דעם, זײַנען זיי נאָך קאָרבאָנעס פון דער צילגעווענדטער פּאָליטיק פון די רעגירנדיקע קרײַזן פון פשא און פון אנדערע אימפעריִאליסטישע מעלוכעס, עמעסע כאפערס פון מענטשלעכע נעשאָמעס. די פאלשע ראדיִאָ־„קוילעס״, די מײַרעוודיקע צענטערס פון אידעאָלאָגישע דיווערסיעס זויגן אויס פונעם פינגער בייזוויליקע באָבעמײַסעס וועגן אונדזער לעבן, צוזאָגנדיק זיי מילך און האָניק אין דער „פרײַער וועלט״. וועגן דעם, וויִאזוי עס ווערן פאבריצירט אזעלכע פעלשונגען, גיבן א קלאָרע פארשטעלונג די דאָקומענטן, וועלכע זײַנען פארעפנטלעכט אינעם „ווײַסן בוך״.

פאקטן זאָגן איידעס, אז אין דער פסיכאָלאָגישער מילכאָמע קעגן פססר שעמען זיך ניט אָנטיילצונעמען אויך די אָפיציִעלע קרײַזן פון פשא — אָנהייבנדיק פונעם פרעזידענט און ענדיקנדיק מיט די מיטארבעטער פון דער אמבאסאדע. דער ראבינאט און דער ראט פון דער מאָסקווער קאָרשול זײַנען אפילע געצוווּנגען געווען אָפּשיקן דעם געזאנדטן פון פשא א. הארטמאנען א צאָרנדיקן בריוו, אין וועלכן עס ווערט געטאדלט די אופירונג פון א רייִ אמעריקאנער דיפּלאָמאטן. ס׳ווײַזט זיך ארויס, אז די דאָזיקע הערן האָבן ניט איין מאָל באזוכט די סינאגאָגע ספּעציִעל צוליב דעם, קעדיי פארנארן די גלוביקע אין זייערע נעצן, אײַנריידן זיי ארויסצופאָרן פונעם סאָוועטנפארבאנד. די וואשינגטאָנער „קעמפער פאר מענטשן־רעכט״ טראכטן וועגן די גויראָלעס פון אזעלכע מענטשן ווי וועגן דעם פאראיאָריקן שניי. דער איקער איז פאר די אידעאָלאָגישע דיווערסאנטן — פארשפרייטן אנטיסאָוועטיזם, צעטראָגן איבער דער וועלט רעכילעס וועגן דעם, אז מענטשן „האלטן פאר בעסער די מײַרעוודיקע פרײַהײַט איידער די סאָוועטישע דיקטאטור״. און יענע, וואָס זײַנען ארײַנגעפאלן אין אָט דער נעץ, זאָלן אין דער פרעמד זיך אויסדרייען, ווי ווער עס קאָן. זיי האָבן זייער ראָל שוין אָפּגעשפּילט...

דעם „ווײַסן בוך״ האָבן צוגעגרייט דער אנטיציִעניסטישער קאָמיטעט פון דער סאָוועטישער עפנטלעכקײַט און די אסאָציִאציִע פון סאָוועטישע יוריסטן. דער קויעך פונעם בוך איז — שטרענגע דאָקומענטאלישקײַט. ער דעמאסקירט די אָרגאניזאטאָרן און אינספּירירער פון די אונטערײַסערישע אקציִעס קעגן דעם סאָוועטנפארבאנד, וועלכע טרעטירן דערבײַ אָפן די מענטשלעכע רעכט, ברעכן די גויראָלעס פון מענטשן.

וו. בעליאקאָוו

■ ■ ■

ליטעראַרישע געדענק־דאַטעס

ייִסראָעל סערעבריאַני

(1978 — 1900)

פּייסעך בינעצקי

(1966 — 1905)

דאָס סאַמע וויכטיקסטע

אין דעקאַבער כּוידעש הײַנטיקס יאָר וואָלט דער סאָוועטישער ייִדישער קריטיקער און ליטעראַ־טור־פאָרשער ייִסראָעל סערעבריאַני אַלט געוואָרן 85 יאָר. העכער פופציק פון זיי האָט ער אָפּגעגעבן דער ליטעראַטור, געשאַפן וויכטיקע ליטעראַריש־פאָרשע־רישע אַרבעטן וועגן די קלאַסיקער און וועגן די סאָוועטישע ייִדישע שרײַבער. זײַן אַרבעט האָט ער געטאָן מיט טמימעס, איבערגעגעבנקייט און ליבע.

ווען איך טראַכט וועגן ייִסראָעל סערעבריאַנין, קומען מיר אויפן געדאַנק די ווערטער פון קאָנסטאַנ־טין סטאַניסלאַווסקין: „לערנט זיך גיכער אויס דאָס סאַמע שווערסטע און דאָס סאַמע וויכטיקסטע — ליב האָבן די קונסט און ניט זיך אין דער קונסט". סע־רעבריאַני האָט ליב געהאַט די ייִדישע ליטעראַטור, געווען איבערגעגעבן דער ייִדישער קולטור, אָבער זיך אַליין האָט ער ניט אַרויסגעשטעלט אויבנאָן אין דער ליטעראַרישער סוויווע.

ייִסראָעל סערעבריאַני איז געגאַנגען זײַן וועג. געשאַפן אויף זײַן אויפן, לויט זײַנע מעגלעכקײַטן. אַלס פאָרשער פון דער ייִדישער ליטעראַטור איז ער געוואָרן באַוווּסט נאָך אין אָנהייב פון די דרײַסיקער יאָרן. ער האָט אָנגעשריבן עטלעכע ביכער, באַזונ־דערס וועגן שאָלעם־אַלייכעמען און מענדעלע מוי־כער־ספאָרימען.

איך שטויס זיך אָן, אַז עס קאָן זיך געפינען אַן איבערגעשפּיצטער, וואָס זאָל אַרויסשטעלן אַ טײַ־נע צו די מאַסשטאַבן פון סערעבריאַניס שאַפונג. באַ־היט און באַשירעמט מיך פון די סקעפּטיקער. איך בין פאַר אופריכטיקײַט, פאַר טמימעס. אַזאַ איז געווען ייִסראָעל סערעבריאַני, וועלכער געהערט צו אונדזער סאָוועטישן דאָר אין דער ליטעראַטור־פאָרשונג. נאָך אין אָנהייב פון די צוואַנציקער יאָרן האָט ער אָנ־טיילגענומען אין דער מינסקער ליטעראַרישער גרופּע „יונגער אַרבעטער". אַן אַרבעטער, אַ זעצער, האָט סערעבריאַני געענדיקט אַ הויכשול, דערנאָך די אַספּיראַנטור און איז געוואָרן אַ קאַנדידאַט פון פי־לאָלאָגישע וויסנשאַפטן.

באַ אים איז געווען גרויס דאָס געפיל פון פאַראַנטוואָרטלעכקײַט. דער אָנשוילעכער באַווײַז איז, וואָס ער האָט פאַרהיט די זיכרוינעס פון דעם אַלטן אַרטיסט דושמאַן. דושמאַן האָט אים געגעבן די זיכ־רוינעס אָנהייב מילכאָמע. סערעבריאַני האָט זיי מיט זיך געפירט איבער פאַרפלאָנטערטע און שווערע וועגן אין עוואַקואַציע, געהיט די זיכרוינעס און אָפּ־געהיט. אויך נאָך דער מילכאָמע האָט ער זיי פאַר־היט. ביז עס איז געקומען די צײַט, און ער האָט זיי אָפּגעדרוקט אין „סאָוועטיש היימלאַנד".

אויך איז וויכטיק צו פאַרצייכענען זײַן רײַזע קיין ביראָבידזשאַן אין די עלטערע יאָרן, שוין אַלס שאָליעך פון „סאָוועטיש היימלאַנד".

יאָ, מיר דערמאָנען אים צום גוטן. דער מענטש ייִסראָעל סערעבריאַני איז פון אונדז אַוועק, זײַן גוטער נאָמען איז פאַרבליבן.

יוסעף ראַבין

ישראל סערעבריאני

איינער פון די „פֿאַרגעסענע נעמען"

אין האָמעל איז אין 1921 אַרויסגעגאַנגען אַ קליין ביכעלע „לידער" פון פינף אַוטאָרן: דאָוויד אוטקעס, כאַיִם גילדין, מאַניע גורעוויטש, עלישע ראָדין, הירש ריקלין.

וועגן אייניקע פון די דאָזיקע אַווטאָרן (דאָוויד אוטקעס, הירש ריקלין) איז שוין געווען עפּעס-וואָס געשריבן אין „סאָוועטיש היימלאַנד". זייערע ביִאָגראַפיעס און זייער גורל זײַנען מער-ווייניקער באַוווּסט. דאָ וויל איך אײַנקורצן דערציילן וועגן עלישע ראָדינען.

אין ז. רייזענס „לעקסיקאָן פון דער ייִדישער ליטעראַטור, פּרעסע און פילאָלאָגיע" איז פאַראַן וועגן עלישע ראָדינען אַ נאָטיץ, פון וועלכער מיר דערוויסן זיך, אַז ער איז געבוירן געוואָרן אין 1888, זײַן עמעסער נאָמען איז אַווראָם-עליִיאָהו בען מוישע יאַנקעוו פון מסטיסלאַוו. די ידיִעס דערגייען ביזן יאָר 1929, ווען עס איז אַרויס אין האָמעל זײַנע אַ זאַמלונג „הערצִיק" מיט אַ האַקדאָמע פון יעדידע מאַרגאָלִיס. אין בוך--פאָרם האָט ער פאַרעפנטלעכט, אויסער די דערמאָנטע אויסגאַבעס, אויך אַ ביכל „לידער און פאָעמעס" (פאַרלאַג „האָפנונג", כאַרקאָוו, 1918). אַ פּאָעמע „אחר" (האָמעל, 1921), אַ זאַמלונג „פון צוויי קוואַלן" (אייגענער פאַרלאַג, פּעטערבורג, 1924). ווײַטער ברענגט דער לעקסיקאָן אַן אויסצוג פון מאַרגאָליסעס האַקדאָמע — אַן אָפּשאַצונג פון ראָדינס שאַפונג. דער ווײַטערדיקער גורל פונעם דיכטערס לעבן און שאַפן ווערט דאָ ניט באַלויכטן.

פון אַנדערע קוואַלן דערוויסן מיר זיך, אַז ראָדין האָט די לעצטע יאָרן געלעבט אין לענינגראַד, געהאַט אַ זון, וועלכער איז אומגעקומען אין דער צײַט פון דער בלאָקאַדע. אַז ער האָט אין סאָף פון זײַן לעבן געשריבן אויך העברעיִשע לידער.

דעם אימפּולס צו מײַן פאַרזענלעכער פאַרינטערעסירונג האָט מיר געגעבן ראָדינס אַ ליד אין זײַן זאַמלונג „פון צוויי קוואַלן", וועלכע איז געווידמעט דעם באַוווּסטן סאָוועטישן פּושקיניסט, דעם אַקאַדעמיקער דמיטרי דמיטריִעוויטש בלאַגאָי, וועלכן איך פלעג גאַנץ אָפט באַגעגענען אין דעם שרײַבערישן הינטערמאָסקווער ייִשעוו פּערעדעלקינאָ. ווען איך האָב מיט אים איינמאָל פאַרפירט אַ שמועס, האָט זיך אויסגעלאָזט, אַז ער געדענקט גוט דעם נאָמען פונעם דיכטער און ער ווייסט אויך פון דער דאָזיקער ליד.

דאָס איז נאָך געווען אין די יונגע יאָרן פונעם ליטעראַטור-פאָרשער בלאַגאָי, אין פּעטראָגראַד, ווו ער האָט זיך באַגעגנט מיטן ייִדישן דיכטער נאָך דעם, ווי ער האָט געהאַלטן אַ פאָרטראָג וועגן אָסיפּ מאַנדעלשטאַמען. ראָדין איז דאַן צו אים צוגעגאַנגען און, ווי אַ ריי אַנדערע בײַגעווזענע, אויסגעדריקט אים זײַן באַגײַסטערונג און דאַנקבאַרקײַט. פונדאַנען שטאַמט אויך די ליד. בלאַגאָי ווייסט גאַנץ גוט וועגן דעם, האָגאַם דער אינהאַלט פון דער ליד איז אים ניט באַקאַנט. אַזוי אָדער אַנדערש, נאָר ס'איז קלאָר, אַז עלישע ראָדין איז דאַן געווען נאָענט באַקאַנט מיט דער ליטעראַרישער סוויווע אין פּעטראָגראַד. אַ סימען, אַז מיר געפינען אין דעם זעלבן ביכעלע אויך אַ ליד, געווידמעט דעם ברייט באַוווּסטן אין יענער צײַט דיכטער און מאָלער מאַקסימיליאַן וואָלאָשין.

די ליד, געווידמעט בלאַגאָיען, איז דאַטירט מיטן 1918, די צווייטע ליד — וואָלאָשינען געווידמעט — מיטן 1919. ווי מיר זעען, האָט נאָך ביז זײַן לעבן אין האָמעל דער דיכטער זיך געפונען אין פּעטראָגראַד, און אין 1924 איז ער שוין ווידער אין פּעטראָגראַד.

ווען דמיטרי בלאַגאָי איז אַלט געוואָרן 85 יאָר, האָב איך אין צוזאַמענהאַנג מיט דער דאָזיקער דאַטע איבערגעשריבן ראָדינס ליד סײַ אַף ייִדיש, סײַ אין אַ רוסישער טראַנסקריפּציע און בעשאַס איינער פון מײַנע באַגעגענישן מיטן יוביליאַר איבערגעגעבן אים די באַשיידענע מאַטאָנע. ווי גרויס איז געווען מײַן איבעראַשונג, ווען ער האָט קימאַט אָן שוועריקײַטן איבערגעלייענט דעם ייִדישן אָריגינאַל פונעם ביכעלע גופע, וואָס איך האָב פאַרכאַפּט מיט זיך, אַזוי אַז מײַן טראַנסקריפּציע אין רוסיש איז געווען אינגאַנצן איבעריק.

וועגן עלישע ראָדינס ווערק האָט מען ווייניק געשריבן. קיין פולע אָפּשאַצונג פון זײַן ליטעראַרישער יערושע איז נאָך מיסטאַמע אין ערגעץ ניט געווען. צו קורץ איז דער פּעריִאָד פון ראָדינס אַקטיווקײַט אינעם ייִדישן ליטעראַרישן שאַפן. עס זאָגט קימאַט גאָרניט אויך דער פאָרוואָרט פון יעדידע מאַרגאָליס צו

דער זאמלונג „הערהאָ:ק“, וואָס ז. רייזען ציטירט אין זײַן „לעקסיקאָן“: „זײַנע פּאָעטישע אײַנדרוקן צ:יען זייער יעניקע פון דער שטאָט און פון איר קולטור; מאכמעס דער דאָזיקער גרונט-האשפּאָע האָט ע. ר. זיך אויסגעטאָן פון אלע אומיטלבארע סוויווע-פּאָלקסטימלעכע שאָלעכצן און איז געוואָרן קולטורעל אבסטראקט מיט וועלט-געדאנקען און וועלט-איבערלעבונגען... די איקער טרײַבקראפט פון ראָדינס מוזע איז היספּײַלעס, די היספּײַלעס, וואָס שאפט אָדעס, פּ:יוטים, וואָס דערוועקט האסטיקע מוזיקאליש-אינטעלעקטועלע איבערלעבונגען, אָבער ניט קיין קילע קונסט, דעריבער איז ר. אזוי שטארק אין גאנצן טאָן און איז אזוי אָפּט אומבאהאָלפן אין איינציקע פערזן, זאצן און אויסדרוקן...“

פארשטייט זיך, אז ווען מע זוכט אין יענע יאָרן „קילע קונסט“, איז עס טאקע שווער צו געפינען ניט נאָר בא ראָדינען. „היספּײַלעס“ איז געווען ניט נאָר בא אים, און גראדע ניט צוליב „וועלט-געדאנקען“, נאָר צוליב קאָנקרעטע געשעענישן און פּאסירונגען.

איך בין אין די ערשטע צוואנציקער יאָרן גראדע געווען אין האָמעל און בין איינער פון די זעצער, וועלכע האָבן געהאָלפן ארויסגעבן דאָס קאָלעקטיווע ביכעלע „לידער“, מיסטאמע אויך די אנדערע אויסגאבעס פון ראָדינס לידער. איך געדענק, אז זײַן פּאָעמע „אכאר“ איז דאן געווען א געוויסע ליטערארישע געשעעניש און איז ארויס אין עטלעכע אופלאגעס.

דאָס איז ניט קיין ווונדער, ווײַל די פּאָעמע איז אן „אפּיקאָרסישע“ און אין יענע יאָרן איז עס געווען ברענענדיק אקטועל, ביפראט נאָך, אז דאָס איז געווען ניט עפּעס אן „אגיטקע“, נאָר א ווערק פון א באהאונטן מענטשן, וואָס ווייסט עפּעס אין די „שווארצע פּינטעלעך“. דאָס איז געווען א פּרווו פון אן ערנסטן עקסקורס אין דער ייִדישער געשיכטע, אין דער אלטער קולטור, וואָס דארף זײַן אן אווטאָריטעטער איידעס פאר אונדזערע הײַנטצײַטיקע פּראָגרעסיווע אָנשויונגען.

אגעוו, „סאָוועטיש היימלאנד“ האָט זײַנערצײַט פארעפנטלעכט ע. פאלקאָוויטשעס ארבעט וועגן דער מעגילע רוט און וועגן אנדערע טאנאכישע ספאָרים, ווו עס רעדט זיך וועגן דעם אפּיקירעס אונטערן פארשטעלטן נאָמען אחר (א מין גאָט-קעמפער).

עלישע ראָדין איז געשטאָרבן אין 1946 יאָר.

• • •

פ״יסער בינעצקי

פונעם ציקל „אָקטאָבער״

אין סטעפּ

אליין אין סטעפּ. איך גיי פֿארלוירן צווישן זאנגען,
און איבער מיר דער הימל — אומבאוועגלעך בלאָ.
אַזויפֿיל רויִקייט איז אין דער שטילקייט דאָ,
ווער וועט די שטילקייט פֿונעם סטעפּ דערלאנגען?

ווער וועט דאָס כוואַליען פֿונעם סטעפּ פֿארהאַלטן?
א ווינטל טראָגט זיך דורך, צעפּאטלט מײַנע האָר.
און דאָרט באם הימל-ראנד הענגט דורכזיכטיק און קלאָר
א וואָלקנדל א ווײַס מיט זילבער דורכגעשפּאָלטן.

נאָר שווער איז מיר אזוי די שטילקייט פֿונעם סטעפּ,
ס'איז מײַן געמיט מיט אומרו פֿול אַצינד.
מיר דאַכט זיך אַלץ, איך הער: א קוילנוואַרפֿער שטעפּט
און ס'טוט א קרעכץ א שווער פֿארוווּנדעט קינד.

אַף מײַרעוודיקן ראנד
איך זע: עס בלוטיקט איצט מײַן פֿאָטערלאנד...

נאָוואָזנעסענסק, סאַראַטאָווער געגנט, 1941

א נאכט אזא

ווען ס׳וויגט דער ווינט די צווײַגן,
א פינצטערניש פארפלייצט א יעדן טראָט,
די הערסט, ווי ס׳קלאַפּט דײַן הארץ און וויל
ניט שווײַגן
און נאָגט אזוי, און נאָגט, און לאָזט ניט אָפּ.

א נאכט אזא...

דער וואלד איז פול מיט פיבער.
א יעדער קוסט באהאלט עפּעס אין זיך.
און ס׳דאכט: עס שפרינגט דאָרט ווער דעם
וועג אריבער
און ווערט פארשוווּנדן ווי א פײַל אפגיך.

איז גוט אזוי
אין אָט דער נאכט צו וואכן —
די האַנט זאָל פילן קאלטן שטאָל פון ביקס —
אויב ס׳וועט א פרעמדער צופוויזען זיך וואגן —
א קלאַפּ איז שלאָס, א דריק דאָס צינגל —
כ׳שיס!..

נאָוואָסיבירסק, 1942

איך געדענק

(פון די סיבירער סאָנעטן)

בעריאָזעס שלאנקע דרעמלען אינעם שניי,
די ווײַסקייט בלענדט, ווי ווײַט דאָס אויג נאָר
גרייכט.
דער הימל איז איצט לויטער ריין און הויך.
ס׳איז שטיל ארום — די שטילקייט טוט אזש
וויי.

ס׳איז פראָסטיק-בלוי דער טאָג הײַנט אין
סיביר.
איך הער זיך צו צום סקריפּען פון די טריט.
מײַן טײַערסטע, כ׳דערמאָן זיך איצט אין ליד,
וואס כ׳האָב געלאָזן באם געזעג׳נען דיך.

כ׳געדענק, האָסט אָפּגעווישט פון אויג א טרער
און מיך ארויסבאגלייט אין דער ארמיי.
איך האָב געוווּסט, עס איז דיר זייער שווער,
עס איז דײַן שמייכל פול געווען מיט וויי.

איך הער דײַן וואָרט דאָס לעצטע דורכן ווינט:
„אזדו וועסט קומען, וועט שוין זײַן א קינד״...

נאָוואָסיבירסק, 1941

ד ו

פאַרווייטע בעריאָזעס אינעם וואלד
מיט צווײַגן זילבערנע געפלאָכטן אין א נעץ.
מיר האָט געדאכט — אין בלויקײַט
פראָסטיקער איך זע,
ווי ס׳טראָגט זיך דורך דײַן ווונדערלעך
געשטאלט.

אזוי האָסטו אדורכגעפלאטערט דאָן
אין שטעטעלע ווײַסרוסישן באם טײַך,
און זילבערנע בעריאָזעס אַפּן שליאַך
באגלייטן אומעטיק דײַן דריבנעם שפּאַן.
נאָר איצט אָט אינעם שליאַך גייט אום דער
טויט,
און די בעריאָזעס זײַנען לאנג שוין
אויסגעברענט.
עס איז די בלויקײַט פונעם טײַך געוואָרן רויט,
און דאָס שטעטעלע ווײַסרוסישע —
פארלענדט.

דער וועג, ווו דו האָסט דורכגעפלאטערט דאָן,
מיט בענקשאפט אין מײַן הארצן איז פארגאן...

נאָוואָזיבענסק, 1942

7—1286

ס'איז שוין פרילינג געוויס

פאַלט א גאָלדענער שטראַל אַפן שניי —
ווערט מײַן בליק אין דער בלויקײַט
צערונען.
כ'האָב א גרוס פון מײַן היים הײַנט
פאַרנומען
פון דעם ווינטל, וואָס האָט דאָ געוויט...

ס'איז שוין פרילינג געוויס אין מײַן היים —
ס'האָט די ערד פון איר שלאָף שוין
דערוואַכט,
נאָר פאַרוואָס וועקט מיך אוף מיט דער נאַכט
אזא טרויעריק-עלנט געוויין?

א געוויין פון מײַן טײַערן ברודער,
וועלכער איז שוין א הײַפעלע אש,
אף דער גאַס א פאַרשטיקטער גערודער,
ווען ניטאָ שוין, ניטאָ שוין די גאַס...

נאוואָוזענסק, 1942

געוויס

דו וועסט ברענגען א גרוס, אזא טרייסטנדיק וואָרט פון מײַן ברודער —
ער וועט שטיין בײַ א ראָג, מיטן בליק אין דער ווײַטקײַט פאַרקוקט.
מיטאמאָל וועט זײַן קנאָכיקער גוף, ווי פון שרעק טאָן א שוידער,
און זײַן פּאָנעם דאָס בלייכע וועט ווייטיקדיק געבן א צוק.

ס'וועט דײַן זעלנערשע האַנט דאַן א נעם טאָן מײַן ברודער באַם אָרעם,
מיט צעעפנטן בליק ער וועט קוקן פאַרוואונדערט אף דיר.
און א ווײַל וועט ער שטיין א צעטומלטער, שטום און פאַרלאָרן,
און דערנאָך מיטאמאָל פּונעם אָרט זיך דאַן געבן א ריס —

און דערנאָך, און דערנאָך וועט דער טראָט פון מײַן ברודער דיך פירן
צו א געסל א שמאָלס, צו א הילצערן הײַזל א קליינס,
ס'וועט דער זון-אונטערגאַנג אין צעבראָכענער שויב שימערירן,
און מיט לײדיקײַט וועט פונעם פענצטער דיר געבן א ווײ.

וועסט אַריבער די שוועל און אַרײַן אינעם ליידיקן שטיבל —
ס'וועלן שפּליטערס פון גלאָז דיר א קריץ געבן אונטער די פיס,
און דער טרויער, וואָס גליווערט אין לאַנג שוין פאַרזאַסעמטן וויגל,
וועט פאַרשווינדן פון קויער פון דײַנעם געוויס.

כ א ַ י ם ב י י ד ע ר

איוואַן בונין—מענדעלעס איבערזעצער

די דאָזיקע געשיכטע האָט זיך אָנגעהויבן מיט עטלעכע יאָר צוריק אין פּיצונדע, אַפֿן פּליאַזש פֿונעם שרײַבער-הויז. אין יענעם סענטיאַבערדיקן אינדערפֿרי האָט דער יאַם געבו-שעוועט, ווײַסשוימענדיקע כוואַליעס האָבן אַטאַקירט דעם זאַמדיקן ברעג, און קיינער פֿון די אָפּרוענדיקע האָט ניט געוואָגט גיין אין וואַסער.

לעבן מיר איז געזעסן אַן אַלט פּאָרפֿאָלק מיט אַן איינינקל. איך האָב זיך באַקאַנט מיט זיי נאָך פֿריִער, געוווּסט, אַז דער ראָש פֿון דער מישפּאָכע איז אַ ליטעראַטור-פֿאָרשער און קרי-טיקער, אַרבעט אין פּעטראָזאַוואָדסקער פּעדינסטיטוט, האָט אַרויסגעגעבן עטלעכע ביכער.

מיר האָבן זיך צערעדט וועגן דער נײַער שטעלונג פֿונעם לענינגראַדער גרויסן אַקאַ-דעמישן דראַמאַטישן טעאַטער אױף מ. גאָרקיס נאָמען לויט לעוו טאָלסטאָיס „די געשיכטע פֿון אַ פֿערד". איך האָב געקוקט דעם ספּעקטאַקל אין מאָסקווע, ווען דער טעאַטער איז גע-קומען אַף גאַסטראָלן, און מאָיסיי מיכײַלאָוויטש גין (אַזוי האָט מען גערופֿן דעם פּעטראָזאַ-וואָדסקער קריטיקער) האָט אים געזען אין לענינגראַד.

— ערגעץ האָב איך געלייענט, אַז טאָלסטאָי האָט פֿאַרטראַכט אָנצושרײַבן וועגן „כאָלסטאָמער" נאָך אינמיטן פֿון די פֿופֿציקער יאָרן...

מײַן מיטשמועסער האָט צוגעגעבן:

— יאָ, וועגן דעם האָט דערציילט איוואַן סערגייעוויטש טורגעניעוו. זיי ביידע, ער און טאָלסטאָי, האָבן זיך איינמאָל אָפּגעשטעלט לעבן עפּעס אַ פֿערד, האָט טאָלסטאָי גענומען ריידן מיט אַזאַ קענטעניש וועגן דעם באַלעכײַס טראַכטן און פֿילן, אַז טורגעניעוו האָט באַ-מערקט מיט אַ שמייכל: „הערט נאָר, לעוו ניקאָלײַעוויטש, מע קאָן מיינען, אַז איר האָט אַמאָל שוין געלעבט אין דעם וועזן פֿון אַ פֿערד!"

— די „פֿערדישע טעמע" האָט דערנאָך באַרירט אויך סאַלטיקאָוו-שטשעדרין...

— ס'איז טאַקע אינטערעסאַנט, — האָט געענטפֿערט מאָיסיי מיכײַלאָוויטש, — „כאָל-סטאָמער", „קאָניאַגאַ" און מענדעלע מויכער-ספֿאָרימס „קליאַטשע"...

פֿון אונדזערע פֿריִערדיקע געשפּרעכן האָב איך געוווּסט, אַז מ. מ. גין האָט קיינמאָל ניט געהאַט צו טאָן מיט דער ייִדישער ליטעראַטור: אויסגעוואַקסן אין אַ רוסישער סוויווע, האָט ער ניט געקענט אַפֿילע מינדלער ייִדיש. און דאָ — נאַ דיר: מענדעלעס „קליאַטשע"!

— זי איז אײַך באַקאַנט לויט דער רוסישער אויסגאַבע פֿון 1913-טן יאָר? — בין איך נײַגעריק געווען צו וויסן.

— ניט נאָר פֿון דער דאָזיקער אויסגאַבע.

— פֿון וועלכער זשע?

— פֿון אַ רוסישער צײַטונג אין 1890...

די גאַנצע ביבליאָגראַפֿיע פֿון מענדעלע מויכער-ספֿאָרימס ווערק אין דער איבערזע-צונג אַף אַנדערע שפּראַכן האָב איך, דאַכט זיך, געוווּסט. צענדליקער וויסנשאַפֿטלעך-פֿאָר-שערישע און ליטעראַטור-קריטישע אָפּהאַנדלונגען האָב איך איבערגעבלעטערט ניט איין מאָל. ס'האָט זיך פֿאַרגעדענקט אַ קאַטעגאָרישע אָנווײַזונג אין א. גורשטיינס אַרטיקל „סאַכאַקלען פֿון דער מענדעלע-פֿאָרשונג" אין דער מינסקער „צײַטשריפֿט", באַנד 2—3 פֿאַרן יאָר 1928. אָפּמערקנדיק, אַז אין יאָר 1884 האָט דער באַקאַנטער אין יענע צײַטן פּראָפּאַגאַנדיסט פֿון „זשאַרגאָן" י. פּעטריקאָווסקי אַרויסגעגעבן אין בעלאָצערקאָוו אַ רוסישע איבערזעצונג פֿון מענדעלעס „טאַקסע", האָט אַרן גורשטיין געשריבן: „דאָס איז בִיכלאַל די ערשטע איבער-

זעצונג פון מענדעלעס א ווערק (מיר מיינען דאָ נאָר מענדעלעס ייִדישע ווערק[1]) אין א פרעמדער שפּראַך".

אינעם אריינפיר צו דער ביבליאָגראַפישער רעשימע „מענדעלעס ווערק, איבערגעזעצט אף אנדערע שפּראַכן" שרײַבט נאַכמען מייזיל (זע „דאָס מענדעלע-בוך", ניו-יאָרק, „איקוף-פאַרלאַג", 1959, ז. 491):

„אין פאַרגלײַך מיט די צוויי גרויסע שרײַבער, זײַנע ייִנגערע מיטצײַטלער, י.-ל. פּרעץ און שאָלעם-אַלייכעם, איז מענדעלע מויכער-ספרים ווייניקער איבערגעזעצט געוואָרן אף אנדערע שפּראַכן. זיכער זײַנען דאָ סיבעס און מאָטיוון דערויף. מענדעלע איז צופיל ייִדיש-לעך, און דער קויעך און גוורע פון זײַן שאַפן ליגט אין דעם טיף-ייִדישן סטיל, אין זײַן שפּראַך-מײַסטערשאַפט, וואָס פאַרלירט פיל, ווען עס ווערט איבערגעזעצט אף אן אנדער, ניט-ייִדישער שפּראַך..."

מע קאָן מאַסקים זײַן און ניט מאַסקים זײַן מיט דער דאָזיקער באַהויפּטונג — צי איז מענדעלע „צופיל ייִדיש, ייִדישלעך" אין פאַרגלײַך מיט שאָלעם-אַלייכעמען, און ס'איז א גרויסער סאָפעק, ווען עס גייט א רייד וועגן איבערזעצונגען אף אן אנדערער שפּראַך, צי שאָלעם-אַלייכעם איז מער צוגענגלעך, איידער מענדעלע. דער איקער באַשטייט אין דער קונסט פונעם איבערזעצער, אין דער מײַסטערשאַפט, אין זײַן פעיִקײַט צו אופּכאַפּן דעם נוסעך, דעם סטיל, די אייגנאַרטיקײַט פונעם שרײַבער, וועלכן ער נעמט זיך איבערצוזעצן.

מענדעלען האָט פּאַשעט ווייניקער אָפּגעגליקט, איידער אונדזערע אנדערע קלאַסיקער, ער האָט ניט געפונען זײַן איבערזעצער, און שוין די ערשטע איבערזעצונג אף רוסיש („די טאַקסע") האָט אים ניט באַפרידיקט. זייער א שטרענגער צו זיך אליין, האָט ער די זעלבע פאָדערונג ארויסגערוקט אויך פאַר די איבערזעצער. דעם 7 נאָיאַבער 1903 שרײַבט ער אין א בריוו צו שאָלעם-אַלייכעמען:

„א דאַנק דעם אייניקל פאַר דעם פאַרגעניגן, וואָס ער האָט געמאַכט דעם זיידן מיט די רוסישע פעליעטאָנען זײַנע, וואָס ער האָט ארײַנגעשיקט. די איבערזעצונג אין בעצעמעס גוט, עס לייענט זיך גרינג. הער העסל, זאָגט איר, וועט איבערזעצן אויך מײַנע זאַכן? מאַ-כעטייסע! נאָר איך בעט זיך צו באַמיִען, די איבערזעצונג זאָל ארויסקומען גוט, ווי ער קאָן, דה. איטלעכס וואָרט זאָל עפּעס זאָגן, שטיין אף זײַן אָרט, ניט גלאַט אזוי זיך..."

אין דעם זעלבן בריוו, דערמאָנענדיק, אז איינער א שענקמאַן פון קיִעוו האָט איבער-געזעצט „פישקע דעם קרומען" אף רוסיש און וויל ארויסגעבן דאָס ווערק אין א באַזונדער ביכל, בעט מענדעלע שאָלעם-אַלייכעמען איבערגעבן יענעם, אז ער גיט די האַסקאָמע, אָבער מיט א טנײַ:

„...נאָר וויסן זאָל ער, אז אין דער „יעווערעיסקאַיאַ סעמעינאַיאַ ביבליאָטעקאַ", בוך 2—6, איז אָפּגעדרוקט „פישקע". די איבערזעצונג דאָרט איז ערטערווײַז גוט און ערטערווײַז זייער שלעכט. ער מוז עס פריִער גוט איבערלייענען, ביכדיי זיך אויסהיטן פון די פעלערן".

מענדעלע האָט מיט אלע קויכעס געשטרעבט, אז די ווערק זײַנע זאָלן לייענען אנדערע פעלקער. באַזונדערס האָט אים געצויגן צו רוסיש. עס זײַנען באַוווּסט מענדעלעס צוויי בריוו צום אָנגעזעענעם פּראָפעסאָר פונעם פּעטערבורגער אוניווערסיטעט, דעם מיטגליד פון דער צארישער רעגירונגס-קאָמיסיע איבער דער ייִדן-פראַגע פ. א. בעזסאָנאָוו. מענדעלע האָט באַקומען פון אים א באַגריסונג צום 25-טן יובילײ פון זײַן ליטעראַרישער טעטיקײַט, וועלכן מ'האָט געפײַערט אין 1884.

„...איך בין גליקלעך, — שרײַבט מענדעלע צו פ. א. בעזסאָנאָוו, — ווען איך זע מײַנע ווערק איבערגעזעצט אף אייראָפּעיִשע שפּראַכן, וועלכע זײַנען צוגענגלעך ניט נאָר פאַר ייִדן... קעדיי צו דערנעענטערן דאָס ייִדישע פאָלק מיטן רוסישן, איז נייטיק א ייִדישע ליטע-ראַטור אין דער רוסישער שפּראַך. איר אופגאַבע איז — דורך א דעטאַלן און גוט-ארײַנ-דרינגענדיקן אַנאַליז זיך דערשלאָגן, אז פאַרן רוסישן מענטשן זאָל זיך דײַטלעך און פולקום אנטפּלעקן דער עמעסער פּאַרצעף פונעם ייִדן. עס זאָל ניט פאַרבלײַבן קיין איין-איינציק ווינקעלע אין ייִדישן לעבן, וואָס ווען-ס'איז אויג זאָל ניט קאָנען אהין ארײַנדרינגען בא דער ליכט פונעם עמעס".

צו יענער צײַט, ווען עס זײַנען געשריבן געוואָרן די דאָזיקע ווערטער, איז שוין אין רוסלאַנד געווען א היפּשע ליטעראַטור אף רוסיש וועגן ייִדן און איבערזעצונגען פון ווערק

[1] נאָך אין 1868 האָט ל. בינשטאָק ארויסגעלאָזט אין פּעטערבורג מענדעלעס 'האבות והבנים' („פאָ-טערס און קינדער") אין דער איבערזעצונג פון העברעיִש אף רוסיש.

פֿון ייִדישע שרײַבער. אין 1893 איז אין פּעטערבורג דערשינען אַף רוסיש א „סיסטעמאַטישער אָנווײַזער פֿון ליטעראַטור וועגן ייִדן אַף רוסיש", אין וועלכן עס זײַנען געווען אײַנגעשלאָסן עטלעכע טויזנט נעמען. די נומערן 4663—4669 און 9571—9573 אין דעם דאָזיקן אָנווײַזער פֿאַרצייכענען א רײ אַרטיקלען וועגן מענדעלען, וואָס האָבן זיך באַוויזן אין דער רוסישער (הויפּטזאַכלעך „רוסיש-ייִדישער") פּרעסע, ווי אויך אייניקע רוסישע איבערזעצונגען פֿון מענדעלעס ווערק. דאָס איז געווען שפּעט ווייניק, אויב נעמען אין אַכט, אַז אין 1884 איז אָפּגעמערקט געוואָרן דער 25-יאָריקער יובליי פֿון מענדעלעס ליטעראַרישער טעטיקײַט. מענדעלע האָט אין א בריוו פֿון 17 אַפּרעל 1886 צו זײַן פֿרײַנט ל. בינשטאָקן געשריבן מיט פֿאַרביטערונג: „אונדזערע ייִדעלעך שרײַבן קיין וואָרט ניט וועגן מײַנע ווערק, און די קריסטן איבערזעצן זיי!" (זע „מענדעלע-בוך", ז. 137).

צום ערשטן מאָל האָט מענדעלע זיך באַוויזן פֿאַרן ניט-ייִדישן לייענער אין דער איבערזעצונג אַף פּויליש.

אין 1885 האָט זיך אין דער וואַרשעווער פּוילישער צײַטונג „וויעק" אַף דער ערשטער זײַט אָנגעהויבן דרוקן „דער ייִדישער דאָן-קיכאָט" ווי א „סקיץ" פֿון דער ייִדישער זשאַרגאָנישער ליטעראַטור", איבערגעזעצט דורך קלעמענס יונאָשא. דאָס איז געווען מענדעלע מויכער-ספאָרימס „מאַסאָעס ביניאָמין האשלישי". אין דעם זעלבן יאָר איז דער בוך דערשינען אין וואַרשעווער פֿאַרלאַג פֿון טעאָדאָר פּאַפּראָצקי עט קאָמפּ. ניט קיין פֿולע איבערזעצונג, נאָר איבערדערציילט.

א ספּעציעלע אָפּהאַנדלונג וועגן דעם, וויאַזוי קלעמענס יונאָשא האָט איבערגעזעצט מענדעלעס „מאַסאָעס ביניאָמין האשלישי", דערנאָך — די „קליאַטשע", געפֿינען מיר אין נומ. 4 פֿון וואַרשעווער זשורנאַל „ביכער-וועלט" פֿאַרן 1928. יעכעזקל ווילטשינסקי שרײַבט אין זײַן אַרטיקל „ייִדיש-פּוילישע איבערזעצונגען", אַז צוליב איבערזעצן מענדעלעס ווערק האָט יונאָשא ספּעציעל זיך געלערנט ייִדיש. פֿונוואַנען איז דאָס געדרונגען? פֿון דעם, באַהויפּטעט י. ווילטשינסקי, וואָס יונאָשא האָט אַפֿן טיטל פֿון דער „קליאַטשע" אָנגעוויזן: „פֿונעם אָריגינאַל איבערגעזעצט און פֿאַרזען מיט דערקלערונגען — קלעמענס יונאָשא".

די דאָזיקע באַהויפּטונג באַשטרײַט אָבער פּ. קאָן. אינעם נומ. 7 פֿון דעם זעלבן יאָר דרוקט די „ביכער-וועלט" זײַן אַרטיקל „וויאַזוי האָט יונאָשא איבערגעזעצט מענדעלען אין פּויליש?". באַמערקנדיק, אַז דער איבערזעצער האָט טאַקע געהאַט אַזאַ קאַוואָנע, באַווײַזט פּ. קאָן, אַז יונאָשא האָט ייִדיש ניט געקענט, און ער איז געצוווּנגען געווען זיך ווענדן צו א ייִדיש-קענער. דאָס איז געווען איינער א סטודענט-מעדיקער לעאָן דאַווידזאָן, וועמען ער באַדאַנקט אין דער אָנמערקונג צום סאָף פֿון זײַן „דאָן קישאָט זשידאָווסקי" („מאַסאָעס ביניאָמין האשלישי"). פּ. קאָן פֿאַרופֿט זיך אַף בענציען אײַזענשטאַטס ביאָגראַפֿישן זאַמלבוך „דור רבנין וסופרין", וועלכער איז דערשינען אין וואַרשע אין 1895. אײַזענשטאַט ברענגט אין ערשטן באַנד פֿון דעם דאָזיקן זאַמלבוך (ז. 23) יעדיעס וועגן לעאָן דאַווידזאָן.

דאַווידזאָן האָט אין זײַן פֿריִער יוגנט (אַגעוו, איז ער געווען מענדעלעס א לאַנדסמאַן, געבוירן אין קאַפּוליע) געלערנט אין פֿאַרשיידענע יעשיוועס, און נאָך א סאַך גילגולים איז ער ענדלעך אין מיטן פֿון די אַכציקער יאָרן געוואָרן א סטודענט אַפֿן מעדיצינישן פֿאַקולטעט פֿון דעם וואַרשעווער אוניווערסיטעט. ניט האַבנדיק אָבער פֿון וואָס צו לעבן, האָט דאַווידזאָן אָפּגעדרוקט אין דער לעמבערגער צײַטונג „איזראַעליטאַ" א מעלדונג, אַז א סטודענט, וואָס קען אויך העברעיִשע ליטעראַטור, זוכט אַרבעט אַלס לערער. אַף דער דאָזיקער מעלדונג האָט זיך אָפּגערופֿן קלעמענס יונאָשא. ער האָט אײַנגעלאַדן צו זיך דאַווידזאָנען און פֿאַרגעלייגט, ער זאָל אים אויסלערנען „לעכאַלהאַפּאָכעס לייענען ביכער, וואָס זײַנען געשריבן אין זשאַרגאָן".

יונאָשא האָט זײַן ייִדיש-לערנער פֿאַרגעלייגט א רובל פֿאַר יעדער שאָ — דאָס איז דעמאָלט געווען א היפּשער האָנאָראַר. אָבער בלויז צוויי וואָכן האָבן געדויערט די לימודים. יונאָשא האָט געזען, אַז אַזוי גיך וועט ער ייִדיש ניט באַהערשן. זיך איבערצײַגט, אַז ער פֿאַרלירט אומזיסט סײַ צײַט, סײַ געלט, האָט ער פֿאַרגעלייגט דאַווידזאָנען, יענער זאָל „פֿרײַ" איבערזעצן אין רוסיש אייניקע פֿון די בעסטע ווערק פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור, און ערשט דעמאָלט וועט ער, יונאָשא, איבערזעצן פֿון דער דאָזיקער „פֿרײַער איבערזעצונג" אין פּויליש.

דאַווידזאָן האָט אויסגעקליבן אַף איבערצוזעצן מענדעלעס „קליאַטשע" און „מאַסאָעס ביניאָמין האשלישי". יונאָשאַס איבערזעצונגען האָבן געהאַט א גרויסן דערפֿאָלג, זיי זײַנען זיך צעגאַנגען אין טויזנטער עקזעמפּלאַרן און פֿאַרשפּרייט געוואָרן ניט בלויז דירעקט אין פּוילן, נאָר אויך איבער גאַנץ רוסלאַנד. אינטערעסאַנט איז, אַז אין 1899 האָט איינער וו. פּ. באַרדזיטש אַרויסגעגעבן אין קאַזאַן א רוסישע איבערזעצונג פֿון „מאַסאָעס ביניאָמין

האשלישי" אונטערן נאָמען „יעווריעיסקי דאָן קיכאָט", דערבײַ האָט ער אפֿן שארבלאַט אָנגעגעבן, אַז די איבערזעצונג האָט ער געמאַכט פֿון... פּויליש. און ס'האָט זיך באַקומען אַזאַ קוריאָז: דאָס ווערק האָט דאַווידזאָן איבערגעזעצט פֿון ייִדיש אויף רוסיש, יונאַשאַ, ווידער, האָט עס איבערגעזעצט פֿון רוסיש אויף פּויליש, און צום סאָף איז געקומען וו. באַרדזיטש און האָט עס ווידעראַמאָל איבערגעזעצט פֿון פּויליש אויף רוסיש... און כאָטש עס איז בעפּיירעש אַ קוריאָז, רופֿט עס ניט אַרויס קיין באַזונדערן וווּנדער: די געשיכטע פֿון דער ליטעראַטור ווייסט וועגן אַ סאָך אַזעלכע פֿאַלן.

מענדעלע איז געווען צופֿרידן פֿון יונאַשאַס אַרבעט. אין זײַנע „שטריכן צו מײַן ביאָגראַפֿיע", וועלכע ער האָט אָנגעשריבן אין 1889 פֿאַר נאָכעם סאָקאָלאָווס זאַמלבוך „ספֿר זכרון" („סייפֿער זיקאָרן"), מערקט ער אָפּ באַם אָנווײַזן די ביבליאָגראַפֿישע ייִדיעס וועגן דער „קליאַטשע": „איבערגעזעצט אויף פּויליש דורכן הער קלעמענס יונאַשאַ... 1886, וואַרשע. זײַן איבערזעצונג איז אַ גוטע" (ציטירט לויטן „מענדעלע-בוך", ז. 29).

דאָס איז געווען, ווי אונדז ווײַזט אויס, דער ערשטער (און עפּשער אַפֿילו דער איינציקער) פֿאַל, ווען מענדעלע האָט באַוויליקט די איבערזעצונג פֿון זײַנס אַ ווערק אויף אַן אַנדער שפּראַך.

„די קליאַטשע" פֿאַרמאָגט דרײַ וואַריאַנטן. דאָס ערשטע מאָל איז דאָס ווערק דערשינען אין ווילנע אין 1873. שאָלעם-אַליכעם באַשרײַבט אין זײַן פֿאַרצייכענונג „פֿיר זײַנען מיר געזעסן" די געשיכטע פֿון אָט דער אויפֿלאַגע אַזוי:

„מענדעלע מוכר-ספֿרים דערציילט, אַז ער האָט צום ערשטן מאָל געלייענט „די קליאַטשע" פֿאַר אַ געשלאָסענער פֿאַרזאַמלונג פֿון אינטימע פֿרײַנט, וועלכע האָבן פֿריִער געלאַכט פֿון אים, געמאַכט כויזעק איבערן נאָמען פֿונעם ווערק: „נאַ דיר גאָר אַ פֿערד, אַ קליאַטשע", דערנאָך געוואָרן ערנסט. איינער פֿון זיי, יויסעף בעצאַלעל האַרקאַווי, האָט נאָכן איבערלייענען „די קליאַטשע" צוגענומען באַם מעכאַבער דאָס העפֿטל, אַרײַנגעלייגט אין זײַן זײַט-קעשענע, אָן ווערטער, אַוועקגעפֿירט דאָס קיין פּעטערבורג און צוגעשיקט איז אַ צײַט אַרום דעם פֿאַרפֿאַסער אַ פּאַרטיקע, אַן אָפּגעדרוקטע „קליאַטשע". נאָכדעם האָט דער צענזאָר געהאַט אַ מיִעסע מאַפּאָלע, וואָס מע האָט דורכגעלאָזט אַזאַ טרייפֿע סכוירע".

וועגן דעם, וואָס פֿאַר אַ רעש עס האָט געמאַכט „די קליאַטשע" אין דער ייִדישער וועלט, זײַנען פֿאַראַן גאַנץ גענויע ייִדיעס. ווען אין 1889 האָט מענדעלע פֿאַרגענומען אַרויסצולאָזן די צווייטע אויפֿלאַגע פֿון דעם דאָזיקן ווערק, האָט אין בוך 2 פֿון שאָלעם-אַליכעמס „ייִדישער פֿאָלקס-ביבליאָטעק", וואָס איז דערשינען אין דעם זעלבן יאָר, זיך באַוויזן אַ רעצענזיע אויף אָט דער אויפֿלאַגע, אָנגעשריבן פֿון רבי-קיצין (י.-כ. ראַווניצקי). די רעדאַקציע פֿון דער „ייִדישער פֿאָלקס-ביבליאָטעק" געפֿינט פֿאַר נייטיק אָפּצומערקן אין אַ פֿוסנאָטע:

„...מיט דער „קליאַטשע" איז אַמאָל די וועלט אויף געווען. עס איז ניט געווען יענע ייִדישע שטוב, וווּ מע זאָל ניט זיצן און לייענען „די קליאַטשע". אַ געוויסער קריסטלעכער שריפֿטשטעלער י ו נ אַ ש אַ האָט זי איבערגעזעצט אין דער פּוילישער שפּראַך, און ר׳ מענדעלע האָט דורך אַ שלימאַזלדיקער קליאַטשע זיך דערלעבט אַזאַ קאָוועד צווישן לײַטן, ווי קימאַט נאָך קיינער ניט בא אונדז! פֿון יענער צײַט איז אַוועקגעגאַנגען היפּשע עטלעכע יאָר, און די „קליאַטשע" איז געוואָרן אַ זעלטנהײַט, אַזוי אַז באַלאָנים האָבן געצאָלט פֿינפֿערלעך און צענערלעך, אַבי צו באַקומען דאָס טײַערע ביכל. און עס איז געווען גאָר ניט צו קריגן. אַצינד, אויף די עלטערע יאָרן, האָט זיך ר׳ מענדעלע גענומען דורכלופֿטערן דאָס בײַדל מיט ספֿאָרים און אויף דער בידנער „קליאַטשע" איז געקומען אַ יעשועס. זי איז הײַנטיקס יאָר איבערגעדרוקט געוואָרן איבעראַנײַס מיט איניקע אויסבעסערונגען, מיט שיינע אויסיִעס און אויף גוט פּאַפּיר; דערבײַ האָט ר׳ מענדעלע ניט געזשאַלעוועט די ווייסטע „קליאַטשע" אַרומפֿלעכטן מיט כיינעוודיקע קרענצלעך, באַצירן און באַפּוצן זי מיט קאַרטינקעס, עפּעס גאָר ניט ייִדישלעך..." („די ייִדישע פֿאָלקס-ביבליאָטעק", קיִעוו, 1889, בוך 2, ז. 274).

פֿון מענדעלעס בריוו קאָן מען פּינקטלעך באַשטימען ניט בלויז דאָס יאָר, ווען דער צווייטער וואַריאַנט פֿון דער „קליאַטשע" איז דערשינען, נאָר אויך אַפֿילו דעם טאָג, ווען זי איז אָפּגעדרוקט געוואָרן. דעם 6 יולי 1889 שרײַבט ער צו שאָלעם-אַליכעמען:

„די קליאַטשע" ווערט מאָרגן פֿאַרטיק, און 12 עקזעמפּליאַרן ווערן מאָרגן געשיקט אין צענזור-קאָמיטעט" („דאָס מענדעלע-בוך", ז. 167).

אין 12 טעג אַרום שרײַבט מענדעלע ווידער שאָלעם-אַליכעמען:

„די „קליאַטשע" וועט דערשײַנען הײַנטיקע וואָך אין אַ פּראַכט-אויסגאַבע, אויף גוטן און שיינעם פּאַפּיר און מיט געמאָלטע אויסיִעס בא די אָנהייב-קאַפּיטלען".

ווײַזט אויס, טאַקע דאָס האָט געמיינט שאָלעם-אַליכעם, ווען ער האָט אין דער פּאָסנאַטע צו י.-כ. ראַווניצקיס רעצענזיע אַף דער „קליאַטשע" אָפּגעמערקט, אַז „ר' מענדעלע האָט ניט געזשאַלעוועט די ווייסטע „קליאַטשע" אַרומפּלעכטן מיט כּיינעוודיקע קרענצלעך, באַצירן און באַפּוצן זי מיט קאַרטינקעס. עפּעס גאָר ניט ייִדישלעך" — צו יענער צײַט האָבן ייִדישע ביכער ניט געהאַט די זכיה אַרויסצוגעבן ווערן אין פּראַכטפולע אויסגאַבעס.

דער צווייטער וואַריאַנט פון דער „קליאַטשע", וואָס איז דערשינען אין זעכצן יאָר אַרום נאָך דער ערשטער אויסגאַבע, שיידט זיך אויסערלעך ניט אונטער פון איר: די זעלבע קאָמפּאָזיציע, די זעלבע צאָל קאַפּיטלען מיט די זעלבע נעמען. אָבער אַן אונטערשייד איז פאַראַן. ער באַשטייט אין דעם, וואָס מענדעלע האָט גרינטלעך איבערגעאַרבעט די לעקסיק, צוגעגעבן אַ ריי פּרעכטיקע בילדער, אָבער איבערהויפּט האָבן די ענדערונגען אַ שײַכעס צו דער אידייִשער צילגעווענדטקייט פונעם שרײַבער.

דער דריטער און ענדגילטיקער וואַריאַנט פון דער „קליאַטשע" איז דערשינען אין וואַרשעווער פאַרלאַג „מענדעלע" אין 1913. ער באַשטייט שוין ניט פון זעכצן, נאָר פון 24 קאַפּיטלען און שפּיגלט אָפּ מענדעלעס אָנשויונגען, וועלכע האָבן זיך געביטן אין העסקעם מיט דער צײַט, מיט די נײַע סאָציאַל-עקאָנאָמישע דערשײַנונגען. דער דאָזיקער וואַריאַנט איז גענומען געוואָרן פאַר אַ מוסטער, ווען אין 1918 האָט דער פּעטערבורגער (פּעטראָגראַדער) פאַרלאַג פון קולטור- און בילדונגס-אָפּטייל באַם קאָמיסאַריאַט פאַר ייִדישע ענינים פאַרגענומען אַ נײַע אויפלאַגע פון מענדעלעס געזאַמלטע שריפטן. בלויז איין באַנד איז דעמלט דערשינען — דער באַנד 5 — די „קליאַטשע".

אין שײַכעס מיט דער „קליאַטשע" און אירע איבערזעצונגען דאַרף מען דערמאָנען נאָך איין אינטערעסאַנטן פאַקט.

אין א. גורשטיינס אַרבעט „סאַכאַקלען פון דער מענדעלע-פאָרשונג" לייענען מיר: „לויט ווי מע האָט אונדז איבערגעגעבן, פאַרמאָגט ד-ר ש. ווערמעל (מאָסקווע) דעם לעצטן וואַריאַנט פון דער „קליאַטשע", פון וועלכן עס איז געמאַכט אַ רוסישע איבערזעצונג, וואָס איז אַרויס אונטער ש. ווערמעלס רעדאַקציע אין 1913 („אוניווערסאַלער ביכער-פאַרלאַג ל. סטאָליאַר", מאָסקווע). אַף דער זײַט 214 פון דער דאָזיקער אויסגאַבע איז פאַראַן אַן אָנמערקונג, אַז „די איבערזעצונג איז געמאַכט פון אַ טעקסט, וואָס איז דורכגעקוקט און פאַריכט פון דעם מעכאַבער" (זע „צײַטשריפט", ב. 2—3, מינסק, 1928, ז. 490).

אין דער צײַט, ווען עס זײַנען אָנגעשריבן געוואָרן די דאָזיקע ווערטער, איז נאָך קיין רייד ניט געגאַן וועגן דער אַקאַדעמישער אויסגאַבע פון מענדעלעס ווערק. נאָר אַ צוגרייטונגס-אַרבעט האָט זיך שוין געפירט. אַרן גורשטיין, איינער פון די איניציאַטאָרן, האָט, פאַרשטייט זיך, פאַרגענומען אַלדאָס מעגלעכע, קעדיי צו באַקומען דעם לעצטן וואַריאַנט פון דער „קליאַטשע" מיט מענדעלעס אויסבעסערונגען און באַמערקונגען. וואָס עס האָט דערפון זיך באַקומען, ווייסן מיר ניט, אָבער אין דעם גורשטיין-פאָנד פונעם צענטראַלן מעלוכע-אַרכיוו פאַר ליטעראַטור און קונסט האָבן מיר זיך אָנגעשטויסן אַף ש. ווערמעלס זיכרוינעס מיקויעך דעם דאָזיקן אינין. די זיכרוינעס זײַנען געשריבן אַף רוסיש און זײַנען אָנגערופן „דער לעצטער וואַריאַנט פון דער „קליאַטשע".

„אין 1913, — דערציילט ש. ווערמעל, — האָט דער פאַרלאַג „אוניווערסאַלנאַיאַ איזדאַטעלסטוואָ" מיר פאַרגעלייגט אָפּרעדאַגירן די רוסישע איבערזעצונג פון מענדעלע מויכער-ספאָרימס „די קליאַטשע". איך האָב געגעבן די האַסקאָמע מיטן טנײַ, אַז אַליין מענדעלע זאָל באַוויליקן די דאָזיקע איבערזעצונג. אינגיכן איז באַקומען געוואָרן פונעם „זיידן" אַ דערלויבעניש און כּוח דעם, נאָך איין עקזעמפּליאַר פון דער „קליאַטשע", פון וועלכער ער האָט געבעטן מאַכן אַן איבערזעצונג. דער עקזעמפּליאַר, אין וועלכן מענדעלע האָט אייגנהאַנטיק געמאַכט פילצאָליקע אויסבעסערונגען, צוגאָבן און ענדערונגען, שטעלט מיט זיך פאָר אַ טעקסט פון דער „קליאַטשע", וואָס איז דעמלט קיינעם ניט געווען באַוווּסט, — דאָס איז געווען דער לעצטער וואַריאַנט פון דעם דאָזיקן קלאַסישן ווערק" (צגאלי, פאָנד 2270, באַשרײַבונג 1, אינין 273).

פאַרבײַגייענדיק דערמאָנט זיך ש. ווערמעל וועגן דעם, וואָס פאַר אַ רוישעם „די קליאַטשע" האָט געמאַכט אין די שטעט און שטעטלעך פונעם טכום:

„די ערשטע אויסגאַבע פון דער „קליאַטשע" האָב איך אין די הענט ניט געהאַלטן, נאָר געזען האָב איך זי... דאָס איז געווען אין אָנהייב פון די 70-ער יאָרן פון פאַריקן יאָרהונדערט, ווען איך בין נאָך געווען אַ קליידער-ייִנגל אין באָברויסק. דאָס באַווײַזן זיך פון דער „קליאַטשע" האָט אַרויסגערופן אַ גרויסע סענסאַציע אין דעם גאַנצן טכום-האַמוישעוו. עס זײַנען

געגאַנגען פֿאַרשידענע לעגענדעס און קלאַנגען. מע האָט גערעדט, אַז די „קליאַטשע" איז פֿאַרבאָטן געוואָרן, און דעם צענזאָר, וועלכער האָט געגעבן אַ דערלויבעניש זי צו פֿאַרעפֿנטלעכן, האָט מען פֿאַרשיקט קיין סיביר..." (דאָרט, ז. 2—3).

דאָס רופֿט זיך איבער מיט שאָלעם-אַלייכעמס באַמערקונג צו י.-כ. ראַווניצקיס רעצענזיע אויף דער „קליאַטשע" אין דער „יידישער פֿאָלקס-ביבליאָטעק", אַז „נאָכדעם האָט דער צענזאָר געהאַט אַ מיעסע מאַפּאָלע, וואָס מע האָט דורכגעלאָזט אַזאַ טרייפֿע סכוירע".

ש. ווערמעל דערציילט ווײַטער, וויאַזוי ער האָט רעדאַגירט די רוסישע איבערזעצונג פֿון דער „קליאַטשע" פֿאַרן פֿאַרלאַג „אוניווערסאַלנאַיאַ איזדאַטעלסטוואָ":

„די איבערזעצונג האָט געמאַכט פּינוס. באַ מיר האָט זיך פֿאַרהיט דער קסאַוויאַד פֿונעם איבערזעצער, אין וועלכן איך האָב געמאַכט מיט רויטן טינט מײַנע רעדאַקטאָרישע אויסבעסערונגען, און מע קאָן זיך לײַכט איבערצײַגן, דורכקוקנדיק אָט דעם קסאַוויאַד, אַז רויטער טינט איז געווען אויף פֿיל זײַטלעך אַ סאַך מער, איידער שוואַרצער. ס'איז אויסגעקומען בוכשטעבלעך איבערצומאַכן און אויסבעסערן יעדער פֿראַזע. אַזוי־אַרום, אַז מיר איז, מעגלעך, לײַכטער געווען איבערצוזעצן, איידער רעדאַגירן. דער „זיידע" איז געווען אומצופֿרידן מיט דער איבערזעצונג, און אין אַ בריוו צו מיר (צום באַדויערן, איז בײַס מײַן אָפּוועזנהייט אין מאָסקווע אין דער צײַט פֿון דער מילכאָמע מײַן גאַנצע ביבליאָטעק, די קסאַוויאַדן און די בריוו פֿאַרפֿאַלן געוואָרן) האָט ער זיך געזשאַלעוועט, אַז די איבערזעצונג איז אים ניט געפֿעלן, אַז ער וואָלט געצוווּנגען דעם איבערזעצער דורכשטודירן „הילכעס פּערעוואָד". מע דאַרף אָבער אָנערקענען, אַז דער „זיידע" איז געווען צופֿיל שטרענג: די איבערזעצונג איז געווען גאָר ניט קיין שלעכטע. איבערגעבן אויף רוסיש אַלע באַזונדערקייטן פֿונעם יידישן טעקסט פֿון דער „קליאַטשע", אַלע ווערטלעך און אויסדרוקן, וועלכע מע קאָן ניט איבערזעצן, איז, געוויינלעך, ניט געווען קיין שום מעגלעכקייט. אין אַלגעמיין אָבער איז די איבערזעצונג געמאַכט געוואָרן באַפֿרידיקנדיק, כאָטש, פֿאַרשטייט זיך, זי איז זייער ווײַט פֿונעם אָריגינאַל..." (דאָרט, ז. 4—5).

פֿון ש. ווערמעלס זיכרוינעס איז ניט באַוווּסט, צי א. גורשטיין האָט פֿון אים באַקומען דעם דריטן וואַריאַנט פֿון דער „קליאַטשע" מיט מענדעלעס אייגנהאַנטיקע באַמערקונגען, נאָר גופֿע די זיכרוינעס ברענגען אַרײַן אייניקע אומבאַוווּסטע פּראָטים וועגן דער איבערזעצונג פֿון דער „קליאַטשע" אויף רוסיש. זאָלן דאָ פֿאַרצייכנט ווערן קורצע יעדיעס וועגן דעם אווטאָר פֿון די דאָזיקע זיכרוינעס.

שלוימע ווערמעל, אַ געבוירענער אין 1860 אין שקלאָוו, ווײַסרוסלאַנד, האָט זיך געלערנט אין באָברויסק, מאָהיליאָוו און אין מאָסקווע. אין 1886 האָט ער פֿאַרענדיקט דעם מעדיצינישן פֿאַקולטעט פֿונעם מאָסקווער אוניווערסיטעט. אין 1904, בײַס דער רוסיש-יאַפּאַנישער מילכאָמע, איז ער געווען אַ מיליטער-דאָקטער אויפֿן מאַנדזשורישן פֿראָנט, און אין דער ערשטער וועלט-מילכאָמע האָט ער געאַרבעט אין אַ קליניק פֿאַר פּסיכיש-קראַנקע אין קאַזאַן. די ליטעראַרישע טעטיקייט האָט ער אָנגעהויבן אין 1882 אין דער וועכנטלעכער אויסגאַבע פֿונעם זשורנאַל „וואָסכאָד", און זינט דעמלט געווען אַ נאָענטער מיטאַרבעטער פֿון פֿאַרשיידענע רוסיש-יידישע צײַטשריפֿטן. אין די יאָרן 1904—1905 האָט ער רעדאַגירט דעם יידישן פּעדאַגאָגישן זשורנאַל „יעוורעיסקאַיאַ שקאָלאַ". ער האָט אַרויסגעגעבן אייניקע ביכער אויף רוסיש, דערונטער אַ ביאָגראַפֿיע פֿון יִצכאָק-בער לעווינזאָן. ש. ווערמעל האָט איבערגעזעצט פֿון פֿראַנצויזיש אויף יידיש י. מ. פּינוסעס „די געשיכטע פֿון דער יידישער ליטעראַטור" (1913), צוגעבנדיק עטלעכע אייגענע קאַפּיטלען און אַן אַרײַנפֿיר. שפּעטער האָט ער זיך אָפּגעגעבן אינגאַנצן דער מעדיצינישער טעטיקייט, נאָר פֿאַרהיט אויפֿן גאַנצן לעבן די ליבע צו דער יידישע ליטעראַטור. די זיכרוינעס וועגן דער רוסישער איבערזעצונג פֿון מענדעלעס „קליאַטשע" האָט ער אָנגעשריבן (ווײַזט אויס, לויט א. גורשטיינס ביטע) אין עלטער פֿון 73 יאָר, אין 1933.

אָבער די רוסישע איבערזעצונג פֿון דער „קליאַטשע", וואָס איז דערשינען אונטער ש. ווערמעלס רעדאַקציע אין 1913, איז ניט געווען די ערשטע.

אינעם יאַנוואַר-נומער פֿאַרן 1891 פֿון דעם רוסיש-יידישן זשורנאַל „וואָסכאָד", וועלכער איז אַרויסגעגעבן געוואָרן אין פּעטערבורג, האָט די „קליאַטשע" זיך אָנגעהויבן דרוקן אין דער איבערזעצונג פֿון דעם רוסיש-יידישן דיכטער מיכאַיל אַבראַמאָוויטש — מענדעלעס זון. אויף די זײַטלעך 38—57 אין אָט דעם נומער זײַנען אָפּגעדרוקט געוואָרן די ערשטע צוויי קאַפּיטלען „יִסראָליק וויל ווערן אַ מענטש" און „יִסראָליק טײַנעט זיך אויס מיט דער קליאַטשע". אין פֿעברואַל-נומער דרוקט דער „וואָסכאָד" די ווײַטערדיקע דרײַ קאַפּיטלען: „וועגן וואָס האָט נאָך גערעדט די קליאַטשע", „די קליאַטשע הייבט זיך אויף פֿונעם גרוב

מיט א שטורעם" און „זיי האָבן זיך ווידער באַגעגנט" (אינעם זשורנאַל — די זײַטלעך
62—90). אין דעם מאַרט-נומער דרוקט זיך איין קאַפּיטל (זײַטלעך 86—92) — „א פּײַרעש
אַף איִעוו".

דער לייענער האָט, נאַטירלעך, געוואַרט אַף די ווײַטערדיקע קאַפּיטלען פונעם ווערק.
אָבער אָנשטאָט דער פאָרזעצונג פון דער „קליאַטשע" הייבט זיך אָן דער אַפּרעל-נומער פונעם
זשורנאַל מיט „א פאַראָרדענונג פונעם מיניסטער פון אינערן-איניאָנים פאַרן 13 מאַרט 1891":
„נעמענדיק אין אכט, אַז דער זשורנאַל „וואָסכאָד" און דער צוגאָב צו אים אַלס בײַ-
לאַגע „ניעדעלנאַיא כראָניקא וואָסכאָדאַ" זענען פאָר, ניט געקוקט אַף די דערקלערטע אים
צוויי וואָרענונגען, זיך אַקשענען אין זײַן אויסערסט שעדלעכער ריכטונג, וואָס א באַווײַז
דערפון דינט א גאַנצע רײ אַרטיקלען, צווישן זיי, אין דער סאַמע לעצטער צײַט, ווענדן אַף
זיך די אויפמערקזאַמקײַט די דערציילונג פון אַבראַמאָוויטשן — און די היסטאָרישע דערציילונג
פון מאָרדאָווצעוון[1] אונטערן נאָמען „צווישן דעם האַמער און דער קאָוואַדלע" (נומערן 1, 2
און 3 פאַר הײַנטיקס יאָר), האָט דער מיניסטער פון אינערן-איניאָנים, אַפן סמאַך פון דעם
אַרטיקל 144 פונעם סטאַטוט פון דער צענזור פון דעם געזעצבוך, ב. 14 (אויסגאַבע פון
1886) און אין העסקעם מיטן אויספיר פונעם ראַט פון דער הויפּט-פאַרוואַלטונג פאַר פּרע-
סע-איניאָנים, — באַשטימט: דערקלערן דעם זשורנאַל „וואָסכאָד" און דער בײַלאַגע צו אים
„ניעדעלנאַיא כראָניקא וואָסכאָדאַ" די דריטע וואָרענונג, אין דער פּערזאָן פונעם רעדאַקטאָר-
אַרויסגעבער, דעם סאָכרישן זון אַדאָלף לאַנדאַו, מיט אָפּשטעלן די אויסגאַבע אַף זעקס
כאָדאָשים..."

וואָס איז שײַך דעם פאַרלעגער און פּובליציסט אַדאָלף לאַנדאַו (1842—1902), דאַרף
מען דאָ זאָגן, אַז ער איז געווען א קעמפערישער אַסימיליאַטאָר און איז שאַרף אַרויסגעט-
רעטן קעגן ייִדיש. ווען אַלעקסאַנדער צעדערבוים האָט געגרינדעט די „ייִדישע פאָלקסבלאַט",
האָט לאַנדאַו אָפּגעדרוקט אין „וואָסכאָד" א רײ אַרטיקלען, אין וועלכע ער האָט קוואַליפי-
צירט די „פאָלקסבלאַט" אַלס אַן אויסגאַבע, וואָס ווערט געלייענט פון „פּינצטערע מענטשן —
שנײַדערס, שוסטערס און וואַסערפירערס". אין צעדערבוימס פאָלעמיק מיט לאַנדאַוּ האָט
זיך אײַנגעשלאָסן שאָלעם-אַליכעם, וועלכער האָט אין יענער צײַט געדרוקט אין דער
„פאָלקסבלאַט" די סעריע „איבערגעכאַפּטע בריוו אַף דער פּאָסט". צעדערבוים האָט אָבער
געהאַלטן, אַז פירן אָט די פאָלעמיק איז זײַן אייגענע זאַך און האָט דעריבער שאָלעם-אַליי-
כעמס פּאָלעמישן בריוו (אונטערגעשריבן מיטן פּסעוודאָנים „הערשל שנײַדער") ניט פאַרעפנט-
לעכט. דאָס ניט געדרוקטע קאַפּיטל פון שאָלעם-אַליכעמס סעריע האָט שפּעטער איבערגע-
געבן דער עפנטלעכקײַט י. בערקאָוויטש אינעם „שאָלעם-אַליכעם-בוך". א פראַג-
מענט פונעם קאַפּיטל איז דאָס ערשטע מאָל אײַנגעשלאָסן געוואָרן אין ערשטן באַנד פון
שאָלעם-אַליכעמס „אַלע ווערק", וועלכע ס'האָט אָנגעהויבן אַרויסלאָזן אין 1948 דער פאַר-
לאַג „דער עמעס" (ז. 517—519).

וויאַזוי זשע איז געשען, אַז דער אַרויסגעבער פונעם „וואָסכאָד" האָט געוואַגט דרוקן
אַן איבערזעצונג פון יענער ליטעראַטור, וועלכע עס לייענען „פּינצטערע מענטשן — שנײַ-
דערס, שוסטערס, וואַסערפירערס"? צי באַטײַט עס, אַז ער האָט געביטן זײַן באַציִונג צו דער
שפּראַך פון די „פּינצטערע מענטשן"? ניין, אָבער די ייִדישע ליטעראַטור האָט שוין צו יענער
צײַט געמאַכט אַזאַ ריזיקן שריט פאָרויס, אַז איגנאָרירן זי אינגאַנצן האָט געדראָעט דעם
„וואָסכאָד" צו פאַרלירן דעם פּרעסטיזש סײַ אין די קרײַזן פון דער רוסישער לייענער-וועלט,
סײַ קאָנקרעט צווישן די לייענער פונעם זשורנאַל.

אָבער אויך דער „וואָסכאָד" איז ניט געווען דער ערשטער, וועלכער האָט פּובליקירט
„די קליאַטשע" אין א רוסישער איבערזעצונג. די ערשטע איבערזעצונג פון דער „קליאַטשע"
איז געווען פאַרעפנטלעכט מיט א האַלב יאָר פריִער, איידער דאָס ווערק האָט זיך אָנגעהויבן
צו דרוקן אינעם זשורנאַל „וואָסכאָד".

---

[1] דאַניִיל לוקיטש מאָרדאָווצעוו (1830—1905) — א רוסישער און אוקראַיִנישער שרײַבער. ביזן 1891
האָט ער פאַרעפנטלעכט די פּאָעמע „די קאָזאַקן און דער יאַם", די דערציילונג „אָרעמע", „דער זוואָנאַר",
„די סאָלדאַטקע", די ראָמאַנען „די צייכנס פון דער צײַט", „סאַגײַדאַטשני", „די גרויסע צעשפּאַלטונג",
„פאַר וועלכע זינד?" און אַנד. אין זײַנע בעסטע ווערק האָט מאָרדאָווצעוו אַרויסגעוויזן אַן אינטערעס צו
די דעמאָקראַטישע באַוועגונגען פון זײַן צײַט. אין 1873 איז ער אַרויסגעטראָטן מיט א פאַרטיידיקונג פון
די גערוידעפטע ייִדן אינעם זשורנאַל „דיעלאָ". אין זשורנאַל „ראַסוועט" האָט ער זיך אָפּגערופן אין
1882 יאָר אַף די ייִדישע פּאָגראָמען („בריוו פונעם מיסטער פלומפּודינג"). אַף דער זעלבער טעמע איז
געווען אָנגעשריבן זײַן ראָמאַן „פאַר וועלכע זינד?" (1884). אים געהערן ליטעראַטור-קריטישע אַרבעטן,
געווידמעט דער ייִדישער ליטעראַטור, דערונטער וועגן דער שאַפונג פון ש. פרוג.

דעם 21 יוני 1890 האָט זיך באַוויזן אין דער רוסישער פּראָווינציעלער גובערנסקער צײַטונג „אָרלאָווסקי וועסטניק", אויף דער צווייטער זײַט, דער אָנהייב פון אַ ווערק מיט אַ קעפּל: „די קליאַטשע". דערציילונג פון ס. מ. אַבראַמאָוויטש. איבערגעזעצט פון ייִדיש". אינעם פאָרוואָרט פון דעם איבערזעצער איז געזאָגט געוואָרן:

„די גרעסערע דערציילונג, וואָס ווערט פאָרגעלייגט דעם לייענער, איז איבערגעזעצט פון ייִדיש. הער אַבראַמאָוויטש איז, דוכט זיך, דער ערשטער אָדער, אַלנפאַלס, איינער פון די בעסטע הײַנטצײַטיקע ייִדישע ליטעראַטן. אויף וויפל עס איז באַוווּסט דעם רוסישן פּובליקום, זײַנען פאַראַן זייער ווייניק ווערק, ריין בעלעטריסטישע, אָנגעשריבענע אויף דער ייִדישער שפּראַך און דערבײַ פונעם הײַנטצײַטיקן שטייגער, — און קיין איבערזעצונגען פון אַזעלכע ווערק זײַנען אינגאַנצן ניטאָ. דעריבער האָבן מיר זיך אַנטשלאָסן איבערצוזעצן און פאָרלייגן די לייענער דעם הער אַבראַמאָוויטשעס „קליאַטשע" (מיר גיבן זי אין אַן עטוואָס פאַרקירצטן וואַריאַנט). לייענענדיק די „קליאַטשע", דאַרף מען ניט פאַרגעסן, אַז זי געהערט ניט צו אַן אָנפאַנגער, נאָר צו אַ שרײַבער פון דער נײַער, יונגער ליטעראַטור. מיר אײַלן זיך, אַגעוו, צו באַהויפּטן, אַז לויטן סוזשעט איז די „קליאַטשע" אינטערעסאַנט. דער סוזשעט איז אַ ערגינעל.

אינעם געשטאַלט פון דער פּאַריאַגטער, דערשלאָגענער קליאַטשע, וועלכע האָט אונטערן קויעך פון קישעף אָנגענומען אַזאַ געשטאַלט, זײַענדיק פון פריִער אַ יונגער און שיינער פּרינץ, גיט דער אווטאָר אַ טרויעריק בילד פון דעם אוראַלטן אין דער פאַרגאַנגענהײַט גרויסן ייִדישן פאָלק. די אָנשווינגען פונעם אווטאָר, אין וועלכע עס שפּיגלען זיך אָפּ און זײַנען קאָנצענטרירט, ווי אין אַ פאָקוס, די אײַנשטעלונגען פון אַ סאַך זײַנע שטאַמברידער, זײַנען טרויעריקע און האָפענונגסלאָזע. די פראַגע, וויאַזוי צו העלפן דער „קליאַטשע", וויאַזוי זי אומצוקערן אין דער פריִערדיקער לאַגע, איז בײַ אים ניט געלייזט. אָבער, ניט אַרײַנלאָזנדיק זיך אין ווײַטע כקירעס, וועלן מיר פונדעסטוועגן ניט איבעריקס דערוווּדערן, אַז די זאַך איז ניט אויף אַזויפיל טרויעריק, ווי עס דאַכט זיך אויס. דער וועג, אויף וועלכן ס'איז צווישן די ערשטע אַרופגעטראָטן דער הער אַבראַמאָוויטש, איז איינער פון די סאַמע ריכטיקסטע, קעדיי צו פאַרווירקלעכן זײַנע אידעאַלן. זאָל נאָר זיך אַנטוויקלען, כאָטש ביסלעכווײַז, אין דער סוויווע פונעם ייִדישן פאָלק דער פאַרנונפט, די קונסט און אַנדערע באַוועגער פון פּראָגרעס, זאָל דאָס ייִדישע פאָלק זיך ניט אָפּווענדן פון דער ציוויליזאַציע פון אַלדאָס אייראָפּעיִשע — מיינען מיר, אַז דעמלט וועלן פאַרשווינדן די דווירעסדיקע סינע און די דווירעסדיקע פאַראַכטונג צו דער „קליאַטשע", בלויז דעמלט וועט דער ייִד אויפהערן צו זײַן אַן אָפּטריניקער פון דער געזעלשאַפט. און עפּשער איז זײַן צוקונפט אַפילע ליכטיקער און בעסער, איידער די צוקונפט פון אַנדערע".

און אַן אונטערשריפט פונעם איבערזעצער: „אי. ב.".

אין יענער צײַט (לאָמיר ניט פאַרגעסן, אַז דאָס איז געשריבן געוואָרן אין יאָר 1890) האָבן די אידייען פון דער אויפקלערונג מיקויעך אָנשליסן זיך אין דער אייראָפּעיִשער ציוויליזאַציע, ווי אַ פּאַנאַציייע פאַר דער אויפריכטונג פונעם ייִדישן פאָלק, פאַרכאַפּט אויך אַ גרויסן טייל פון דער פּראָגרעסיווער רוסישער אינטעליגענץ. און אַז „אי. ב.". האָט נעמלעך געהערט צו די דאָזיקע פּראָגרעסיווע קרײַזן, באַווײַזט שוין אַליין דער פאַקט פון נעמען זיך איבערזעצן אַ ווערק פון אַ ייִדישן שרײַבער, און נאָך וואָס פאַר אַ ווערק — די „קליאַטשע"!

אונדז דאַרף קוידעמקאָל אינטערעסירן, ווער עס איז געווען דער איבערזעצער, וועלכער האָט זיך „אויסבאַהאַלטן" אונטער דעם דערמאָנטן פּסעוודאָנים.

בלעטערנדיק דעם „אָרלאָווסקי וועסטניק" פאַרן יאָר 1890, טרעפן מיר דעם דאָזיקן פּסעוודאָנים ניט איין מאָל — אָפּט אַפילע צו צוויי-דרײַ מאָל אין איין און דעם זעלבן נומער. קיין איבעריקע קלאָרקײַט אָבער האָט ניט געקאָנט אַרײַנטראָגן אי. פּ. מאַסאַנאָוו באַרימטער דרײַבענדיקער „ווערטערבוך פון פּסעוודאָנימען פון רוסישע שרײַבער, געלערנטע און געזעלשאַפטלעכע טוער", ווי אויך ס. אַ. ווענגעראָווס פירבענדיקע אויסגאַבע „קוואַלן פאַר אַ ווערטערבוך פון רוסישע שרײַבער". עמעס, בײַ אי. פּ. מאַסאַנאָוון געפינען מיר אַ גאַנצע ריי פּסעוודאָנימען „אי. ב.", נאָר קיין איינער פון זיי האָט ניט אַנטשפּראָכן דעם עמעסן נאָמען פון דעם איבערזעצער פון מענדעלעס „קליאַטשע" אינעם „אָרלאָווסקי וועסטניק".

געהאָלפן האָט דער „אָרלאָווסקי וועסטניק" גופע, ווו עס טרעפן זיך אָפּט קאָרעספּאָנדענצן, רעפּאָרטאַזשן, פאַרצייכענונגען, וועג-נאָטיצן, דערציילונגען און לידער פון אי. בונינען. עפּשער איז „אי. ב." — איוואַן אַלעקסייעוויטש בונין? פון דער ביאָגראַפיע פונעם גרויסן רוסישן

שרײַבער איז באַוווּסט, אַז זײַן שפּעטערדיקע טעטיקייט האָט ער אָנגעהויבן אין דער דערמאָנטער צײַטונג. אין 1890, דאָס הייסט דעמאָלט, ווען דער „אָרלאָווסקי וועסטניק" האָט פֿאַרעפֿנטלעכט די איבערזעצונג פֿון מענדעלעס „קליאַטשע", איז אי. א. בונין אַלט געווען 20 יאָר.

די ווײַטערדיקע זוכונגען האָבן אונדז געבראַכט אין צענטראַלן מעלוכע־אַרכיוו פֿון ליטעראַטור און קונסט (צגאַלי), וועלכער פֿאַרמאָגט ניט בלויז מאַטעריאַלן פֿון אי. בונינען, נאָר אויך פֿון זײַן ברודער יולי אַלעקסייעוויטש בונין און פֿון אַנדערע פּערזענלעכקייטן, וועלכע זײַנען געווען נאָענט מיטן שרײַבער.

אָט איז אַ בריוו, וועלכן איוואַן אַלעקסייעוויטש שרײַבט צו יולי אַלעקסייעוויטשן דעם 27 יולי 1890:

„ליבער און טײַערער יולינקע! איך בין ביז איצט אין אָריאָל. איך פֿאַרנעם זיך אין דער רעדאַקציע (דו ווייסט דאָך, אַז כ'האָב ייִנגלש ליב אָט די אומגעבונג), איך גיי אין זומערדיקן סאָד און אַפּילע... שטעל זיך פֿאָר, אױף וואָס כ'האָב זיך אַנטשלאָסן? — אַ דראַמע שרײַב איך!.. אַ טאָפּ אין וואָגן שאַט ניט... האָסט געשריבן אין פֿאָריקן בריוו, אַז דו וואָלסט געוואָלט זען אַלע מײַנע פֿעליעטאָנען אין „אָרלאָווסקי וועסטניק". איך מיין, אַז אַלע וועלן דיר ניט זײַן אינטערעסאַנט. אַזוי, לעמאָשל, זײַנען אין סאָף יוני געווען דרײַ מײַנע פֿעליעטאָנען[1] — אַן איבערזעצונג פֿון אַ ייִדישער דערציילונג „די קליאַטשע" ס'הייסט, איבערגעזעצט, נאַטירלעך, האָב ניט איך, נאָר אַ שניצער פֿון שטעמפּלען, און איך האָב שוין איבערגעשריבן זײַן איבערזעצונג מיט מײַנע ווערטער). אַגעוו, דעם פֿאָרוואָרט צו אָט דער „קליאַטשע" שיק איך דיר..." (צגאַלי, פֿאָנד 1292, באַשרײַבונג 1. איניען 18, זײַטלעך 32—32־ב).

אָט אַזוי איז קלאָר געוואָרן, אַז דער איבערזעצער פֿון מענדעלעס „קליאַטשע" אין „אָרלאָווסקי וועסטניק" איז טאַקע געווען איוואַן בונין. מע דאַרף בלויז מאַכן אַ באַמערקונג אין שײַכעס מיט בונינס זאָג, אַז איבערגעזעצט האָט, נאַטירלעך, ניט ער, „נאָר אַ שניצער פֿון שטעמפּלען" (געמיינט — אַ גראַווירער), וואָס עס באַטײַט,

[1] אי. בונין רופֿט אָן די דערציילונגען — „פֿעליעטאָנען": אין יענער צײַט האָט מען אַזוי געברויכט דעם דאָזיקן טערמין.

КЛЯЧА.

Повѣсть С. М. Абрамовича.

Переводъ съ еврейскаго.

*** Предлагаемая читателямъ повѣсть переведена съ еврейскаго языка. Г. Абрамовичъ, кажется, первый или, во всякомъ случаѣ, одинъ изъ лучшихъ современныхъ еврейскихъ литераторовъ. Насколько извѣстно русской публикѣ, — произведеній, чисто беллетристическихъ, написанныхъ на еврейскомъ языкѣ и притомъ изъ современнаго быта, — очень мало, переводовъ-же ихъ совсѣмъ нѣтъ. Поэтому мы и рѣшились перевести и предложить читателямъ «Клячу» г. Абрамовича**

II.

Сруликъ и Кляча.

Однажды, въ прекрасный лѣтній день, я долго бродилъ по полямъ, растроенный физически и нравственно до невозможности. Голова кружилась, въ виски стучало, сердце билось учащенно, — короче, я былъ развинченъ и расклеенъ, хуже обыкновеннаго. Совершивъ порядочный моціонъ, я до того усталъ, что ноги мои подкосились и я полетѣлъ куда-то. Во время моего полета, мнѣ казалось, что происходитъ крушеніе міра. Я хотѣлъ за что нибудь схватиться, но руки и ноги мнѣ не покорялись. И вдругъ мнѣ показалось, что душа моя покинула тѣло и я сталъ совсѣмъ инымъ, какъ будто вновь переродившимся, превратившимся въ какое-то неопредѣленное существо. Чудная, какъ будто новая, природа окружала меня и я совсѣмъ забылся, очаровался ею.

Налюбовавшись природой, я сталъ глядѣть въ даль, гдѣ пестрѣли барскіе волы, ослы и лошади, изъ которыхъ многіе имѣли аттестаты своего знатнаго происхожденія. Они свободно ходили по прекрасному пастбищу, забѣгая иногда даже въ хлѣба бѣдныхъ мужиковъ. Какъ вдругъ издалека послышался гамъ, крикъ и лай собакъ. Шумъ все удалялся и удалялся. Я заинтересовался, всталъ и, пройдя небольшое разстояніе, увидалъ на лугу такую сцену: шалуны мальчишки со всѣхъ сторонъ гнались за какою-то лошадью, убо-

א פראגמענט פון אי. בונינס איבערזעצונג

אַז דער שרײַבער האָט זיך באַנוצט מיט אַ װערטערלעכער איבערזעצונג (подстрочный перевод), װעלכע עס האָט אים געמאַכט אַ קענער פון ייִדיש. אונדזערע זוכונגען, װער עס האָט געקאָנט זײַן יענער „שניצער פון שטעמפּלען", האָבן דערװײַל צו גאָרנישט ניט געבראַכט. מע קאָן פּאַרלױפיק זאָגן, אַז ער האָט געשטאַמט פון די קאַנטן, װוּ מע האָט געברױכט דעם אוקראַיִנישן דיאַלעקט: באַ אי. בונינען איז אומעטום "סרוליק" און ניט „ייִסראָליק", װי באַ מענדעלען און בכלל אין דער ליטעראַרישער שפּראַך.



איװאַן בונין אין די 90־ער יאָרן; מענדעלע מוכר־ספֿרים אין יאָר 1884

אין אונטערשייד פונעם „װאָסכאָד", װעלכער איז שטרענג באַשטראָפט געװאָרן פאַר דער פּובליקאַציע פון דער „קליאַטשע", איז אין „אָרלאָװסקי װעסטניק" די איבערזעצונג דורכגעגאַנגען בעשאָלעם. װיאַזױ האָט זיך דאָס אײַנגעגעבן?

לײענענדיק אי. בונינס בריװ, װעלכע ער האָט געשריבן פון אָריאָל צו זײַנע אײגענע און באַקאַנטע, װי אױך זיכרױנעס פון דעם שרײַבערס מיטצײַטלער, קאָן מען פעסטשטעלן, אַז ניט געקוקט אַף זײַן יונגקײַט, איז בונין אין יענע יאָרן געװען דער פאַקטישער רעדאַקטאָר פון „אָרלאָװסקי װעסטניק" און פון אים איז אין אַ גרױסער מאָס געװען אָפּהענגיק די ריכטונג פון דער צײַטונג.

אין דער רעדאַקציע און אינעם ליטעראַריש-קינסטלערישן קרײַזל פלעגט בונין אָפט זיך טרעפן מיט אָנגעזעענע טוער פונעם פאָלקיזם און מיט אַנדערע רעװאָלוציאָנערן, װעלכע זײַנען דאָ געװען אונטער דער פּאָליצײיִשער אױפזיכט. אײניקע פון זײ האָבן ניט אײן יאָר געשמאַכט אין טפיסע צי אין פאַרשיקונג. צװישן זײ איז געװען מ. א. נאַטאַנסאָן, אײנער פון די גרינדער פונעם קרײַזל פון די טשײַקאָװצעס און פון „זעמליאַ אי װאָליאַ", װעלכער איז אָפּגעזעסן אין טפיסע פון 1879 ביזן 1889 און האָט זיך נאָך דער באַפרײַונג באַזעצט אין אָריאָל. טאַקע אין דעם זעלבן 1889 יאָר איז קײן אָריאָל געקומען בונין.

דער רוסישער פּובליציסט אי. פּ. בעלאָקאָנסקי, אױך אַן אָנטײלנעמער פון דער פּאָליטישער באַװעגונג, שרײַבט אין זײַנע זיכרױנעס „אין די יאָרן פון װילקיר", אַז אַלע אײנדערפרי, װען די מיטאַרבעטער פון „אָרלאָװסקי װעסטניק" פלעגן קומען אין דער רעדאַקציע, האָט מען קידעמקאָל זיך אָנגעפרעגט: „װער איז הײַנט דער צענזאָר?" און דאָס איז געװען ניט קײן פּוסטע נײַגעריקײַט: יענע מאַטעריאַלן פון דער צײַטונג, װעלכע ס'פלעגט פאַרבאָטן אײנער פון די פיר צענזאָרן, פלעגט מען געבן אַ צװײטן, באַנוצנדיק זיך דערמיט, װאָס די צענזאָרן זײַנען געװען צװישן זיך צעקריגט (זע אי. פּ. בעלאָקאָנסקי, „אין די יאָרן פון װילקיר", מאָסקװע, 1930, ז. 39). אָט אַזױ האָט אױך „די קליאַטשע" זיך דורכגעשמוגלט.

צי האָט מענדעלע געוווסט וועגן דער פּובליקאַציע אין „אָרלאָווסקי וועסטניק"? קיין שום ידיעות וועגן דעם זײַנען ניטאָ. אין די ביבליאָגראַפֿישע רעשימעס, וועלכע זײַנען ביז הײַנט-צו-טאָג דערשינען און כאַפּן אַרום אַלץ, וואָס עס האָט א שײַכות צו מענדעלען, איז אי. בונינס איבערזעצונג ניט אָנגעוויזן. עמעס, א דערמאָנונג וועגן דעם איז פֿאַראַן אין מ. מ. גינס בוך „ליטעראַטור און צײַט", וועלכער איז דערשינען אין פּעטראָזאַוואָדסק אין דעם פֿאַרלאַג „קאַרעליאַ" אין 1969. אין אָט דעם בוך האָט דער רוסישער ליטעראַטור-פֿאָר-שער אײַנגעשלאָסן דאָס אַרטיקל „דער גורל פֿון איינעם א סוזשעט", אין וועלכן ער מאַכט א פֿאַרגלײַך צווישן מ. יע. סאַלטיקאָוו-שטשעדרינס „קאָניאַגא", ל. נ. טאָלסטאָיס „כאָלסטאָ-מער" און מענדעלע מויכער-ספֿאָרימס „די קליאַטשע". מ. גין ווײַזט דערבײַ אָן, אַז מענדעלעס „קליאַטשע" האָט זיך באַוויזן אין 1873, אָף 12 יאָר פֿריִער, איידער שטשעדרינס „קאָניאַגא" און טאָלסטאָיס „כאָלסטאָמער", נאָר אַזוי ווי זי איז געווען פּובליקירט אָף ייִדיש, האָבן ניט שטשעדרין, ניט טאָלסטאָי נישט געקאָנט האָבן וועגן איר קיין מינדסטע פֿאָרשטעלונג. דער ליטעראַטור-פֿאָרשער איז גערעכט, ווען ער שרײַבט:

„באַ אַזעלכע אומשטאַנדן איז קעדײַ צו שטעלן בלויז די פֿראַגע וועגן די געמיינזאַמע קוואַלן פֿון דעם דאָזיקן סוזשעט — קוואַלן דירעקטע און, אַזוי צו זאָגן, גענזעלשאַפֿטלעך-פּסיכאָלאָגישע, ווײַל אַלע דרײַ דערמאָנטע ווערק זײַנען אַנטשטאַנען אָפּן רוסישן באָדן".

„די קליאַטשע" פֿאַרמאָגט, ווי מיר האָבן שוין אָנגעוויזן, דרײַ וואַריאַנטן. צו דער צײַט, ווען אי. בונין האָט פֿאַרעפֿנטלעכט זײַן איבערזעצונג, איז שוין דערשינען (אין 1889) דער צווייטער וואַריאַנט פֿונעם ווערק. מיט וואָס פֿאַר א וואַריאַנט האָט זיך בונין באַנוצט? דער טעקסטאָלאָגישער פֿאַרגלײַך באַווײַזט, אַז דער יונגער רוסישער שרײַבער האָט געהאַלטן אין די הענט דעם ערשטן וואַריאַנט. דאָס איז צו זען פֿונעם עפּיגראַף:

> С кобылицею в колеснице фараона
> Сравнил тебя, моя подруга!.. (*Песнь песней*)

אין 2-טן און אין 3-טן וואַריאַנטן איז אָט די מאָטאָ, דער פּאָסעק פֿון „שיר-השירים", ניטאָ.

אָט וויאַזוי עס זעען אויס איניקע קאַפּיטלען פֿון דער „קליאַטשע" אין די דרײַ רוסישע איבערזעצונגען. לאָמיר, לעמאָשל, נעמען, דעם אָנהייב פֿון דעם ערשטן קאַפּיטל — „יִס-ראָליק וויל ווערן א מענטש", און מיר וועלן גלײַך דערזען, ווי פֿאַרשיידן עס זײַנען צוגעגאַנגען צום אָריגינאַל די איבערזעצער, אַפֿילע דער נאָמען פֿונעם קאַפּיטל פֿאַלט זיך באַ זיי ניט צונויף.

באַ בונינען:

СРУЛИК ЖЕЛАЕТ ПРОСВЕТИТЬСЯ

Подобно тому, как когда-то уцелел от потопа Ной, уцелел и я, Срулик, от толпы шадхенов (шадхены — сваты), словно поток нахлынувших к моей мамаше с уговорами просватать меня. Моя мать — хотя простая, но умная женщина. Она была вдова, хотя и не богатая, но и не бедная: она имела красную лавку, которая и кормила нас. Я же был у нее единственным сыном. Она восхищалась мною и исполняла все мои капризы. Поэтому мне было очень легко поставить на своем, то-есть не согласиться на женитьбу. Правда, мамаша не раз пыталась уговорить меня и я не раз слыхал от нее, например, такие увещевания:

— Срулик! Сын мой! — говорила она. — Сколько я молилась о том, чтобы мне дожить до того счастливого времени, когда увижу твою невесту. Ведь ты единственная отрада в моей жизни, и для кого, как не для тебя же, я стараюсь и уговариваю тебя жениться. Тебе, наконец, и пора уже...

אין „וואַסכאַד“:

ИСРУЛИК ЗАДУМАЛ ВЫЙТИ В ЛЮДИ

Подобно тому, как Ной во дни оны чудом спасся от потопа вод, так и я, Исрулик, в наши дни спасен был от потопа сватов, ниспосланных на мою мать с предложениями разных отменных партий для ее сына. Мать моя, вдова, простая, но далеко не глупая женщина, хотя и не богата, но и бедной ее отнюдь нельзя было назвать; она имела свою галантерейную лавку... и жила безбедно. Я был у нее единственным сыном, она во мне души не чаяла и давала мне поблажку во всех моих прихотях. Поэтому, когда я заупрямился: не хочу, мол, никоим образом жениться слишком молодым, то мне не трудно было настоять на своем. Сначала матушка пыталась, правда, меня уговаривать:

— Исрулик, — говорила она, — сколько молилась я богу, чтобы дал дожить мне до поры, как тебе начнут сватать невест! Ты ведь мой единственный, Исрулик; о твоем только благе я и хлопочу ведь. Послушайся же меня и женись, право...

בא פינוסן:

ИСРОЛИК ХОЧЕТ ВЫБИТЬСЯ В ЛЮДИ

Как Ной в свое время, один из всех существ, погибших от потопа, спасся в ковчеге, так и я, Исроэль, сын Ципы, один остался холостяком из всех моих сверстников, которые, благодаря натиску сватов, превратились преждевременно в молодоженов и погрязли по шею в омут нищеты и горя. Сваты — это Божие наказание — набросились и на мою мать с предложениями невест.

Моя мать — простая, но умная еврейка, была вдовой, небогатой, но и не бедной. Она жила безбедно от своей галантерейной лавочки — даже нитки жемчуга украшали ее шею. Я был единственный сын, души она во мне не чаяла и уступала мне во всем. Сначала она, правда, пыталась взять меня таким манером:

— Исролик, — говорила она, — сколько Господу Богу молилась, чтоб мне дожить до той поры, когда тебе начнут сватать невест. Ты ведь зеница ока моего. Ведь я только о твоем благе думаю. Послушай же ты меня и женись! Пора, право, пора, Исролик!..

מענדעלעס אָריגינאַל (מיר נעמען דאָ דעם צווייטן וואַריאַנט) האָט אויסגעזען אַזוי: „ווי נויעך איז אַמאָל אין דער טייווע איבערגעבליבן פון אַלע באַשעפענישן אַף דער וועלט, וואָס זײַנען דערטרונקען געוואָרן אין דעם מאַבל, אַזוי בין איך, ייִסראָעל בען ציפּע, איבערגעבליבן אין מײַן שטעטל איין-איינציקער באָכער פון אַלע מײַנע כאַוויירים, וועלכע זײַנען דורך דער אָנשיקעניש פון שאַדכאָנים געוואָרן יונגע באַלעבעסלעך פאַר דער צײַט און אײַנגעזונקען געוואָרן טיף ביז דעם האַלדז אין דאַלעס, אין קאַפּצאָנעס נעבעך. דאָס אָנשיקעניש פון גאָט — די שאַדכאָנים האָבן זיך אַ לאָז געטאָן צו מײַן מאַמען אויך פאַר מיר פאַרצושלאָגן איר שידוכים. מײַן מאַמע — אַ פּראָסטע, נאָר אַ קלוגע ייִדענע, איז געווען אַן אַלמאָנע, קיין רײַכע, אָבער אָרעם אויך ניט. זי האָט געהאַט פּאַרנאָסע פון איר קלייטצעלניק, געגאַנגען אַ האַלדז פּערל, געלעבט גאַנץ פײַן. איך בין בא איר געווען אַ בעניאָכיד. זי האָט זיך אין מיר געשמאָלצן, מיר נאָכגעגעבן אַלצדינג, וואָס איך האָב פאַרלאַנגט. דעריבער, אַז איך האָב מיך אײַנגעשפּאַרט ניט יונג כאַסענע צו האָבן, האָב איך עס אויסגעפירט. טכילעס האָט זי אַפילע געפּרווווט מיך איבערצורעדן מיט אַזאַ גאַנג:

— ייִסראָליק! וויפל האָב איך גאָט געבעטן, איך זאָל דערלעבן די צײַט, מע זאָל דיר רעדן שידוכים. דו ביסט דאָך מײַן איין אויג אין קאָפּ, איך מיין דאָך טאַקע דײַן טויווע, פאָלגזשע מיך, כ׳לעבן, און האָב כאַסענע! שוין צײַט, צײַט, ייִסראָליק....“

ווי מיר זעען, איז צווישן די דרײַ איבערזעצונגען פאַראַן אַן אונטערשייד, אָבער ניט אַף אַזויפיל, מע זאָל קאָנען האָבן ערנסטע טײַנעס. אַוודע איז אין זיי ניטאָ מענדעלעס סטיל, מענדעלעס אינערלעכער ריטם. אָבער אין גרונט גענומען, האָט יעדערער פון די איבערזעצער זיך באַמיט צו זײַן וואָס נעענטער צום אָריגינאַל. אַפילע איוואַן בונין, וועלכער

האָט ניט געהאַט קיין מעגלעכקייט, אין אונטערשייד פון מיכאל אבראַמאָוויטשן, שוין אָפּ־געריכט פון פּינוסן, וועמען קיין „פּאָדסטראָטשניק" איז ניט געווען נייטיק, — האָט דעם אָריגינאַל דערפילט מיט זיין יונגן שרייבערישן כוש.

אַדער נעמען דעם אָנהייב פונעם צווייטן קאַפּיטל:

בא בונינען:

Однажды, в прекрасный летний день, я долго бродил по полям, расстроенный физически и нравственно до невозможности. Голова кружилась, в виски стучало, сердце билось учащенно, — короче, я был развинчен и расклеен, хуже обыкновенного...

אין „וואָסכאָד":

В один прекрасный летний день я отправился за город и, шатаясь с раннего утра по лугам и полям, забрел довольно далеко от дома. Голова моя кружилась, в висках стучало, в сердце кипело, как в котле, — я был совершенно развинчен, хуже чем когда-либо...

בא פּינוסן:

В один прекрасный летний день, в июле, когда некуда деваться от жары, я вышел за город и гулял далеко в поле. Как раз в тот день я был очень мрачен, у меня страшно кружилась голова, стучало в висках, в сердце, как в котле, кипело, и я был чрезвычайно расстроен, больше обыкновенного...

בא מענדעלען:

„אין איינעם פון די שיינע זומער־טעג, אין טאַמוז, וואָס ניט אויסצוהאַלטן פון די גרויסע היצן, בין איך אַרויסגעגאַנגען הינטער דער שטאָט און געשפּאַצירט גאַנץ ווייט אויף דעם פרייען פעלד. אין דעם טאָג גראָד בין איך געווען שטאַרק פאַרומערט, עס האָט מיך דענסטמאָל עפּעס שרעקלעך זיך געדרייט דער קאָפּ, געקלאַפּט אין די שלייפן, אין האַרצן האָט געקאָכט ווי א קעסל, און כ'בין געווען שטאַרק צעטראָגן, ערגער ווי טאָמיד...".

פאַרגלייכנדיק אַלע דריי איבערזעצונגען, קומען מיר צום אויספיר, אַז זיי זיינען קימאַט אידענטיש, און נאָכאַמאָל קאָן מען באַוואונדערן, ווי ריכטיק עס האָט איבערגעגעבן דעם אָריגינאַל אי. בונין.

די איבערזעצונג פון מענדעלעס „קליאַטשע" האָט, ווייזט אויס, דערוועקט אין דעם יונגן רוסישן שרייבער אַן אינטערעס ניט בלויז צו דער יידישער ליטעראַטור, נאָר ביכלאַל צום יידישן לעבן אין דעמלטיקן צאַרישן רוסלאַנד.

די יידישע טעמע געפינען מיר אין אי. בונינס שאַפונג אין די ערשטע יאָרצענדליקער פון הייַנטיקן יאָרהונדערט. באַזונדערס האָט זי זיך פאַרשטאַרקט נאָך דעם, ווי דער שרייבער האָט באַזוכט דאָרעם־רוסלאַנד (אוקראַינע), שפּעטער — א ריי לענדער פונעם נאָענטן מיזרעך, דערונטער פּאַלעסטינע. אין רעזולטאַט פון זיינע רייזעס דרוקט ער אין די יאָרן 1907—1911 א ציקל פאַרצייכענונגען („דער זון־טעמפּל") און א גאַנצע ריי לידער: „ראָכלס קיווער", „יערושאָלאַים", „מאַהאָמעט און סאָפיע" און אַנד. אין 1907 פאַרעפנטלעכט ער די ליד „דער באַלעגולע" (לויטן אָדעסער דיאַלעקט: ניט באַלעגאָלע, נאָר באַלעגולע). אין 1953 דערשיינט אין ניו־יאָרק בונינס זאַמלונג „פרילינג אין יעהודע, די רויז פון יעריכאָן". עטלעכע ביבלישע לעגענדעס האָט בונין גענומען פאַרן סוזשעט פון א ריי זיינע דערציילונגען (זיי זיינען פאַרעפנטלעכט געוואָרן שוין נאָכן טויט פונעם שרייבער אין דעם באַנד 68 פון „ליטעראַטורנאָיע נאַסלעדסטוואָ", מאָסקווע, 1960).

אַזאַ איז די געשיכטע פון מענדעלעס „קליאַטשע" אין דער איבערזעצונג פון דעם גרויסן רוסישן שרייבער איוואַן אַלעקסייעוויטש בונין — נאָך איין בלעטל פון די רוסיש־יידישע ליטעראַרישע פאַרבינדונגען.

■

מיכאל אַסטראָווסקי

וועגן סערגיי יעסענינען

דאָס סאָוועטישע פֿאָלק האָט געפֿײַערט דעם ערשטן יאָרטאָג פֿון דער גרויסער סאָציאַליסטישער אָקטיאַבער־רעוואָליוציע. דעם 6 נאָיאַבער האָט אין מאָסקווע זיך געעפֿנט דער VI אַלרוסלענדישער אויסעראָרדנטלעכער צוזאַמענפֿאָר פֿון די סאָוועטן. דעם 7 נאָיאַבער האָט מען אויפֿן רעוואָליוציע־פּלאַץ געעפֿנט דעם דענקמאָל מאַרקסן און ענגעלסן און אויפֿן רויטן פּלאַץ — אַ מעמאָריאַל־ברעט צום אָנדענק פֿון די קעמפֿער, וועלכע זײַנען אומגעקומען אין די טעג פֿון דער אָקטיאַבער־רעוואָליוציע און געבראַכט געוואָרן צו קווורע בײַ דער קרעמל־וואַנט. לויטן אויפֿטראָג פֿון דער סאָוועטן־רעגירונג, האָט די מעמאָריאַל־ברעט געמאַכט סערגיי יעסענינס פֿרײַנט — ס. ט. קאָניאָנקאָוו.

די קאָלאָנע דעלעגאַטן פֿונעם צוזאַמענפֿאָר פֿון די סאָוועטן בעראָש מיט לענינען איז צוגעגאַנגען צו דער קרעמל־וואַנט, ווו ס'איז אײַנגעשטעלט געוואָרן די מעמאָריאַל־ברעט. אויפֿן באַרעליעף איז געווען אויסגעקריצט די פֿיגור פֿון אַ פֿרוי מיט אַ פֿלאַטערנדיקער רויטער פֿאָן אין איין האַנט און מיט אַ גרינער פּאַלמע־צווײַג — דעם סימבאָל פֿון שאָלעם — אין דער אַנדערער. די פֿרוי איז באַלויכטן מיט דער זון, וועמענס שטראַלן האָבן אויסגעבילדעט אַן אויפֿשריפֿט: „אָקטיאַבער־רעוואָליוציע פֿון 1917". פֿון אונטן איז אויף דער ברעט געווען נאָך איין אויפֿשריפֿט: „די געפֿאַלענע אינעם קאַמף פֿאַר שאָלעם און ברידערלעכקײַט פֿון די פֿעלקער".

דער אָרקעסטער האָט אויסגעשפּילט אַ טרויער־מאַרש. אונטער דער מוזיק זײַנען אַראָפּגעלאָזט געוואָרן די פֿלאַגן. פֿײַערלעך, מאַיעסטעטיש, מונטער האָט אָנגעהויבן קלינגען אַ כאָר־ליד — די קאַנטאַטע, וועלכע ס'האָבן געשאַפֿן די פּאָעטן יעסענין און געראַסימאָוו. אינעם טעקסט האָבן באַזונדערס זיך אויסגעטיילט יעסענינס ווערטער:

שלאָפֿט, אומפֿאַרגעסלעכע ברידער,
רויִק. דאָס לײַבלעכע לאַנד
שיקט די כאַיאָלעס הײַנט ווידער
הינטער דער קרעמל־וואַנט.
. . . .
גאָלדענע זון איז אַ היטער
פֿון אונדזער העלדישער וואָר...
שלאָפֿט, אומפֿאַרגעסלעכע ברידער,
ס'פֿאָלק — דער פֿילקעפֿיקער גיבער —
שפּאַנט צו דעם גרויסן קאַיאָר.

ווען דאָס פֿײַערלעכע געזאַנג האָט זיך פֿאַרענדיקט, האָט לענין זיך געווענדט צו די פֿאַרזאַמלטע אויפֿן רויטן פּלאַץ מיט אַ רעדע. „מיר עפֿענען דעם דענקמאָל די פֿאָרגעשריטענע קעמפֿער פֿון דער אָקטיאַבער־רעוואָליוציע פֿון 1917 יאָר, — האָט געזאָגט לענין. — די בעסטע מענטשן פֿון די אַרבעטנדיקע מאַסן האָבן אָפּגעגעבן זייער לעבן, אויפֿהייבנדיק דעם אויפֿשטאַנד פֿאַר דער באַפֿרײַונג פֿון די פֿעלקער פֿונעם אימפּעריאַליזם, פֿאַר אָפּשטעלן די מילכאָמעס צווישן די פֿעלקער, פֿאַר אַראָפּשלײַדערן די הערשאַפֿט פֿונעם קאַפּיטאַל, פֿאַר סאָציאַליזם... לאָמיר געבן אַ שווּע, אַז מירן גיין מיט זייער וועג, נאָכפֿאָלגן זייער שרעקלאָזיקײַט, זייער העראָיזם..."

די דאָזיקע לענינס ווערטער זײַנען געווען נאָענט און טײַער יעסענינען. דער פּאָעט האָט אויפֿגענומען די רעוואָליוציע, וועלכע איז פֿאָרגעקומען „לעשעם דער אַלוועלטלעכער ברודערשאַפֿט פֿון מענטשן", ווי די אינטערנאַציאָנאַלע באַהעפֿטונג פֿון די פֿעלקער קעגן אַלדאָס אונטערמענטשלעכס אויף דער וועלט.

אין סאָף פֿון 1918, ווען די מאָסקווער אײַנוווינער האָבן געהונגערט, ווען אין דער שטאָט איז געווען אַ מאַנגל אין הייצוואַרג און שײַן, האָט יעסענין ניט פֿאַרלאָרן דעם אָפּטימיזם. געלעבט האָט ער צוזאַמען מיטן פּאָעט געראַסימאָוו אויף וואָזדוויזשענקע (איצט קאַלינין־גאַס) אין דעם מויערל פֿונעם מיליאָ-

נער מאַראַזאָוו, אין... וואַנע-צימער. די וואַנע גופּע איז געווען איבערגעדעקט מיט ברעטער, און לעבן איר איז געשטאַנען אַן אײוועלע פון ציגל. ס'איז געווען זייער קאַלט. די צענטראַלע באַהייצונג אין מאַראַזאָווס מויערל, ווי קימאַט אין אַלע מאָסקווער הײַזער, האָט דעמלט ניט געאַרבעט. מע האָט זיך דערוואַרעמט ווי ווער עס האָט געקאָנט.

גראָד דאָ, אין דעם וואַנע-צימער פונעם באַוווּסטן אַף גאַנץ רוסלאַנד מיליאָנער, איז געבוירן געוואָרן, לויט יעסענינס איניציאַטיוו און מיט זײַן אומיטלבאַרן אָנטייל, נאָך אין סענטיאַבער 1918, א פאַרלאַג מיטן נאָמען „מאָסקווער אַרבעטס-אַרטעל פון וואָרט-קינסטלער". דער זשורנאַליסט לעוו אָסיפּאָוויטש נאָוויצקי האָט שפּעטער געשריבן:

„סערגיי אַלעקסאַנדראָוויטש קליטשקאָוו[1] און איך זײַנען געשטאַנען בעראָש פונעם פאַרלאַג „אַרטעל פון וואָרט-קינסטלער", וועלכן מיר האָבן געשאַפן אין 1918. א מיטגליד פון אונדזער קאָלעקטיוו איז געווען א שטיקל צײַט אויך אַנדריי בעלי...[1] בא די ערשטע פאַרלעגערישע טריט אונדזערע האָט יעסענין פעסט גענומען אין די הענט די אָנפירונג און די פּראַקטישע אַרבעט".

דער ערשטער בוך, וועלכן דער פאַרלאַג „מאָסקווער אַרבעטס-אַרטעל פון וואָרט-קינסטלער" האָט אַרויסגעלאָזט, איז געווען, לויט נאָוויצקיס ווערטער, „ראַדוניצאַ" — א זאַמלבוך פון יעסענינס לידער. דערשינען איז ער אין אָקטיאַבער 1918. באַלד נאָך אים זײַנען אַרויסגעלאָזט געוואָרן יעסענינס זאַמלביכער „איבערגעשטאַלטיקונג" און „דאָרפישער. טשאַסאָסלאָוו"[2].

אין דעקאַבער 1918 האָט יעסענין געשאַפן „די קאָמונע פון פּראָלעטאַרישע שרײַבער" (צוזאַמענוויַנונג פון פּראָלעטאַרישע שריפטשטעלער). באַם מאָסקווער סאָוועט האָט ער זיך דערשלאָגן אַן אָרדער אַף א קוואַרטיר אינעם הויז, ווו ס'האָט אַלפי נעס געאַרבעט די צענטראַלע באַהייצונג. דאָס הויז איז געשטאַנען אין סאַמע צענטער פון מאָסקווע. יעסענין און נאָוויצקי האָבן ניט נאָר אַליין זיך באַזעצט אין דער „קאָמונע פון פּראָלעטאַרישע שרײַבער", נאָר אויך אַריבערגעפירט אַהין די רעדאַקציע פונעם פאַרלאַג „מאָסקווער אַרבעטס-אַרטעל פון וואָרט-קינסטלער".

אין יענער צײַט האָט יעסענין זיך דערנעענטערט מיטן יונגן ליטעראַטאָר מאַריענהאָף, וועלכער האָט געאַרבעט אין פאַרלאַג פון וואָציק. מאַריענהאָף און זײַן כאַווער שערשענעוויטש האָבן פאַרטראַכט צו שאַפן אין דער קונסט זייער אייגענע שטרעמונג — אימאַזשיניזם. דעם נאָמען „אימאַזשיניזם" האָבן זיי אַנטליען בא דער מאָדערניסטישער שטרעמונג אין דער ענגלישער און אַמעריקאַנישער פּאָעזיע, וועלכע איז אַנטשטאַנען ערעוו דער ערשטער וועלט-מילכאָמע. מענטשן איניציאַטיווריַיכע, האָבן זיי געפעלט בא יעסענינען, ער זאָל אונטערשרײַבן די „דעקלאַראַציע" פון די אימאַזשיניסטן. יעסענין, מאַריענהאָף און שערשענעוויטש האָבן געשאַפן א פאַרלאַג מיטן נאָמען „אימאַזשיניסטן". אין האַרבסט 1919 האָט יעסענין זיך אונטערגענומען צו גרינדן אַן „אַסאָציאַציע פון פרײַדענקער אין מאָסקווע". צוזאַמען מיט מאַריענהאָפן האָט ער צונויפגעשטעלט דעם טעקסט פונעם סטאַטוט פון דער אַסאָציאַציע, וועמענס ציל איז געווען — „ברייט פאַרשפּרייטן דעם שעפערישן רעוואָליוציאָנערן געדאַנק און די רעוואָליוציאָנערע קונסט פון דער מענטשהײַט מיטן וועג פונעם מינדלעכן און געדרוקטן וואָרט". יעסענין האָט דער ערשטער געשטעלט זײַן כסימע אונטער אָט דעם סטאַטוט. דער פאָלקס-קאָמיסאַר פון בילדונג א. וו. לונאַטשאַרסקי האָט אויסגעדריקט זײַן מיטגעפיל צו די צילן פון דער אַסאָציאַציע. אַלס מיטגלידער פון דער אַסאָציאַציע זײַנען מיט דער צײַט באַשטעטיקט געוואָרן, אויסער אימאַזשיניסטן, דער סקולפּטאָר קאָניאָנקאָוו, די רעזשיסערן מייערכאָלד און טאַיראָוו אא.

אין זעלבן האַרבסט פון 1919 האָט די „אַרטעל פון וואָרט-קינסטלער" געעפנט אַף דער גרויסניקיטסקער גאַס א ביכער-קראָם. איר „באַלעבאָס" איז געוואָרן יעסענין, וועלכער האָט צוגעצויגן צו דער אַרבעט א פאַכמאַן אין דעם געביט — דאַוויד סאַמוילאָוויטש אײַזענשטאַט, אין די שפּעטערדיקע יאָרן דירעקטאָר פונעם מאָסטוור „בוך-קלייטל" (книжная лавка) פון די שרײַבער אַף קוזנעצקי מאָסט, וואָס עקזיסטירט ביז הײַנטיקן טאָג.

אָט די ביכער-קראָם האָט פאַרקויפט ניט נאָר נײַע אויסגאַבעס. זי האָט אויך געהאַט א בוקיניסטישן אָפּטייל. דער האַנדל איז געגאַנגען גאַנץ ענערגיש. אפן צווייטן שטאָק איז געווען א צימער מיט א שילדל „קאַבינעט פונעם דירעקטאָר", אויסגעשטאַט, ווי א סאַלאָן, מיט א גרויסן, רונדן טיש, מיט א דיוואַן און ווייך מעבל. דאָס איז ווירקלעך געווען א ליטעראַרישער סאַלאָן, אין וועלכן ס'האָט געהערשט א פרײלעכע אַטמאָספער. אין די אָוונטן, נאָכן פאַרמאַכן די קראָם, פלעגט יעסענין, צוזאַמען מיט אײַזענשטאַטן, און-

---

[1] ס. קליטשקאָוו, א. בעלי — רוסישע דיכטער פונעם אָנהייב XX יה.

[2] טשאַסאָסלאָוו — א זאַמלונג פון רעליגיעזע טעקסטן. וועלכע מע פלעגט אויסנוצן באַם לערנען לייענען און שרײַבן.

טערצ:ען די סאַכאַקלען פֿונעם פֿאַרגאַנגענעם
טאָג.
די „אַסאָציִאַציע פֿון פֿרײַדענקער", וועל-
כע האָט פֿון סאַמע אָנהייב אויסגעוויילט אַלס
איר פּאָרזיצער יעסענינען, האָט אָרגאַניזירט
אַן אייגענעם קלוב — די ליטעראַרישע קאַפֿע
מיטן נאָמען „פּעגאַס' שטאַל". יעסענין האָט
קעסיידער אין אָט דער קאַפֿע געלייענט זײַנע
לידער. דאָרט זײַנען אויך אַרויסגעטראָטן
בריוסאָוו, מייערכאָלד און אַנדערע אָנגעזעע-
נע טוער פֿון דער סאָוועטישער קולטור.
יעסענינס נאָענטקײַט מיט די אימאַזשי-
ניסטן, וועמען איליאַ ערענבורג האָט מיט
רעכט געגעבן אַ נאָמען „ליטעראַרישע כוליגאַ-
נעס", איז ניט געווען קיין אָרגאַנישע, נאָר אַ
ריין אויסערלעכע. אין 1920 האָט דער אָדע-
סער זשורנאַל „לאַווא", אָנרופֿנדיק יעסענינען
„עכטער גרויסער פּאָעט", געשריבן: „עס רופֿט
אַרויס אַ כידעש יעסענינס „אימאַזשיניזם", מיט
וועלכן ער האָט קיין שום געמיינזאַמס ניט...
סערגיי יעסענינען שטייט פֿאָר אַן אַנדער וועג:
אויסכאַוועו דאָס רעוואָליוציאָנער-פּאָעטישע
וואָרט. אָט דעם וועג האָבן מיר דאָס רעכט
צו פֿאָדערן פֿונעם פּאָעט..."
ווען די רויטע אַרמיי האָט אין 1920 באַ-
פֿרײַט כאַרקאָוו פֿון די ווײַסגוואַרדייער, איז
נאָוויצקי אַוועקגעפֿאָרן אין אָט דער שטאָט,
ווו ער האָט פֿאַרבראַכט די סטודענטישע יאָרן,
אָבער די פֿרײַנטשאַפֿט צווישן אים און יעסע-
נינען איז ניט איבערגעריסן געוואָרן. מאַריענ-
האָף האָט אָנגערופֿן נאָוויצקין — יעסענינס
גרויסער פֿרײַנט.
ווען עס איז געשטעלט געוואָרן די אויפֿ-
גאַבע, עס זאָלן רעסטאַווירט ווערן די פּאַ-
ליגראַפֿישע אונטערנעמונגען אין די ערטער,
וואָס זײַנען באַפֿרײַט פֿון די ווײַסגוואַרדייער,
זײַנען יעסענין און מאַריענהאָף געקומען קיין
כאַרקאָוו, ווו זיי האָבן ווידער זיך באַגעגנט
מיט נאָוויצקין.
אין פֿיל יאָרן שפּעטער האָט נאָוויצקי
געשריבן: „יעסענינס אויפֿהאַלטן זיך אינעם
הויז פֿון מײַנע פֿרײַנט איז פֿאַר אַלעמען גע-
ווען אַ יאָמטעוו. דער פּאָעט איז דעמלט גע-
ווען אין סאַמע בלי פֿון זײַנע שעפֿערישע קוי-
כעס און גײַסטיקן געזונט. וועגן הוליאַנקעס,
וועגן ווײַן-טרינקען איז קיין רייד ניט געווען.
יעסענין האָט גאַנצע אָוונטן פֿאַרבראַכט אין
שמועסן, שטרײַטן, געלייענט זײַנע לידער, גע-
שפּאַסט און זיך פֿאַרווײַלט פֿון גאַנצן האַרצן.
די בײַוועזנדיקע מיידלעך האָבן אָפֿן אַרויסגע-
וויזן זייער פֿאַרערונג, געווען גליקלעך, וואָס
אונטער זייער דאַך וווינט אָט דער קישעפֿ-
מאַכער פֿון וואָרט".

אין דער שכײַנעסדיקער דירע האָט גע-
לעבט פֿרידע לייבמאַן, וועלכע האָט געאַרבעט
אינעם סטאַטיסטישן אָפּטייל פֿון דעם פֿאָלקס-
קאָמיסאַריאַט פֿאַר האַנדל פֿון אוקראַינע. דער-
ווּיסנדיק זיך, אַז בײַ נאָוויצקין האָט זיך אָפּ-
געשטעלט יעסענין, האָט זי דערציילט וועגן
דעם איר מיטאַרבעטערן און כאַווערטע זשע-
ניע ליוושיץ. פֿרידע איז דעמלט אַלט געווען
24 יאָר און זשעניע — 19. די כאַווערטעס
האָבן זייער געוואָלט זען אַ לעבעדיקן פּאָעט.
זיי זײַנען אַוועק צו נאָוויצקין, מיט וועלכן זיי
זײַנען געווען גוט באַקאַנט. יעסענין איז מאַ-
מעש געפֿאַנגען געוואָרן, דערזעענדיק זשעניע
ליוושיץ. די אומשולד-ריינע שטריכן פֿון איר
שטרענג-פּראָסט ביבליש פּאָנעם, — זאָגט איי-
דעס נאָוויצקי, — האָבן מיסטאַמע באַרויִקנדיק
געווירקט אויף יעסענינס „וויוגע פֿון געפֿילן".
ער האָט זיך געהאַלטן מיט איר ריטערלעך-
ריין. אַז דאָס איז ריכטיק, באַשטעטיקן, צווישן
אַנדערס, יעסענינס בריוו צו זשעניע ליוושיץ
און צו איר שוועסטער מאַרגאַריטע (די בריוו
זײַנען פֿאַרעפֿנטלעכט אין דער לעצטער זאַמ-
לונג פֿון יעסענינס ווערק). ער האָט שטאַרק
אָפּגעהיט די פֿרײַנטשאַפֿט מיט די שוועסטער
ליוושיץ. זייער הויך האָט ער געשעצט אויך
פֿרידע לייבמאַנס גוטסקײַט. אין איינעם פֿון
זײַנע בריוו צו זשעניע ליוושיץ האָט ער געיי-
צעט: „הערט זיך צו צו פֿרידען, און ס'וועט
אײַך זײַן גוט, ווײַל פֿרידע איז אַ גוטהאַרציקע,
באַוווסטזיניקע, דעריבער איז זי אַזאַ ווילע און
זעט גוטס אַפֿילע אין עפּעס שלעכטס. מיט
ליבע צו אײַך ס. יעסענין".
אין 1921 האָט יעסענין אָנגעשריבן די
פּאָעמע „פּוגאַטשאָוו". אויף דער באַהאַנדלונג
פֿון דער פּאָעמע האָט ער עפֿנטלעך דער-
קלערט וועגן זײַנע מיינונגס-פֿאַרשיידנהײַטן
מיט די אימאַזשיניסטן. איינער פֿון די ערשטע
האָט הויך אָפּגעשאַצט אָט דאָס ווערק איליאַ
ערענבורג. ער האָט עס אָנגערופֿן „דער
פּראַכטפֿולער בוך", אין וועלכן ס'איז פֿאַראַן
„דער אָנהייב פֿון אַ גראַנדיעזן עפּאָס".
איינמאָל האָט יעסענין דורכגעלייענט
אַ. מ. גאָרקין כלאָפּושעס מאָנאָלאָג פֿון „פּו-
גאַטשאָוו". „...איך האָב דערפֿילט, — האָט
שפּעטער געשריבן גאָרקי, — אַז יעסענין
לייענט דערשיטערנדיק און הערן אים איז גע-
וואָרן שווער ביז טרערן. איך קאָן ניט זאָגן,
אַז ער לייענט ווי אַן אַרטיסט, קינסטלעריש
אאַזוו. אָט די אַלע עפּיטעטן זאָגן גאָרנישט
וועגן דעם כאַראַקטער פֿונעם לייענען. זײַן
שטים האָט געקלונגען עטוואָס הייזעריק,
שרײַעריש, האַרצרײַסנדיק, און דאָס האָט גאַנץ
שאַרף אונטערגעשטראָכן כלאָפּושעס שטיי-
נערנע ווערטער. וווּנדערבאַר עמעסדיק, מיט

אַן אומגעהייערער קראַפט האָט ניט איין מאָל געקלונגען און אין פאַרשיידענע טענער זיך איבערגעכאַזערטע די פאָדערונג פונעם קאַטאַרזשניק: „איך וויל זען דעם דאָזיקן מענטשן!“ און אויסגעצייכנט איז איבערגעגעבן דער פּאַכעד: „ווו איז ער? ווו? צי דען איז ער ניטאָ?“

ס'האָט זיך אַפילע ניט געגלייבט, אַז אָט דער קליינוווקסיקער מענטש פאַרמאָגט אַזאַ קאָלאָסאַלע קראַפט פון געפילן, אַזאַ אַבסאָלוטע אויסדריקלעכקייט...

אופגערודערט האָט ער מיך ביז ספּאַזמעס אינעם גאָרגל, ס'האָט זיך געוואָלט יאָמערן. איך געדענק, אַז כ'האָב ניט געקאָנט אַרויסזאָגן אים קיין שום ליבן, און אויך ער, מיין איך, האָב זיך ניט געניייטיקט אין דעם“...

צום גליק, איז דערגאַנגען צו אונדז יעסעינינס לייענען, פאַרשריבן אַף אַ פאָנאָגראַף — טאַקע כלאָפּושעס מאָנאָלאָג. פאַרשריבן האָט אים דעם 11 יאַנוואַר 1922 דער פּראָפעסאָר פונעם פּעטראָגראַדער אינסטיטוט פון דער לעבעדיקער שפּראַך ס. אי. בערנשטיין. איצט געפינט זיך יעסעינינס פאַרשריבן קאָל אינעם גאָלדענעם פאָנד פון דער סאָוועטישער פאָנאָגראַפיע.

אין די יאָרן 1922—1923 האָט יעסעינין דורכגעמאַכט אַ ריַיזע קיין אויסלאַנד. ער האָט באַזוכט דייַטשלאַנד, בעלגיע, פראַנקרייַך און אַמעריקע. דעם 12 נאָיאַבער 1922 האָט ער געשריבן פון ניו-יאָרק קיין מאָסקווע מאַריענהאָפן: „מייַן ליבער טאָליע! איך בין זייער צופרידן, וואָס דו ביסט מיט מיר ניטאָ דאָ, אין אַמעריקע, אין אָט דעם עקלהאַפטן ניו-יאָרק. ס'וואָלט געווען אַזוי שלעכט, כאָטש הענג זיך אויף...

דאָס בעסטע, וואָס איך האָב געזען אַף אָט דער וועלט, איז טאַקע מאָסקווע. אין די טשיקאַגער „הונדערט טויזנט גאַסן“ קאָן מען פאַרטרייַבן בלויז כאַזיירים. דעריבער טאַקע איז דאָרט, מיסטאַמע, די בעסטע בוינע אין דער וועלט.

וועגן זיך קאָן איך זאָגן (כאָטש דו מיינסט אַלץ, אַז איך זאָג עס פאַר די קאָמענדיקע דוירעס), אַז איך ווייס בעמעס ניט, וואָס צו טאָן און מיט וואָס איצט לעבן...

...דו שלאָפסט, אַפּאָנעם, איצט, ווען איך שרייַב צו דיר דעם דאָזיקן בריוו, ווייַל אין רוסלאַנד איז איצט נאַכט, און דאָ איז טאָג.

איך זע פאַר מייַנע אויגן דייַן ליב, אָפּגעקילט אייַזערן איוועלע, דיך, אַ צוגעדעקטן מיט אַ פּעלץ, און מאַרטישאַנען.

גאָט מייַנער, בעסער וואָלט געווען עסן מיט די אויגן דעם רויך, וויינען פון אים, נאָר ניט דאָ, ניט דאָ. אַלצאיינס איז באַ יעדן, באַ אָט דער קולטור פון „אייַזן און עלעקטרע“, אַנדערהאַלבן פונט שמוץ אין דער נאָז.

אַ גרויס אַלעמען, וועמ ס'איז מיר געווען טייַער און האָט כאָטש אַ ביסעלע מיך ליב געהאַט...

...דאָ זייַנען פאַראַן דייַנע און מייַנע איבערזעצונגען אין דער אויסגאַבע „Modern Russian Poetry“, אָבער דאָס אַלץ איז זייער געמיין. מע קען אונדז בלויז לויטן נאָמען, און ניט די אַמעריקאַנער, נאָר געקומענע קיין אַמעריקע יידן. ווייַזט אויס, אַז די יידן זייַנען די בעסטע שעצער פון קונסט...“

דעם 3 אויגוסט 1923 האָט יעסעינין זיך אומגעקערט קיין מאָסקווע. אינגיכן איז אינעם פּאָליטעכנישן מוזיי פאָרגעקומען זייַן ערשטע עפנטלעכע אַרויסטרעטונג. וועלנדיק זיך דערוואַרעמען אין די שטראַלן פון יעסענינס רום, איז מאַריענהאָף באַשטאַנען אַף דעם, אַז דער אָוונט זאָל אייַנגעאָרדנט ווערן אונטער „דער פאָן פון די אימאַזשיניסטן“. יעסענין איז מאַסקים געווען.

קורץ פאַרן אָנהייב פונעם אָוונט איז באַם אַרייַנגאַנג אינעם לעקטאָרי פון דעם פּאָליטעכנישן מוזיי שוין געשטאַנען אַן אָטריאַד פון רייַטער-מיליציע. ער האָט קוים אייַנגעהאַלטן דעם דרוק פונעם עולם. די, וואָס האָבן געהאַט בילעטן, האָבן מיט גרויס מי זיך דורכגעשטופּט דורך אָט דעם האַמוין.

דער אָוונט האָט זיך אָנגעהויבן.

טיילנדיק זיך מיט זייַנע אייַנדרוקן וועגן דייַטשלאַנד, איטאַליע און אַמעריקע, האָט יעסענין דורכגעלייענט נייַע לידער. נאָכדעם זייַנען אַרויסגעטראָטן פּאָעטן-„אימאַזשיניסטן“. דער קאָנטראַסט צווישן זיי און יעסענינען איז געווען אַן איבעראַשנדיקער. דאָס פאַרקישעפטע מיצאַד יעסענינען פּובליקום האָט געפאָדערט, ער זאָל ווידער אַרויסגיין אַף דער עסטראַדע. יעסענינען איז אויסגעקומען נאָכאַמאָל לייענען זייַנע לידער. ער האָט זיי געלייענט, ביז ער איז ניט געוואָרן הייזעריק. דער אָוונט האָט זיך פאַרענדיקט שפּעט אין דער נאַכט.

אַפן אַנדערן טאָג האָט די צייַטונג „איזוועסטיאַ“ פאַרעפנטלעכט דעם ערשטן טייל פון יעסענינס פאַרצייכענונג, געווידמעט אַמעריקע. דער צווייטער טייל האָט זיך באַוויזן אין דער צייַטונג אין אַ כוידעש אַרום.

יעסענין האָט געשריבן, אַז אין אַמעריקע האָט אים מער פון אַלץ געפּלעפט דער שאַרפער קאָנטראַסט פון דער אינדוסטריעלער מעכטיקייַט פונעם לאַנד, מיט דער אָרעמקייַט פון דער גייַסטיקער קולטור, מיט דער אינערטקייַט פונעם געדאַנק באַם מיטעלן אַמע-

ריקאַנער, מיט זײַן קלײנבירגערלעכער פּסיכאָלאָגיע. דער קריטיק פון אײַזנבעטאָן, די ריזיקע ביניאַנים — האָט געשריבן יעסענין, — האָבן אײַנגעקלאַמערט דעם מויעך פונעם אַמעריקאַנער און פאַרשמעלערט זײַן ריִע. פאַר די אַמעריקאַנער איז קיין בעסער און מער קולטורעל לאַנד, איידער אַמעריקע, ניטאָ.

אָבער גלײַכצײַטיק איז יעסענין זיך מודה געווען, אַז די דערגרייכונגען פון דער אַמעריקאַנער און מײַרעוו-אייראָפּעיִשער טעכניק האָבן געבוירן אין אים אַ לײַדנשאַפטלעכן ווילן צו זען זײַן אייגן לאַנד אַ שטאַרקס און אינדוסטריעל אַנטוויקלטס. „פון יענעם טאָג אָן האָב איך זיך נאָך מער אײַנגעליבט אין אונדזער קאָמוניסטישער בויונג".

כאַראַקטעריזירנדיק אַמעריקע, האָט יעסענין ניט פאַרגעסן אויך די ייִדן, וועלכע לעבן דאָרט.

„פאַרן רוסישן אויער און אויג, — האָט געשריבן יעסענין, — איז אַמעריקע בכלל, און דעריקער ניו-יאָרק, — אַ ביסל מיט בלוט פון אַדעס און פון די מײַרעוודיקע געגנטן, — אַף 30 פּראָצענט אַ ייִדישע שטאָט. די ייִדן האָט הויפּטזאַכלעך פאַרטריבן אַהער די נויט פון וואַנדערונגען מאַכמעס די פּאָגראָמען. אין ניו-יאָרק האָבן זיי זיך באַזעצט גאַנץ פעסט און פאַרמאָגן אַן אייגענע זשאַרגאָנישע קולטור, וועלכע פאַרברייטערט זיך אַלץ מער און מער. זיי האָבן אייגענע פּאָעטן, אייגענע פּראָזאַיקער און אייגענע טעאַטערס. זייער ליטעראַטור האָט אונדז געגעבן עטלעכע נעמען פון אַלוועלטלעכער גרייס. אין דער פּאָעזיע ווערט אַרויסגערוקט אַפן וועלט-מאַרק אַ גאַנץ גרויסער טאַלאַנט מאַני-לייב. מאַני-לייב איז אַן אָפּשטאַמיקער פון טשערניגאָווער גובערניע. רוסלאַנד האָט ער פאַרלאָזט מיט 20 יאָר צוריק. איצט איז ער אַלט 38 יאָר. ער האָט מיט גרויסע שוועריקײַטן זיך דורכגעשלאָגן אַ וועג אינעם לעבן מיט שוסטערײַ, און בלויז אין די לעצטע יאָרן האָט ער באַקומען אַ מעגלעכקײַט צו עקזיסטירן אַפן געצאָלטס פאַר זײַן קונסט. מיט זײַנע איבערזעצונגען אַף זשאַרגאָן האָט ער באַקאַנט די אַמעריקאַנער ייִדן מיט דער רוסישער פּאָעזיע, אָנהייבנדיק פון פּושקינען און ביז אונדזערע טעג, און ער רוקט אַרויס יונגע זשאַרגאָניסטן מיט גאַנץ שיינע טאַלאַנטן, אָנהייבנדיק פון האָפּשטיינען ביז מאַרקישן. דאָ איז פאַראַן אַ שטאַנג און אַ קולטור".

נאָכן אומקערן זיך אַהיים האָט יעסענין דערפילט, ווי ער ווערט מאַמעש דערשטיקט אינעם שמאָלן קרײַז פון אימאַזשיניזם. ער האָט איבערגעריסן די פערזענלעכע פרײַנטשאַפט און די שפּעטערישע פאַרבינדונגען מיט מאַריענהאָפן.

אין סעפּטעמבער 1923 האָט ער זיך באַזעצט אין דער קוואַרטיר בײַ גאַלינע אַרטוראַוונאַ בעניסלאַווסקאַיאַ, וועלכע האָט אין די פריערדיקע יאָרן שטודירט אין כאַרקאָווער אוניווערסיטעט אַפן נאַטורוויסנשאַפטלעכן פאַקולטעט. ווען כאַרקאָוו האָבן פאַרכאַפּט די ווײַסגוואַרדייער, איז בעניסלאַווסקאַיאַ אַנטלאָפן פון דער שטאָט, אַריבער די פראָנט-ליניע און געקומען קיין מאָסקווע. עטלעכע יאָר האָט זי געאַרבעט אין די אָרגאַנען פון דער סאָוועטישער יוסטיץ, שפּעטער אין דער רעדאַקציע פון דער צײַטונג „בעדנאָטאַ" (אָרעמשאַפט). בעניסלאַווסקאַיאַ האָט זיך באַקאַנט מיט יעסענינען נאָך אין 1920. זי האָט אויסגעצייכנט געקענט זײַן גאַנצע אַרומרינגלונג. נאָענטע מענטשן זײַנען געווען פאַר איר נאָוויצקי און די שוועסטער ליוושיץ. פאַר יעסענינען איז בעניסלאַווסקאַיאַ געוואָרן דער געטרײַער געהילף אין אַלע זײַנע רעדאַקציע-פאַרלעגערישע ענינים.

צווישן די מענטשן, מיט וועלכע יעסענין און בעניסלאַווסקאַיאַ האָבן געהאַט ענגע פרײַנטלעכע באַציִונגען, איז געווען סאָפיע ווינאָגראַדסקאַיאַ, וועלכע האָט געאַרבעט אין דער צײַטונג „פּראַוודע" אַלס סעקרעטאַר פון מאַריאַ איליניטשנאַ אוליאַנאָוואַ — לענינס שוועסטער. שפּעטער האָט ווינאָגראַדסקאַיאַ אין איר בוך „וויאַזוי עס האָט געלעבט סערגיי יעסענין", כאַראַקטעריזירנדיק בעניסלאַווסקאַיאַס באַציִונג צו אים, געשריבן: „מיט אומגעהערטער מעסירעסנעפעשדיקײַט, זעלטענער זעלבסטאָפּפערונג האָט זי זיך געווידמעט אים... ניט וויסנדיק פון מידקײַט, אָן טאַרומעס, פאַרגעסנדיק וועגן זיך, ווי אויספּילנדיק איר כויוו, האָט זי געטראָגן אַף זיך די שווערע לאַסט פון זאָרג וועגן יעסענינען, וועגן זײַן גאַנץ לעבן".

דעם 17 דעקאַבער 1923 איז יעסענין אוועקגעפאָרן אַף אָפּרו אין אַ סאַנאַטאָריע פאַר נערוועז-קראַנקע. דאָרט האָט ער זיך דערוווּסט וועגן דעם שווערן פאַרלוסט פון אַלע אַרבעטנדיקע — וועגן לענינס טויט. ער האָט זיך אומגעקערט קיין מאָסקווע און איז דעם 23 יאַנוואַר עטלעכע שאָ געשטאַנען אַפן מוירעדיקן פראָסט, באַגלייטנדיק די טרויער-פּראָצעסיע מיט לענינס קערפּער, וועלכע האָט זיך געצויגן פונעם פּאַוועלעצקער וואָקזאַל ביז דעם פראָפאַריינען-הויז.

סאָפיע ווינאָגראַדסקאַיאַ האָט אַפן צווייטן אָדער אַפן דריטן טאָג נאָך לענינס טויט געבראַכט יעסענינען און זײַן שוועסטער קאַטיען אַ דורכלאָז-שײַן אין קאָלאָנען-זאַל פונעם

פּראָפּאַרײנען-הױז. אַלע דרײַ האָבן זיך דערקליבן אַהין שפּעט אין אָװנט.

„אַרײַנגײענדיק אין קאָלאָנען-זאַל, — דערמאָנט זיך יעסענינס שװעסטער, — האָבן מיר זיך אָװעקגעשטעלט לעבן אַ גרופּע מענטשן, װעלכע האָבן זיך געפֿונען ניט װײַט פֿון לענינס אָרן. געשטאַנען זײַנען מיר באַ לענינס אָרן מער פֿון אַ שאָ. די גאַנצע צײַט האָט יעסענין געשװיגן. געשװיגן האָט ער אױך, װען מיר זײַנען געגאַנגען אַהײם און שױן זײַענדיק אינדערהײם. דער אומגליק האָט אָפּגענומען אַלע זײַנע קױכעס".

אינגיכן האָט יעסענין אָנגעהױבן אַרבעטן איבער דער פּאָעמע װעגן לענינען. דאָס איז געװען אַן אָנגעשטרענגטע, הױך באַגײַסטערטע מי. אין פֿרילינג 1924 איז די פּאָעמע צום ערשטן מאָל אָפּגעדרוקט געװאָרן אינעם אַל-

מאַנאַך „קרוג" („קרײַז"). דאָס דאָזיקע װערק פֿאַרנעמט פֿון דעמלט אָן אַ בכּבֿודיק אָרט אין דער פּאָעטישער לעניניאַנע.

יעסענין איז געװען, װי באַקאַנט, צוגעבונדן צו אַלדאָס רוסישע, און גלײַכצײַטיק איז פֿאַר אים העכסט כאַראַקטעריסטיש דאָס געפֿיל פֿון ברידערלעכקײַט צו אַנדערע פֿעלקער. ער האָט געטרױמט װעגן יענער צײַט, װען „ס'װעט אַדורך די סינע צװישן שװאָטים", װען „די מענטשלעכע רײד װעלן אין אײן לאָשן זיך צונױפֿגיסן". גראָד פֿונעם געדאַנק, אַז „די װעלט איז אַן אײנהײַטלעכע מישפּאָכע", האָט יעסענין אָנגעהױבן זײַן ליד „דער קאַפּיטאַן פֿון דער ערד", געװידמעט לענינען. די דאָזיקע ליד האָט יורי גאַגאַרין געלײענט, פֿליִענדיק צום ערשטן מאָל אין דער געשיכטע פֿון דער מענטשהײַט אין קאָסמאָס.

טעאַטער און עסטראַדע

וועניאַמין קאַווערין

צוויי אַרטיסטן

דעם טעלעוויזאָר קוק איך זעלטן. אָבער ווען ס'איז געמאָלדן געוואָרן שאָלעם-אַלייכעמס „טעוויע דער מילכיקער" מיט מיכאָיל אוליאַנאָוון אין דער הויפּט-ראָל, האָב איך מיט אומגעדולד גענומען וואַרטן אפן ספּעקטאַקל.

אוליאַנאָוו פאַרמאָגט א פאַרשיידנאַרטיקן און טיפן טאַלאַנט. נאָר צי וועט ער זיך ספּראַוען מיט אַזא, דאַכט זיך, ניט צוגעפּאַסטער פאַר אים ראָל?

די דאָזיקע פראַגע האָט, נאַטירלעך, אַרויסגערופן בא מיר דערינערונגען וועגן מיכאָעלסן.

טוער פון דער וויסנשאַפט און קונסט האָבן מיך שטענדיק אינטערעסירט. כ'האָב געוווּסט, אַז צווישן זיי טרעפן זיך מענטשן, וועלכע שטרעבן קוידעמקאָל צו רום, צו קאַריערע, צו פאַרנעמען א בעקאָוועדיק אָרט אין דער געזעלשאַפט, אָבער עס זײַנען פאַראַן אויך אַנדערע, וועלכע קלערן ניט וועגן זיך, נאָר וועגן דער זאַך, וואָס זיי האָבן איר געווידמעט זייער לעבן. נעמלעך אַזעלכע זײַנען געווען מײַנע פרײַנט זינאַידע יערמאָליעווא, די באַרימטע דערפינדערן פון רוסישן פּעניצילין, — אין דער וויסנשאַפט, און אַזא איז געווען שלוימע מיכאָעלס — אין דער קונסט. זייער מאָראַלישע פּאָזיציע אין לעבן איז אויך געווען איינע און די זעלבע, זיי האָבן געדינט דער זאַך, אומאָפּהענגיק פון די פּערזענלעכע אינטערעסן. טאַקע בא יערמאָליעווען אינדערהיים האָב איך זיך באַגעגנט מיט מיכאָעלסן. זיי האָבן זיך געכאַווערט, און איך, פון מײַן זײַט, בין נאָענט זיך צונויפגעגאַנגען מיט אים.

איינמאָל האָבן מיר פאַרבראַכט צוזאַמען בא מיר אין שטוב א גאַנצע נאַכט. ער איז געקומען נאָך א ספּעקטאַקל און איז שוין פאַרבליבן ביז אינדערפרי. בא מיר איז דאַן אויך געווען מײַן באַליבטער פרײַנט און לערער, דער רוסישער שריפטשטעלער יורי טיניאַנאָוו, און ביידע געסט מײַנע האָבן גלײַך פון דער ערשטער מינוט אָפּגעשאַצט איינער דעם אַנדערן. מיכאָעלס איז געווען אין א גוטער פאָרם. ער האָט אונדז דערציילט זייער א סאַך טשיקאַווע געשיכטעס. גערעדט האָט ער אַן אויסגעצייכנטן רוסיש. נאָר א היפּשע צאָל געשיכטעס האָט ער דערציילט אַף ייִדיש. יורי ניקאָלײַעוויטש און מײַן פרוי האָבן געלאַכט פונעם גאַנצן האַרצן, איך האָב זיך צו זיי אויך פאַרייניקט, נאָר פון העפלעכקײַט בלויז. די ייִדישע שפּראַך פאַרשטיי איך ניט. מיכאָעלס האָט עס באַמערקט, און ס'איז מיר אויסגעקומען צו דערקלערן אים, אַז כ'בין אויסגעוואַקסן אין דער אַלטער רוסישער שטאָט פּסקאָוו אין א מישפּאָכע פון א מיליטערמאַן (דער פאָטער איז געווען קאַפּעלמייסטער אין דעם אָמסקער פּאָלק), אַז בא אונדז האָט מען זיך געהאַלטן בא רוסישע יאָמטויווים, דער זיידע איז געווען א קאַנטאָניסט און האָט אויך פינף און צוואַנציק יאָר אָפּגעדינט אין דער אַרמיי. מיכאָעלס האָט מיך אויסגעהערט ערנסט און געזאָגט: „אָ, איך פאַרשטיי, איר זײַט א מיליטערישער ייִד".

איך און מײַן פרוי האָבן דורכגעקוקט דעם גאַנצן רעפּערטואַר פונעם גאָסעט (מיכאָעלס האָט די פרוי מײַנע ניט אומזיסט אָנגערופן „פאַרדינסטפולע צושויערן פון פּסטר"). פון דער גרויסער צאָל ספּעקטאַקלען האָבן זיך מער פון אַלע מיר פאַרגעדענקט „פרייִלעכס", „לופטמענטשן", „קיניג ליר" און „טעוויע דער מילכיקער".

„פרייִלעכס" איז געווען א געוואַגטער און אָריגינעלער ספּעקטאַקל: ניט די פּיעסע, וואָס איז אַריבערגעטראָגן געוואָרן אַף דער בינע, נאָר דאָס לעבן אַליין — אָן קיין שום סימאָנים פון מערקבאַרער איבערגעשטאַלטונג, אָן באַפּוצונג מיט דער הילף פון קונסט. ס'איז פּאָשעט באַוויזן געוואָרן א ייִדישע כאַסענע מיט אירע כאַראַקטערן, מיט א שאַרפזיניקן באַדכן, וועלכער שפּילט די ראָל פון א גוטן מאַלעך, מיט דער יונגער פּאָר, וועלכע איז אַלט אין גאַנצן דרײַצן—פערצן יאָר, מיט שווער-און-שוויגער, וועלכע טאַנצן קונציק א באַרויגעזטאַנץ. אפילע ניט ווייסנדיק ייִדיש, האָב איך אַלץ פאַרשטאַנען. האַגאַם דער ספּעקטאַקל איז לאַכלוטן ניט געווען ענלעך אַף א פּאַנטאָמימע, איז ער באַוויזן געוואָרן מיט אַזא אינטענסיווער אויסדריקלעכקײַט, אַז פאַר די צו-



צוויי טעוויעס: דער פאָלקס־ארטיסט פון פססר שלוימע מיכאָעלס און דער פאָלקס־ארטיסט פון פססר מיכאַיל אוליאַנאָוו

שויער איז ניט געווען קיין מוז צו קענען די שפּראַך. זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז באַזונדערס שטאַרק איז אינעם ספּעקטאַקל געווען דער סאַמע כאַראַקטעריסטישער שטריך פון מיכאָעלסעס שאַפונג — זײַן פאָלקסטימלעכקײַט, זײַן ענגע פאַרבינדונג מיט די זיטן און מיטן שטייגער פונעם פאָלק, די פאָלקס־כאָכמע זײַנע. ס'האָט אויסגעזען, ווי אַליין דער פאָלקלאָר האָט אופגעלעבט פאַר אײַך אף דער בינע.

דאָס קענען שאַפן כאַראַקטערן איז אויך געווען אַ וויכטיקער שטריך פון מיכאָעלסעס קונסט. איך פלעג שטענדיק ווערן איבעראַשט, זעענדיק, ווי שטאַרק די דאָזיקע כאַראַקטערן האָבן זיך אונטערגעשיידט איינער פונעם אַנדערן. איינער פון די געלונגנסטע איז געווען דער „לופטמענטש". אַן עכטער פאָלקס־כאַראַקטער, אַ רעגונגסטפולער — אַ לעכערלעכער און גלײַכצײַטיק אַ טראַגישער. דאָס אויסטערלישע, אומגלייבלעכע אין אָט דעם „לופטמענטש" ווערט צונויפגעגאָסן מיט שטייגערישע פּראָטים, און די ניסים ווידערשפּרעכן ניט דעם וואָכעדיקן. און דאָס אַלץ פאַרוואַנדלט די שאַרפקײַט פון דער פאַנטאַסטיק אין עפּעס אומגעווײנלעכס. אָט, לאָמיר נעמען דאָס, וואָס אײדער אָנעמען עפּעס אַ נײַעם באַשלוס (און אַזעלכע זײַנען פאַראַן זייער אַ סאַך), אײַצעט זיך מענאַכעם־מענדל מיט דער שוויגער, דערבײַ הערט זיך דער שוויגערס קאָל פון דער פאָנאָגראַם, ווײַל זי געפינט זיך ווײַט פונעם אײדעם. דאָס איז ניט קיין בייזער, נאָר אַ גוטווייליקער כויזעק איבער לײַכטגלײַביקײַט, איבער קינדערשן היספּײַלעס, איבער דעם, וואָס אַ ניכטערער קאָפּ האַלט פאַר נאַיִווקײַט. און אײנצײַטיק איז דער כאַראַקטער אַן איבערצײַגנדיקער. אײַך דאַכט זיך, אַז מיט אָט דעם מענטשן האָט איר זיך געטראָפן שוין ניט איין מאָל אין לעבן. ס'גלוסט זיך אײַך אפילע אים געבן אַן אײצע, אונטערזאָגן, וואָס ער דאַרף טאָן, קעדיי ניט דערלאָזן קיין פעלער. אין קינדער־טעאַטער איז מיר ניט איין מאָל אויסגעקומען צו הערן, ווי אַזוי די יונגע צושויער, גרייטע אָפּצושטעלן דעם העלד פונעם ספּעקטאַקל פון מאַכן אָט־אָט אַ שרעקלעכן טאָעס, שרײַען צו אים פון זײערע ערטער וועגן דער געפאַר, וואָס וואַרט אף אים. זיי האָבן מוירע פאַר זײַן לעבן און דריקן דאָס אויס מיט הילכיקע אויסגעשרייען אפן גאַנצן צושויער־זאַל. אָט אַזאַ מין געפיל האָט איבערגעלעבט דער צושויער, קוקנדיק דעם „לופטמענטש" אין מיכאָעלסעס טעאַטער.

איך קאָן נישט ניט דערמאָנען אויך „קיניג ליר". כ'האָב פּאָשעט ניט געגלייבט, גייענדיק אפן ספּעקטאַקל, אַז ער האָט זיך אײַנגעגעבן — אַזוי ווײַט זײַנען געווען מײַנע פאָר-

שטעלונגען וועגן שעקספירן: וויאַזוי קאָן מען אים צונויפפאָרן מיטן יידישן פאָלק, מיט זײַן שפראך און מינהאָגים? כ׳האָב אָבער געהאט א טאָעס. די האנדלונג אין פיל שעקספירס פיעסעס קומט פאָר, אין טאָך גערעדט, אין אן אומבאוווסט לאנד. פארוואָס, לעמאָשל, קומט פאָר די האנדלונג פון „האמלעט" אין דענעמארק? דאָס איז אומפארשטענדלעך. ס׳איז אויך ניט פארשטענדלעך, ווו עס קומט פאָר די האנדלונג אין „קיניג ליר". און דאָס איז אויך ניט צופעליק. שעקספיר וויל, אפאָנעם, אונטערשטרײַכן, אז זײַנע טראגעדיעס און קאָמעדיעס קומען פאָר ניט אין א באשטימט לאנד, נאָר אף דער וועלט־בינע פון דער גאנצער מענטשהײַט. דאָס איז אויך, אזוי צו זאָגן, די הויפט־מעלאָדיע, וועלכע האָט געפירט נאָך זיך די גאנצע אָרקעסטער־אויפגאבע אין מיכאָעלסעס ספעקטאקל. יעדער צושויער האָט געזען פאר זיך ניט קיין רעאלן מענטשן מיט א רעאלן נאָמען, נאָר א פאָטער פון דרײַ טעכטער, וועלכע זײַנען באגאנגען, אומגעריכט פאר זיך אליין, א שרעקלעכן לעבנס־פעלער. דער צושויער האָט ווי געזען זיך זעלבסט. און די פילאָסאָפיע פונעם ספעקטאקל איז ווונדערלעך אויסגעדריקט געוואָרן אין ביניאָמין זוסקינס שפיל — ער האָט אייגנארטיק געשאפן דאָס געשטאלט פונעם שעקספירישן לעץ. דאָס איז ניט קיין נאציאָנאלע פילאָסאָפיע, ניט קיין מיינונג וועגן דעם, וויאַזוי ס׳האָט געדארפט האנדלען ליר בא זיך אין לאנד. דאָס איז די פילאָסאָפיע פונעם קאמף פון דאנקבארקײַט, ערע און העלדנמוט קעגן פאראט, כיטרעקײַט און פאלשקײַט.

און לעסאָף — „טעוויע דער מילכיקער". דער ספעקטאקל, וועלכן כ׳האָב געזען אין דער טעלעוויזיע, איז זייער א גוטער. ווונדערלעך שפילט מיכאיל אוליאנאָוו. איך וואָלט געזאָגט, אז ער שפילט מיט אויסערגעווײנלעכן טאקט און — ווי עס וואָלט אזוי געטאָן אויך מיכאָעלס — שפילט קוידעמקאָל א כאראקטער. דערבײַ דארף מען אָפמערקן, אז דאָס האָט א שײַכעס ניט בלויז צו אוליאנאָוון. דער גאנצער ספעקטאקל איז געבויט אבסאָליוט אומאָפהענגיק פון דעם, וויאַזוי עס וואָלט אים געשטעלט מיכאָעלס, אָבער מאכן מאכט ער ניט קיין קלענערן אײַנדרוק.

אוליאנאָוו שטרעבט ניט (אזוי וואָלט געטאָן אויך מיכאָעלס) ארויסרופן צו טעוויען ראכמאָנעס. ער שפילט נעמלעך אזוי, ווי עס קומט פאָר אין לעבן, — דער צושויער פארגעסט, אז די האנדלונג קומט פאָר מיט א סאך יאָרן צוריק, און אומבאקאנטע פאר אים ערטער. אלץ ווײַזט זיך אויס צו זײַן וויכטיק, און ס׳איז אונדז טײַער, וואָס דאָ איז ניטאָ קיין אײַנגעגעסנקײַט — די האנדלונג וואָלט דאָך געקאָנט (דאכט זיך, אז דאָס איז דער פאָשעטסטער וועג) אונטערשטרײַכן יענע פארהעלטענישן, וועלכע איבערצײַגן, אז זיי זײַנען ניט קיין אויסגעטראכטע, נאָר גענומענע פונעם לעבן. מיכאָעלס האָט געשטעלט „טעוויען" אין א גאנץ אנדערן טעמפ, א מער פאמעלעכן, אומגעדולדיקן, נאָר אין ביידע ספעקטאקלען איז צו זען דאָס סאמע ווערטפולע — די אָפנהארציקײַט, אויפריכטיקײַט. דאָס, וואָס איז צוגעטראכט, ווײַזט זיך דיר אויס ווי ריינער עמעס. אגעוו, איז דאָס אייגנטימלעך פאר שאָלעם־אלייכעמס גאנץ שאפן. און ביידע ארטיסטן האָבן אין דער פולער מאָס דאָס אָפגעשאצט.

דער נאציאָנאלער קאָלאָריט פארלירט אין אוליאנאָווס ספעקטאקל, פונקט ווי אין מיכאָעלסעס „קיניג ליר", די פריוואטע סימאָנים פון א באשטימטער נאציאָנאליטעט. דער ספעקטאקל ווערט אן אלמענטשלעכער.

אומקערנדיק זיך צו „קיניג ליר", וויל איך זאָגן, אז כ׳האָב די פיעסע געזען אויך אין קאָזינצעווס שטעלונג. דער דאָזיקער רעזשיסער האָט פארמאָגט זײַן אייגענעם סטיליסטישן צוגאנג — ער האָט געפרוווט שטעלן „קיניג ליר" אומבאדינגט אף א נײַעם אויפן. דאָס האָט א שײַכעס אויך אפילע צו דער אויספאָרמירונג פונעם ספעקטאקל. אזוי, לעמאָשל, איז איינע פון די סצענעס, ווו ליר טרעפט זיך מיט קאָרדעליען, פאָרגעקומען אף א שיף. בא מיכאָעלסן איז אפילע עפעס ענלעכס צו דעם ניט געווען. ער האָט ניט געשטרעבט צו זײַן אומבאדינגט נײַ. אים האָט צוגעצויגן ניט אָריגינעלקײַט לעשעם אָריגינעלקײַט, נאָר די טיפקײַט. און דאָס האָט זיך אים גלענצנדיק אײַנגעגעבן. מיטן זעלבן וועג גייט אויך מיכאיל אוליאנאָוו. אין אוליאנאָוון אנציקט נאָך אויסער אלעם די פארשיידנארטיקײַט פון זײַן טאלאנט — אן אייגנשאפט פון א גרויסן קינסטלער, וואָס איז כאראקטעריסטיש סײַ פאר אים, סײַ פאר מיכאָעלסן. ווען נאָר האָט מיכאיל אוליאנאָוו ניט געשפילט! איך בין געווען איבערראשט, זעענדיק אים אין דער ראָל פון טעוויען.

אף די עלטערע יאָרן פיל איך ווי גוט וואָלט געווען ווידעראמאָל הערן פון מיכאָעלסעס מויל טעוויע דעם מילכיקערס רייד. נאָר אוליאנאָוו האָט מיר געגעבן א פולע קאָמפענסאציע.

יידיש — ב. קאָוויטש

וויקטאר לענזאן

וועגן דריי רעוואָלוציאָנערע לידער, וועלכע ס'האָט פאַרשריבן אירמע יאָונזעם

די בארימטע סאָוועטישע זינגערן אירמע יאָונזעם (1897—1975), א סאָליסטקע פון דער מאָסקווער פילהארמאָניע, האָט באגלײַך מיט דער אויספילעריישער טעטיקײַט זיך פארנומען מיט פארשרײַבן און שטודירן דעם מוזיקאלישן פאָלקלאָר פון פארשיידענע פעלקער. זי איז געווען א טיפע קענערן און אומדערמידלעכער פּראָפּאַגאנדיסט פון דער פאָלקסליד. די ערשטע צווישן די פּראָפעסיאָנעלע זינגער אין סאָוועטנפארבאנד האָט זי אויסגעפילט לידער פון די פעלקער פון דער וועלט אף זייערע נאציאָנאלע שפּראכן. גענוג צו זאָגן, אז אין איר רעפּערטואר זײַנען געווען העכער 300 לידער אף 60 לעשוינעס.

אן אומשאצבארן צושטײַער האָט אירמע יאָונזעם ארײַנגעטראָגן אין דער אנטוויקלונג פון דער סאָוועטישער פאָלקלאָריסטיק אין די 20־ער — 30־ער יאָרן. אין אָט דער צײַט פאָרט זי ארום איבער פארשיידענע געגנטן פונעם סאָוועטנפארבאנד, פארשרײַבט טאָטערישע, באשקירישע, אויראָטישע, יאקוטישע, ייִדישע לידער.

אויסער אלטע טעקסטן מיט מעלאָדיעס פון היסטאָרישער באדײַטונג, וועלכע שפּיגלען אָפּ מערסטנס דעם שטייגער און די נאטור, זײַנען ניט ווייניק געווידמעט דער געזאנג־שאפונג פון די פעלקער פון פּסםר אינעם פּעריאָד פון דער אָקטיאבער־רעוואָליוציע און פון דעם בירגערקריג. אפן יעסאָד פון די דאָזיקע פארשריבענע לידער האָט אירמע יאָונזעם צוגעגרייט אין 1931־טן יאָר א זאמלונג „רעוואָליוציאָנערע פאָלקסלידער", אדאנק וועלכער מיר קאָנען זיך באקאנען מיט אוניקאלע מוסטערן פון דער נאציאָנאלער רעוואָליוציאָנערער, דערונטער ייִדישער רעוואָליוציאָנערער ליד. לויט דער פּראקטיק פון איר אייגענער אויספילונג האָט די זינגערן געגעבן א מעגלעכקײַט די אווטאָרן פון די באארבעטונגען, אופצוכאפּן די כאראקטעריסטישע שטריכן פון די לידער, זייערע אייגנארטיקע אינטאָנאציעס און פאָנעטישע ספּעציפישקײַטן פון דער שפּראך.

אין דער אויבנדערמאָנטער זאמלונג זײַנען פאראן דרײַ ייִדישע לידער איינע פון זיי — „אף די באריקאדעס" — איז געשאפן געוואָרן אינעם פאָלק בײַס דער ערשטער רוסישער רעוואָליוציע פון 1905, און שפּעטער האָט זי באקומען א ברייטע פארשפּרייטונג צווישן די ארבעטער־ייִדן אין דער טקופע פונעם גרויסן אָקטיאבער.

די ייִדישע רעוואָליוציאָנערע ליד איז לאָכלוטן ניט קיין זעלטנהײַט, און מע דארף זי באטראכטן אין דער אלגעמיינער פארבינדונג מיט דער אנטוויקלונג פון דער רעוואָליוציאָנערער ליד אלס אזעלכער אין די באדינגונגען פון רוסלאנד אין אָנהייב פונעם 20־טן יאָרהונדערט. שוין אינעם סאָף פון פאָריקן יאָרהונדערט האָט די רוסלענדישע סאָציאל־דעמאָקראטישע ארבעטער־פּארטיי אָפּגעשאצט די ליד ווי א מעכטיק מיטל פון רעוואָליוציאָנערער פּראָפּאגאנדע. לידער פלעגט מען זינגען אף די מיטינגען און דעמאָנסטראציעס, אף ארבעטער־פארזאמלונגען, רופנדיק צום אנטשיידענעם קאמף קעגן דעם צארישן רעזשים. א קאָלאָסאלע באדײַטונג האָט צוגעגעבן לענין דער רעוואָליוציאָנערער ליד אלס געווער אינעם קאמף פון דעם פּראָלעטאריאט. אין זײַן ארטיקל „די אנטוויקלונג פון די ארבעטער־כאָרן אין דײַטשלאנד" (1913) האָט וו. אי. לענין געשריבן: „קיין שום פּאָליציייִשע צוטשעפּענישן קאָנען ניט שטערן, אז אין אלע גרויסע שטעט פון דער וועלט, אין אלע פאבריק־ייִשווים זאָל קלינגען א מונטערע פּראָלעטארישע ליד וועגן דער נאָענטער באפרײַונג פון דער מענטשהײַט פון אָנגעדונגענער פארשקלאָפונג".

ערעוו דער אָקטיאבער־רעוואָליוציע פון 1917 האָט לענינס מיטקעמפער ג. קרזשיזשאנאָווסקי אנטוויקלט לענינס געדאנק: „אונדזערע רעוואָליוציאָנערע לידער זײַנען פארבונדן מיט די אלגעמיינע צילן און אופגאבן פון דער רעוואָליוציאָנערער סאָציאל־דעמאָקראטיע, מיט דער קאוואָנע ארײַנצוטראָגן אין די רייען פונעם פּראָלעטאריאט מיט דער הילף פון א קעמפערישער ליד די אידיי פון קאמף. די דאָזיקע לידער זײַנען פארבונדן מיט אונדזער אָרגאניזאציע אף מאסן־אגיטאציע... זיי קלינגען אף ארבעטער־מאסאָווקעס, אף דעמאָנסטראציעס, אויסדריקנדיק די געפילן און שטימונגען פונעם רעוואָליוציאָנערן פּראָלעטאריאט, רופנדיק צום קאמף מיט די אונטערדריקער, צו אראָפּוואַרפן די זעלבסטהערשונג". די רעוואָליוציאָנערע ליד אין רוסלאנד האָט שוין פונעם סאמע אָנהייב געטראָגן אן אינטערנאציאָנאלן כאראקטער. אזעלכע לידער, ווי „דרייסטער, כאווײרים" («Смело, товарищи, в ногу»), „ווארשאוויאנקע", „מארסעליעזע", „די רויטע פאָן", האָבן געזונגען אף זייער מוטער־שפּראך רוסן און פּאָליאקן, ייִדן און לעטן, עסטן און אוקראַינער. דאָס הארעפּאשנע פאָלק פון פארשיידענע נאציאָנאליטעטן האָט געהאט א געמיינזאמען ציל. און אָט דער ציל האָט באשטימט די געמיינזאמע טעמאטיק פון די לידער.

אָנהייבנדיק פון 1902, לאָזט סיסטעמאטיש ארויס די רעוואָליוציאָנערע צײַטונג „איסקרא", שפּעטער די „פּראוודא", ווי אויך אנדערע אויסגאבעס, זאמלונגען אונטערן נאָמען „לידער פון דער רעוואָליוציע", „לידער פון קאמף", „לידער פון ארבעט און קאמף" אדג. און ס'איז כאראקטעריסטיש, וואָס די דאָזיקע זאמלונגען שליסן אײַן אין זיך, אלס קלאל, לידער פון פארשיידענע פעלקער. ניט זעלטן באגלייט די מעלאָדיעס פון די לידער א טעקסט, אָפּגעדרוקט אף פארשיידענע שפּראכן, דערונטער אף ייִדיש. אזא, לעמאָשל, איז דער זאמלבוך „לידער פון קאמף און פרײַהײַט", וועלכער איז דערשינען אין 1917 אין

מאָסקווע אַף דער רוסישער, פּוילישער און ייִדישער שפּראַכן. מיר ברענגען דעם טעקסט פון דער ייִדי־שער רעוואָליוציאָנערער ליד „מײַן צאוואָע", וואָס איז אַרײַן אינעם זאַמלבוך:

אָ, גוטער פרײַנט! ווען איך וועל שטאַרבן,
טראָגט צו מײַן קייווער אונדזער פאָן —
די פרײַע פאָן מיט רויטע פאַרבן,
באַשפּריצט מיט בלוט פון אַרבעטס־מאַן!

אין אַן אַנדער ליד גייט אויך דורך דער לייט־מאָטיוו פון דער רויטער פאָן:

ברידער און שוועסטער פון אַרבעט און נויט,
אַלע, וואָס זײַנען צעזייט און צעשפּרייט, —
צוזאַמען! צוזאַמען! די פאָן, זי איז גרייט,
די פלאַטערט פון צאָרן, פון בלוט איז די רויט!

און די ליד, וועלכע ס'האָט פאַרשריבן אירמע יאונזעם, איז אויך וועגן דער פאָן פון די רעוואָ־ליוציאָנערע באַריקאַדעס. זי שטייט אין איין ריי מיט די רעוואָליוציאָנערע לידער פון רוסלאַנד:

אָ, ליבער, מיר האָבן געשלאָסן
אַף לעבן און טויט אַ פאַרבאַנד,
מיר שטייען אין שלאַכט ווי גענאָסן,
די פאָנען די רויטע אין האַנט.
עס טרעפט מיך אַ קויל, מײַן געטרײַער,
אַ קויל פון דעם סוינע דעם הונט,
דאַן כ'שלעפּ דיך אַרויס פונעם פײַער
און הייל דיר מיט קושן דײַן וווּנד.

אַ צווייטע ליד — „די ייִדישע ליד פון מאָבילי־זירטע" האָט אירמע יאונזעם פאַרשריבן אין קיִעוו. די לידער פון מאָביליזאַציע אָדער, ווי מע האָט זיי גערופן ביז דער אָקטיאַבער־רעוואָליוציע, רעקרוט־לידער, פאַרנעמען אַ היפּש אָרט אינעם ייִדישן מוזיקאַלישן פאָלקלאָר. פיל פון זיי זײַנען באַוווּסט געוואָרן אַדאַנק די פאָרשונגס־אַרבעטן פונעם באַ־וווּסטן סאָוועטישן פאָלקלאָריסט מוישע בערעגאָווּ־סקי. דאָסראָוו פון די דאָזיקע לידער געהערן צום ביזרעוואָליוציאָנערן פּעריאָד, און אין זיי איז אָפּ־געשפּיגלט דער אויסזיכטלאָזער גורל פונעם זעל־נער אין דער צאַרישער אַרמיי:

דאָס פערצנטע יאָר איז אָנגעקומען, אוי, אוי, אוי,
דאָס פערצנטע יאָר איז אָנגעקומען,
אין זאַפּאַס האָט מען מיך גענומען, אוי, אוי, אוי,
אין זאַפּאַס האָט מען מיך גענומען, אוי, אוי, אוי...—

אַזוי זינגט זיך אין איינער פון די רעקרוט־לידער אין די צײַטן פון דער ערשטער וועלט־מילכאָמע.

גאָר אַן אַנדערע איז די ליד, וועלכע ס'האָט פאַר־שריבן אירמע יאונזעם, דאָס איז אַ סאָלדאַטישער שפּאַס־מאָטיוו, אַ ליד פון מענטשן, וועלכע גייען מיט אַ לײַכט האַרץ אַוועק אַפן פראָנט, קעדיי קעמפן פאַר דער גערעכטער זאַך פון זייער פאָלק. די ליד ווערט געזונגען אינעם זשאַנער פון אַ „פריילעכס", מיט כאַראַקטעריסטישע פאַר דער ייִדישער ליד אינ־טאָנאַציע־שטריכן און אַקצענטן:

באַ לײַטן, באַ לײַטן, זײַנען מיר געגאַנגען
יונגע פּריזיוווניקעס אין אַרמיי, אין אַרמיי!
ווי אַ רויטער עפּל איז די זון געהאַנגען
און געשפּריצט מיט פונקען האָט דער שניי, האָט
דער שניי!
געגאַנגען, געכאַזערט מירעלעס געזאַנגען,
זינגענדיק און ליכטיק דאָס געמיט, דאָס געמיט,
פריילעך האָבן ווײַטן ווידערהאָלט די קלאַנגען
און צום טאַקט געסקריפּעט האָבן טריט, האָבן טריט.
געזונגען האָט מירל, און די אויגן ווײנען,
ווי אַ שנירל פּערל אירע ציין, אירע ציין,
מעג דער זיוועג מײַנער כאָפּ־ש אַף ביידע פיס
הינקען,
נאָר אַבי אַ מיטגליד פון פאַריין, פון פאַריין.

די לעצטע פון די דרײַ ייִדישע לידער, וועלכע אירמע יאונזעם האָט פאַרשריבן, איז „די ליד פון דעם נײַעם ייִדישן דאָרף", וואָס געהערט אויך צו דער צאָל אַנטשטאַנענע נאָך דער אָקטיאַבער־רע־וואָליוציע נײַע סאָלדאַטישע לידער. אַ פולע מיט פאַרשײַטקײַט און מיט וויצן, רופט זי זיך איבער מיט אַ סאַך אַנאַלאָגישע רוסישע און אוקראַיִנישע לידער פונעם בירגערקריג:

צו ניקאָלקעס מיט געוויין,
קלאָלעס אינעם רענצל,
אין דער רויטינקער אַרמיי
גייט מען מיט אַ טענצל.
סאָנים שרעקט זי, וויי צו זיי!
זאָל זיי שרעק פאַרוועבן,
נאָר פאַר אונדז איז די אַרמיי
אַ ראַבפּאַק פון לעבן.
פאַר אַ נאַשבראַט אין פאַרבאַנד
אָפן אַלע טירן,
מויכעס דאַרף אַצינד דאָס לאַנד,
קעמפער מיט געהירן.
סוינע טאָטשעט אונדזער האַס,
וויל מיט בלײַ אונדז שפּײַזן.
ווו דער שוואַרצער פעפער וואַקסט,
דאַרף מען אים באַווײַזן!
גיב זשע, מאַמע, גיב אַ האַנט,
העלף אונדז זינגען לידער,
בלײַבט יעכילעק ספּעקוליאַנט, —
בין איך אים קיין ברודער.
גיי און זינג! איינס און צוויי!
אין דער האַנט דאָס רענצל!
אין דער רויטינקער אַרמיי
גייט מען מיט אַ טענצל!

...סאַכאַקל דרײַ לידער. אַ קלייניקער שטריך צו דער געשיכטע פון דער ייִדישער רעוואָליוציאָנע־רער קולטור...

■ ■ ■

יוסף בורג

זי איז געוואָרן זיקאָרן

גרויזאַם און ווייטיקלעך האָט דער גורל פּלוצעם אונטערגעפירט אַ סאַכאַקל — טרויער־לענטעס, בלומען, אַ קליין בערגעלע אויף אונדזער גרויסער ערד. און ס׳גייען אַרום אויף אָט דער ערד מענטשן, פאַר וועמען זי האָט אויסגעזונגען איר געזאַנג, אויסגעלאַכט דאָס געלעכטער און אויסגעוויינט דאָס געוויין...

בוריען זיך שטעט און שטעטלעך, וווּ זי האָט געשפּילט טעאַטער. סע לעבט און סע וואַקסט דאָס לאַנד, וועלכן זי האָט ברייטהאַרציק געשאָנקען איר ווונדערלעכן טאַלאַנט.

און דאָס האַרץ ווייטיקט.

די שטומקייט צאַפּלט זיך אויף און שרייט אַרויס אויף אַלערליי קולעס:

— סידי טאַל איז ניט אַוועק פון אונדז! זי איז פּאָשעט געוואָרן אונדזער זיקאָרן!...

גיבן די ווערטער אַ שניט מיט זייער עמעסדיקייט, און דער זיקאָרן פיבערט אין דער אַרויסגעשריגענער שטומקייט, און ברענגט מיך צוריק צו יענע טעג, ווען סידי טאַל איז נאָך געווען מיט אונדז. איך בלעטער די דערהויבענע זײַטלעך פון איר לעבן און, בלעטערנדיק, זע איך פאַר זיך ניט נאָר דאָס בילד פון אונדזער אַמאָליקן טשערנאָוויץ, וועלכער איז אַדאַנק דער שפּראַך־קאָנפערענץ באַוווּסט געוואָרן אין דער ייִדישער קולטור־וועלט, נאָר אויך דאָס בילד פון אונדזער גאַנצן דאָר. עס לעבט אויף און שימערט פאַר מײַנע אויגן דאָס ליכט פון אײַנגעהאַלטענעם שמייכל און פון צעגלידערטער ליבשאַפט צום פאָלקס־גורל, דאָס ליכט פון ווײַטע ריינע פאַרטאָגן.

טשערנאָוויץ — אַ געמיש פון קלויסטערלעכער אַלטמאָדישקייט און שפּעטערדיקן מאָדערניזם. אַן אַלטע עסטרײַכישע פּראָווינץ־שטאָט, וווּ ס׳האָט געבליט ייִדישע אַסימיליאַציע באַנאַנד מיט ייִדישער אָנגעהעריקייט. די ערשטע — עכטע „דויטשע מאָזאַישע קאָנפעסיאָן” — האָבן זיך מאַמעש מויסערנעפעש געווען פאַר דעם אויפהאַלט און פאַרשפּרייטונג פון דער דײַטשישער שפּראַך און קולטור אין דער פּילשפּראַכיקער בוקאָווינע, וווּ פאַרשיידענע קולטור־שטרעמונגען האָבן זיך געקרייצט און קעגנזײַטיק זיך מאַשפּיע געווען. און די צווייטע — אַ קליינע מינדערהײַט פון דער ייִדישער אָרעמקייט, האָט געצויגן צום „מײַקאָ מאַשמע לאָן” און געזוכט אַן אָנשפּאַר אין דעם ייִדישן פאָלקס־לעבן און אין דער ייִדישער מאַכשאָווע.

און ווען טשערנאָוויץ ווערט נאָכן ערשטן וועלט־קריג, שליסנדיק דעם גערעטענעם שידעך מיט בעסאַראַביע, אַ ייִדישער קולטור־צענטער מיט ייִדישע שרײַבער, מיט ייִדיש טעאַטער, — איז דאָס פאַר די אַרטיקע „ייִדישע דײַטשן” דער גרעסטער קלאַפּ. די יוגנט ווערט באַגײַסטערט און פאַרכאַפּט מיט שטיינבאַרגס מעשאָלים, פאַרשיקערט פון איציק מאַנגערס באַלאַדעס.

קולטור קומט הויפּטזאַכלעך פון די ייִדישע גאַסן און געסלעך, פון די פאַבריקן און וואַרשטאַטן. אין איינעם אַזאַ הינטערגעסל, בײַ אַ טאַטן אַ בעקער, איז פיר יאָר נאָך דער שפּראַך־קאָנפערענץ געקומען אויף דער וועלט אַ מיידעלע, וועמען מע האָט אַ נאָמען געגעבן סאָרעלע. און ס׳איז דער סאָרעלען באַשערט געווען אַרײַנצוקומען אינעם הייכל פון אונדזער ייִדישער טעאַטער־וועלט און פאַרנעמען אַן אָרט אויף איינעם פון די „אויבנאָנס”.

איז טאַקע איר ערשטע באַקאַנטשאַפט מיט דער בינע־ראַמפּע פאָרגעקומען אין ניט פולן צעניאָריקן עלטער, ווען די דעמלט באַוווּסטע ייִדישע אַקטריסע ראָכעלע אַקסעלראָד האָט באַדאַרפט פאַר איר „שולאַמיס” אַ מיידעלע, וואָס זאָל קאָנען שיין זינגען.

און סאָרעלע האָט געזונגען אין ייִדישן טעאַטער. דערנאָך האָט זי אויסגעשפּילט און אויסגעזונגען אין דעם טאַטנס בעקערײַ אַלץ, וואָס זי האָט דאָרט געזען און געהערט. און ס׳האָט שוין אין איר בלוט געזונגען די שפּעטערדיקע סידי טאַל, דערווײַל נאָך אַן אײַנגעקלעמטע אין די צוואַנגען פון ייִדישער נויט.

אין קעלער איז געווען האַלב־פינצטער. דער אויוון האָט שטיל און סודעסדיק געגליט, און אַ פּאָר בעקער־יונגען זײַנען, נאָכן פאַרזעצן דאָס געבעקס, געזעסן די הענט פאַרלייגט און געפלעפּטע זיך אײַנגעהערט אין סאָרעלעס געזאַנג, וואָס האָט ניט געלאָזט זיי אײַנשלאָפן...

פלאַקער, פײַער, פלאַקער,
פלאַקער פריילעך צו.

פראגמענטן פונעם דענקמאָל סידי טאַל

דעם פויער מיט זײַן אקער,
דעם פאסטעך מיט זײַן קו...

איר געזאנג האָט געקלונגען מיט פעלד-געוויטערס און געשמעקט מיט בלומען. עס האָבן אויך אופגעלעבט די ייִדישע געסלעך, אין וועלכע ס'האָט צוזאמען געהויזט א גרוי-זאמע אָרעמקײַט און א פארביקער כאַלעם. און דער כאַלעם איז געווען זיסער פון דער וואָר.

און זי האָט געזונגען, ביז אין די גרויע פענצטער האָט זיך צעשימערט דאָס ליכטיקע בלוי פון א נײַעם באַגינען...

ווען די זעכציקיאָריקע סאַרעלע איז אנגע-זשירט געוואָרן קיין בוקארעשט לויט דער רע-קאָמענדאציע פון אירן א קאַרעוו, אויך אַן ארטיסט, איז די פרעסע, סײַ די ייִדישע, סײַ די רומענישע, מיטאמאָל פול געוואָרן מיט לויב-געזאנגען „פאר דעם מיידעלע, וואָס פארקישעפט דעם זאַל". סאַרעלע בירקנטאל ווערט איבער נאכט — סידי טאל, א נאָמען, וואָס וועט זי פון דאַן אָן באַגלייטן איבער שטעט און לענדער, און אומעטום וועלן הילכן באַגײַסטערטע אויסרופן:

— בראוואָ, בראוואָ, סידי טאל!

זאָל מיר דערלויבט זײַן אָנשלאָגן דערבײַ א פערזענלעכן מאָטיוו. מיר זײַנען דאָך ביידע בוקאָווינער, ביידע געוואַקסן אין ייִדישע הינ-טערגעסלעך, און איך זע שוין די באַוווּסטע שוישפּילערן, כאָטש בא קיין צוואַנציק האַלט זי נאָך ניט.

און מאָדנע: צוויי אפישן אײנע לעבן דער צווייטער. אײנע מיט גרויסע שרײַענדיקע, ייִדי-שע אויסיִעס — סידי טאל קומט שפּילן קיין טשערנאָוויץ. און די צווייטע, מיט א שווארצן האקנקרייץ, ווי א טויטע שפּין איבער דער גאנצער ברייט, רופט צו פּאָגראָמען, צו שענד-לעכן מענטשן-האס.

עס איז געווען ערעוו דרײַ און דרײַסיק. אויך איבער די בוקאָווינער קארפּאטן האָט אָפּ-געהילכט דער נאציסטישער מעשוגאַס פון די מינכענער ווײַנקעלערס און ביר-האַלעס...

איך קום אין טעאטער זען „ציפקע פײַער", „דזשייקעלע בלאָפער". אָט איז סידי — אינ-גאנצן טאנץ און געזאנג, און אָט זײַנען אירע לידער — בלויז איין פּאראַסענע טרער, אָבער אזא שליימעסדיקע, אז דער גאנצער וועלט-באשאַף שפּיגלט זיך אין איר אָפּ...

אפילע אין אזעלכע ספּעקטאקלען פון צווייפלהאפטן קינסטלערישן ווערט, ווי „די קאָמעדיאַנטקע" אָדער „די שיקערטע" האָט זי אַרײַנגעבלאָזן נעשאָמע און לעבן. זי איז געווען שטענדיק געצוימט אין אירע באווע-גונגען, ניט איבערגעטריבן מיט הייבן א פיסל, אָדער א שעלמישן ווונק פון אויג. זי האָט מיט איר שפּילן געקישעפט.

טיפע וואָרצלען אין סידיס ווײַטערדיקן שאַפן האָט איבערגעלאָזט איר באַגעגעניש מיטן שרײַבער און רעזשיסער יאנקעוו שטערנ-בערג. איך האָב געהאט די זכיה צו זען קימאַט אַלע ספּעקטאקלען, וואָס שטערנבערג האָט געשטעלט מיטן אָנטייל פון סידי טאל און איר טרופּע. נאָר אין מײַן זיקאָרן האָט זיך שאַר-פער פון אַלץ פארקריצט „דער גאָלדער שאָטן", עפּשער דערפאר, וואָס דאָס איז געווען סידי טאלס דעביוט, איר ערשטער שפּאַן צו פּראָג-רעסיוון, עכט קינסטלערישן טעאטער.

די יונגע, מיט אַלע זיבן כיינען באשאָנ-קענע סידי, האָט געשפּילט די ראָל פון א ייִדיש גאסנמיידל, וואָס האָט געבראכט איבער יאמען אין דער ווײַטער לאטײַן-אמעריקע איר יוגנט, איר שיינקײַט, דעם רייץ פון פארליבט-קײַט. און אַלץ מיטאמאָל האָט זי אויסגעביטן אָף אילויזאָרישע אויצרעס פון אן אָפּגענאַרט גליק.

און וואָס שטארקער ס'איז געוואַקסן איר באַגער איבערצוזײַסן מיט דעם העפקערדיקן לעבן, זיך אָקעגנשטעלן דעם גרויסן אומרעכט, אַלץ בוילעטער איז איר נאָכגעגאנגען דער גאָלדער שאָטן פון א גאסנפרוי.

פּאַרזיכטיק און באַדאכט האָט סידיס איי-דעלער קערפּער, אויסגעשניצט ווי א פּידל, זיך באוועגט איבער דער בינע, גלײַך זי וואָלט געשפּאנט אָף גליִענדיקע דראָטן. און אין אירע אויגן, וואָס האָבן געהאט די קאָלירן סײַ פון שוואַרץ, סײַ פון טונקל-בלוי, האָט ניט גע-סאַרפּעט דער טײַוולאָנישער פלאַם פון א גאסנפרוי.

סידי האָט געלעבט דאָס לעבן פון אָט דעם מיידל, געזען מיט אירע אויגן און גע-פילט מיט איר הארץ. זי האָט אין א מאַניר פון צאַרטער אופריכטיקײַט אנטפּלעקט דעם טרויעריק-שוידערלעכן פרויען-גורל.

באם ברעג פון יאמען וווינען מיר,
באם ברעג פון יאמען אונדזער טיר,
די פרוי פון יעדן זײַנען מיר,
מיר.

און ווען זי האָט זיך א הייב געטאָן אָף די שפּיץ פינגער צום פענצטער אקעגן יאם, האָבן די כוואַליעס פלוצעם זיך אָפּגעשטעלט, די שטערן זײַנען העלער געוואָרן און א שטיל-קײַט האָט געגליווערט דעם זאַל.

זי האָט אויסגעשפּרייט די אָרעמס, ווי פליגלען, איר קערפּער האָט געציטערט. א דין געוויין פון א פידל האָט זי פארוויגט, און זי

האָט זיך געדרייט און ניט געקאָנט ארויס פונעם אייגענעם קרײַז...

מיט טיפער דערפינדערישקײַט האָט סידי געבראַכט אַף דער בינע דעם צוזאַמענשטויס צווישן ריינער, גלויביקער גוטסקײַט און דעם ליגן פון אַ פאַרקריפּטער וועלט. געבראַכט מיט פּאָעטישער ליטערקײַט און אַרײַנגעוועבט אין איר קונסט די אידעלע שפּיל פון בענקשאַפט און ליבע.

דערנאָך איז געקומען אַ צײַט פון רײַפן טאַלאַנט. אַרבעט און לעבן האָבן געשליפן אירע אויסערגעוויינלעכע פעיִקײַטן, זיי פאַרייניקט מיט דערפאַרונג און געניטשאַפט. נאָר ניט באַרירט איר כיין.

עס הייבן זיך אָן קייטלען אײנס נאָכן אַנדערן ספּעקטאַקלען פון הויכער קינסטלערישער קרעאַציע. שאָלעם-אַלייכעמס „אויצער", ז. זינגערס „יאָשע קאַלב", רעוויו-אויפפירונגען, ווי „ראָזשינקעס מיט מאַנדלען", „טעאַטער אין פלאַמען" אאַ.

די אַקטריסע האָט ניט „קאָפּירט" דאָס לעבן, דעם כאַראַקטער פון אירע העלדן, נאָר פאַרוואַנדלט זיי אין — סידי טאַל... איר שפּילן האָט פאַרמאָגט אַ סאַך קינסטלערישן טאַקט. און אַלץ, וואָס זי האָט געטאָן אַף דער בינע, איז געווען שיין, איידל, פאַרוואַנדלט אין עכטער אַקטיאָרישער שאַפונג.

עס דערמאָנט זיך סידי טאַלס אַ זאָג:

— טעאַטער איז פונדעסטוועגן „ניט קיין שפּיגל, וואָס אימיטירט דאָס לעבן, נאָר אַ פאַרגרעסער-גלאָז", ווי ס'האָט טרעפלעך באַמערקט מאַיאַקאָווסקי. אינעם שטראַל פון טעאַטראַלן פּראָזשעקטאָר איז די רגע פון לעבן אַ סאַך אָנזעעוודיקער, קלאָרער, גרעסער, גלײַך ווי אַ טראָפּן וואַסער אונטער אַ מיקראָסקאָפּ...

אַ סאַך האָבן געפּרוּווט שפּילן טעאַטער אַזוי ווי סידי טאַל, און בײַ קיינעם האָט זיך עס ניט באַקומען. פאַרוואָס? קאָן זײַן דערפאַר, וואָס מע האָט באַדאַרפט אָפּלעבן אַזאַ לעבן, ווי זי.

אינמיטן פון די דרײַסיקער יאָרן, ווען דער אַנטיסעמיטיזם אין רומעניע האָט דערגרייכט זײַן אַפּאָגיי, איז דער דאָרטיקער אײַנגעוואָרצלטער ייִדישער ייִשעוו צעטרייסלט געוואָרן פון אַן אומגעהייערן פײַער-שטורעם. אַלץ, וואָס איז געווען ייִדיש, איז פאַרבאָטן געוואָרן. אפילע רעדן ייִדיש אפן גאַס האָט מען פאַרווערט.

סידי טאַל איז אַוועק קיין אויסלאַנד. איך האָב זי געזען אין ווין, ווו אַ צווייטע, נאָך גרעסערע צעטרייסלונג איז אונדז נאָכגעגאַנגען — דער פאַשיסטישער „אַנשלוס".

אין אַ קורצער צײַט אַרום, נאָכן „פאַלן" פון דער פאַשיסטישער רעגירונג אין רומעניע, האָט סידי טאַל ווידער געשפּילט אין בוקארעשט.

אַ קליינע דערמאָנונג:

איך טראָג זיך אַרום איבער די בוקארעשטער גאַסן מיט מײַן נאָרוואָס דערשינענעם ערשטן ביכל. אייניקע „קויפן", וואַרפן מיר צו די פּאָר ליי, ווי אַ נעדאָווע. אַנדערע זאָגן זיך אָפּ. ווער העפלעך און ווער גראָביונגעריש. איך בין דאָך ניט דער ערשטער, וואָס קומט מיט זײַן „סכוירע". אין אַ ייִדישער שניטקראָם, אַף דער סאַמע הויפּט-גאַס — קאַלעאַ וויקטאָריִא, שטיי איך ווי אַן עוויען בײַ דער שוועל פון אַ רײַכן קראָם און וואַרט, דער באַלעבאָס בײַ דער קאַסע זאָל נעמען מײַן ביכל, אָדער זאָל מיר אָפּזאָגן. מיטאַמאָל קומט אָן סידי טאַל און, דערזעענדיק מײַן בעטלערפּאָזע, כאַפּט זי אַרויס פון מײַנע הענט דעם אויסגעשטרעקטן עקזעמפּליאַר, דערלאַנגט אים דעם באַלעבאָס. און סע גייען דורך געציילטע מינוטן, האַלט איך שוין דאָס געלט אין מײַן האַנט. דער סויכער בײַ דער קאַסע האָט, זעט אויס, ניט געקאָנט גיוועער זײַן סידי טאַלס צוויבער-שמייכל, וואָס איז געווען שטאַרקער פון זײַן קאַרגשאַפט.

איך געזעגן זיך מיט סידי טאַל לעבן איר קיווער. דער גורל האָט גרויזאַם און ווייטיקלעך אונטערגעפירט אַ סאַכאַקל — אַ טרויעריק בערגעלע ליים.

סידי טאַל איז אָבער ניט אַוועק פון אונדז. זי איז פּאָשעט געוואָרן אונדזער זיקאָרן.

■ ■ ■

לעטערנדיק זשורנאלן און צײַטונגען

איינער פון די ערשטע רעדאקטאָרן

וועגן הענעך קאזאקעוויטשן, איינעם פון די ערשטע רעדאקטאָרן פון דער צײַטונג „ביראָבידזשאנער שטערן", קאָן מען שרײַבן א סאך. ער איז געווען פון יענע מענטשן, וואָס די קאָנטאקטן מיט זיי פארשאפן קאָלאָסאלע פרייד. אן אלטער קאָמוניסט, א פראָפעסיאָנעלער צײַטונגס־טוער און ליטעראטור־קריטיקער, א מענטש פון שארפן סייכל און טיפע קענטעניש, איז ער אין דער זעלבער צײַט געווען א באשיידענער און אויסשליסלעך גוטווילי־קער מענטש.

צום ערשטן מאָל האָב איך זיך באגעגנט מיט אים אין מײַ 1933.

קלײַבנדיק זיך מיט מײַן ליטעראַרישן קאָלעגע פאוועל קאָבזארעווסקין אין א שעפערישער קאָמאנדירונג אפן ווײַטן מיזרעך, האָבן מיר אף עטלעכע טעג זיך אָפּגעשטעלט אין מאָסקווע. געלט אף אזא ווײַטער רײַזע איז בא אונדז געווען קנאפּ. קאָלזמאָן מיר האָבן געטראכט, ווי קריגט מען עס, האָבן מיר אומגעריכט באגעגנט אף דער גאס דעם באוווסטן ייִדישן דיכטער שמועל האלקינען. ביידע זײַנען מיר געבוירן אין איין שטאָט — אין ראָגאטשאָוו, און האלקין האָט מיך זייער גוט געקענט. ווען איך האָב אים דערציילט וועגן אונדזער רײַזע און וועגן די מאטעריעלע שוועריקײַטן, האָט ער אונדז געייצעט זיך ווענדן אין דער צענטראלער איבערוואנדערישער פארוואלטונג, וועלכע האָט זיך פארנומען מיט דער איבערוואנדערונג פון ייִדן קיין ביראָבידזשאן.

— אזוי אָדער אנדערש, — האָט געזאָגט האלקין, — ביראָבידזשאן וועט איר ניט אויסמײַדן. דער דאָרטיקער קאנט איז אן אויסשליסלעך אינטערעסאנטער, דאָרט קומען פאָר וויכטיקע זאכן. איז זאָגט אין דער איבערוואנדערישער פארוואלטונג, אז איר וועט אָנשרײַבן א ריי פארצייכענונגען. איך בין זיכער, אז אײַך וועט מען העלפן סײַ מיט בילעטן, סײַ מיט געלט אפן וועג...

באקומען האָט זיך אזוי, ווי האלקין האָט געזאָגט.

אונדז האָט מען ארויסגעגעבן א ליטער אף צוויי אומזיסטיקע בילעטן, די נייטיקע סומע געלט, און אין דעם זעלבן אָוונט האָבן מיר זיך געלאָזט אין ווײַטן וועג.

מיר זײַנען געקומען אף דער סטאנציע טיכאָנקאיא דעם פערצנטן מײַ. און כאָטש דער טאָג איז געווען א טריבער, נאָר קיין רעגן איז ניט געווען. גלײַך פון דער סטאנציע האָבן מיר זיך געלאָזט אין רעדאקציע. לאנג זוכן זי איז ניט אויסגעקומען. די שטאָט האָט זיך דאָך ערשט אָנגעהויבן און זי איז באשטאנען פון א צענדליק הילצערנע, ווי מע האָט זיי דאן אָנגערופן, „געפילטע" הײַזער. די גאס איז געווען צעשווענקט פון די דורכגעגאנגענע פרי־ער רעגנס, די בלאָטע אף איר איז געווען ניט בײַצוקומען, נאָר פאר די פוסגייער האָט מען דורכגעלייגט א שמאָלינקן, פון דרײַ ברעטלעך, טראָטואר. גיין איבער אים האָט מען געדארפט זייער פאָרזיכטיק, ווײַל עס איז געווען גענוג שטארק אָנקוועטשן אף די ברעטלעך, ווי פון אונטער זיי האָט אָנגעהויבן פליוכען וואסער.

געקומען אין רעדאקציע, האָבן מיר זיך געווענדט צו א יונגן מענטשן אין שפּאקולן (דערנאָך האָב איך זיך דערוווּסט, אז דאָס איז געווען נאָכעם פרידמאן), וועלכער איז געזעסן באם טיש פארטיפט אינעם לייענען מאטעריאלן.

ווען מיר מיט קאָבזארעווסקין האָבן אים באוויזן די קאָמאנדירונג־צײַגענישן, האָט ער זיי אפילע ניט גענומען לייענען, ער איז אופגעשטאנען און איז אוועק אין שכיינישן צימער. אינגיכן האָט ער זיך אומגעקערט פון דאָרטן א פריילעכער, א לויכטנדי־קער:

— דער רעדאקטאָר לאדט אײַך אײַן!

בא א ברייטן טיש באם פענצטער איז געזעסן א פולבלעכער פעסטגעבויטער מאנצבל אין ברילן אין פּאָשעטע אײַזערנע רעמלעך. ארופגערוקט זיי אפן שטערן, האָט ער מיט צוגעזשמורעטע אויגן פאָרשעריש א קוק געטאָן אף אונדז און אויסגעשטרעקט די האנט צוערשט מיר, דערנאָך קאָבזארעווסקין.

— קאזאקעוויטש! — האָט ער געזאָגט. — הענעך לוואָוויטש!

מיר האָבן זיך אויך אָנגערופן, און גלײַך האָט צווישן אונדז זיך פארבונדן אן אומגעצוווּנגענער געשפּרעך.

זיך דערוווּסט וועגן אונדזערע פּאסירונגען אין מאָסקווע און וויאזוי שמועל האלקין האָט מיט זײַן גוטער אייצע אונדז געהאָלפן, האָט קאזאקעוויטש, צוטוליענדיק זיך צום ווענטל פונעם שטול, זיך שטארק צעלאכט:

— מאָלאָדצי, איר האָט זיך ניט פארלוירן. דער־פון דרינגט, אז איר זײַט שרײַבער־איבערוואנדערער!

— זאָל זײַן אזוי, — האָט א בורטשע געטאָן קאָבזארעווסקי. נאָר מיר איז געוואָרן ניט אָנגענעם און

כ׳האָב דערשפּירט, אַז איך ווער רויט: צו יענער צײַט בין איך שוין געווען דער אווטאָר פון פיר ביכער לידער און פּראָזע.

און קאַזאַקעוויטש האָט פאָרגעזעצט:

— אויב איבערוואַנדערער, דאַרפט איר זיך באַזעצן בײַ אונדז אויף לאַנג...

די צווייטע באַגעגעניש מיטן רעדאַקטאָר פונעם „בּיראָבּידזשאַנער שטערן” איז פאָרגעקומען אין א יאָר אַרום, ווען איך האָב זיך שוין פעסט באַזעצט אין כאַבאַראָווסק און געאַרבעט אין דער רעדאַקציע פון דער צײַטונג „טיכאָאָקעאַנסקי קאָמסאָמאָליעץ”. די דאָזיקע באַגעגעניש, קאָן מען זאָגן, איז איבערגעוואַקסן אין פרײַנטשאַפט סײַ גופא מיט הענעך לוואָוויטשן, סײַ מיט זײַן זון עמאַנויל, דעם קינפטיקן אָנגעזעענעם סאָוועטישן שרײַבער.

קיין ספּעציעלע פאַרגעבונג פון דער רעדאַקציע אַרויספאָרן קיין בּיראָבּידזשאַן איז בײַ מיר ניט געווען. איך האָב פּאָשעט פאַרטראַכט אַרויספאָרן — זיך אַרײַנגעזעצט אין ערשטן צוג, וואָס איז געשטאַנען אויף דער סטאַנציע, און, ניט געקוקט אויף דער נאַכט, בין איך געקומען קיין בּיראָבּידזשאַן. ווי בײַ די קאָרעספּאָנדענטן פון די קאַנטישע צײַטונגען איז געווען אײַנגעפירט, האָב איך פריער, איידער אײַנאָרדענען זיך אין האָטעל, זיך געלאָזט אין רעדאַקציע. איך האָב געוווּסט, אַז עמעצן וועל איך דאָרט געוויס טרעפן. און קיין טאָעס האָב איך ניט געהאַט. אַקוראַט אין אָט דער צײַט האָט דער רעדאַקטאָר אונטערגעשריבן די זײַטן צום דרוק.

— דאָס ביסטו, האַלבנאַכטיקער! — האָט אויסגעשריגן קאַזאַקעוויטש, ווי נאָר איך האָב באַוויזן אַריבערשפּאַנען די שוועל פון זײַן קאַבינעט. — מיסטאָמע עפּעס דרינגענדיקס, אויב דו ביסט געקומען בײַנאַכט.

— קיין שום דרינגענדיקס.

— אויב אַזוי, איז זיץ א ווײַלעטשקע. איך וועל אונטערשרײַבן די זײַטן, וועלן מיר גיין צו מיר, אויסטרינקען א גלאָז טיי און זיך לייגן שלאָפן.

מיר זײַנען געקומען צו אים אַהיים בײַ דרײַ אַזייגער בײַנאַכט און געטרונקען טיי א שאָ אָנדערהאַלבן, פירנדיק א רויִקן ניט געאײַלטן שמועס. טאַקע דאַן האָב איך זיך דערוווּסט, אַז הענעך לוואָוויטשעס זון עמאַנויל געפינט זיך אין וואָלדהיים, באַטייליקט זיך אינעם אײַנאָרדענען די אָקאָרשט געקומענע אַהין מענטשן, האָט אָרגאַניזירט פון דער יוגנט א ברייגאַדע און גייט מיט איר קאָרטשעווען די טײַגע.

— מיט איין וואָרט, מײַן זון איז דאָרט אַן אַקטיווער אָנפירער, — האָט געזאָגט קאַזאַקעוויטש און געייצעט: — נאָר די צײַטונג האָט ער אָנגעהויבן פאַרגעסן. מיר קאָנען זיך ניט דערוואַרטן אויף די צוגעזאָגטע פאַרצייכענונגען. ער איז דאָך, איך בין דיר זיך מודה, אויך א פּאָעט, און דיר וועט זײַן אינטערעסאַנט צו באַקאַנען זיך מיט אים. — און נאָך א קורצער פּאַוזע האָט ער געזאָגט: — לאָמיר מאָרגן אינדערפרי צופאָרן מיט דיר אויף א פּאָר שאָ קיין וואַלדהיים. איך בין זיכער, אַז דו וועסט דערנאָך געוויס אָנשרײַבן, אויב ניט קיין לידער, איז א פאַרצייכענונג פאַרן „טיכאָאָקעאַנסקי קאָמסאָמאָליעץ”. נאָר אַצינד דאַרף מען שלאָפן.

ער האָט געבראַכט פונעם אַלקער א קישעלע, א לײַלעך, האָט עס אַוועקגעלייגט אויף דער סאָפע.

— בעט אויס, און א גוטע דיר נאַכט!

איך דאַרף זאָגן, אַז קאַזאַקעוויטש האָט געהאַט גרויס אווטאָריטעט ניט נאָר אין בּיראָבּידזשאַן. אים האָט מען ליב געהאַט און געאַכטעט צווישן די ווײַטמיזרעכדיקע זשורנאַליסטן, אים האָט פאַרבונדן א לאַנגאָניקע פרײַנטשאַפט מיטן סעקרעטאַר פונעם קאַנטקאָם פון דער פּאַרטיי לאַווערענטיעוון, מיטן רעדאַקטאָר פון „טיכאָאָקעאַנסקאַיאַ זוועזדאַ” שאַצקין, מיטן באַוווּסטן שרײַבער און אָנגעזעענעם מיליטערטוער ערדבערגן.

אַלעקסאַנדער פּאַדייעוו האָט אויף איינעם פון די פּלענומס פונעם קאַנטקאָם פון דער פּאַרטיי זיך באַקאַנט מיט קאַזאַקעוויטשן, געוואָרן זײַנער א נאָענטער כאַווער, און צווישן זיי האָבן זיך אײַנגעשטעלט פרײַנטלעכע באַציִונגען.

אויף דער ערשטער אָרגאַניזאַציאָנעלער פאַרזאַמלונג פון די ווײַטמיזרעכדיקע ליטעראַטן ערעוו דעם אַלפאַרבאַנדישן צוזאַמענפאָר איז לויט פּאַדייעווס פאָרשלאָג הענעך קאַזאַקעוויטש אויסגעוויילט געוואָרן אין דער פאַרוואַלטונג פון אונדזער שרײַבעראָרגאַניזאַציע.

אינגיכן האָט קאַזאַקעוויטש אײַנגעלאַדן פּאַדייעוון קיין בּיראָבּידזשאַן און האָט אים באַגלייט אין דער רײַזע איבער דער געגנט. זיי זײַנען געווען אין די איבערוואַנדערישע קאָלווירטן, אינעם דאָרף בּלאַגאָסלאָווענאָיע אַפן אַמורער ברעג, אין אַנדערע ערטער. אויף אַלעקסאַנדער אַלעקסאַנדראָוויטשן האָט די דאָזיקע רײַזע, לויט זײַן אייגענער אָנערקענונג, געמאַכט א קאָלאָסאַלן אײַנדרוק און ער האָט מיטגעטיילט וועגן איר קיין מאָסקווע זײַנע אייגענע און פרײַנט.

אָן א גוזמע קאָן מען זאָגן, אַז בוכשטעבלעך אין אַלץ, מיט וואָס עס איז באַרימט אין אונדזערע טעג די יידישע אווטאָנאָמע געגנט, איז פאַראַן א טיילכל פון דער נעשאָמע, פונעם האַרצן פון איינעם פון די ערשטע רעדאַקטאָרן פון דער צײַטונג „בּיראָבּידזשאַנער שטערן” הענעך קאַזאַקעוויטש.

ס ע מ י אָ ן ב י ט אָ וו אָ י

לאַמיר נאָכאַמאָל אַרײַנקוקן אין די שלוס-זײַטן פֿונעם „ביראָבידזשאַנער שטערן“, וווּ עס דרוקן זיך געוויינלעך מוידאָעס, מיטיילונגען און אַנדערע אינפֿאָרמאַציעס.

דער געגנטלעכער קאָמיטעט קפּסס, דער אויספֿירקאָם פֿונעם געגנטלעכן סאָוועט פֿון פֿאָלקס-דעפּוטאַטן פֿון דער ייִדישער אויטאָנאָמער געגנט, די רעדאַקציע פֿון דער צײַטונג „ביראָבידזשאַנער שטערן“ לאַדן אײַן די לייענער, דעם אויטאָר-אַקטיוו פֿון דער צײַטונג זיך באַטייליקן אין דער פֿײַערלעכער פֿאַרזאַמלונג, געווידמעט דעם 10-טויזנטיקן נומער „ביראָבידזשאַנער שטערן“.

די פֿאַרזאַמלונג וועט פֿאָרקומען אינעם ביראָבידזשאַנער שטאָטישן קולטור-פּאַלאַץ.

קאָנצערט-זאַל פֿון דער געגנטלעכער פֿילהאַרמאָניע
ייִדישער מוזיקאַלער קאַמער-טעאַטער
פּ ר ע מ י ע ר ע
„טום-באַלאַלײַקע“
(מוזיקאַלישע פֿאָרשטעלונג אין 2 אָפּטיילונגען)
אויטאָר אַ ר ק אַ ד י כ אַ י ט
מוזיקאַלע באַאַרבעטונג פֿון מ י כ אַ י ל ג ל ו ז
רעזשיסער אַ ל ע ק ס אַ נ ד ע ר ל ע װ ע נ ב ו ק
קינסטלערישער אָנפֿירער — פֿאַרדינסטפֿולער קונסט-טוער פֿון רספֿסר קאָמפּאָזיטאָר
מ י כ אַ י ל ג ל ו ז
אָנהייב 19.30.
עס ווערן אָנגענומען קאָלעקטיווע באַשטעלונגען.

די געגנטלעכע פילהארמאָניע

פירט דורכ אינ דער שטאָט אונ אינ די ראַיאָנעו פונ געגנט

א קונסט־פעסטיוואל,

געווידמעט דעמ 40־טנ יאָרטאָג פונעמ זיג פונעמ סאָוועטישנ פאָלק אינ דער גרויסער פאַטערלענדישער מילכאָמע

אינעמ פעסטיוואל באַטייליקנ זיכ: דער לענינגראַדער פידל־אַנסאַמבל אונטער דער אָנפירונג פונעמ פאַרדינסטפולנ קונסט־טוער פונ רספסר אי. שפּילבערג; דער לאוּרעאַט פונעמ צווישנפעלקערלעכנ קאָנקורס ג. טשערניטשאָק — באַיאַנ; דער פאַרדינסטפולער ארטיסט פונ דער באַשקירישער אססר וו. פּעריל — פּאַרלעזער; דער פאַרדינסטפולער ארטיסט פונ רספסר א. שוואטאָוו; דער לאוּרעאַט פונעמ אלפאַרבאַנדישנ קאָנקורס סוועטלאַנע קולפּאַ; דער לאוּרעאַט פונעמ אלפאַרבאַנדישנ קאָנקורס „סאָטשי־80“ וואָקאַל־אינסטרומענטאַל־אַנסאַמבל „איאַנ“; די שאָו־גרופּע „פריילעכס“; דער יידישער מוזיקאַלער קאַמער־טעאַטער.

די קולטור־פאַרוואַלטונג פונ געגנט־אויספירקאָמ פירט דורכ א געגנטלעכע אויסשטעלונג פונ פראַקטישער קונסט, געווידמעט דעמ 40־טנ יאָרטאָג פונעמ זיג פונעמ סאָוועטישנ פאָלק אינ דער גרויסער פאָטערלענדישער מילכאָמע.

די זעלבסטעטיקע מייסטערס קאָנענ פאָרשטעלנ אפ דער אויסשטעלונג זאַכנ פונ געהילצ, קינסטלערישע אויסהעפטונג, טשעקאַנקע אונ אנדערע ארבעטנ.

באַשטעלונגענ צוליבנ אָנטייל אינ דער אויסשטעלונג ווערנ אָנגענומענ דורכ די טעלעפאָנענ 90־27־6 אונ 13־91־6.

אינ קינאָטעאַטער „ראַדינאַ“ ווערט עקספּאָנירט אנ אויסשטעלונג פונ ארבעטנ פונ די שילער פונ דער קונסט־שול, געווידמעט דעמ 40־טנ יאָרטאָג פונעמ גרויסנ זיג.

די אָרדנטלעכע פאַרנעמונג אינ דער שול פונ יונגע זשורנאַליסטנ בא די רעדאַקציעס פונ די געגנטלעכע ציַיטונגענ אונ געגנטלעכער ראַדיאָ וועט פאָרקומענ אינ קאָנפערענצ־זאַל פונ רעדאַקציע פונ דער ציַיטונג „ביראָבידזשאַנער שטערנ“ (לענינ־גאַס, 34־א).

עס ווערנ איַינגעלאַדנ שילער פונ די עלטערע קלאַסנ, סטודענטנ פונ די מיטלע ספּעציעלע לערנ־אַנשטאַלטנ אונ אלע, ווער עס פאַרלאַנגט.

אינ דער פאָנאָגראַפיע־סטודיע זיַינענ אָנגעקומענ נייַע לידער פונ סאָוועטישער אונ אויסלענדישער עסטראַדע. די סטודיע פאַרמאָגט מאַגניט־סטענגעס אונ קאָמפּאַקט־קאַסעטעס. זי שיקט איַיכ ארויס באַשטעלונגענ מיט נאָכצאָל.

די פאָנאָגראַפיע־סטודיע געפינט זיכ לויטנ אַדרעס: שאָלעמ־אליי־כעמ־גאַס, 81. מיר לאַדנ איַינ באַזוכנ די פאָנאָגראַפיע־סטודיע.

א באַגעגעניש מיטן באַוווּסטן קינסטלער

מיר האָבן געוואַרט אַף אַט דער באַגעגעניש — אַף אַ באַגעגעניש מיט דער פולער זאַמלונג אַרבעטן פונעם קינסטלער, וועלכן מיר האָבן גוט געקענט, ליב געהאַט און מיט וועמענס לעבנסהעלדנטאַט פלעגן מיר שטענדיק זיך אַנציקן.

ווען די דאָזיקע באַגעגעניש איז פאָרגעקומען, ווען הונדערטער פאַרערער פון זײַן טאַלאַנט האָבן זיך פאַרזאַמלט אינעם אויסשטעלונגס־זאַל פונעם קינסטלער־פאַרבאַנד פון אוקראַיִנע, איז אַליין דער באַלסימכע פון דער דאָזיקער פײַערונג, איינער פון די גרינדער פון דער אוקראַיִנישער שילדערונגסקונסט, זינאָווי טאָלקאַטשאָוו שוין ניט געווען. עס איז געווען אַרויסגעהאַנגען בלויז זײַן פּאָרטרעט, אונטער וועלכן עס האָבן געקלונגען ווערטער פון דאַנקבאַרקײַט און אַנערקענונג פאַר זײַן ווונדערלעכער מײַסטערשאַפט. ער האָט ניט דערלעבט ביז אַט דעם טאָג, און אַ געפיל פון אומעט האָט געקלעמט דאָס האַרץ.

ס׳האָט זיך דערמאָנט, ווי צוריק מיט אַ יאָר צען האָבן מיר זיך באַגעגנט מיט אים אין גאַס, לאַנג גערעדט וועגן זײַן אַרבעט. טאָלקאַטשאָוו האָט נאָך דעמלט געזאָגט, אַז ער גרייט אַ פּערסאָנעלע אויסשטעלונג — אַ באַריכט פאַר מער פון פופציק יאָר שאַפונג. „אויב איך וועל ניט באַווײַזן, — האָט ער געזאָגט, — וועלן דאָס אָבליגאַטאָריש טאָן מײַנע קינדער“. צום באַדויערן, איז טאַקע אַזוי געשען. אין 1977, ווען איך בין געווען ווײַט פון קיִעוו, האָב איך זיך דערוווּסט, אַז זינאָווי טאָלקאַטשאָוו איז געשטאָרבן. און אָט, געפינענדיק זיך אַף דער אויסשטעלונג, האָב איך געטראַכט: ניין, אַן עכטער קינסטלער שטאַרבט ניט. ער לעבט אין זײַנע ווערק, אין דער געדעכעניש פון טויזנטער מענטשן, וועלכע היטן אָפּ אין זייערע הערצער יענע פרייד פון דער וועלט־אַנטדעקונג, יענע דערשיטערונג פון דער קונסט, וועלכע עס האָט געשאָנקען זיי אַזאַ מערקווירדיקער מאָלער, ווי זינאָווי טאָלקאַטשאָוו.

טאָלקאַטשאָווס ווערק זײַנען נאָך ביז דער מילכאָמע געווען ברייט באַוווּסט סײַ בא אונדז אין לאַנד, אַזוי אויך ווײַט אויסער אירע גרענעצן. אַ זון פון אַן אָרעמען ייִדישן באַלמעלאָכע פונעם קליינעם שטעטל שטשעדרין, באָברויסקער אויעזד, מינסקער גובערניע, האָט טאָלקאַטשאָוו פאַרענדיקט אַ צווייייאָריקע האַנטווערקער־שול אין קיִעוו, און ווען ניט דער אָקטיאַבער, וועלכן טאָלקאַטשאָוו האָט אופגענומען מיטן גאַנצן האַרצן, וואָלט ער אַלע זײַנע יאָרן געווען אַן איינפאַכער פאַרבער. אין יאַנוואַר 1918 ווערט ער אַ מיטגליד פונעם קאָמוניסטישן יוגנט־פאַרבאַנד, וועלכער דעלעגירט אים אַפן ערשטן צוזאַמענפאָר פון קאָמיוג פון אוקראַיִנע.

„מיט דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי און דעם יוגנט־פאַרבאַנד פאַרבינדט מיך דאָס בלוט פון מײַנע כאַווײרים, אומגעקומענע פאַר דער רעוואָליוציע, דער גלויבן אינעם ענדגילטיקן זיג פונעם אַרבעטער־קלאַס און דאָס, וואָס די קאָמוניסטישע פּאַרטיי איז בלוטיק פאַרינטערעסירט און האָט פּראַקטיש באַשיצט און פאַרטיידיקט די אינטערעסן פונעם אַרבעטער־קלאַס“, — האָט טאָלקאַטשאָוו אָפּגעמערקט אין זײַנע קורצע „באַמערקונגען אַנשטאָט אַ ביאָגראַפיע“, געשריבן אין 1922, ווען ער איז געוואָרן אַ מיטגליד פון דער באָלשעוויסטישער פּאַרטיי.

אין 1918 האָט זינאָווי טאָלקאַטשאָוו זיך באַקאַנט און באַפרײַנדעט מיט מישע ראַטמאַנסקי, איינעם פון די גרינדער פונעם קיִעווער קאָמיוג (ראַטמאַנסקי איז אומגעקומען אין דער טריפּאָליער טראַגעדיע, און זײַן נאָמען טראָגט אַצינד איינע פון די קיִעווער גאַסן). טאַקע דעמלט, אונטער ראַטמאַנסקיס ווירקונג, האָט טאָלקאַטשאָוו צום ערשטן מאָל עכט זיך פאַרטראַכט וועגן דער עמעסדיקער מיסיִע פון דער קונסט. נעמלעך דעמלט האָט ער פאַרשטאַנען, וואָס פאַר אַ קויעך עס איז רעוואָליוציאָנערע קונסט. אין יענע טעג האָט ער אָנגעמאָלט לויטן אופטראָג פון דער פּאַרטיי אַ פאָן — אַ פּלאַקאַט, מיט וועלכן דער קיִעווער קאָמיוג איז אַרויס אַף זײַן דעמאָנסטראַציע.

אַזוי איז טאָלקאַטשאָוו געקומען אין דער סאָוועטישער קונסט. דערנאָך האָט ער געשאַפן דעם ערשטן אין דער רעפּובליק עקספּאָזיציע־פּאָרטרעט „מאַרקס אַפן פאָן פון פּראָלעטאַרישע מאַסן, וועלכע גייען צום סאָציִאַליזם“.

דער יונגער קינסטלער־קאָמוניסט ווערט אַ סאָלדאַט פון דער רעוואָליוציע. טאָלקאַטשאָווס געווער איז געוואָרן ניט נאָר די ביקס, נאָר אויך דאָס פּענדזל און בלײַער. ער מאָלט פּלאַקאַטן, פאָרמירט אויס די אָנשוילעכע אַגיטאַציע פונעם אַגיט־צוג פון דער 14־טער אַרמיי. דערנאָך פירט ער אָן מיט דער פּאָליט־בילדונג פון אַ ריי ראַיקאָמען פון קאָמיוג אין קיִעוו. ער שאַפט וואַנט־געמעלן אין קלובן, וועלכע זײַנען געוואָרן די ערשטע אין לאַנד ווערק פון דער סאָוועטישער מאָנומענטאַל־דעקאָראַטיווער קונסט. אַף זייער פאָן פלעגן זיך פּאָטאָגראַפירן קאָמיוגיסטן פאַרן אַוועקגיין אַפן פראָנט קעגן די פּעטליוראָווצעס און ווײַספּאָליאַקן, דעניקינצעס און מאַכנאָווצעס.

אין יענע יאָרן האָבן באַנאַנד מיט מאָלעריי איינע נאָך אַן אַנדערער זיך באַוויזן טאָלקאַטשאָווס גראַפישע אַרבעטן. ער פורעמט אויס מיכאיִל סוועטלאָווס און מיכאיִל גאָלאָדניס ערשטע ביכלעך. דאָס לעבן און די קונסט זײַנען געוואָרן פאַר טאָלקאַטשאָוון אומצערטײַסלעך. די ציקלען „לענין“, „טריפּאָליער טראַגעדיע“, איליוסטראַציעס צו די זשורנאַלן „קאָמסאָמאָליִא“, „מאָלאָדאיא גוואַרדיִא“, „סמענא“, די ציקלען ליטאָגראַפיעס, „פּאָרטרעטן פון מיטצײַטלער“, „די בויונג און די פלענער“ און פיל אַנדערע ווערק, וועלכע ער האָט געשאַפן אין יענע יאָרן, זאָגן איידעס וועגן דער רײַפקײַט פון זײַן טאַלאַנט, זײַן פאַרפולקומונג פון דער מײַסטערשאַפט.

דאָס צעטל פון טאָלקאַטשאָווס אַרבעטן איז בעעמעס גרענעצלאָז. דאָך אָבער ווילט זיך אויסטיילן איין טעמע, אַ געבוירענע נאָך אין די ביזמילכאָמעיאָרן, וועלכע ער האָט דערנאָך פאָרגעזעצט דאָס גאַנצע לעבן: די סעריע „דאָס שטעטל“ — די טעמע פון זײַן באַליבטן שרײַבער שאָלעם־אַליכעמען.

טאָלקאטשאָווס ארבעטן האָבן אײַנגעשאַפּן מוזייען פון פּסטר, אייראָפּע און אמעריקע. זיי האָבן זיך עקספּאָנירט אין מאָסקווע און לענינגראַד, אין ווארשע און לאָנדאָן, אין ווענעציע און אמסטערדאם, קאָפּענהאגען און פּראָג, טאָקיאָ און ניו־יאָרק. און אומעטום — א קאָלאָסאלער דערפאָלג.

דאָך אָבער איז אין זײַן שאפונג געווען א באַזונדער אופּבלי, יענע קולמינאציע, וועלכע האָט אוועקגעשטעלט זינאָווי טאָלקאטשאָוון אין די ערשטע רייען פון די קעמפער קעגן דעם פאשיזם און פון די בעסטע מײַסטערס פון דער שילדערונגס־קונסט. וועגן אָט דעם פּעריאָד פון זײַן שאפונג האָט ער געזאָגט: „איך האָב געטאָן דאָס, וואָס איך האָב געדארפט טאָן. אנדערש האָב איך ניט געקאָנט. דאָס הארץ האָט געהייסן. דער געוויסן האָט געצוווּנגען. עס האָט געצוווּנגען דער האס צום פאשיזם”.

עס גייט א רייד וועגן זײַנע קלאסישע ציקלען „מײַדאנעק” און „אָשווענטשימער בלומען”. זיי האָט געשאפן דער פרײַוויליקער סאָלדאט פון דער סאָוועטישער ארמיי טאָלקאטשאָוו, וועלכער האָט אין באַשטאנד פונעם ערשטן אוקראַיִנישן פראָנט באפרײַט פוילן.

נאָך פריִער האָט טאָלקאטשאָוו אָנגעמאָלט די דערשיטערנדיקע לויט איר קראפט סעריע „אָקופּאנטן”, וועלכע האָט בייס דער מילכאָמע ברייט זיך עקספּאָנירט איבערן לאנד. די דאָזיקע סעריע פלעגט מען באַווײַזן סאָלדאטן פאר זייער אָפּפאָרן אַפן פראָנט. עס ווילט זיך דאָ ברענגען בלויז איינעם פון די אָפּרופן פון א סאָלדאט נאָכן באזוכן די אויסשטעלונג: „איך וועל געדענקען די דאָזיקע בילדער און די רעציכעס פון די פאשיסטן. מײַן געבורט־אָרט איז ווײַט, אינעם דײַטשישן הינטערלאנד. דאָרט זײַנען געבליבן דער טאטע, די מאמע, די שוועסטער, מע דארף זיי באפרײַען פון די היטלעריסטישע אומלײַט. די ארופגעלייגטע אַף מיר אופגאבע וועל איך אויספילן. איך וועל נעקאָמע נעמען און וועל פארניכטן די פאשיסטישע כײַעס ביזן לעצטן טראָפּן בלוט”.

אין אָנהייב הארבסט 1944 האָט זינאָווי טאָלקאטשאָוו, לויטן אופטראָג פון דער פּאָליט־פארוואלטונג פונעם ערשטן אוקראַיִנישן פראָנט, באזוכט דעם באַפרײַטן מיצאד דער סאָוועטישער ארמיי מײַדאנעק. דאָס, וואָס ער האָט דאָרט דערזען, האָט אים דערשיטערט. דערנאָך איז געווען אָשווענטשים. שאָענווײַז האָט ער אומגעבלאָנקעט איבערן געוועזענעם לאגער, זיך אײַנגעקוקט אין די פארברעכערישע שפּורן פון די פאשיסטן, זיך צוגעהערט צו די דערציילונגען פון אסירים, וועלכע זײַנען אלפי נעס לעבן געבליבן. און דער קינסטלער האָט נישט געקאָנט ניט דערציילן דער מענטשהײַט וועגן דעם, וואָס ער האָט דאָרט דערזען און זיך דערוווּסט.

פאר פינף און דרײַסיק טעג עכט העלדישער מי האָט טאָלקאטשאָוו געשאפן די סעריע קאָמפּאָזיציעס „מײַדאנעק”. פאר א טאָג ביזן אָנהייב פונעם פּראָצעס איבער די מערדער פון מײַדאנעק, דעם 26 נאָיאבער 1944, האָט דער בילדונגס־מיניסטער פון פאָלקס־פוילן ווינסענט זשימאָווסקי געעפנט די אויסשטעלונג פונעם סאָלדאט־מאָלער זינאָווי טאָלקאטשאָוון. אלע פוילישע צײַטונגען האָבן געשריבן וועגן דער דאָזיקער אויסשטעלונג. זי האָבן באזוכט באַ צוויי הונדערט טויזנט מענטשן. נײַן ביכער אָפּרופן פון די באזוכער מיט פארנאָטירונגען אַף אלע שפּראכן פון אייראָפּע האָבן קוים ארײַנגענומען אין זיך די דאנקבאר־ווערטער. דאָרט זײַנען געווען פארנאָטירונגען, געמאכטע מיט בלוט. אָנשטאָט אונטערשריפטן זײַנען געשטאנען פּאָשעט נומערן פון אסירים פון קאָנצלאגערן.

„...טאָלקאטשאָוו איז ווירקלעך א ברודער, — האָט געשריבן די צײַטונג „גלאָס ליודע” וועגן דער דאָזיקער אויסשטעלונג, — ווײַל נאָר מיט אזא נאָמען קאָן מען אָנרופן אָט דעם קינסטלער, וועלכן די גרויסע ליבע צום מענטשן האָט געצוווּנגען ארבעטן באַטאָג און באנאכט און פאר א כוידעש אויספילן די גרויסע ניט־געוויינלעכע ארבעט. די גרויסע ליבע צו מענטשן האָט אָנגעוויזן דעם סאָלדאט פון קיִעוו נעקאָמע נעמען פאר די ברידער פון ווארשע, ווין, אטען...”.

און טאָלקאטשאָוו האָט שוין געארבעט איבער א נײַער סעריע קאָמפּאָזיציעס — וועגן די אָשווענטשימער אסירים. ער האָט זיי געווידמעט די קינדער. די „אָשווענטשימער בלומען” — אזוי האָט ער זיי אָנגערופן.

די אלבאָמען „מײַדאנעק” און „אָשווענטשימער בלומען” זײַנען געוואָרן די ערשטע נאָכמילכאָמע־באשטעלונג פון דער קראָקער דרוקערײַ „דרוקארניא נאראָדאָווא”. אין נאָמען פון דער פוילישער רעגירונג זײַנען די דאָזיקע אלבאָמען אָפּגעשיקט געוואָרן די הויפּטן פון די פיר גרויסע מעלוכעס פון דער אנטיהיטלערישער קאָאליציע, מיניסטאָרן פון די פארבינדעטע לענדער, פאָלקנפירער. די אויסשטעלונג „מײַדאנעק” — „אָשווענטשימער בלומען” איז ארומגעפאָרן איבער גאנץ פוילן. באגלייט האָט זי ער אליין, דער סאָלדאט זינאָווי טאָלקאטשאָוו. אין אָט דעם ראנג האָט ער פארענדיקט די מילכאָמע, אינעם סאמע העכסטן ראנג.

„וואָס זשע איז דאָס פאר אן ארמיי — די סאָוועטישע ארמיי, — אויב אין איר זײַנען פאראן אזעלכע סאָלדאטן!”, — האָט פארשריבן אינעם אָפּרופבוך איינער פון די באזוכער פון דער אויסשטעלונג אין קראָקע. דער פוילישער שרײַבער סעווערין פּאָלאק האָט אָנגערופן די דאָזיקע טאָלקאטשאָווס טראגישע ארבעטן אלס דאָקומענט פון דער גרעסטער אין דער וועלט גאזלעוואָניע, דאָקומענטן פון גרעסטע לײַדן און גרעסטן העראָיִזם.

...איך בין נאָך פיל מאָל געווען אַף דער דאָזיקער אויסשטעלונג. כ'פלעג ניט נאָר זיך אײַנקוקן אין זינאָווי טאָלקאטשאָווס מערקווירדיקע ווערק, נאָר קעדיי שווײַגנדיק זיך דורכשמועסן מיט אים, מיטן טאלאנטפולן קינסטלער־הומאניסט, מיטן קינסטלער, וועמעס שאפונג איז פולשטענדיק אָפּגעגעבן געוואָרן זײַן פאָלק.

א. שלײַען
(„בירָאבידזשאנער שטערן”)

מיטן קינסטלערישן אָנפירער פונעם ביראָבידזשאַנער פידלער־אַנסאַמבל סעמיאָן גראָיסמאַן

סאָוועטיש היימלאַנד: כאַווער גראָיסמאַן, זײַט אַזוי גוט — דערציילט וועגן דער אַנטשטייונג פונעם ביראָבידזשאַנער פידלער־אַנסאַמבל.

ס. גראָיסמאַן: אונדזער אַנסאַמבל איז אָרגאַניזירט געוואָרן אין 1964, ווען מיר, ליבהאָבער פון מוזיק, — אַבראַם גערשקאָוו, זײַן זון, אַן אינזשעניער פונעם זאַוואָד „דאַלסעלמאַש", פעליקס גערשקאָוו, דער פּראָוואָלטער פון אַן אָפּטייל אין געגנטלעכן שפּיטאָל סעמיאָן ווײַנבערג, די לערערן אין דער פּעדאַגאָגישער שול עמע קניאַזשעווסקאַיאַ, דער שאָפער ע. וואָלקאָמירסקי און איך, — האָבן דורכגעפירט די ערשטע רעפּעטיציע. טאַקע פון דער דאָזיקער רעפּעטיציע האָט זיך אָנגעהויבן די אַרבעט פונעם אַנסאַמבל. אונדזער ערשטע אַרויסטרעטונג איז וואַרעם אויפגענומען געוואָרן מיצאַד די צושויער, און דאָס האָט באַגײַסטערט די פידלער.

ס. ה.: וועלכע צילן האָט פון סאַמע אָנהייב אָן געשטעלט פאַר זיך אײַער זעלבסטטעטיקער קאָלעקטיוו?

ס. גראָיסמאַן: דער ציל איז געווען: פּראָפּאַגאַנדירן צווישן די ביראָבידזשאַנער לאַנדסלײַט די בעסטע מוסטערן פון דער סאָוועטישער און אויסלענדישער מוזיק, די ייִדישע פאָלקס־מעלאָדיעס, ווי אויך די ווערק פון ביראָבידזשאַנער זעלבסטטעטיקע קאָמפּאָזיטאָרן. אין פאַרלויף פון אַלע 20 יאָר פון זײַן עקזיסטענץ גייט דער קאָלעקטיוו מיטן אָנגעמערקטן וועג.

ס. ה.: ווו און אין וועלכע דורכקוקן האָט זיך באַטייליקט דער אַנסאַמבל?

ס. גראָיסמאַן: אָנהייבנדיק פונעם 1964 יאָר, האָט דער ביראָבידזשאַנער זעלבסטטעטיקער פידלער־אַנסאַמבל אָנטיילגענומען אין אַלע געגנטלעכע, קאַנטישע און זאָנאַלע דורכקוקן פון קינסטלערישער זעלבסטטעטיקייט. דער ערשטער דערפאָלג איז צו אונדז געקומען אין 1967. דעם קאָלעקטיוו איז דעמלט צוגעייגנט געוואָרן דער טיטל לאַורעאַט פונעם אַלפאַרבאַנדישן דורכקוק פון קינסטלערישער זעלבסטטעטיקייט און ער איז באַלוינט געוואָרן מיט אַ מעדאַל.

דאָס צווייטע מאָל האָט אונדז אָפּגעגליקט אין 1977. דער אַנסאַמבל איז דורכגעגאַנגען אַלע דורכקוק־עטאַפּן און איז געוואָרן אַ לאַורעאַט פונעם ערשטן אַלפאַרבאַנדישן פעסטיוואַל פון זעלבסטטעטיקער קינסטלערישער שאַפונג פון די אַרבעטנדיקע. אין זעלבן יאָר האָט מען אונדז אײַנגעלאַדן קיין מאָסקווע אַף די מוסטער־אַרויסטרעטונגען פון פעסטיוואַל־לאַורעאַטן. מיר האָבן געגעבן קאָנצערטן פאַר אַרבעטס־קאָלעקטיוון פון די מאָסקווער זאַוואָדן אַף ליכאַטשאָווס נאָמען און אַף קאַלינינס נאָמען, אין אַ ריי קולטור־פּאַלאַצן און פּאַרקן פונעם ליובלינער ראַיאָן פון דער הויפּט־שטאָט. מיר זײַנען אויך אַרויסגעטראָטן אַף דער צענטראַלער טעלעוויזיע און ראַדיאָ. די אַלפאַרבאַנדישע פירמע „מעלאָדיאַ" האָט אונדז פאַרשריבן אַף גראַם־פּלאַטן.

די קרוין פון דער דאָזיקער רײַזע איז געוואָרן די אומפאַרגעסלעכע אַרויסטרעטונג אַפן שלום־קאָנצערט אינעם פּאַלאַץ פון צוזאַמענפאָרן אין קרעמל. דער צענטראַל־קאָמיטעט פונעם לעניניש ן קאָמיוג האָט אונדז דאַן באַלוינט מיט אַן ערן־גראַמאָטע פאַרן אַקטיוון אָנטייל אין דער אַנטוויקלונג פון קינסטלערישער זעלבסטטעטיקייט און אין דער קאָמוניסטישער דערציִונג פון דער יוגנט.

ס. ה.: וואָס האָט זיך אײַך פאַרגעדענקט פאַר דער לעצטער צײַט?

ס. גראָיסמאַן: צוזאַמען מיט אַלע אונדזערע לאַנדסלײַט האָט אויך אונדזער אַנסאַמבל זיך באַטייליקט אין די פײַערונגען פונעם 50־יאָריקן יובילײ פון דער ייִדישער אווטאָנאָמער געגנט. מיר זײַנען אַרויסגעטראָטן מיט קאָנצערטן אַף זאַוואָדן און פאַבריקן, אין קאָלווירטן און סאָווירטן.

לעצטנס האָבן מיר אָפּגעמערקט אונדזער אייגענעם יובילײ — צוויי צענדליק יאָר, זינט עס אַרבעט דער אַנסאַמבל. ער האָט געגעבן אַ

גרויסן קאָנצערט פאַר די אײַנוווינער פונעם געגנטלעכן צענטער. אונדזער מוזיק האָבן גע־הערט אין זייערע לאָקאַלן די סטודענטן, די שול־קינדער, די קריגסלײַט פונעם ביראָביד־זשאַנער גאַרניזאָן.

ס. ה.: צי פאַרבינדט איר זיך אין אײַער טעטי־קײַט מיט אַנדערע קינסטלערישע קאָלעקטיוון פון ביראָבידזשאַן?

ס. גרויסמאַן: יאָ, אַוודע. מיר האָבן אײַנגעשטעלט מיט זיי אַן ענגן קאָנטאַקט, בי־פּראַט מיטן ייִדישן פֿאָלקס־טעאַטער, אין די שטעלונגען פון וועלכן מיר נעמען א דירעקטן אָנטייל. רעגולער טרעטן מיר אַרויס צוזאַמען מיט דער ביראָבידזשאַנער כאָר־קאַפּעלע.

ס. ה.: רופט, ביטע, אָן אייניקע שעפערישע מאַרשרוטן, וואָס דער אַנסאַמבל האָט דורכגעמאַכט אין דער לעצטער צײַט?

ס. גרויסמאַן. אין דעקאַבער 1984 האָבן מיר אָנטיילגענומען אינעם אַלפאַרבאַנדישן טעלעווידיע־קאָנקורס „כאַוועריטע ליד". מיר זײַנען לעצטנס אַרויסגעטראָטן מיט קאָנצערטן אין אַלע ראַיאָנען פון דער ייִדישער אויטאָנאָ־מער געגנט, אין אַנדערע שטעט פונעם ווײַטן מיזרעך.

ס. ה.: וואָס האָט אײַער קאָלעקטיוו צוגעגרייט צו די פײַערונגען פונעם 40־טן יאָרטאָג פון דעם ניצאָכן?

ס. גרויסמאַן: צו דער דאָזיקער מערק־ווירדיקער דאַטע האָבן מיר באַוויזן א גרויסע יאָמטעוודיקע פּאַנאָראַם. אין איר זײַנען אײַנ־געשלאָסן געוואָרן מעלאָדיעס פון פּאָפּולערע לידער פון די מילכאָמע־יאָרן, ווי אויך פאַנ־טאַזיעס אף די טעמעס פון ייִדישע פֿאָלקס־ניגונים, א ציקל זינגלידער „מײַן שטאָט", אי־סאַק דונאַיעווסקיס מוזיק פונעם פילם „גליק־זוכער" און אַנדערע. צוזאַמען מיטן אַנסאַמבל האָבן אין די קאָנצערטן זיך באַטייליקט די סאָליסטן נאַטאַליע גומעניק, לינע לעדער און ליודמילאַ קוואַסאָוואַ.

מיטן פאַרוואַלטער פון ייִדישן און העברעישן סעקטאָרן פון דער מעלוכע־ביבליאָטעק אף לענינס נאָמען לײב דאַגאָוויטש

סאָוועטיש היימלאַנד: מיר טרעפן זיך מיט אײַך, כאַווער דאַגאָוויטש, שוין ניט דאָס ערשטע מאָל. קימאַט יעדער מענטש, וועלכער קומט אין דער ביבליאָטעק אף לענינס נאָמען, קעדיי באַנוצן זיך מיט אירע ייִדישע און העברעישע פאָנדן, באַקומט בא אײַך קאָלערליי נוצלעכע קאָנסולטאַציעס. צווישן אײַערע לייענער זײַנען פאַראַן ניט ווייניק מעכאַ־רים און מיטאַרבעטער פון אונדזער זשורנאַל. די „לעניקע" איז. פאַרשטייט זיך, ניט די איינציקע מאָסקווער ביבליאָטעק, ווו מע קאָן באַקומען ייִדישע אויסגאַבעס. היפשע ייִדישע פאָנדן פאַרמאָגט די שטאָטישע ביבליאָטעק אף נעקראַסאָווס נאָמען, די מעלוכישע היסטאָרישע ביבליאָטעק פון רספסר און אַנדערע גרויסע ביכער־זאַמלונגען. די פאָנדן פון אײַער ביבליאָטעק אַנטהאַלטן אָבער גאַנצע אויצרעס ייִדישע ביכער אף באַליביקער טעמאַטיק. דער אַקאַ־דעמישער כאַראַקטער פון דער גרעסטער אין אונדזער לאַנד ביבליאָטעק איז באַוווּסט. דאָ אַרבעטן וויסנשאַפטלער פון פאַרשיידענע פאַכן, אָנהייבנדיק פון די אָנפאַנגער ביז גדולים. מע רעדט דאָ אף צענדליקער און עפשער אַפילע אף הונדערטער שפּראַכן. אַרײַנגייענדיק צו אײַך אין קאַבינעט איז זייער אָנגענעם צו „כאַפּן א ייִדיש וואָרט". איידער אָנהייבן אונדזער שמועס וועגן די ייִדישע און די העברעישע פאָנדן פון דער וועלט־באַרימטער לעני־ביבליאָטעק, דערציילט, ביטע, וועגן זיך.

לײב דאַגאָוויטש: אײַנקורצן איז מײַן ביאָ־גראַפיע אַזאַ: געבוירן אין קאָוונע, פאַרענדיקט אין די דרײַסיקער יאָרן א וועלטלעכע העב־רעישע גימנאַזיע. זינט 1940 ביז 1973 גע־דינט אין דער סאָוועטישער אַרמיי. אָנטיילגע־נומען אין דער גרויסער פאָטערלענדישער מילכאָמע (סטאַלינגראַדער פראָנט, קורסקער בויגן). אין 1978 אָנגעקומען אַרבעטן אין דער מעלוכע־ביבליאָטעק אף לענינס נאָמען.

ס. ה.: איר האָט דאָ א גרויסע באַלעבאַטיש־קײַט. וויפל ייִדישע און העברעישע בוך־איינסן פאַר־מאָגט די ביבליאָטעק?

ל. דאַגאָוויטש: אין די אַלגעמיינע פאָנדן זײַנען פאַרעכנט אַרום 30 טויזנט ביכער און צײַטשריפטן אף העברעיש און אַן ערך 25 טויזנט אף ייִדיש.

ס. ה.: ווי־אַזוי זײַנען אָרגאַניזירט די דאָזיקע פאָנדן? לויט וועלכן פּרינציפּ?

ל. דאַגאָוויטש: קעדיי פאַרגרינגערן דאָס זוכן די נייטיקע ליטעראַטור פאַר אונדזערע

לייענער, זײַנען אַלע פֿאָנדן פֿון דער ביבליאָטעק (בעסויכעם די יידישע און העברעיִשע) געבויט לויטן שפּראַך־פּרינציפּ, דאָס הייסט, אַז אַלע יידישע ביכער דאַרף מען זוכן אינעם אָפּטייל „ליטעראַטור אַף די לעשוינעס פֿון די פֿעלקער פֿון פּססר", און אַלע העברעיִשע — אינעם אָפּטייל „שפּראַכן פֿונעם אויסלענדישן מיזרעך", אומאָפּהענגיק פֿונעם לאַנד, ווו זיי זײַנען אַרויסגעגעבן געוואָרן. ס'איז דאָ אַ יידישער און אַ העברעיִשער ביכער־ און פּעריאָדיק־קאַטאַלאָגן אַף די געהעריקע שפּראַכן און פּאַראַלעל אַף רוסיש. דאָרט זײַנען די קאַרטלעך פֿאַנאַנדערגעשטעלט לויט טעמעס און לויטן אַלעפֿבייס־סיידער.

ס. ה.: וואָס אַנטהאַלטן אין זיך די דאָזיקע פֿאָנדן?

ל. דאַגאָוויטש: די פֿאָנדן אַף יידיש און העברעיִש באַשטייען פֿון ביכער, צײַטונגען, זשורנאַלן און קסאָוויאַדן, אַרויסגעגעבענע און אַנגעשריבענע, אָנהייבנדיק פֿונעם 16 יה. ביז הײַנט־צו־טאָג. אינעם הויפּט־פֿאָנד איז פֿאַראַן די ליטעראַטור וועגן מאַרקסיזם־לעניניזם, נאַטורוויסנשאַפֿט, טעכניק, מעדיצין, לאַנדווירטשאַפֿט, עקאָנאָמיק, קולטור, פֿילאָסאָפֿיע, רעליגיע, פֿילאָלאָגישע וויסנשאַפֿטן, ווי אויך די קינסטלערישע ליטעראַטור — סײַ אָריגינעלע (יידישע און העברעיִשע), סײַ איבערגעזעצטע פֿון אַנדערע שפּראַכן.

ס. ה.: וויאַזוי ווערן קאָמפּלעקטירט אײַערע פֿאָנדן?

ל. דאַגאָוויטש: אונדזער ביבליאָטעק באַקומט אַלס אָבליגאַטאָרישן עקזעמפּליאַר אַלע ביכער, זשורנאַלן און צײַטונגען, וואָס ווערן אַרויסגעלאָזט אין פּססר. די פֿאָנדן זײַנען קאָמפּלעקטירט ניט לויט די פֿאַרלאַגן, נאָר לויטן פּראָפֿיל פֿון דער ביבליאָטעק. ביכער, זשורנאַלן, אינפֿאָרמאַטיווע ליטעראַטור קויפֿט פֿאַר אונדז די פֿירמע „מעזשדונאַראָדנאַיאַ קניגאַ" באַ פֿאַרלאַגן פֿון פֿאַרשיידענע לענדער. אַכוץ דעם, קויפֿט די ביבליאָטעק באַ דער באַפֿעלקערונג די אויסגאַבעס, וואָס פֿעלן אין אירע פֿאָנדן.

ס. ה.: עטלעכע ווערטער וועגן גינצבורגס פֿאָנד.

ל. דאַגאָוויטש: אין גינצבורגס פֿאָנד, וואָס גייט ניט אַרײַן אין דעם אַלגעמיינעם יידישן און העברעיִשן, זײַנען פֿאַראַן ווערטפֿולע קסאָוויאַדן, ביכער און צײַטשריפֿטן אַף העברעיִש, יידיש און אַף אַנדערע שפּראַכן. דער גרעסטער טייל פֿון אָט דעם פֿאָנד זײַנען אויסגאַבעס פֿון 16—18 יה., קוידעמקאָל — רעליגיעזע ספֿאָרים. אַז מע רעדט שוין וועגן באַזונדערע יודאַיִק־פֿאָנדן, איז קעדײַ דערמאָנען אויך פֿאַליאַקאָווס פֿאָנד, וועלכער אַנטהאַלט באַ 15 טויזנט איינסן, דערונטער העברעיִשע אינקונאַבולן (אַזוי רופֿט מען די ביכער, וואָס זײַנען אָפּגעדרוקט געוואָרן ביזן 1500 יאָר) און אַלט־געדרוקטע ספֿאָרים פֿון 16—17 יאָרהונדערטער.

ס. ה.: וואָס קאָנט איר זאָגן וועגן די פֿאָנדן אַף אַנדערע לעשוינעס (כוץ העברעיִש און יידיש), וועלכע נוצן אויס אָדער פֿלעגן אויסנוצן דעם קוואַדראַטן אַלעפֿבייס?

ל. דאַגאָוויטש: פֿאַראַן באַ אונדז ניט קיין גאָר גרויסע פֿאָנדן ביכער אַף יידיש־טאַדזשיקיש, באַרג־יידיש, קאַראַימיש און אַף שפּראַכן פֿון אַנדערע פֿעלקערשאַפֿטן, וועלכע פֿלעגן אַמאָל שרײַבן מיט העברעיִשע אויסיעס. דעריקער זײַנען אַזעלכע ביכער אַרויסגעגעבן געוואָרן אין אונדזער לאַנד פֿאַר דער רעוואָליוציע און אין די 20־ער — אָנהייב 30־ער יאָרן.

ס. ה.: דערציילט אײַנקורצן וועגן אײַערע לייענער.

ל. דאַגאָוויטש: אונדזערע לייענער זײַנען געוויינלעך וויסנשאַפֿטלעכע טוער, דערונטער — מיטאַרבעטער פֿונעם מיזרעכקענטעניש־אינסטיטוט, וועלכע נוצן אויס די ביכער פֿון דעם פֿאָנד באַם צוגרייטן מאָנאָגראַפֿיעס, דיסערטאַציעס און אַרטיקלען פֿאַר דער פּעריִאָדיק. מע קאָן באַ אונדז אויך טרעפֿן די נײַגעריקע יוגנט. אָפֿט נוצן לייענער די מאַטעריאַלן וועגן קונסט, ליטעראַטור, מוזיק, טעאַטער, שרײַבער און זשורנאַליסטן „נאַשן" דאָ מאַטעריאַלן צוליב אָנשרײַבן אַרטיקלען פֿאַר „סאָוועטיש היימלאַנד". ניט זעלטן אינטערעסירן זיך מיט מײַן „באַלעבאַטישקײַט" סטודענטן און אַספּיראַנטן, סײַ פֿון מאָסקווע, סײַ פֿון אַנדערע שטעט. מע לייענט אויך גערן די קינסטלערישע ליטעראַטור.

ס. ה.: וועלכע פֿאַרבינדונגען האָט איר מיט אַנדערע ביבליאָטעקן?

ל. דאַגאָוויטש: פֿון פֿאַרשיידענע שטעט און רעפּובליקן פֿונעם סאָוועטנפֿאַרבאַנד קומען אָן פֿאָדערונגען אַף ביכער און זשורנאַלן, וועלכע פֿעלן אין די פֿאָנדן פֿון זייערע אייגענע ביבליאָטעקן. מיר שיקן גלײַך אָפּ די נייטיקע אויסגאַבעס אָדער מיקראָפֿילמען. ביכער־אויצרעס פֿון דער מעלוכע־ביבליאָטעק אַף לעניִנס נאָמען ווערן אויך ברייט אויסגענוצט לויטן צווישנפֿעלקערלעכן ביבליאָטעק־אָבאָנעמענט.

ס. ה.: איין מאָל אין צוויי יאָר קומט אין מאָסקווע פֿאָר דער צווישנפֿעלקערלעכער ביכער־יאַריד. וויאַזוי שפּיגלט עס זיך אָפּ אַף יידישע און העברעיִשע ביכער־קאָלעקציעס פֿון אײַער ביבליאָטעק?

ל. דאַגאָוויטש: אָפֿן יאַריד זײַנען ברייט פֿאָרגעשטעלט ביכער אַף יידיש און העברעיִש. די סאָוועטישע יידישע ביכער, ווי שוין געזאָגט, באַקומט אונדזער ביבליאָטעק אומבאַדינגט גלײַך נאָך זייער אַרויסגיין פֿון דער

דרוקעריַ. וואָס איז שייַך די אויסלענדישע ייִדישע אויסגאַבעס, דאַרף מען זאָגן, אַז אייִניקע פאַרלאַגן פון ישׂראל און פּשא, וועלכע נעמען אָנטייל אינעם מאָסקווער ביכער-יאַריד, שענקען זייער העברעיִשע און ייִדישע ביכער-פּראָדוקציע דער ביבליאָטעק אַף לעגינס נאָמען.

ס. ה.: און צום שלוס — א פראגע וועגן אונדזער זשורנאַל. וואָס פאַר אן אָרט פאַרנעמט ער אין אייַערע פאָנדן?

ל. דאַגאָוויטש: אונדזער ביבליאָטעק האָט, פאַרשטייט זיך, א פולן קאָמפּלעקט פונעם זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד". די ייִדישע לייענער באַשטעלן אים רעגולער (אגב, אייִנער פון אייַערע טרייַע לייענער בין איך). מע אינטערעסירט זיך זייער שטאַרק מיט די ביכער-בייַלאַגעס פונעם זשורנאַל. באַזונדערס אָפט בעט מען די בייַלאַגע „לימודים פון ייִדיש".

מיטן אַספּיראַנט פונעם ווילנער מעלוכע-אוניווערסיטעט עמאַנועליס זינגעריס

אין זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד" (נומ. 1, 1984) איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן א מיטיילונג וועגן דעם, אַז דער ווילנער מעלוכע-פאַרלאַג פאַר קינסטלערישער ליטעראַטור „וואַגא" איז צוגעטראָטן צוצוגרייטן אן אויסגאַבע „אַנטאָלאָגיע פון דער ייִדישער פּראָזע און פּאָעזיע אין ליטע" (אַף ליטוויש), וועלכע כאַפּט כראָנאָלאָגיש אַרום דעם פּעריאָד פונעם אָנהייב 19־טן יאָרהונדערט ביזן 1941 יאָר. ס'איז אויך מיטגעטיילט געוואָרן, אַז דער צונויפשטעלער פון דער אַנטאָלאָגיע איז אן אַספּיראַנט פון דער קאַטעדרע פאַר ליטווישער ליטעראַטור אין ווילנער מעלוכע-אוניווערסיטעט עמאַנועליס זינגעריס, וועלכער גרייט זיין קאַנדידאַט-דיסערטאַציע אַף דער טעמע „ליטוויש-ייִדישע ליטעראַרישע פאַרבינדונגען". אַרבעטנדיק איבער דער אַנטאָלאָגיע און איבער דער דיסערטאַציע, איז עמאַנועליס זינגעריס געקומען צו פאָרן אין א קאָמאַנדירונג קיין מאָסקווע, אין דער רעדאַקציע פון „סאָוועטיש היימלאַנד".

מיר האָבן געבעטן דעם יונגן געלערנטן, ער זאָל גענויער דערציילן וועגן דער אַנטאָלאָגיע.

ע. זינגעריס: די אַנטאָלאָגיע איז פּאַרפּלאַנירט אַפן 1987 יאָר. איר פאַרנעם וועט זייַן א סאָלידער — 45 דרוק-בויגן. די צוויי בענדער וועלן אַנטהאַלטן מוסטערן פונעם פאָלקלאָר פון די ליטווישע ייִדן, ווערק פון פּראָפעסיאָנעלע ייִדישע דיכטער און פּראָזאַיקער, וועלכע האָבן געשאַפן אין ליטע, א ביבליאָגראַפישע רעשימע, קאָמענטאַרן, אַן אויספירלעכע הקדמה און א רעזומע אַף ייִדיש און ענגליש. מע פּלאַנירט אילוסטרירן די בענדער מיט רעפּראָדוקציעס פון בילדער פון די ליטווישע ייִדישע קינסטלער אָדער וועלט-באַרימטע קינסטלער — ייִדן, וואָס שטאַמען פון ליטע, אַזעלכע, ווי כאַים סוטין, מאָרדכע אַנטאָקאָלסקי, זשאַק ליפּשיץ.

ס. ה.: פאַרוואָס שליסט מען איין אין דער אַנטאָלאָגיע בלויז ווערק פון יענע ייִדישע שרייבער, וועלכע האָבן געשאַפן אַפן ליטווישן באָדן?

ע. זינגעריס: די ייִדישע ליטעראַטור אין ליטע שטעלט מיט זיך פאָר א דערשייַנונג, וואָס פאַרנעמט א באַזונדער אָרט אין דער אַלגעמיינער ייִדישער ליטעראַטור. זי איז רייַך מיט נעמען. ס'איז גענוג צו דערמאָנען אַווראָם מאַפּו, אייַזיק-מייער דיקן, יאַנקעוו דינעזאָנען, מיכל-יוסף לעבענזאָנען, יעהודע-לייב גאָרדאָנען, דאָוויד אומרו, עלכאָנען וואָגלערן, לייזער וואָלפן אאַ. עס זייַנען געוועזן ספּעציפיש ליטווישע ליטעראַרישע שטראָמען אין דער ייִדישער ליטעראַטור. אַזעלכע, צום בייַשפּיל, ווי די גרופּע יונג-ווילנע.

ס. ה.: די אַנטאָלאָגיע גרייט זיך צום דרוק אַף ליטוויש. עס שטייט פאַר אייך א קאָמפּליצירטע פּראָבלעם פון ליטעראַרישער איבערזעצונג פון ייִדיש און טיילווייז אויך פון העברעיִש.

ע. זינגעריס: יאָ, נאָר איך גלייב, אַז די דאָזיקע פּראָבלעם וועט דערפאָלגרייַך געלייזט ווערן. צווישן די ליטעראַרישע איבערזעצער פון די אַנטאָלאָגיע-מאַטעריאַלן זייַנען פאַראַן אַזעלכע גדולים פון דער הייַנטצייַטיקער ליטווישער ליטעראַטור, ווי עדוואַרדאַס מעזשעלייַטיס און יוסטינאַס מאַרצינקאַוויטשוס.

ס. ה.: כאַווער זינגעריס, צי וועט זיין ריכטיק צו זאָגן, אַז אייערע אינטערעסן אין געביט פון דער ייִדישער ליטעראַטור זייַנען באַגרענעצט מיט די דאַלעדאַמעס פון איר ליטווישער צווייַג?

ע. זינגעריס: אוודע ניט. לעמאָשל, עס

שטייט פאַר מיר איצט נאָך איין אויפגאַבע: צו-נויפשטעלן און צוגרייטן צום דרוק א באַנד פון שאָלעם-אַלייכעמס ווערק אין דער ליט-ווישער איבערזעצונג. איך פאַרנעם זיך באַ-שטענדיק מיט זאַמלען יידישן פאָלקלאָר, ספּע-ציעל פאָלקלאָר פון די ליטווישע יידן.

ס. ה.: אַרבעטנדיק איבער דער דיסערטאַציע, וועלכע איר דאַרפט פאַרטיידיקן אין סאָף פון הײַנ-טיקן יאָר, האָט איר, זעט אויס, ווי עס פירט זיך, פאַרעפנטלעכט עטלעכע אַרטיקלען איבער דער דאָ-זיקער טעמאַטיק...

ע. זינגעריס: איך האָב טאַקע אָנגעשריבן א ריי אַרטיקלען וועגן פאַרשיידענע פּראָטים פון דער יידישער ליטעראַטור-געשיכטע. איי-ניקע פון זיי זײַנען שוין פאַרעפנטלעכט אין דער ליטווישער פּרעסע. פאַראַיאָרן, ווען עס איז אָפּגעמערקט געוואָרן דער 125-טער גע-בורטסטאָג פון שאָלעם-אַלייכעמען, איז מײַן אַרטיקל וועגן דעם קלאַסיקער פון דער יידי-שער ליטעראַטור אָפּגעדרוקט געוואָרן אפילע אין אונדזער צענטראַלער רעפּובליקאַנער צײַ-טונג „טיִעסאַ”.

ס. ה.: ווען האָט איר אָנגעהויבן ריידן אף יידיש און זיך אינטערעסירן מיט יידישער ליטעראַטור?

ע. זינגעריס. אף יידיש רעד איך פון קינד-ווײַז אָן. אלע 28 יאָר פון מײַן לעבן. די שפּראַך פון דער ליטעראַטור איז פאַר מיר אָבער געוועזן ליטוויש. זײַענדיק שוין א סטו-דענט פונעם אוניווערסיטעט, האָב איך זיך אויסגעלערנט לייענען און שרײַבן אף יידיש. מײַן לערער אין געביט פון יידישער ליטעראַ-טור און יידישער קולטור ביכלאַל איז געוועזן דער ניט לאַנג פאַרשטאָרבענער ווילנער פּראָ-זאַיִקער בער האַלפּערן. ער האָט מיר געהאָלפן שטעלן די ערשטע טריט אין דעם פראַט.

ס. ה.: און צום שלוס — א פראַגע צו אײַך אלס צו א דיפּלאָמירטן ספּעציאַליסט אין געביט פון ליטווישער ליטעראַטור — וויאַזוי איז הײַנט-צו-טאָג פאַרגעשטעלט אין דער ליטעראַטור די יידישע טעמאַטיק?

ע. זינגעריס: אין די ווערק פון די הײַנט-צײַטיקע ליטווישע שריפטשטעלער געפינען מיר קוידעמקאָל די טעמע פון דער פאַרניכטונג פון די יידן מיצאַד דעם פאַשיזם. עס ווענדן זיך צו דער יידישער טעמאַטיק ניט זעלטן אזעלכע ליטוויש-שפּראַכיקע ליטעראַטן-יידן, ווי מיקאָ-לאַס סלוצקיס, אַלפאָנסאַס בוקאָנטאַס, מאַרקאַס זינגעריס. וואָס איז שײַך פּערזענלעך צו מיר אלס לייענער, בין איך „א כאָסיד” פון אונד-זער רוסיש-שפּראַכיקן פּראָזע-שרײַבער גרי-גאָרי קאַנאָוויטש. וועגן דער מילכאָמע-טעמאַ-טיק, וועגן דעם כורבן שרײַבט מען און מע וועט נאָך שרײַבן. איך בין געבוירן געוואָרן נאָך דער מילכאָמע, נאָר מײַן מאַמע איז גע-ווען א קאַצעטלערן אין שטוטהאָף, און דער טאַטע האָט זיך געשלאָגן אין דער 16-טער ליטווישער דיוויזיע פון דער סאָוועטישער אַר-מיי. דער מערסטער טייל ליטווישע יידן זײַנען בעשאַס דער אָקופּאַציע אומגעבראַכט געוואָרן מיצאַד די פאַשיסטישע ראָצכים. מײַן ציל איז זאַמלען, אָפּהיטן און פאָרשן פאָלקלאָרישע און ליטעראַרישע אוצרים פון די ליטווישע יידן.

■ ■ ■

אין אָנדענק פון גריגאָרי ראָשאַל

איך קאָן ניט זאָגן, אַז מיט גריגאָרי ראָשאַלן פלעג איך זיך באַגעגענען זייער אָפט, אָבער אין משך פון אַ יאָר פלעגט עס געשען געוויס עטלעכע מאָל — אַף אַ יאָמטעוו, אין אַ געבורטסטאָג, אַף אַנדערע שׂימחות (ראָשאַל און מײַן שוועסטער זײַנען געווען לײַבלעכע שוועסטערקינדער). אונדזערע באַגעגענישן פלעגן זיך אָנהייבן מיט אַ באַקאָשע: „לאָמיר ריידן אַף ייִדיש". און ס'איז אַוועק אַ גאַנג.

איך פלעג באַוווּנדערן ניט בלויז זײַנע קלוגע און אָריגינעלע געדאַנקען, נאָר די שיינע, געשמאַקע שפּראַך. דער לעקסיקאָן זײַנער איז געווען פול מיט זעלטענע ווערטער, די דיקציע — אַזאַ אָנגענעמע, און מע האָט געקענט הערן אָן אַ סאָף.

וועגן דעם האָב איך זיך דערמאָנט בײַם דער אַנטהילונג פון דער מעמאָריאַלברעט אַפן הויז נומער 28 אַף באָלשאַיאַ פּאָליאַנקאַ אין מאָסקווע, וווּ פונעם 1937 ביזן 1983 האָט געלעבט דער באַוווּסטער קינאָ־רעזשיסער, פאָלקס־אַרטיסט פון פסס״ר גריגאָרי לוואָוויטש ראָשאַל.

דאָ האָט ער געאַרבעט אַף זײַנע בעסטע פילמען, זיך באַגעגנט מיט אָנגעזעענע פּערזענלעכקײַטן, געשריבן סצענאַריעס אאַוו. אין 1937 האָט ראָשאַלן באַזוכט ליאָן פויכטוואַנגער. אינטערעסאַנט, אַז דער גרויסער שרײַבער איז געקומען צו אים גלײַך נאָכן אויפנאַם אין קרעמל. אין יענער צײַט האָט דער רעזשיסער צוזאַמען מיט זײַן שוועסטער, דער סצענאַריסטקע סימע ראָשאַל, געאַרבעט איבערן פילם „די משפּחה אָפּענהיים".

...לויטן אויפטראָג פון דעם מאָסקווער שטאָטקאָמיטעט פון קפּסס און פונעם מאָסקווער סאָוועט פון די פאָלקס־דעפּוטאַטן האָט דעם מעמאָריאַל־מיטינג, אין וועלכן עס האָבן אָנטיילגענומען אַ סך הונדערטער מענטשן, דערונטער באַוווּסטע קונסטטוער, געעפנט דער שטעלפאַרטרעטער פונעם סאָוועט פון פאָלקס־דעפּוטאַטן פונעם אָקטיאַברישן ראַיאָן פון מאָסקווע וולאַדימיר געראַסימאָוו. ער האָט זייער הויך אָפּגעשאַצט ראָשאַלס שאַפונג אַלס רעזשיסער, גערעדט וועגן אים אויך ווי וועגן אַן אָנגעזעענעם געזעלשאַפטלעכן טוער, דעם איניציאַטאָר און אָנפירער פון דער אַלפאַרבאַנדישער באַוועגונג פון קינאָ־ליבהאָבער.

דער אָראַטאָר האָט דערמאָנט, אַז ראָשאַלס טעטיקײַט האָבן הייס אונטערגעהאַלטן נאַדעזשדאַ קאָנסטאַנטינאָוונאַ קרופּסקאַיאַ און אַנאַטאָלי וואַסיליעוויטש לונאַטשאַרסקי. „ראָשאַל, — האָט ער אָפּגעמערקט, — איז געווען איינער פון די קאָמאַנדירן פון דעם פראָנט פון עסטעטישער דערציִונג פונעם סאָוועטישן פאָלק. ראָשאַלס פאַרדינסטן זײַנען הויך אָפּגעמערקט געוואָרן מיצד דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי און אונדזער מלוכה. ער איז געווען באַלוינט מיט אַ לענין־אָרדען, מיט צוויי אָרדענס פון דער רויטער אַרבעטס־פאָן, מיטן אָרדען פון דער

פאָטערלענדישער מילכאָמע פון דער ערשטער מאדרייגע, מיטן אָרדען „ערע־צייכן". צוויי מאָל איז אים צוגעטיילט געוואָרן די מעלוכע־פּרעמיע. ער איז געווען א פאָלקס־ארטיסט פון פססר".

דער ערשטער שטעלפארטרעטער פונעם פאָרזיצער פון דער פארוואלטונג פונעם קינעמאטאָגראַפיסטן־פארבאנד פּראָפעסאָר אלעקסאנדער קאראגאנאָוו, דער פאָלקס־ארטיסט פון רספסר איגאָר טאַלאנקין, דער פארוואלטער פונעם סצענארי־אָפּטייל פון „מעלוכע־קינאָ" ארמען מיכײַלאָוו האָבן דערציילט וועגן זייערע באגעגענישן מיט ראָשאלן, וועגן זײַנע דערהויבענע מענטשלעכע מײַלעס.

אייניקע דעטאלן פון די ארויסטרעטונגען זײַנען גאנץ טשיקאווע. צום בײַשפּיל, ווען גריגאָרי לוואָוויטש ראָשאל האָט געשטעלט דעם באוווסטן פילם „זאָרי פּאריזשא", האָט ער אויסגעקליבן פאר אים ניט קיין פראנצויזישע מוזיק, נאָר שפּאנישע — דעם מארש פון די רעפּובליקאנער פון די דרײַסיקער יאָרן, אָבער ווי הײַנטצײַטיק קלינגט די דאָזיקע מוזיק אינעם פילם, וועלכער איז געווידמעט דער פּאריזשער קאָמונע! און נאָך א דעטאל: ווען ארמען מיכײַלאָוו האָט געגעבן אן אָפּשאצונג ראָשאלס עקראניזאציע פון אלעקסיי טאָלסטאָיס ראָמאן „כאָזשדעניע פּאָ מוקאם" האָט ער געבעטן דעם אוילעם ניט איבערפלאָנטערן ראָשאלס ארבעט מיט דער איצטיקער עקראניזאציע, וועלכע באשטייט פון 13 סעריעס און איז א סאך אָרעמער פון דעם אלטן פילם, וועלכער האָט אנטהאלטן דרײַ סעריעס. די דאָזיקע באמערקונג האָט ארויסגערופן אפּלאָדיסמענטן.

מיט גרויס אויפמערקזאמקײַט האָבן די אָנוועזנדע אף דער אנטהילונג פון דער מעמאָריאל־ברעט אויסגעהערט די ארויסטרעטונג פון דער פאָרשטייערן פונעם נאָוואָזיבקאָווער קאנטקענטעניש־מוזיי יעלענא זשעוולאקאָווא. אין אָט דעם מוזיי ווערט עקספּאָנירט א שטענדיקע אויסשטעלונג, געווידמעט ראָשאלס טעטיקײַט. זשעוולאקאָווא האָט מיטגעטיילט, אז דער סאָוועט פון די פאָלקס־דעפּוטאטן האָט באַשלאָסן אָנרופן מיט ראָשאלס נאָמען די גאס אין נאָוואָזיבקאָוו, ווו דער באוווסטער רעזשיסער איז געבוירן געוואָרן.

דער שעפער פון דער אָנדענק־ברעט מיט ראָשאלס באַרעליעף, דער פאָלקס־קינסטלער פון רספסר, מיטגליד־קאָרעספּאָנדענט פון דער קונסט־אקאדעמיע פון פססר יורי לוואָוויטש טשערנאָוו האָט געשאפן א רעאליסטישן פאָרטרעט פון איינעם פון די באדײַטנדיקסטע מײַסטערס פון דער סאָוועטישער קינעמאטאָגראַפיע.

ב י נ י אָ מ י ן   ג אָ ר אָ ד ע צ ק י

■ ■ ■

שאָלעם ביילין

פאָלקסטימלעכע קאַטאָוועסן און וויציקע מײַסעס

אַנטיכסידישע וויצן

ווייניקער פּאַלומיסקעס — ווייניקער טײַז!

א כאָסיד האָט דערציילט איינעם א ליט-וואק די מויפסים פון זײַן רעבן:

— מײַן רעבע קויפט שוין זונטיק פיש אף שאבעס און זאָגט דערבײַ „לעקאָוועד שאַבעס". מאָנטיק עסט ער אוף די זונטיקדיקע פיש און קויפט אנדערע פיש און זאָגט ווידעראמאָל „לעקאָוועד שאבעס". און אזוי איז די גאנצע וואָך.

איינמאָל פרײַטיק האָט דער רעבע אופגעגעסן די פיש פון דאָנערשטיק, — און פרײַטיק איז גראָד קיין פיש ניט געווען צו קויפן. מע איז געקומען זאָגן דעם רעבן, אז קיין פיש איז ניטאָ.

האָט דער רעבע געענטפערט:

— נישקאָשע, עס וועט זײַן.

אָט אזוי זײַנען צו אים געקומען זײַנע כסידים עטלעכע מאָל און האָבן אים מוידיע געווען, אז קיין פיש איז אלץ ניטאָ. און ער האָט יעדעס מאָל געענטפערט:

— נישקאָשע, עס וועט זײַן.

מע האָט שוין אָפגעמאכט קידעש, האָט דער רעבע געהייסן, מע זאָל אים דערלאנגען דעם טאלעס און קיטל. ער האָט דאָס אָנגעטאָן, ארומגעוויקלט מיטן גארטל און האָט ארײַנגעלייגט די האנט אין בוזעם. מיטאמאָל האָט ער גענומען שלעפּן פיש, שלעפּן און שלעפּן, ביז ער האָט אזוי ארויסגעשלעפּט גאנצע צוואנציק פּאַלומיסקעס פיש. אָט וואָס אונדזער רעבע קאָן.

האָט אים דער ליטוואק געענטפערט:

— עט! אויך מיר א מויפעס. האָט אָבער מײַן רעבע, זאָל לעבן, געוויזן א מויפעס, איז דאָס שוין טאַקע א מויפעס. מײַן רעבע האָט אמאָל געוואָלט פאָרן אין דיליזשאנס, איז געווען זייער ענג. האָבן זיך די כסידים אײַנגעבעטן בא די פּאסאזשירן, זיי זאָלן כאָטש ארײַנלאָזן דעם רעבן און אים געבן אן אָרט. די פּאסאזשירן זײַנען געווען פּריצים, האָבן זיי געשפּילט אין קאָרטן. און זיי זײַנען צוגעשטאַנען צום רעבן, ער זאָל אויך מיט זיי שפּילן. דער רעבע האָט זיי ניט געקאָנט אָפּזאָגן און האָט מיט זיי געשפּילט. און געשפּילט האָט ער דאָס מיט זיי, אז זיי זײַנען ביזול-ווענישטוימעם געוואָרן. זינט זיי לעבן, האָבן זיי אזא שפּילן ניט געזען. האָט ווער פון די פּריצים געהאט איין טויז, האָט דער רעבע געהאט צוויי טײַז, האָט יענער געהאט דרײַ טײַז, האָט שוין דער רעבע געהאט פיר טײַז, האָט יענער געהאט פינף טײַז, האָט דער רעבע געהאט זעקס טײַז, אכט טײַז, צען טײַז. ביז דער רעבע האָט שוין צום סאָף געהאט גאנצע צוואנציק טײַז...

פאָרזעצונג. אָנהייב זע „סאָוועטיש היימלאנד" נומ. 9, 10, 11.

קאַן שוין דער כאָסיד ניט אויסהאַלטן און האַקט איבער דעם ליטוואַק אינדערמיט:

— גוואַלד! וויאַזוי איז עס מעגלעך, אַז אין אַ טאַש קאַרטן איז דאָך פּאַרט מער ניטאָ ווי פיר טייַז?

ענטפערט אים דער ליטוואַק:

— אויב דו וועסט אַראָפּלאָזן טעלעכע פּאַלומיסקעס פיש, וועל איך אַראָפּלאָזן טעלע-כע טייַז.

(פאַרשריבן אין מאָסקווע, 1932)

די לעוואָנע פאָלגט דעם רעבן

אַ רעבע מיט זייַנע כסידים זייַנען אַרויס פונעם „שטיבל" אַף דער גאַס מעכאַדעש זייַן די לעוואָנע. אָבער די לעוואָנע האָט זיך, ווי אַפּצולאָכעס, ניט געוואָלט ווייַזן. זי האָט זיך באַהאַלטן אין די וואָלקנס, דער גאַנצער אוי-לעם איז געשטאַנען און האָט געוואַרט.

האָט דער רעבע אַ זאָג געטאָן מיט זייַן הייליק מויל שטרענג און שאַרף:

— לעוואָנע, איך בין אַף דיר גויזער, דו זאָלסט זיך אַרויסווייַזן!

די לעוואָנע האָט זיך אָבער ניט געוויזן, די וואָלקנס האָבן זיך אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער פאַרצויגן.

באַפוילט דער רעבע נאָכאַמאָל שוין מיט קאַס:

— לעוואָנע, ווייַז זיך אַרויס!

די לעוואָנע קריכט אָבער נאָך טיפער און טיפער אין די וואָלקנס אַרייַן.

שרייַט דער רעבע שוין אין גרויס גרימ-צאָרן:

— לעוואָנע, אויב דו וועסט זיך ניט טייקעף ווייַזן, וועל איך, סוינע-ייִסראָעל, כאַ-רעוו מאַכן די גאַנצע וועלט!

די כסידים זייַנען פאַרגליווערט געוואָרן פון שרעק און האָבן זיך אָנגעהויבן בעטן ראַכמים:

— רעבעניו-קרויו, האָט ראַכמאָנעס אַף אונדז און אַף אונדזערע ווייַבער און קינדער! לעמאַנעשעם, זאָל זי זיך שוין ניט ווייַזן.

האָט זיך דער רעבע מעראַכעם געווען און האָט אַ געשריי געטאָן:

— לעוואָנע, איך בין אַף דיר גויזער, דו זאָלסט זיך שוין ניט מער אַרויסווייַזן!

און די לעוואָנע האָט אים טאַקע געמוזט פאָלגן: זי האָט זיך שוין אין דער נאַכט ניט אַרויסגעוויזן פון די וואָלקנס.

(פאַרשריבן אין צאַרסקאָיע סעלאָ אין די אַכ-ציקער יאָרן; דער דערציילער שטאַמט פון ראַקאָוו, באַ מינסק)

דער רעבע האָט ראַכמאָנעס געהאַט

אַ כאָסיד דערציילט:

— דער רעבע איז שטאַרק אין קאַס גע-וואָרן אַף די ייִדן פון אַ שטעטל. האָט ער זיי געשאָלטן, אַז זיי זאָלן פאַרסאַרפעט ווערן. איז באַם אוילעם געוואָרן אַ מעהומע. אַלע האָבן גענומען צונויפפּאַקן זייערע בעבעכעס צו ראַ-טעווען זיי פון דער סריפע.

האָט אָבער דער רעבע איבערגעלייגט זייַן צאָרן אַף ראַכמים און האָט געזאָגט צום דערשראָקענעם אוילעם:

— דער סאַר שעל אייש[1] איז שוין אַפּי-לע אַרויסגעשיקט געוואָרן. ס'איז מיר דאָך אָבער אַף אייַך אַ ראַכמאָנעס, נו, זאָל שוין

[1] דער מאַלעך, וואָס איז דער באַלעבאָס איבער פייַער און אויך איבער סרייפעס.

מײַנס איבערגיין. איך בין גרויזער, אז די שטאָט זאָל ניט אָפּגעבערנט ווערן!

און וואָס מיינט איר? קאַכהאַווע, אַזוי איז טאַקע געווען. דאָס שטעטל איז טאַקע, באַרעכהאַשעם, טאַקע ניט אָפּגעבערנט געוואָרן.

(געהערט פון דעם זעלבן)

„כ'האָב אַליין געזען"

כסידים האָבן דערציילט ניסים פון זייערע רעביים.

צווישן זיי איז געזעסן אַן אומבאַקאַנטער ייִד.

האָט ער צו זיי געזאָגט:

— מיילע, וואָס איר דערציילט אַלץ. איך וועל אײַך אָבער דערציילן א מויפעס, וואָס איך האָב אַליין געזען, בעייניי ראָיִסי, מיט מײַנע אייגענע אויגן. אָט בין איך געווען באַם סאַדעגערער רעבן. האָב איך געזען, ווי מע האָט אַרײַנגעבראַכט א טויט קינד און א ייִדענע איז געפאַלן דעם רעבן צו די פיס: „הייליקער רעבע, האָט ראַכמאָנעס, מאַכט מיר לעבעדיק מײַן קינד!" נו, און דער רעבע האָט אַרופגעלייגט די האַנט אפן קינדס קאָפּ, איך האָב דאָס אַליין געזען, און ער האָט געזאָגט: „שטיי אויף און לעב!" איר הערט? דאָס האָב איך אַליין געזען, בעייניי ראָיִסי. מיט מײַנע אייגענע אויגן...

די כסידים זײַנען געבליבן אָן אָטעם:

— נו־נו, דערציילט ווײַטער, איז טאַקע דאָס קינד אופגעשטאַנען?

מאַכט דער ייִד:

— כאָלילע! אָבער וואָס אַרט אײַך? עס איז טאַקע ניט אופגעשטאַנען. דערפאַר אָבער, בעייניי ראָיִסי, איך האָב דאָס אַליין געזען, מיט מײַנע אייגענע אויגן...

מיט עלייאָהו האַנאָווי

א כאָסיד דערציילט, אז מיט זײַן רעבן רעדט אַלע שאַבעס עלייאָהו האַנאָווי.

פרעגט אים א מיסנאַגעד:

— עפשער איז דער רעבע א ליגנער?

ענטפערט אים דער כאָסיד:

— סטײַטש, א ליגנער? אז מײַן רעבע וואָלט כאָלילע געווען א ליגנער, וואָלט דאָך מיט אים עלייאָהו האַנאָווי ניט גערעדט.



א סגולע

א סויכער מיט זײַנע מעשאָרסים איז געפאָרן אין וועג. ס'איז געווען א שרעקלעכער פראָסט. זיי זײַנען אַלע געווען שטאַרק דערפרוירן און מיד. מיט גרויס מאַטערניש האָבן זיי זיך קוים לעבעדיקע דערצויגן צו א קרעטשמע אפן שליאַך.

אין דער קרעטשמע האָט מען זיי אָבער ניט אַרײַנגעלאָזט. דאָרטן איז שווער געגאַנגען צו קינד מיט אַן ערשטלינג דעם קרעטשמערס א יונגע שנור. שלעכט, וואָס טוט מען? דער פראָסט סמאַליעט! איז דער סויכער געפאַלן אף א האַמצאָע. ער האָט געהייסן זײַנע מעשאָרסים, זיי זאָלן זאָגן, אז דאָס פאָרט א גוטער־ייִד, א כסידישער רעבע, א באַלשעם מיט זײַנע גאַבאָים.

איינער פון די גאַבאָים האָט אָנגעהויבן צו שרײַען:

— לאָזט אונדז אַרײַן! דער רעבע, זאָל מײַריך יאָמים זײַן, איז דאָך א דערפראָרענער!

ווי נאָר דער קרעטשמער האָט דערהערט, אז דאָס איז אָנגעקומען א גוטער־ייִד, האָט ער באַלד אָן שיִעס אַרײַנגעלאָזט די אָרכים. ער האָט געשטעלט דעם סאַמאָוואָר, דערלאַנגט קיבעד מיט א גוט ביסל בראַנפן. די געסט האָבן זיך אָטכיִעט, א ביסל אָפּגעלעבט.

האָט זיך דער קרעטשמער אָנגעהויבן צו בעטן:

— רעבינקע, די שנור מײַנע גייט, נעבער, שווער צו קינד. גיט א סגולע, זי זאָל מיט מאַזל מוילעד זײַן!

האָט דער פאַרשטעלטער רעבע געענט־
פערט:

— זאָגט יזקער[1] נאָך איַערע עלטערן
פון אַלע צדאָדים, פון קרויווים נאָענטע און
וויַטע, פון צאַדיקים און צידקאָניעס.

דער רעבע האָט געהייסן, האָט מען גע־
פאָלגט. מע האָט געזאָגט יזקער אַף וואָס די
וועלט שטייט.

און קאַכהאָווע. ווי נאָר מע האָט אַמאָל
פופציק־זעכציק אָפּגעזאָגט יזקער, האָט טאַקע
דאָס וויַבל מיט מאַזל געהאַט דאָס קינד.

אַף מאָרגן, אַז דער רעבע דער באַל־
מויפעס האָט זיך גענומען קלייַבן אין וועג
אַריַין, האָט אים דער יישעוויניק געפרעגט:

— וואָס איז דאָס, רעבינקע־קרוין, פאַר
אַ סגולע זאָגן יזקער פאַר אַ שווערער געווי־
נערן?

האָט אים דער פאַרשטעלטער רעבע גע־
ענטפערט:

— וואָס פאַרשטייסטו ניט? אַז מע זאָגט
יזקער, גייען דאָך אַרויס די קליינע קינדער...

(געהערט אין נאָוואָרעדאָק, ייִנגלוויַז, אין יאָר 1865,
פון אַ יונגנמאַן, וואָס האָט די מייַסע דערציילט, ווי
אַ פאַקט).

דער רעבע פּראַוועט יעכידעס[2]

אַ פרומער כאָסיד האָט שטאַרק געוואָלט
וויסן, וואָס דער רעבע טוט בא זיך אין כיי־
דער, ווען ער פּראַוועט יעכידעס. מיסטאַמע
לערנט ער דאָרטן סיסרע־טוירע[3].

עס איז דעם כאָסיד געראָטן, און ער
האָט זיך אַריַינגעכאַפּט צום רעבן אין זיַין אָפּ־
געזונדערט כיידערל. האָט ער געזען, אַז דער
רעבע זיצט איבער אַ גרויסער שיסל בלינצעס
און עס שלאָגט פון זיי אַ פּאַרע ביזן באַלקן.
דער רעבע האָט אין זיך געשמאַק און גע־
שווינד אַריַינגעפּאַקט איין בלינצע נאָך דער אַנ־
דערער און דערביַי געשוויצט ווי ס'קער צו
זיַין.

דער פרומער כאָסיד איז נישטוימעם גע־
וואָרן. ער האָט זיך אַף דעם ניט געריכט. דער
רעבע האָט באַלד פאַרשטאַנען, וואָס דער כאָ־
סיד טראַכט. האָט ער געשווינד אַרויסגעכאַפּט
פון דער שיסל אַ הייסע בלינצע, אַריַינגע־
שפּאַרט זי דעם כאָסיד אין מויל אַריַין און
שטרענג אים אַ זאָג געטאָן: „עס!"

דער כאָסיד האָט זיך נעבעך אָנגעהויבן
צו וואַרגן. ער האָט זיך באַגאָסן מיט אַ בי־
טערן שווייס, און די אויגן האָבן אים אָנגע־
הויבן אַרויסקריכן פון קאָפּ.

האָט דער רעבע צו אים געזאָגט מיט אַ
קרעכץ:

— זעסטו, מיַין קינד, אַזוי מאַטער איך
זיך נעבעך דאָס גאַנצע לעבן...

(פאַרשריבן אין מאָסקווע, 1918)

אַ וויַיטער קוק

אַ כאָסיד דערציילט:

— מיַין רעבע, אַז ער זעצט זיך עסן,
זעט ער פון איין עק וועלט ביז צום אַנדערן.

פרעגט מען אים, וויאַזוי איז דאָס מעג־
לעך.

ענטפערט דער כאָסיד:

— איר ווייסט דאָך, אַז ס'איז פאַראַן
אַזאַ מין מאַשינקע, וואָס רופט זיך שפּאַקטיוו.
קוקט מען אין שפּאַקטיוו, זעט מען גאַנץ וויַיט.
און אַז מע וויל אָבער זען נאָך וויַיטער,
שטעלט מען צו נאָך אַ גלעזל. און אַז מע וויל
זען נאָך און נאָך וויַיטער, שטעלט מען צו נאָך
אַ גלעזל און נאָך אַ גלעזל.

מיַין רעבע, אַז ער זעצט זיך עסן, הייבט
ער אָן צו שטעלן גלעזלעך, אַ גלעזל, נאָך אַ
גלעזל און נאָך אַ גלעזל, ביז ער זעט שוין
טאַקע פון איין עק וועלט ביז צום אַנדערן.



[1] יזקער (יזכור) — געבעט פאַר געשטאָרבענע.
בעשאַס דעם דאָזיקן געבעט פלעגט מען די קינדער
אַרויסשיקן פון דער שול.

[2] געהיימניסן פון דער טוירע.

[3] אַ כסידישער טערמין. באַטיַיט: דער רעבע זונ־
דערט זיך אָפּ פון אַלע מענטשן אין אַ באַזונדער
צימער, קעדיי דאָרט צו טאָן פרומע זאַכן: דאַווענען,
לערנען, טראַכטן רעליגיעזע געדאַנקען און דאָס־
גליַיכן.

דאָס איז טשיקאַווע

די רײַכטימער פון קלײן־כינגאַן צו דינסט דעם פאָלק

קלײן־כינגאַן איז אײנער פון די אינטערעסאַנטסטע און רײַכסטע רעגיאָנען, װעלכע מע רופט ניט זעלטן, און מיט פולער רעכט, דער פּערל פונעם װײַטן מיזרעך. לויט דער פאַרשײדנאַרטיקײט און לויט דער קאָנצענטראַציע פון די נוצלעכע אויסגראָבונגען האָט ער צו זיך קײן גלײַכן ניט אין כאַבאַראָװסקער קאַנט. דאָ טרעפן מיר דאָס גרעסטע אין לאַנד געבורטס־אָרט פון ברוסיט, װי אויך דאָס רײַכע געבורטס־אָרט פון צין, אַף װעמענס באַזע עס פונקציאָנירט דער ערשטלינג פון דער צין־אַרויסבאַקומענדיקער אינדוסטריע אינעם קאַנט, דער קאָמבינאַט „כינגאַן־אָלאָװאָ". עס זײַנען אַף דער טעריטאָריע פון קלײן־כינגאַן געפונען געװאָרן פּערספּעקטיװע רעזערװון פון אײַזנ־ערץ, װעלכע װעלן מיט דער צײַט װערן די באַזע פון שװאַרצער מעטאַלורגיע אינעם קאַנט. געבורטס־ערטער פון מאַגנעזיט, קאַלכשטײנער, גראַפיט זײַנען אַרופּגעטראָגן אַף דער געאָלאָגישער מאַפּע פונעם קלײן־כינגאַן. װערטפולע זײַנען די מינעראַלע הײלונגס־קװאַלן...

דער עלעמענט, װעלכער באַשטימט די אַרבעט פון דער באַרג־אַרויסבאַקום־אינדוסטריע אין דער געגנט, איז צין. דאָס ערשטע אינדוסטריעלע געבורטס־אָרט פון אָט דעם מינעראַל איז אַנטדעקט געװאָרן נאָך אין די מיטלכאָמע־יאָרן. שפּעטער איז די טעריטאָריע פון דער ייִדישער אויטאָנאָמער געגנט געװאָרן אַן אַרענע פון אינטענסיװע געאָלאָגישע פאָרשונגען. אינעם אַנטדעקן און פאַנאַנדערשפּרײטן די צין־פּלאַסטן האָבן פיל מי אַרײַנגעלײגט אַזעלכע ספּעציאַליסטן װי ב. אי. בורדאַ, מ. ג. זאַלאַטאַװ, מ. אי. איציקסאָן, פּ. נ. קאַשמאַן, ז. װ. לאַליײַעװאַ.

דער אַנאַליז פון די אָנגעזאַמלטע אין מעשעך פון צענדליקער יאָרן געאָלאָגישע מאַטעריאַלן דערמעגלעכט אַרויסצורוקן אַ נײַע געאָלאָגישע מאָדעל פונעם רעגיאָן. זי שליסט אײַן פולער, אײדער װען־עס־איז, די פאַראַנענע פאַקטאָרן און דערקלערט די געזעצמעסיקײַטן פון דער אויסבילדונג פון געבורטס־ערטער פון אַ רײ נוצלעכע אויסגראָבונגען, אַמערסטנס — פון צין.

עס שטײט פאַר אַ נײַער פעלד־סעזאָן, און װער װײסט, װאָס פאַר אַן אַנטדעקונגען ער װעט אונדז ברענגען! מעגלעך, אַז דאָס װעט זײַן מעטאַל־ערץ. דער געאָלאָגישער אַנאַליז גיט אַ מעגלעכקײַט צו דערװאַרטן אַזאַ רעזולטאַט.

קלײן־כינגאַן איז אַ ראַיאָן פון אַ גוט אַנטװיקלטער עקאָנאָמישער אינפראַסטרוקטור, מיט אַ נעץ פון שאָסײ־ און אײַזנבאַן־װעגן, מיט אַ גרויסער צאָל באַפעלקערטע פונקטן. אין עסקעם מיט די באַשלוסן פונעם XXVI פּאַרטײ־צוזאַמענפאָר און פון די װײַטערדיקע פּלענומס פונעם צענטראַל־קאָמיטעט פון קפּסס װערן די געאָלאָגישע אויספאָרשונגס־אַרבעטן פאַרברײטערט, אין דער ערשטער רײ — אין די עקאָנאָמיש־באַהערשטע מיזרעך־ראַיאָנען מיט פונקציאָנירנדיקע באַרג־אַרויסבאַקום־אונטערנעמונגען.

מיר האָפן אַז אין די בערג פון קלײן־כינגאַן דערװאַרטן אונדז נײַע אינטערעסאַנטע אַנטדעקונגען.

א. זשירנאַװ,
הויפּט־געאָלאָג פון דער כינגאַן־אָלאָנאָיסקער געאָלאָגישער אויספאָרונג־פּאַרטיע, קאַנדידאַט פון געאָלאָגיש־מינעראַלאָגישע װיסנשאַפטן

900 יאָר פון דער שטאָט בראָד

די באַװוסטע מערב־אוקראַינישע שטאָט בראָד אין גאַליציע איז אַלט געװאָרן נײַן הונדערט יאָר.

דאָס איז אַ שטאָט, װאָס איז פול מיט געשיכטע. אין 1804 איז דאָ געשטאַנען װלאַדימיר מאָנאָמאַכס דרוזשינע. פון אָט דער געשעעניש הײבט מען אָן צײלן בראָדס יאָרן. בודיאָניס קאַװאַלעריע האָט אַפּגעשלאָגן בראָד באַ די װײַספּאָליאַקן. אין איסאַק באַבעלס באַרימטער „קאָנאַרמײ" איז פאַראַן אַ קאַפּיטל, געװידמעט דעם ייִשעװ מיט די „אויסגעטשערבעטע שטײנער פון זײַנע קלויזן". דורך בראָד איז געגאַנגען דער קאָנספּיראַטיװער װעג, מיט װעלכן קײן רוסלאַנד פלעג טראַנספּאָרטירט װערן די לעניניסטישע „איסקראַ".

בראָד האָט זיך אויסגעפורעמט װי אַ פילנאַציאָנאַלע שטאָט. פון קדמונים איז דאָרט געװען אַ היפּשער ייִדישער ייִשעװ. די ייִדן האָבן געלעבט באַ־

נאַנד מיט אוקראַיִנער, פּאָליאַקן און מיט מענטשן פון אַנדערע פעלקערשאַפטן.

די באַרימטע בראָדער זינגער האָבן אַריינגע־בראַכט אַ וויכטיקן צושטייער אין דער ייִדישער קול־טור. בערל בראָדער מיט זיינע כאָווריים פלעגן פאַרשאַפן דעם פּאָשעטן אוילעם פיל פאַרגעניגן מיט זייערע פאָלקס־שפּילן.

ביים דער פאַשיסטישער אינוואַזיע זיינען אין בראָד אומגעבראַכט געוואָרן 17 טויזנט איינוווינער. דער העלדישער קאַמף מיט די פאַשיסטישע אָקו־פּאַנטן האָט זיך אָבער ניט איבערגעריסן — ס'האָט אים געפירט די אונטערערדישע אַנטיפאַשיסטישע פאָלקס־גוואַרדיע אָפן נאָמען פון איוואַן פראַנקאָ, וועלכע האָט פאַרייניקט אוקראַיִנער, ייִדן, פּאָליאַקן.

אין מאַרט 1944 איז בראָד באַפרייט געוואָרן פון די פאַשיסטן.

דעם נייַנהונדערטיאָריקן יובילייַ פון בראָד האָט מען אָפּגעמערקט מיט אַ גרויסאַרטיקן ספּאָרטיוור־קינסטלערישן יאָמטעוו. די פייערונג איז פאָרגעקומען אָפן סטאַדיאָן. די פּראָגראַם האָט איינגעשלאָסן מו־זיק, געזאַנג, ריטמישע ספּאָרט־איבונגען, אַ כאָרעאָ־גראַפישע קאָמפּאָזיציע...

צו איר יובילייַ איז די שטאָט בראָד באַלוינט געוואָרן מיט אַן ערן־גראַמאָטע.

באָריס דאָרפמאַן,
בעטיע רעטשיסקער
(לוואָוו — בראָד)

אכטונג, כאַשעווע לייענער!

אין ביראָבידזשאַנער ביכער־קראָם קאָן מען באַשטעלן פאָלגנדע ייִדישע ביכער, וועלכע זיינען דערשינען אין מאָסקווער פאַרלאַג „סאָוועטסקי פּיסאַטעל״:

שמועל גאָרדאָן. „די אייביקע מאָס״, „די פייל און דער בויגן״
טעוויע גען. „אונדזערע צייטן״, „אין קרייז פון לעבן״
הערשל פּאָליאַנקער. „דער לערער פון מעדזשיבאָזש״
דאַוויד דראַגונסקי. „מענטשן אָף דער מיל־כאָמע״
ריווקע רובין. „עס שפּינט זיך אַ פאָדעם״, „אַזאַ מין טאָג״
הירש רעלעס. „אונטערן פרידלעכן הימל״
באָריס מאַגילנער. „מייַ אין קאַזאַן״, „מייַן זיקאָרן״
שירע גאָרשמאַן. „יאָמטעוו אינמיטן וואָך״
אַרן ווערגעליס. „די צייט״
הירש דאָבין. „ערדישע וועגן״
אַלעקסאַנדער ליזען. „נאָכעמקע עסרעג״
יויסעף בורג. „דאָס לעבן גייט ווייטער״
כאַסקל טאַבאַטשניקאָוו. „באַרשעווער מאָ־טיוון״
בוזי מילער. „דער קוואַל דער לויטערער״
יאָשע רוביאַן. „נעכטן און הייַנט״
נאָטע לוריע. „יאָם און הימל״
כאַים מעלאַמוד. „וואָרעם אָש״ „אומפאַרגעס־לעכס״

יעכיעל שרייַבמאַן. „יאָרן און רעגעס״, „ווײַ־טער...״
מישע לעוו. „דער מישפּעט נאָכן אורטייל״
לייב קוויטקאָ. „יונגע יאָרן״
אַווראָם גאָנטאַר. „דער מאָרגנשטערן״
מאָטל גרוביאַן. „דאָס אייביקע פייַער״
מוישע טייף. „לידער, פּאָעמעס, באַלאַדעס״
יאָסל בוכבינדער. „מיט ליכטיקע אויגן״, „נאָענטע ווייטן״
כאַים ביידער. „כאַנוקאַס־האַבאַיס״
אַווראָם קאַצעוו. „דאָס, גוטע וואָרט״
מאָטל גראָוומאַן. „יאָרן פון געוויטער״
הערש רעמעניק. „שטאַפּלען״
דער ניסטער. „די מישפּאָכע מאַשבער״
בער האַלפּערן. „מייַן ייִכעס״, „כעזשבן־האַ־נעפעש״
דאָרע כייקינע. „ליוציעס ליבע״
פּראָזע־זאַמלונג „אין אונדזערע טעג״
פּראָזע־זאַמלונג „ביראָבידזשאַן — אַ ווייטער און נאָ־ענטער״

איציק קיפּניס. „אונטערוועגנס״
יויסעף ראַבין. „די שטאָט פון מייַן יוגנט״
„רוסיש־ייִדישער ווערטערבוך״
„די לירע״. לידער־זאַמלונג פון 23 דיכטער, געפאַ־לענע ביים דער פּאַטערלענדישער מילכאָמע.

דער אַדרעס פון דער ביכער־קראָם איז:

Город Биробиджан
Улица Димитрова, дом № 5
Магазин «Книга — почтой»

מאָסקווער קינסטלער-דעם XXV פארטיי-צוזאמענפאָר

מ. טרופאנאָוו. שאכטיאָרן פון צאָפן-אוראל





נ. בארינאָוו. א פאַסטעך

ק. פראָלאָוו. א פליטנטרײַבערן



ו. סאָקאָלאָוו. דאָרט, ווו מאָסקווע הייבט זיך אָן

ו. סמירנאָוו. רעלסן אפן באם



מ. סאמסאָנאָוו. ריטערס פון מי

ו. פאוויליקאָוו. די קאָמביינערן מיטיקן

40 יאָר פֿון אונדזער גרויסן ניצאָכן. נומ. 5.

טאָג פֿון ניצאָכן (ליד). **ווערטער** — וו. כאַריטאָנאָוו. **מוזיק** — ד. טוכמאַנאָוו. ז. 5.

זיי זײַנען געקריגנט מיטן „רום־אָרדען" פֿון אַלע מאַ־דרייגעס. ז. 6.

ט. גען. **נאָוועלן פֿון דער מילכאָמע־צײַט.** ז. 39.

עמ. קאַזאַקעוויטש. **גרינע שאָטנס** (קאַפּיטלען). ז. 21.

די האָבן זיך ניט אומגעקערט פֿונעם שלאַכטפֿעלד. לידער פֿון ש. אײַזנוואַרג, ב. אַליעוווסקי, א. באָ־ראַדיאַנסקי, ש. גאָלדענבערג, כ. דושאַצקי, ה. דיאַ־מאַנט, מ. הארצמאַן, א. האָפּשטיין, ש. העלמאַנד, יא. זעלדין, ל. טאַלאַלײַ, מ. כאַשטשעוואַצקי, ש. לאַפּאַטע, ש. לעלטשוק, ב. קאַראַבײַניק, ה. קיפּ־מאַן, ש. ראָסין, ד. רייזען, ה. שווערדיק, פּ. שטיינ־בערג. ז. 49—64.

ד. בערגעלסאָן. **צווישן בערג.** ז. 90.

ל. בערינסקי. **דרײַ זוניקע טעג. שטילער אַוגוסט** (טריפּטיך). ז. 122.

ש. גאָדינער. **איינער אַליין איז פֿעלד.** ז. 65; נ. אויס־לענדער, י. דאָברושין. **דער מענטש מיט דער ביקס** (וועגן ש. גאָדינערן). ז. 68.

אַ. גוראַלניק. **דאָס אַטאַקירנדיקע וואָרט.** ז. 160.

מ. גאָלדשטיין. **אַן אײַנפֿאַל פֿון אַ דײַטש.** ז. 76; ב. קאָוויטש. **אַ ברייער און אַ שלאַכטמאַן** (וועגן מ. גאָלדשטיינען). ז. 81.

אי. מאַזאַרע. **„...איך ברענג מײַן קאָרבן אָפּ מײַז־בייעך פֿון דער פֿרײַהײַט"...** (וועגן מ. גערשענ־זאָנען). ז. 108.

אַ. קושניקאָוו. **פֿראָנט־לידער.** ז. 85.

נ. סטאַראָסטין. **דער דיכטער אָפּן פֿראָנט** (וועגן א. קושניראָוון). ז. 86.

ה. פּאַליאַנקער. **פֿאַרצייכענונגען אין פֿראָנט־בלאָק־נאָט.** ז. 146.

ע. פֿיינבערג. **אָפּן שלאַכטפֿעלד.** ז. 117.

ר. רובין. **די וואַנט. צייכענונג פֿון מ. אַקסעלראָד.** ז. 133.

זיך אומגעקערט מיט זיג. לידער פֿון מ. גאָלבשטיין, כ. גורעוויטש, מ. גרוומאַן, ל. העלער, ב. מאַ־גילנער, מ. מאַגילעוויטש, פּ. קריטשאַנסקי, פּ. פּלאָטקין, מ. ריאַנט. ז. 156—159.

פֿײַלן אַף מײַלן. בען־שאָלעם (אי. פּעפּער). **מאַרשאַלן און מאַרשאַלעקעס.** ז. 166.

ראָמאַנען

ש. גאָרדאָן. **יאַרשים.** (פֿאָרזעצונג. אַנהייב נומ. 11, 1984) נומ. 6, ז. 30; נומ. 11, ז. 73 (סאָף).

אַ. ווערגעליס. **דער היטער באַ די טויערן.** נומ. 9, ז. 21.

ה. פּאַליאַנקער. **די צײַט פֿון גרויסע האָפֿענונגען. ערשטער טייל.** נומ. 1, ז. 18; **צווייטער טייל.** נומ. 10, ז. 7; נומ. 11, ז. 10 (סאָף).

דערציילונגען, נאָוועלן, ליטעראַרישע מיניאַטורן, פּיעסעס

י. בורג. **פֿון מײַן נאָטיץ־ביכל.** נומ. 2, ז. 12; **פֿיר ליבעס.** נומ. 9, ז. 6.

ע. ביליאַוויטשוס. **דורך צווײ גרענעצן** (אויטאָביאָ־גראַפֿישע דערציילונג). נומ. 4, ז. 106.

ה. באַראַז. **צוגאַסט באַ דער נאַטור.** נומ. 12, ז. 76.

כ. גורעוויטש. **דער סטאַראָבינער טאָפּאָל און אַנד־דערע דערציילונגען.** נומ. 10, ז. 66.

ט. גען. **דאָס אייניקל און דער זיידע.** נומ. 8, ז. 22.

ק. גריידינא. **„עפּשער איז צווישן אײַך דאָ אַ דאָק־טער..."**. נומ. 7, ז. 102.

א. ווערגעליס. **אָפּן גערעדט...** (פּיעסע). נומ. 4, ז. 75; **מאַרק שאַגאַל איז אַוועק אין דער אייבי־קײַט.** נומ. 7, ז. 96.

אַ. ליזען. **דער נאָווי און אוויטאַל.** נומ. 3, ז. 69.

מישע לעוו. **לאַנגע שאָטנס** (קאַפּיטלען פֿונעם דריטן טייל „דער מישפּעט נאָכן אורטייל") (צום 70־טן געבורטסטאָג). נומ. 12, ז. 40.

כ. מעלאַמוד. **אַריסע.** נומ. 7, ז. 12.

ה. פּוסטילניקאָוו. **פֿאַרשפּאַרט צו געבן און אייצע.** נומ. 7, ז. 111.

מ. פּענס. **„טאַטע, האָב ראַכמאָנעס!..."** (פֿון הערשע־לעס געשיכטעס). נומ. 10, ז. 79.

צום 40־טן יאָרטאָג פֿונעם זיג. י. פּאַליקמאַן. **איך יענע טעג.** נומ 3, ז. 3.

וול. קרױוולין, יו. פּיוואָוואַר. **אַף די פֿראָנט־וועגן** (דאָקומענטאַלע דערציילונג וועגן דעם צווײ מאָל העלד פֿון סאָוועטנפֿאַרבאַנד, גענעראַל־פּאָלקאָווניק ד. דראַגונסקי צו זײַן 75־טן געבורטסטאָג). נומ. 3, ז. 18.

ב. סאַנדלער. **אַ טערעץ אַנצושרײַבן אַ נאָוועלע און אַנדערע דערציילונגען.** נומ. 7, ז. 28.

ד. קאַלינאָווסקאַיאַ. **מיט אַ שײַנעם געמעל אָפּן דנאַ.** נומ. 7, ז. 43.

אי. קיפּניס. **נאָוועלן** (פֿון דער שעפֿערישער ירושע). נומ. 8, ז. 34.

האַנס קריסטיאַן אַנדערסען (צום 180־טן געבורטס־טאָג). **מײַסעלעך** (אין דער איבערזעצונג פֿון דעם נישטער. קינסטלער ל. ליטיצקי). נומ. 4, ז. 135.

י. ראַבין. **אוריי־קיקלעך ווײַטע...** נומ. 4, ז. 64.

ה. רעלעס. **אָפּן פֿאַראָם.** נומ. 7, ז. 108; **צײַט־נאָטיצן.** נומ. 12, ז. 22.

לעבעדיקע גרונט. י. שוסטער. **באַגעגענישן באַ די היילונגס־קוואַלן אין דרוסקיניקיי. נומ. 12, ז. 85.**
ב. שיינגאָוטער. **די שלאַכטן אין מיזרעך־פּרייסן. נומ. 4, ז. 42.**
ד. שעכטער. **די געשיכטע פון דזשולי סעמאָ. נומ. 7, ז. 44.**
י. שרייבמאַן. **אוזבעקיסטאַן־42. נומ. 6, ז. 83; איין קליין ראַשקעווער געסל. נומ. 10, ז. 50.**

לידער און פּאָעמעס

י. בוכבינדער. **כ'ווינטש דעם יונגן דאָר. נומ. 8, ז. 53.**
כ.ביידער. **אַלץ, וואָס איז מיט וווּנדער פול. נומ. 8, ז. 18.**
ל. בערינסקי. **מיט צעעפנטע אויגן. נומ. 6, ז. 104; פאַרלירט ניט מיין שפּור. נומ. 12, ז. 37.**
ד. בראַמבערג. **לידער (צום 70־טן געבורטסטאָג). נומ. 11, ז. 136.**
מ. גאַלבשטיין. **די טענצערן פון נאַכט און זון (באַלאַדע). נומ. 3, ז. 66; פול מיט הימל און מיט זון. נומ. 10, ז. 47.**
כ. גורעוויטש. **באַם אירטיש. נומ. 1, ז. 120.**
מ. גרוביאַן. **פון דער ליטעראַרישער יערושע. נומ. 7, ז. 100.**
מ. גרוזומאַן. **די גאַנצע וועלט איז פול מיט ליכט. נומ. 9, ז. 19.**
ל. העלער. **ווי טייער איז די וועלט. נומ. 7, ז. 40.**
א. ווערגעליס. **פונעם ציקל „זיכרוינעס פון דער וויַיט". נומ. 2, ז. 141.**
וו. טשערנין. **מיין גראַמאַטיק. נומ. 7, ז. 67; דער נייער טאָג. נומ. 11, ז. 68.**
ד. כייקינע. **אין די ליכטיקע פאַרטאָגן. נומ. 9, ז. 83.**
פ. מאַרקיש. **מיין דאָר (צום 90־טן געבורטסטאָג). נומ. 12, ז. 15.**
ב. מאָגילנער. **צום זון. נומ. 6, ז. 81; אין שטורמישן שטראָם. נומ. 11, ז. 56.**
ז. מינקין. **אַ בריוו אין פערזן (צו זיין 85־טן געבורטסטאָג). נומ. 7, ז. 59.**
פ. פּלאַטקין. **יאָסל און נעכאַמע (לירישע פּאָעמע). (צו זיין 70־טן געבורטסטאָג). נומ. 3, ז. 29.**
מ. פענס. **מיט דער שיין פון מיינע אויגן. נומ. 4, ז. 133; קוקן קינדערלעך אַרויס. נומ. 12, ז. 91.**
אי. פעפער. **מאַסקווע וועט דעם קאָפּ ניט בייגן (צום 85־טן געבורטסטאָג). נומ. 9, ז. 3.**
קאַלעוואַלאַ. **פינלענדישער פאָלקס־עפּאָס. דריטע רונע. נומ. 2, ז. 81.**
פ. קירזשאַנסקי. **קיין טראָפּן זיסקייט זאָל ניט גיין פאַרלאָרן. נומ. 4, ז. 40.**
ה. רעלעס. **שאָלעם און ליבע (באַלאַדע). נומ. 2, ז. 64.**
מאַרק שאַגאַל. **פון מיין לידער־בוך. נומ. 7, ז. 98.**
צום 800־יאָריקן יובילײ פונעם גרוזינישן עפּאָס. **דאָס געזאַנג וועגן איגאָרס כאַיל. איבערגעזעצט — אַרן קושניראָוו. האַלץ־גראַוויורן — וו. פאַוואָרסקי. נומ. 6, ז. 3.**

ניַיע נעמען. א. ביידערמאַן. **דאָס וואָרט. נומ. 8, ז. 100.**
צום 90־טן געבורטסטאָג פונעם גרויסן רוסישן דיכטער. ס. יעסענין. **אַ בריוו דער מאַמען און אַנד. לידער אין דער איבערזעצונג פון** ד. האָפּשטיין און א. ווערגעליס. **נומ. 10, ז. 86;** ס. קאַשעטשקין. **סערגיי יעסענין. נומ. 10, ז. 88;** מ. אַסטראַווסקי. **וועגן סערגיי יעסענינען. נומ. 12. ז. 125.**
לידער פון אַנדזערע לייענער. מ. גינזבורג, ס. גערבער, פ. זילבערג, ל. הירש, ל. יודאַווין, מ. ליאַכאָוויצקי, א. לעמבערגער, יו. לערנער, ק. פעסטשאַנסקע, מ. קאַפּשטיין. **נומ. 3, ז. 88.**
ה. באַראַז. **צום אַלטן דעמב. נומ. 4, ז. 63.**
כאַשעוווער רעדאַקטאָר, איך שיק אייך דאָ איין ליד מיינע, בלויז איינע... י. בוכבינדער, א. בעלאָוסאָוו, ל. בערינסקי, כ. גורעוויטש, מ. גרוזומאַן, ז. ווייצמאַן, ד. כייקינע, מ. מאָגילעוויטש, ב. מילער, ב. סינעלניקאָווא, פ. פּלאַטקין, א. קאַצעוו, פ. קירזשאַנסקי. **נומ. 7, ז. 6.**
י. בוכבינדער, ע. ביידער, מ. גרוזומאַן, ל. העלער, ז. ווייצמאַן, מ. מאָגילעוויטש, פ. פּלאַטקין, ב. סינעלניקאָווא, פ. קירזשאַנסקי, ה. רעלעס. **נומ. 10, ז. 3.**
פון דער הינטצייטיקער ליטווישער פּאָעזיע.
א. באַלטאַקיס, וו. געדראַ, יו. וויטשיונייטע, א. כורגינאַס, א. מאַלדאָניס, ע. מעזשעליייטיס, יאָ. סטרעלקונאַס, וו. פּאַלטשינסקייטע.
געפונענע מאַנוסקריפּטן. מ. ווינער. **דער צאַפּלדיקער דויפּעק פונעם פּאַלק. נומ. 9, ז. 140.** יעהודיס (ראָכל בערנשטיין). **דאָס שוואַרצע טישעלע. נומ. 8, ז. 102;** שאָלעם ביילין. **פאָלקסטימלעכע קאַטאַווועסן און וויציקע מייסעס. נומ. 9, ז. 149; נומ. 10, ז. 145; נומ. 11, ז. 161. נומ. 12, ז. 151.**

ווערק פון אויסלענדישע שרייבער

מ. גיציס. **צופעליק (קינסטלער מ. לאַקשין). נומ. 2, ז. 89; דער טאַבו. נומ. 8. ז. 56; באַם שרייבטיש. נומ. 10. ז. 91.**
צאַלעל בליץ **(צום 75־טן געבורטסטאָג). אין טיפער יוגנט פון 95 יאָר. נומ. 7, ז. 124.**
ניַיע איבערזעצונגען. ג. גוליא. **וואָס עס האָבן מיר דערציילט מיינע פריינט. (יידיש — כ. ביידער). נומ. 6, ז. 134.**
יו. גריבאָוו. **זיך אומגעקערט. (יידיש — כ. ביידער) נומ. 7, ז. 131.**
מ. לוואָוו. **יידישע מאָטיוון. לידער (יידיש — א. ווערגעליס). נומ. 12, ז. 82.**
פ. פּאָפּאָוויטש, ל. כאַטשאַטוריאַנץ. **דער רויב פון גדאַנסקען (קינסטלער יע. סקאַלסקי). נומ. 2, ז. 33; נומ. 3, ז. 32.**
ליטעראַרישע געדענק־דאַטעס. ד. אומרו (1910 — 1941). **נאַכט. נומ. 3, ז. 110.** מ. אַלבערטאָן (1900—1947). מ. זאַריו. **די געשיכטע פון איינער אַ פאָטאָגראַפיע. נומ. 8, ז. 88;** ר. באַליאַסנע (1910—1980). **דאָס לעבן אייביק איז (לידער).**

נומ. 2, ז. 150; ה. בלאָשטיין (1895—1980). אין דער אַלטער היים (יעפּים מענדעלעוויטש). נומ. 1, ז. 107; ב. בראָדער (1815—1868). איציק מאַנ־גער. וועגן בערל בראָדער. נומ. 2, ז. 147; וויק־טאָר הוגאָ (1802—1885). אַף באַריקאַדן (ייִדיש— ד. האָפשטיין). נומ. 7, ז. 188; לײַזער וואָלף (1910—1943). אײַזיק־מײַער דיק און די אַלמאָנע ראָם און אַנד. לידער. נומ. 8, ז. 84. צוויי אָפּרופן אַף דער שאַפונג פונעם דיכטער: א. קושניראָוו. צו דער זאַמלונג „לײַזער וואָלף. ליריק און סאַ־טירע. ע. פינינבערג. פאָרוואָרט צו דער זאַמלונג „לײַזער וואָלף. „די ברוינע בעסטיע"; מ. נאַדיר (1885—1943). צווייערליי מאָראַלן און אַנד. דער־ציילונגען. נומ. 6, ז. 109; אַנע סטעלמאַך (1900—1950). דעם זיידנס קינדער. נומ. 3, ז. 93; פ. טי־טאַ (1909—1945). מילכאָמע־דערציילונגען. נומ. 9, ז. 98; י. ראַבין. דאָס סאַמע וויכטיקסטע (צו י. סע־רעבריאַניס 85־טן געבורטסטאָג). י. סערעבריאַ־ני. אײנער פון די „פאַרגעסענע נעמען". נומ. 12, ז. 107; א. פּלאַטנער. אַמעריקאַנער מאָטיוון (לי־דער). נומ. 11, ז. 123; ש. פּרוג (1860—1916). לידער. נומ. 9, ז. 89; מוישע קאַץ (1885—1960). באַ שאָלעם־אַליכעמען. נומ. 9, ז. 85; א. קאַציזנע (1885—1941). אוילעם־האַטויע. נומ. 6, ז. 118; ייִצחאָק קאַצענעלסאָן (1885—1944). די ערשטע אומצוברענגען (פון דער פּאָעמע „דאָס ליד פון אויסגעהארגעטן ייִדישן פאָלק"). נומ. 8, ז. 90; ה. רעמעניק (1905—1981). פ. פּאָליאַק. שטריכן צו הערש רעמעניקס פּאָרטרעט. נומ. 7, ז. 120; מ. שאַץ־אַנין (1885—1974). מ. ראַזומני. א לעבן פון שעפערישער באַפליגלטקייט. נומ. 7, ז. 116.

אונדזער קאָסמאָס־ווינקל

װ. מיטראָשענקאָוו. פונעם בוך „די ערד אונטערן הימל" (ייִדיש — ב. רויזן). נומ. 8, ז. 109; נומ. 9, ז. 106; נומ. 10, ז. 100; נומ. 11, ז. 59 (ייִדיש— ב. גערשמאַן).

ליטעראַטור־קריטיק. ביבליאָגראַפיע. פּראָגן פון קונסט

י. בורג, ב. רויזן. די ליד איז געבליבן (וועגן דער יונג־אומגעקומענער דיכטערין זעלמאַ מעערבאַום־אײַזינגער). נומ. 10, ז. 135.

י. בורג. זי איז געוואָרן זיקאָרן (וועגן סידי טאַל). נומ. 12, ז. 136.

ב. דע גאָראָדעצקי. ניסים אַף דער דאַמקע־ברעט. נומ. 3, ז. 168; אַן אינטערוויו מיט זיך אַליין. נומ. 4, ז. 161; אונטער דעם קלאַנג פון די רעדער. נומ. 10, ז. 146.

אַ. גוראַלניק. א שרײַבער־קאָמוניסט (וועגן הערש פּאָליאַנקערס שאַפונג). נומ. 12, ז. 98.

ל. העלער. א פּרוכטבאַרער שעפערישער וועג (וועגן ה. רעלעסעס שאַפונג). נומ. 1, ז. 126.

א. וואָזנעסענסקי. לידער פונעם הימל־בלויען פּאַט־ריאַרך (ייִדיש — כ. ביידער). נומ. 11, ז. 137.

ז. ליבינזאָן. די אוראַלטע ייִדישע ליטעראַטור אין קאָנטעקסט פון דער וועלט־ליטעראַטור. נומ. 3, ז. 137; דיכטונג פון מוט און ווײ. נומ. 6, ז. 146; א נײַע באַגעגעניש מיט די ווײַסרוסלענדישע שטעטלעך (וועגן ה. רעלעסעס בוך). נומ. 9, ז. 126; א לײַדנשאַפטלעכער בוך (וועגן ש. גאָר־שמאַנס בוך „יאַמטעוו אינמיטן וואָך"). נומ. 10, ז. 131; צו דער פּראַגע: „דאָס געזאַנג וועגן איגאָרס כאַיל" און די וועלט־קולטור. נומ. 11, ז. 140.

טעוויע דער מילכיקער אין דער צענטראַלער טעלע־וויזיע. נומ. 11, ז. 126.

א בריוו אין רעדאַקציע. נאָטע לוריע. אײניקע באַ־מערקונגען צו דער פּאָלעמיק וועגן דער „געשיכ־טע פון א ליבע". נומ. 3, ז. 144.

פון דער ליטעראַטור־געשיכטע. כ. ביידער. איוואַן בונין — מענדעלעס איבערזעצער. נומ. 12, ז. 112.

קורצע רעצענזיעס

װ. בעליאַקאָוו. צעבראַכענע גוירלעס (וועגן „ווײַסן בוך"). נומ. 12, ז. 104.

י. גען. קונסט — געווער (וועגן ה. פּאָליאַנקערס בוך „דער גויריל פון א קינסטלער"). נומ. 8, ז. 137.

מ. וואָלף. „א קערפּער אָן א קאָפּ, וואָס הערט ניט אוף צו לויפן" (רוט לעווין, „אוויגאַאַם וועאַכערים סיפּורים", טעל־אוויוו). נומ. 1, ז. 133; פּילקלאַב־גיק ברויזט דער קוואַל (וועגן ב. מילערס בוך „דער קוואַל דער לויטערער"). נומ. 4, ז. 149.

א. טאַרפּוסמאַן. א נײַע סאָוועטישע אויסגאַבע אי־בער פּראָגן פון סעמיטאָלאָגיע. נומ. 1, ז. 137.

ע. לעווין. דער ציוניזם פונדערנאָענט (וועגן ע. טור־מאַס בוך). נומ. 12, ז. 103.

ב. מילער. דורכגעדרונגען מיט קאַמף (וועגן מ. לעווס בוך „אויסגעווײַלטס"). נומ. 1, ז. 130; טראָפּן נאָך טראָפּן (וועגן יע. שרײַבמאַנס בוך „ווײַ־טער..."). נומ. 8, ז. 136.

ע. פּאַגעל. ביזן לעצטן טאָג געווען גליקלעך (וועגן קינאָ־אָפּעראַטאָר סעמיאָן סטאָיאַנאָווסקי). נומ. 8, ז. 143.

נ. קאַבושקין. „אין וועגן! אין וועגן! און נאָכאַמאָל — אין וועגן!" (וועגן כ. ביידערס ביכל „נאָענטע ווײַטן"). נומ. 4, ז. 150.

א. קריקאָוו. פּאַר פרײַנטשאַפט מיטן סאָוועטנפאָלק־באַנד (וועגן דעם בוך פון רוט ליוויטש). נומ. 8, ז. 134.

ל. שומסקי. א ליטעראַרישער דענקמאָל פונעם אַל־טערטום (וועגן אַלפאַנסאָס ווערק). נומ. 1, ז. 139.

מ. שלוימעס. יאָרן פון געוויטער (וועגן מ. גרוווי־מאַנס בוך „יאָרן פון געוויטער"). נומ. 1, ז. 131.

שמועסן וועגן מוזיק און עסטראַדע. מ. גאָלדין. שטריכן פון דער געמײַנזאַמקייט פון דער ייִדי־שער מוזיקאַלישער שאַפונג מיט דער מאָלדאַווי־שער. נומ. 1, ז. 141; שאָלעם־אַליכעם אין דער פאָלקסליד. נומ. 10, ז. 140.

ו. לענזאָן. **דער קאָמפּאָזיטאָר וולאַדימיר טערלעצקי.** נומ. 7, ז. 154; **וועניאַמין פֿליישמאַן און זײַן אָפּערע „ראָטשילדס פֿידל“.** נומ. 9, ז. 131; **וועגן דרײַ רעוואָליוציאָנערע לידער, וועלכע ס'האָט פֿאַרשריבן אירמע יאונזעם.** נומ. 12, ז. 134.

י. פּיַוווסאָוויטש. **א וועטעראַן פֿון דער סאָוועטישער עסטראַדע (וועגן דעם עסטראַדע־מײַסטער וו. קאָראַלי).** נומ. 3, ז. 165.

וו. קאַוורין. **צוויי אַרטיסטן (וועגן ש. מיכאָעלסן און מ. אוליאַנאָוון אין דער ראָל פֿון טעוויע דער מילכיקער).** נומ. 12, ז. 131.

דער איבערוף פֿון צײַטן. ד. בעלקין. **מאַקסים גאָרקי און דער טעאַטער „האַבימאַ“ (אַן אויסצוג פֿון מ. גאָרקיס אַרטיקל).** נומ. 4, ז. 155—156.

מ. קאָטליאַראָווע. **אַפֿן צווישנפֿעלקערלעכן יוגנט־פֿעסטיוואַל.** נומ. 11, ז. 142.

וול. מילאַשעווסקי. **ווי אַזוי איך האָב געמאָלט איסאַק באַבעלס פּאָרטרעט;** או. ספּעקטאָר. **די געשיכטע פֿון באַבעלס אַן אומבאַוווּסטן פּאָרטרעט.** נומ. 9, ז. 138; **אַן אויסשטעלונג פֿון מיניאַטיור־אויסגאַבעס.** נומ. 7, ז. 130.

פּובליציסטיק

מיכאַיל סערגייעוויטש גאָרבאַטשאָוו. אינפֿאָרמאַטיווע מיטיילונג וועגן דעם פּלענום פֿונעם צענטראַל־קאָמיטעט פֿון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פֿונעם סאָוועטנפֿאַרבאַנד. רעדע פֿונעם גענעראַל־סעקרעטאַר פֿון צק קפּסס כאַווער מ. ס. גאָרבאַטשאָוו **אַפֿן פּלענום פֿון צק קפּסס דעם 11 מאַרט 1985; ווענדונג פֿונעם צענטראַל־קאָמיטעט פֿון קפּסס, פּרעזידיום פֿונעם אויבער־סאָוועט פֿון פֿססר, מיניסטאָרן־ראַט פֿון פֿססר צו דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, צום סאָוועטישן פֿאָלק; פֿון דעם צענטראַל־קאָמיטעט פֿון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פֿונעם סאָוועטנפֿאַרבאַנד, פּרעזידיום פֿון דעם אויבער־סאָוועט פֿון פֿססר, מיניסטאָרן־ראַט פֿון פֿססר.** נומ. 4, זז. 5, 6, 8, 12, 13.

באַשטעטיקן דעם לעבנס־עמעס, די הויכע אידעאַלן. רעדע פֿונעם כאַווער ק. או. טשערנענקאָ **אַפֿן יובליי־פּלענום פֿון דער פֿאַרוואַלטונג פֿונעם שרײַבער־פֿאַרבאַנד פֿון פֿססר דעם 25 סענטיאַבער 1984.** נומ. 1, ז. 4.

א. פּעטשערסקי, **באַשטראָפֿן די נאַציסטישע פֿאַרברעכער.** נומ. 1, ז. 122.

טעאָרעטישע קאָנפֿערענץ פֿון „סאָוועטיש היימלאַנד“. וול. זאָק. **אַטעיזם און די גײַסטיקע קולטור פֿון סאָציאַליזם.** נומ. 2, ז. 3; מ. מטשעדלאָוו. **די רעליגיע אין דער הײַנטצײַטיקער וועלט.** נומ. 2, ז. 8; א. דאַשדאַמיראָוו. **דיאַלעקטיק פֿון דעם נאַציאָנאַלן און אינטערנאַציאָנאַלן אין דער פּערזענלעכקײַט.** נומ. 4, ז. 16; ד. טשערטינא. **די נאַציאָנאַלע באַציִונגען אין סאָוועטנפֿאַרבאַנד אין דער ווירקלעכקײַט און אין די אויסטראַכטענישן פֿון די אַנטיקאָמוניסטן,** ז. 19; **דער פֿאַרברעכערישער אַליאַנס פֿונעם ציוניזם און נאַציזם. פּרעסעַ־קאָנפֿערענץ פֿון דעם אַנטיציוניסטישן קאָמיטעט פֿון דער סאָוועטישער געזעלשאַפֿטלעכקײַט.** נומ. 2, ז. 157.

ג. באָנדאַרעווסקי. **דער עמעס וועגן די געהיימע פֿאַרבינדונגען פֿון פּשאַ מיטן קריגערישן ייִסראָעל.** נומ. 3, ז. 115; נומ. 6, ז. 156; נומ. 8, ז. 145.

ל. דאַדיאַני. **דער ציוניסטיש־ייִסראָעלדיקער העגעמאָניזם.** נומ. 3, ז. 128; **דער עמעסער טאָך פֿון דער היסטאַדרוט.** נומ. 10, ז. 116; **דער טאָך פֿון די קיבוצים און פֿונעם קיבוציזם.** נומ. 12, ז. 93.

יא. באַראַק. **דאָס אַנדערע ייִסראָעל. אָפּשפּיגלונג פֿון דער ייִסראָעלדיקער ווירקלעכקײַט אויף דער טעאַטראַלער בינע.** נומ. 7, ז. 138.

ר. קאָסאָלאַפּאָוו. **די לענינישע לעבנס־פּאָזיציע** (ייִדיש — מ. איטקאָוויטש). נומ. 11, ז. 3; קאָמוניסטן, פֿאָרויס! קאָמוניסטן, פֿאָרויס! דאָוויד שולמאַן. **57 יאָר אין די רייען פֿון דער לענינישער פּאַרטיי;** ב. גלוזמאַן. **דורך פֿײַער און וואַסער;** נ. וואָראָנינא. **מיר, סאָוועטישע מענטשן;** ס. מײַדאַניק. **אַן ערשטראַנגיקער שאָפֿער.** נומ. 12, ז. 3.

אונדזערע מיטיילונגען

ד. איסאַקאָוו. **פּושקינס ווערק אין די מיזרעך־לענדער.** נומ. 7, ז. 152; ל. ווילסקער. **יעהודע האַלייוויס מאַטאָנע.** נומ. 1, ז. 149; וו. טשערנין. **נײַע נומערן פֿון צײַטשריפֿטן אין די סאָציאַליסטישע לענדער.** נומ. 8, ז. 161; ר. קאַפּלאַנאָוו. **שפּאַניש־פּאָרטוגאַלישע ייִדן אין רוסלאַנד און אוקראַינע (XVI—XVIII יה.).** נומ. 3, ז. 148; פּ. קוזמענקאָ. **א ביבליאָטעק אין סאָקאָלניקי.** נומ. 1, ז. 147.

אונדזערע אינטערוויוען. **מיטן דירעקטאָר פֿון דער אַלפֿאַרבאַנדישער ביכער־פּאַלאַטע** ג. ראָדין; **מאָסקווער סקולפּטאָר** מ. אַלטשולער; **פֿילאָלאָג־מעטאָדיסט** ש. סאַנדלער. נומ. 3, ז. 158; **מיטן מאָלער** ה. אינגער, **סקולפּטאָר** פּ. קריוואָרוצקי, **קינסטלער־קעראַמיסטקע** ע. רעמעניוק. נומ. 10, זז. 126, 127, 128; **מיטן פֿאַרוואַלטער פֿונעם ייִדישן און העברעיִשן סעקטאָר פֿון דער לענין־ביבליאָטעק** ל. דאַגאָוויטש; **מיטן פֿידלער פֿון ביראָבידזשאַן** ס. גרויסמאַן **און דעם אַספּיראַנט פֿון ווילנער אוניווערסיטעט** ע. דינגערים. נומ. 12, ז. 144.

ביכער־גראַפֿיק. קינסטלער וול. לעווינסאָן. נומ. 10, ז. 152.

מיר אינפֿאָרמירן אונדזערע לייענער. **נעאָפֿאַשיסטישע און עקסטרעמיסטישע אָרגאַניזאַציעס אין ייִסראָעל.** נומ. 4, ז. 158; **אַנטיסעמיטישע אַטענטאַטן אין פֿראַנקרײַך און אין פּשאַ.** נומ. 7, ז. 3.

א. טאָרפּוסמאַן. **פּראַגן פֿון ייִדישער אַנטראָפּאָנימיק.** נומ. 7, ז. 148.

קורצע מיטיילונגען. יא. ביילינסאָן. **דאָס ייִדישע וואָרט אויף דעם עקסליבריס.** נומ. 8, ז. 164;

אי. קאָטלער. אין דער לענינגראַדער אָפּטײלונג פֿון דער רוסלענדישער פּאַלעסטינער געזעלשאַפֿט. נומ. 8, ז. 163.

ס׳איז גאָרנישט ניט פֿאַרגעסן! פּרעסע־קאָנפֿערענץ פֿונעם אַנטיציוניסטישן קאָמיטעט פֿון דער סאָוועטישער געזעלשאַפֿטלעכקײט דעם 9 אַפּריל 1985 „די באַפֿרײַונג־מיסיע פֿון דער סאָוועטישער אַרמײ און די רעטונג פֿון די אַסירים פֿונעם נאַציזם". שט. מאָסקווע. נומ. 8, ז. 92.

ס. קליגער, יע. דרוץ. דעם ראַמבאַמס פּערזענלעכקײט און פֿילאָסאָפֿיע (צו זײַן 850־טן געבורטסטאָג). נומ. 9, ז. 100.

„בירעבידזשאַנער שטערן". וו. בעלינקער. אויף א לימעד פֿון ייִדיש; „בירעבידזשאַנער שטערן" — 10.000 נומערן; „בירעבידזשאַנער שטערן"־85. נומ. 8, ז. 157; „בירעבידזשאַנער שטערן" — נעכטן, הײַנט, מאָרגן. מיטן רעדאַקטאָר פֿונעם „בירעבידזשאַנער שטערן" לעאָניד שקאָלניק שמועסט דער שטעלפֿאַרטרעטער פֿונעם הויפּט־רעדאַקטאָר פֿון „סאָוועטיש הײמלאַנד" כאַים בײַדער. נומ. 9, ז. 91.

א בריוו אין רעדאַקציע. נ. שאַצקי. מיקויעך א בוך פֿון ייִדישער סטענאָגראַפֿיע. נומ. 8, ז. 167.

זיכרוינעס. כ. טאַמאַרקין. מאָסקווע אין די צוואַנציקער יאָרן. נומ. 8, ז. 125; יע. יאַצאָווסקי. די קאָמיוגיסטן פֿון קאָוונער אונטערערד. נומ. 1, ז. 78; נומ. 2, ז. 66; מ. לאַנדמאַן. זיכרוינעס פֿון א מאַשיניסטקע. נומ. 2, ז. 152; עטלעכע שטריכן צו הערש רעמעניקס פּאָרטרעט. נומ. 11, ז. 148; ד. קאַץ־ראַבינאָוויטש. (צום 70־טן געבורטסטאָג). איך דערמאָן זיך. נומ. 9, ז. 122.

מיר דערמאָנען א כאַווער. ק. פּאָטאַשניק־סטרעלניק. מײַנע דערינערונגען וועגן אַרן סטרעלניק. נומ. 11, ז. 144; א. קאַרקינאַ. די וועלט פֿון באָריס ראַיסאָוו. נומ. 8, ז. 139; ב. גאַראַדעצקי. אין אָנדענק פֿון גריגאָרי ראַשאַל. נומ. 12, ז. 149.

קינסטלערישע בײַלאַגעס

נומ. 1. קינסטלער ש. ווערכאָווסקי (מאָסקווע); ג. קוסטאָוו. א פּלויזיטיקער קינסטלער (וועגן ש. ווערכאָווסקין). זע דאָס אַרטיקל אויף דער זײַט 145).

נומ. 2. קינסטלער י. טעלישעווסקי (1900—1980). ז. 129. אילוסטראַציעס צו ייִדישע ביכער און זשורנאַלן. ז. 128.

נומ. 3. קינסטלער י. אָסטראָווסקי (אָדעס). יע. גאָלובאָווסקי. אַנערקענונג און ליבע (וועגן י. אָסטראָווסקין). ז. 6.

נומ. 4. קינסטלער ש. בראַנשטײן (מאָסקווע) (צו זײַן 75־טן געבורטסטאָג). ז. 161.

נומ. 5. מאָסקווער קינסטלער צום טאָג פֿון זיג. א. ליסונקאַ. דערגאַנגען צו בערלין; אי. גורוויטש. קרים, אָנגריף; יע. סימקין. דער פֿאַרוווּנדעטער; באַבי יאַר. ז. 129.

נומ. 6. לעקאָוועד דעם 40־טן יאָרטאָג פֿונעם ניצאָכן. א. קאַטיאָוו. דער אומקער מיט זיג; וו. טאַטיטוו. מײַ, 1945; א. טקאַטשאָוו. ס. טקאַטשאָוו. פֿרילינג, 1945, זיי האָבן קײן מילכאָמע ניט געזען; א. פּלאַסטאָוו. שאַלעם אויף דער ערד; ב. שאַטילאָוו. באַשיצער פֿונעם מאָסקווער הימל; ב. אוגאַראָוו. לענינגראַד. בלאָקאַדע. ז. 145.

נומ. 7. קינסטלער וו. ווידערמאַן (לענינגראַד). איליוסטראַציעס לויט די מאָטיוון פֿון אַנאַטאָלי ריבאַקאָווס ראָמאַן „שווערער זאַמד". ז. 161; קינסטלער י. גורעוויטש (מאָסקווע).

נומ. 8. ה. אינגער (מאָסקווע). פֿון דער סעריע „מײַן קינדהײט"; א פּאָרטרעט פֿון א פּרוי; דער פֿידלער לעאָניד קאָגאַן.

נומ. 9. קינסטלער מאַרק שאַגאַל. באַם פֿענצטער (פּאָרטרעט פֿון אירע שאַגאַל); א ייִדישע כאַסענע; עסקיז פֿאַרן בילד „קינדער־וויגעלע". 1916—1917; דאָוויד שפּילט אויף דער מאַנדאָלינע. 1914. ז. 129.

בלעטערנדיק זשורנאַלן און צײַטונגען. נומ. 3, 9, 10, 11, 12.

דאָס איז טשיקאַווע. נומ. 1, 3, 5, 9, 12.

די פּאָטשט פֿון „סאָוועטיש הײמלאַנד". נומ. 9, 10.

פֿאַר די, וואָס לערנען ייִדיש. נומ. 1, 2, 4, 6, 7, 8, אָנהײבנדיק פֿונען נומ. 10 — זעלבסטלערער (самоучитель), 11, 12.

פֿון אונדזער פֿאָטאָ־אַרכיוו. נומ. 7.

ביבליאָגראַפֿיע — נומ. 9.

מאַטעריאַלן פֿאַר א לעקסיקאָן פֿון דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראַטור. נומ. 1, 2, 3, 4, 6, 7, 9, 10, 11, 12.

כראָניק און רעזומע אין אַלע נומערן.

לאָמיר זינגען נײַע לידער. ס׳איז נאָך גרויס די באַכט. ווערטער פֿון וו. דאַנקאַ, מוזיק פֿון ל. בירנאָוו. נומ. 7, ז. 171.

ביבליאָטעק פֿון „סאָוועטיש הײמלאַנד"

נומ. 1. יאַנוואַר — ב. האַלפּערן. אַלץ בלײַבט איבער דעם מענטשן.
נומ. 2. פֿעוורואַל — ג. באַנדאַרעווסקי. פֿיר שמועסן.
נומ. 3. מאַרט — ל. וואָלסקער. אַנטדעקטע אויצרעס.
נומ. 4. אַפּריל — מ. מאַרגאָלין. שרײַבער און ווערק.
נומ. 5. מײַ — יע. מאַלאַכאָווסקאַיאַ. פּריץ קאַיאָרן.
נומ. 6. יוני — ז. ליבינזאָן. א גילגל פֿון א ליד.
נומ. 7. יולי — ס. באַרוזדין. כ׳האָב ליב מײַן גאַס.
נומ. 8. אויגוסט — ק. גריידינאַ. טומענער פֿאַרצײַכענונגען.
נומ. 9. סענטיאַבער — ש. סאַנדלער. לימודים פֿון ייִדיש, העפֿט 4.
נומ. 10. אָקטיאַבער — מיטשײַטלער. פֿאַרצײַכענונגען פֿון אונדזערע לײַענער.
נומ. 11. נאָיאַבער — ד. בערגעלסאָן. אין דער שאָ פֿון אויספּרווו (פּובליציסטיק פֿון די מילכאָמע־יאָרן).
נומ. 12. דעקאַבער — ג. קאַסאַי. אין יאָרן אַרום.

מאַטעריאַלן פאַר אַ לעקסיקאָן
פון דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראַטור

רובענטשיק, יאַנקל
(1975—1903)

— זשורנאַליסט, רעדאַקטאָר. געבוירן אין ווײַסרוסלאַנד אין אַ מישפּאָכע פון האָרעפּאַשניקעס. אַ קאָמיוגיסט פון 1918. געווען איינער פון די אָרגאַניזאַטאָרן פון דער קאָמוניסטישער יוגנט־באַוועגונג אין ווײַסרוסלאַנד. רעדאַגירט די יוגנטלעכע צײַטונג „דער יונגער אַרבעטער" (מינסק), שפּעטער געאַרבעט אין מאָסקווער זשורנאַל „יונגוואַלד". לויט זײַן איניציאַטיוו איז בײַ דער צײַטונג „יונגער אַרבעטער" אָרגאַניזירט געוואָרן אַ ליטעראַרישע גרופּע, אין וועלכער עס זײַנען אַרײַן מוישע טייף, נאָטע לוריע, נאָטע ווײַנהויז, מענדל ליפּשיץ, ריווקע רובין. נאָכן פאַרענדיקן דעם אינסטיטוט פון זשורנאַליסטיק אין מאָסקווע (1929), איז ער אַן אַקטיווער טוער אין דער סאָוועטישער און פּאַרטיי־פּרעסע פון ווײַסרוסלאַנד. אַלס פּובליציסט איז ער געווען אַקטיוו ביז די לעצטע טעג פון זײַן לעבן. געשטאָרבן אין מינסק.

ווערק: אַכטער מאַרט, זאַמלבוך, מינסק, מעלוכע־פאַרלאַג, 1926; די רעכט פון דער אַרבעטער־יוגנט אין ראַטנפאַרבאַנד. דאָרט, 1925; שענער פון די שענסטע טרוימען, פאַרצייכענונג. זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד", 1974, נום. 12.

רייזין, רוווע
(1942—1911)

— דיכטער. געבוירן אין אַן אַרבעטער־מישפּאָכע, וועלכע האָט פאַר דער רעוואָליוציע זיך באַזעצט אין מינסק. אין דער קינדהײַט אַרומגעגאַנגען איבער די שטעטלעך פון ווײַסרוסלאַנד מיט אַ קאַטערינשטשיק, דערנאָך זיך דערצויגן אין סלוצקער קינדערהיים, געלערנט זיך אין אַ ייִדישער שול. אין 1929 געקומען קיין מינסק. געאַרבעט אַלס מולער

און איינצײַטיק זיך געלערנט אין אַן אָוונט־אַרבפאַק. אין 1933 אַוועקגעקומען זיך לערנען אין מינסקער פּעדאַגאָגישן אינסטיטוט און אים פאַרענדיקט אין 1937. די ערשטע פּאָעטישע ווערק געדרוקט אין מינסקער זשורנאַל „שטערן" און אין דער צײַטונג „אָקטיאַבער", אין זאַמלונגען און אַלמאַנאַכן. אין 1934, נאָכן דערשײַנען פון זײַן ערשט ביכל לידער, אָנגענומען געוואָרן אַלס מיטגליד פונעם שרײַבער־פאַרבאַנד. אין 1940 אַוועק דינען אין דער רויטער אַרמיי. אין 1941 — אַפּן פראָנט. אומגעקומען אין אַ שלאַכט קעגן די פאַשיסטן אין 1942.

ווערק: דורך מי און פראַצע. לידער. מינסק, מעלוכע־פאַרלאַג, 1934; אַ געזאַנג וועגן דער גרויסער פּאָעמע. דאָרט, 1936; לידער. דאָרט, 1940.

ביבליאָגראַפיע: אי. רעזניק. רוווע רייזינס נײַ בוך לידער. זשורנאַל „שטערן", 1940, נום. 7—8; ג. יאַבראָוו. אַ דיכטער, וואָס ציט צו די אויפמערקזאַמקײַט (וועגן רוווע רייזינס בוך „לידער"); ה. רעלעס. זייערע נעמען זײַנען אויסגעקריצט אַפּן מעמאָריאַל־טאָוול. זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד", 1969, נום. 5; רוווע רייזין. אינעם „קורצן ביבליאָגראַפישן האַנטבוך" (ווייסרוסיש). פאַרלאַג „בעלאַרוס", מינסק, 1970, ז. 320.

רעדקאָ, וועלוול
(1941—1918)

— דיכטער. געבוירן אין שטעטל ליניעץ, אוקראַינע. פאַרענדיקט דעם מאָסקווער פּעדאַגאָגישן אינסטיטוט אף וו. אי. לענינס נאָמען. דעביוטירט אין דער ליטעראַטור אין דער צווייטער העלפט פון די 30־ער יאָרן. אויסער לידער, געשריבן אויך ליטעראַטור־קריטישע אַרטיקלען. אין אָנהייב פון דער גרויסער פּאַטערלענדישער מילכאָמע פרײַוויליק אַוועק אַפּן פראָנט. אומגעקומען אין שלאַכט, פאַרטיידיקנדיק קיִעוו, אין אויגוסט 1941.

ווערק: וועגן ב. אָליעוווסקיס בוך „פּראָזע". זשורנאַל „סאָוועטישע ליטעראַטור", קיִעוו, 1940, נום. 11—12; אַ רעגן אין סטעפּ, ליד. אַלמאַנאַך „אָנהייב", קיִעוו, 1940; וועגן א. קושניראָווס בוך „מיזרעך און מײַרעוו". זשורנאַל „סאָוועטישע ליטעראַטור", 1941, נום. 4; ס'וועט זײַן אַ שטורעם, ליד. זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד", 1963, נום. 3; יוגנטלעכער אומרו, ליד. דאָרט, 1965, נום. 5; פון פאַרבליבענע העפטן, לידער. דאָרט, 1975, נום. 11; לידער. דאָרט, 1979, נום. 2; אַף מיר אַ ביקס שוין וואַרט, ציקל לידער אין דער זאַמלונג „די לירע". מאָסקווע, „סאָוועטסקי פּיסאַטעל", 1985.

ביבליאָגראַפיע: נ. אויסלענדער, זאָל ניט פאַרגעסן ווערן זייער ליכטיקער אָנהייב. זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד", 1963, נום. 3; י. פאַליקמאַן, פיר ייִנגלעך. דאָרט, 1975, נום. 6; ד. כײַקינע, אַ וואָרט וועגן וועלוול רעדקאָ. דאָרט, 1975, נום, 11; א. ווערגעליס, מיט ביקס אין האַנט, מיט וואַרעם בלוט אין האַרצן (נאָכוואָרט צו דער זאַמלונג „די לירע"). מאָסקווע, „סאָוועטסקי פּיסאַטעל", 1985.

ריקלין, הירש (גריגאָרי)
(1973—1894)



— דיכטער, פּראָזאַיקער. געבוירן אין דאָרף ליטאָווסק, סטאראָדובער אויעזד, טשערניגאָווער גובערניע. פרי זיך אָנגעשלאָסן אין דער רעוואָליוציאָנערער באוועגונג. אָנהייבנדיק פון 1918 געדרוקט לידער, פארצייכענונגען, ארטיקלען אין דער ייִדישער קאָמוניסטישער פּרעסע פון ווײַסרוסלאנד. געווען א מיטארבעטער, דערנאָך דער רעדאקטאָר פון דער האָמליער צײַטונג „קאָמוניסטישער וועג“. צוזאמען מיט דאָוויד אוטקעסן, כאִים גילדינען, מאָניע גורעוויטשן און עלישע ראָדינען ארויסגעגעבן אין 1921 א לידער־זאמלונג. אריבערגעפאָרן קיין מאָסקווע אין 1924 און אָנגעהויבן ארבעטן אין די צענטראלע צײַטונגען „איזוועסטיִא“, „פּראוודא“, אינעם זשורנאל „קראָקאָדיל“ (אין די יאָרן 1938—1948 געווען דער רעדאקטאָר פונעם זשורנאל), זיך ספּעציִאליזירט אינעם פעליעטאָן־זשאנער. אין 1927 איז דערשינען זײַן ערשטע סאטירישע זאמלונג. זינט דעמלט, האָט ער ארויסגעגעבן צענדליקער ביכער דערציילונגען, הומאָרעסקעס, פעליעטאָנען.

ווערק (אין ייִדיש): לידער פון דאָוויד אוטקעס, כאִים גילדין, מאָניע גורעוויטש, עלישע ראָדין, הירש ריקלין. האָמעל, מעלוכע־פארלאג, 1921; דערציילונגען וועגן גרענעצלער. מאָסקווע, „עמעס“, 1938; די סאָסנאָווע שישקע, דערציילונגען וועגן בײַ־גרענעצלער. מינסק, מעלוכע־פארלאג, 1939.

ביבליאָגראפיע: צום 70־טן געבורטסטאָג פון גריגאָרי ריקלין („שרײַבער און ווערק“). זשורנאל „סאָוועטיש היימלאנד“, 1964,

רעזניק, יאנקעוו
(1952—1892)

— פּעדאגאָג, פּובליציסט. עלטערער ברודער פון ליפע רעזניק. געבוירן אין טשערנאָביל. אין 1916 פארענדיקט דעם קיִעווער אוניווערסיטעט, נאָך דער רעוואָליוציע געארבעט א סאך יאָרן אלס לערער. אין 1921—1929 אָנגעפירט מיטן ערשטן אין סאָוועטנפארבאנד ייִדישן פּעדאגאָגישן טעכניקום אין קיִעוו. אין די יאָרן 1928—1937 געווען איינער פון די רעדאקטאָרן פונעם פּעדאגאָגישן כוידעש־זשורנאל „ראטנבילדונג“ (קיִעוו). גלײַכצײַטיק מיט דער פּראקטישער ארבעט געפירט וויסנשאפטלעכע פאָרשונגען אין געביט פון פּעדאגאָגיק, פארעפנטלעכט העכער 100 וויסנשאפטלעכע ווערק. דאָקטאָר פון פּעדאגאָגישע וויסנשאפטן. אין משך פון פיל יאָרן געווען אָנפירער פון דער פּעדאגאָגישער סעקציע פונעם אינסטיטוט פאר ייִדישער פּראָלעטארישער קולטור בא דער אוקראַיִנישער וויסנשאפט־אקאדעמיע.

ווערק: די ארבעט פון דער פּעדאגאָגישער סעקציע און פון אירע מיטארבעטער אין שײַן פון דער באשטימונג פון צק אלקפּ(ב). אין דער זאמלונג „קאמף אף צוויי פראָנטן אין דער פּעדאגאָגיק“. כארקאָוו—קיִעוו, אוקרמעלוכענאצמינדפארלאג, 1932; (צוזאמען מיט ג. גאראָכאָוו) די פּאָליטעכנישע שול לויט מארקס—ענגעלס—לענין. דאָרט, 1932; די יעסוידעס פון דער ראטן־ארבעט־שול. אין דער אויסגאבע „פּעדאגאָגישע כרעסטאָמאטיע“. קיִעוו, „קולטור־ליגע“, 1926; האנטביכל צאָל־יעדיִעס פון פארשיידענע געביטן פון לעבן (רעגיסטער). קיִעוו, 1923;.. מאטעמאטיק פון לעבן, לערנביכל (באזונדערע אויסגאבעס פארן 3־טן און 4־טן לערניאָר). קיִעוו, „קולטור־ליגע“, 1925; צו דער נײַער שול (פון פּרווו־ארבעט אין א קינדערהויז). דאָרט, 1924; ארבעטבוך אף מאטעמאטיק פארן צווייטן לערניאָר, בוך פארן קינד. מאָסקווע, „שול און בוך“, 1927; פאָרוואָרט צו דער זאמלונג „די לערנארבעט אין שול“. כארקאָוו—קיִעוו, אוקרמעלוכענאצמינדפארלאג, 1933; פּראָגראמען פון דער איינהײַטלעכער ארבעט־שול. די גוס־פּראָגראמען פון 1927. מאָסקווע, צענטערפארלאג, 1928; טעאָריע און פּראקטיק פון דער לערנארבעט אין שול, גרונט־פּראגן פון דידאקטיק, ערשטער טייל. מאָסקווע, „עמעס“, 1935; אויסבילדונג פון ריכטיקע פאָרשטעלונגען און באגריפן בא די קינדער. קיִעוו, אוקרמעלוכענאצמינדפארלאג 1938; אינטערעס און אופמערקזאמקײַט אינעם אונטעריכט. דאָרט, 1938; היים־פארגעבונגען און אָרגאניזאציע פון דער זעלבשטענדיקער ארבעט. דאָרט, 1938; לעקציע און שמועס אלס מעטאָד פון אונטעריכט. דאָרט, 1938; מעטאָדיק פון פארפעסטיקן דעם לערן־מאטעריאל. דאָרט, 1938; דערציִונג און בילדונג אין דער סאָוועטישער שול. קיִעוו—לוואָוו, אוקרמעלוכענאצמינדפארלאג 1940; (צוזאמען מיט ע. שנײַדערמאן, ה. סאפיאן) היים־פארגעבונגען. מינסק, מעלוכע־פארלאג, 1935.

САМОУЧИТЕЛЬ ЕВРЕЙСКОГО (ИДИШ) ЯЗЫКА

זעלבסטלערער פֿון יידיש

Продолжение урока 1

Неопределенный артикль употребляется только в единственном числе и звучит одинаково — [а] (перед гласным и дифтонгом), [ан] — для существительных всех родов. Во множественном числе неопределенный артикль опускается, например:

сад — сады — א סאַד — ס'עדער
квартира — квартиры (мн. число) — א דירע — ד'ירעס

Неопределенный артикль обозначает примерно то же, что русское «какой-то», «один», «один из...», «любой».

Вывод: Если перед существительным стоит неопределенный артикль [а] или [ан], то это существительное **единственного** числа.

Артикли отдельным словом не переводятся.

Задание 7*. Ниже приведено 30 еврейских печатных букв **как известных, так** пока еще **неизвестные** вам. Запишите номера **только тех букв,** которые уже известны вам, и рядом укажите, как произносится данная буква.

Например, задано:

Ваш ответ: «1 — а, 3 — о, 5 — з...» — „1—א, 2—ג, 3—אָ, 4—מ, 5—ז...”

Выполняйте.

1—ק, 2—ב, 3—ג, 4—ד, 5—ה, 6—ו, 7—ז, 8—ט, 9—י, 10—ל, 11—ר, 12—ס, 13—מ, 14—ע, 15—ד, 16—י,
17—ו, 18—ש, 19—א, 20—נ, 21—אָ, 22—ע, 23—י, 24—ו, 25—ד, 26—ר, 27—ס, 28—ט, 29—ז, 30—אָ.

Напоминаем! Сверьте задания, отмеченные знаком * (звездочка) с ключом (см. в конце данного урока).

Задание 8. Выучите наизусть слова, перечисленные в заданиях 2 и 3 (с переводом).

Задание 9*. Запишите порядковые номера нижеприведенных еврейских слов и рядом — через черточку — укажите номер соответствующих им по значению русских слов. Учтите! Еврейские и русские слова даны в разной последовательности.

1) отцы, 2) ты, 3) он, 4) оно, 5) тебе, 6) сады, 7) место, 8) сад, 9) места́, 10) здесь, 11) она, 12) там, 13) смотри, 14) делай, 15) сладко, 16) делайте, 17) отец, 18) квартира, 19) квартиры, 20) смотрите.

1) דער ט'אטע, 2) די ד'ירע, 3) דאָס אָרט,
4) דער סאָד, 5) די ט'אטעס, 6) די ד'ירעס,
7) די 'ערטער, 8) די ס'עדער, 9) דו, 10) דיר,
11) ער, 12) זי, 13) עס, 14) דאָ, 15) דאָרט,
16) זע, 17) זעט, 18) טו, 19) טוט, 20) זיס

Задание 10. Закройте в предыдущем задании еврейские слова и переводите по памяти русские слова на еврейский язык.

Ключ к уроку 1.

К заданию 1: 1, 10 — рейш — р; 2, 12 — алеф — а; 3, 13, 15 — комец-алеф — о; 4, 11 — далед — д; 5, 9 — самех — с; 6, 8 — тэс — т; 7, 14 — аен — э.
К заданию 7: 4, 15, 25 — д; 6, 17, 24 — у; 7, 29 — з; 8, 28 — т; 9, 16, 23, — и; 11, 26 — р; 12, 27 — с; 14, 22 — э; 19 — а; 21, 30 — о.
К заданию 9: 1—17; 2—18; 3—7; 4—8; 5—1; 6—19; 7—9; 8—6; 9—2; 10—5; 11—3; 12—11; 13—4; 14—10; 15—12; 16—13; 17—20; 18—14; 19—16; 20—15.

Печатные и рукописные буквы [н, м, ш, л, к, в, ж, ч]

Буквосочетания «шч» [щ], «немой» алэф перед [и] и [у] в начале слов.

Грамматика. Глагол «[из]». Притяжательный падеж существительных.

Способы образования множественного числа существительных.

Правила чтения

Пять печатных и рукописных букв [н], [м], [ф], [х], [ц] в конце слов пишутся иначе, чем в начале или середине слова.

Запомните два варианта согласной буквы «нун», звук [н].

Таблица 4

позиция в слове	печатная буква	основной рисунок	пример
„Н" в начале и в середине слова	נ	נ	НИНА נינא
„Н" в конце слова	ן	ן	ДОН דאָן

Задание 1. Научитесь бегло читать следующие слова:

1. ניט [нит] — не —
2. נאס [нас] — мокро —
3. נאָר [нор] — только —
4. די נאָז [ди ноз] — нос —
5. דער נוס [дэр нус] — орех —
6. די ניס [ди нис] — орехи —
7. אָן [он] — без —
8. טאָן [тон] — делать —
9. דער זון [дэр зун] — сын —
10. די זין [ди зин] — сыновья —
11. די זון [ди зун] — солнце —
12. די זונען [ди зунэн] — солнца (мн. ч.) —

Запомните два варианта согласной буквы «мэм», звук [м].

Таблица 5

позиция в слове	печатная буква	основной рисунок	пример
„М" в начале и в середине слова	מ	מ	МАМА מאַמע
„М" в конце слова	ם	ם	СОМ א סאָם

Задание 2. Читайте вслух:

1. די מ׳אַמע — [ди мáмэ] — мама —
2. די מ׳אַמעס — [ди мáмэс] — мамы —
3. די מ׳ומע — [ди мýмэ] — тетя —
4. די מ׳ומעס — [ди мýмэс] — тети —
5. די מ׳וטער — [ди мýтэр] — мать —
6. די מ׳וטערס — [ди мýтэрс] — мате-ри —
7. מיר — [мир] — мы —
8. מיט — [мит] — с —
9. מער — [мэр] — больше —
10. מאָן — [дэр мон] — мак —
11. דער מאַן — [дэр ман] — муж —
12. די מ׳ענער — [ди мэ́нэр] — мужья —
13. דעם — [дэм] — этому —
14. נעם! — [нэм] — возьми! —
15. אַר׳ום — [арýм] — вокруг —
16. אַ ראַם — [а рам] — рама —
17. אַ סאָם — [а сом] — сом —
18. נע׳מען — [нэ́мэн] — взять —
19. אַ ס׳ימען — [нэм] — возьми! —
20. ס׳ימאָנים — [а си́мэн] знак —
21. סימ׳אָנים — [симóним] — знаки —

РАЗЛИЧАЙТЕ!

[М] — ם и ס — [С]

אַ מאָס — мера —	אַ סאָם — сом —
אַ רוס — русский —	
דאָס — это —	דעם — этому —
אַ נעס — чудо —	נעם! — возьми! —

Таблица 6

Согласные [ш, л, к, в]

название буквы	звук	основной рисунок	печатная буква
ШИН	[ш]	ש	ש
ЛÁМЭД	[л]	ל	ל
КУФ	[к]	ק	ק
ЦВЕЙ ВОВН	[в]	וו	וו

Обратите внимание! 1) Буква «шин» — [ш] — по рисунку очень сходна с русской буквой «ш» и произносится так же, как «ш». 2) Буква «ламэд» — [л] — единственная еврейская печатная буква, имеющая выступ над чертой (вверх!). 3) Звук [в] обозначается сочетанием двух букв «вов», отсюда и название «цвэй вовн», дословно «два вов».

דאַצענט — ש. טאַנדלער

In my old age I have a desire to see Tevye—The Milkman personified by Michoels. But Ulyanov's acting is fully compensatory."

The current issue carries another two articles about theatre: "On the Revolutionary Songs recorded by Irma Yaunzem" by Viktor Lenzon (Moscow) and "She Became Memory" by Joseph Burg (Chernovtzy) about the late Jewish actress Sidi Tal.

The section "Current Affairs" contains an article by Leonel Dadiani (Moscow) "The Essense of Kibutzes and Kibutzism". Two books are reviewed, both exposing Zionism: "The White Book" published by the Anti-Zionist Committee of Soviet Public Opinion and Association of Soviet Lawyers and "Zionism. A Close-Up." by the late activist of the Communist Party of Israel Emil Tuma. The former book was published by the "Yuridicheskaya Literatura" Publishers, the latter by the "Progress" Publishing House in 1985.

The current issue contains a selection of interviews. This time the readers are meeting Leib Dagovich, Head Hebrew and Yiddish Section, The V. I. Lenin State Library, Semen Groisman, Head Birobijan Ensemble of Violonists and Emmanuelis Zingeris, graduate student of the Vilnius State University.

In the section "Manuscripts Found", we continue printing materials from the collected works "Folk Jokes and Witty Stories" (by S. Beilin, Moscow).

The issue ends with the regular sections "Items of interest", "Scanning Papers and Magazines", "Materials for the Lexicon of Soviet Jewish Literature", "Chronicle", "Teach-yourself Yiddish".

The annual carries a table of contents of "Sovietish Heimland" for 1985.

Supplement:
Gedal Kosoy "Years Later"

downtrodden jade. The author employs this image to personify the sad fate of Jews, a great nation at one time. The outlook of the author apparently reflects the one of many of his compatriots and is very pessimistic. How can one help "the jade" to regain its former role? The author is not offering any solutions. Without discussing the issue at length we shall only raise one objection. We do not believe that things are as hopeless as they look. The path on which Mr. Abramovich has embarked is one of the surest ways of implementing his ideals. No sooner will the age-old anomosity to and contempt for "the jade" disappear than thinking, art and other motif forces of progress have developed among the Jewish people and this people has discontinued detaching itself from the European civilization. Only then will the Jew be no longer an outcast, and perhaps, his future will hold better prospects for him than for others."

Bunin's translation of "The Jade" and the latest translations of this story by Mendele Moicher-Sforim are dealt with in an essay by Chaim Beider (Moscow).

The article "On Sergei Esenin" by Mikhail Ostrovsky (Moscow) is concerned with some obscure facts of the life and work of the great Russian poet, whose 90th birthday was marked in the10th issue of the magazine. Uran Guralnik, Doctor of Philology (Moscow), in his article "The writer-communist" analyzes the work of Grigory Polyanker.

In our section "Theatre and Variety Art" we are publishing an article by the distinguished Soviet writer Veniamin Kaverin (Moscow) entitled "Two Actors". The article is telling of the image of Sholem Aleichem's Tevye—The Milkman as recreated by Solomon Michoels, the People's Artist of the USSR, in a performance known under the same name produced by the Moscow State Jewish Theatre three decades ago and the interpretation of this character by Mikhail Ulyanov, People's Artist of the USSR in a recent TV show (this production was covered extensively in the previous issue of our magazine). V. Kaverin writes: "The TV show is very good. The performance by Mikhail Ulyanov is excellent. I would say, the performance is very tactful and—this would surely have characteristic of Michoels' interpretation—he is above all portraying the entire character and, incidentally, this does not apply to Ulyanov only. The whole production is absolutely independent of the possible interpretation of Michoels, but this does not diminish its impact. Similar to Michoels, it is not Ulyanov's intention to arouse pity for Tevye. His acting is very true to life. One forgets that the play is laid in an unfamiliar setting many years back. Everything seems important, and one appreciates the production's unobtrusiveness. The production avoids emphasis on some superficial features to convey the atmosphere of truthfulness. Michoels' Tevye is produced at a slower tempo, but both erformances are characterized by the most valuable quality—straightforwardness. The truthfulness is so great that one does not notice any invention. But this is characteristic of the entire work of Sholem Aleichem, and both artists appreciated him to the full.

Similar to Michoels' production of "King Lear", in Ulyanov's performance, national colour is subdued, the message being all-human.

To get back to "King Lear", I have also seen Kozintzev's production of this play. This director attempted to interpret "King Lear" from a new original angle at all costs. That even involved the stage design. In fact, the episode when Lear is meeting his loving and understanding daughter Cordelia is staged on board a ship. There is nothing of the kind in Michoels' production. He did not strive for novelty for nevelty's sake, but for profundity. The same course has been taken by Ulyanov. Among other things one is fascinated by Ulyanov's versatility, a feature of a prominent actor, characteristic of Michoels too.

RÉSUMÉ

"Sovietish Heimland ("The Soviet Homeland")
No 12, December, 1985

25 February 1986 is the opening day of the 27th Congress of the CPSU. This remarkable event in the life of our Party and the people is covered in our section "Communists forward! Communists forward!", featuring essays by our readers D. Shulman (Kiev), B. Gluzman (Lvov), S. Maidanik (Berdichev), M. Frenkel, N. Voronina (Birobijan) on communists with a rich life experience who continue working self-sacrificingly in different branches of the national economy.

December 1985 marks the 90th birthday anniversary of the distinguished Soviet author Peretz Markish. On the occasion of this date, we are printing the poem by P. Markish "My Generation", commemorating the 10th anniversary of the Great October Socialist Revolution.

Prose is represented by some chapters of the third part of the novel by Mikhail Lev (Moscow) "Trial after the Verdict" — "Long Shadows" (the first two chapters were published in our magazine in 1980 (NoNo 3-6). The publication of the new chapters is devoted to Mikhail Lev's 70th birthday anniversary. Also, the prose section contains the essays by Grogory Reles (Minsk) "An International Family", "Friendship", "Transient Age"; by Grigory Baraz (Rostov-on-Don) "Visiting with Nature" and by Joseph Shuster (Moscow) "Meetings in Druskininkai".

The current issue features new verse by Lev Berinsky (Moscow) and Moshe Pens (Makhachkala). In our section "New Translations" we are publishing a selection of verse by the distinguished Russian poet Mikhail Lvov (Moscow) translated by Aron Vergelis.

We are marking two memorable literaty dates in this issue—one is associated with Isroel Serebryany (1900-1978) and the other with Peisach Binetsky (1905-1966).

The section "Literary Criticism. Bibliography. Problems of Art" is colourful and miscellaneous.

In 1890, a provincial newspaper "Orlovsky Vestnik" published an abbridged translation of a story by the Jewish classic writer Mendele Moicher-Sforim (S. Abramovich) entitled "The Jade". The translation had been made by the 20-year-old staff writer of the newspaper Ivan Bunin, who shortly became the great Russian author. In the foreword Bunin wrote: "Mr. Abramovich appears to be the best, or, at least, one of the best Jewish authors. There are very few works of fiction written in Yiddish that the Russian public knows of, and translations are lacking entirely. This explains why we translated "The Jade" to offer it to the reader. When reading "The Jade" one should bear in mind that it has been produced by a new young literature rather than by an individual literary beginner. And we hasten to emphasize that "The Jade" has an interesting and original plot.

By magic, a young and handsome prince was transformed into a harassed and

лен в каком-то другом темпе, более медлительном, неторопливом, но в обоих спектаклях заметно самое ценное — прямодушие. Выдумка не кажется выдумкой, если она даже имеет место. Впрочем, это характерно для всего творчества Шолом-Алейхема. И оба артиста в полной мере оценили его.

Национальный колорит в спектакле Ульянова так же, кстати, как и в спектакле Михоэлса «Король Лир», теряет частные признаки определенной национальности. Спектакль этот всечеловечен.

Возвращаясь к «Королю Лиру», скажу, что видел я его, например, еще и в постановке Козинцева. У этого режиссера были свои приемы, своя попытка поставить «Король Лир» непременно по-новому. Это касалось даже оформления спектакля. Так, одна из сцен, где Лир встречается с любящей и принимающей его Корделией, происходила на корабле. У Михоэлса ничего похожего не было. Он не стремился к новизне во что бы то ни стало. Привлекала его не новизна ради новизны, а глубина. И это ему блестяще удавалось. Таким же путем идет и Ульянов. В Ульянове, помимо всего прочего, восхищает еще и разносторонность его таланта, свойство большого художника, характерное и для него, и для Михоэлса. Кого только не играл Михаил Ульянов! Я был поражен, увидев его в роли Тевье.

На старости лет я чувствую: как было бы хорошо услышать из уст Михоэлса речь Тевье-молочника. Но Ульянов дал мне полную компенсацию этого желания».

Еще две статьи на театральные темы публикуются в номере: «О трех революционных песнях, записанных Ирмой Яунзем» Виктора Ленсона (Москва) и «Она стала памятью» Иосифа Бурга (Черновцы) — о недавно скончавшейся еврейской актрисе Сиди Таль.

В разделе «Публицистика» печатается статья Леонеля Дадиани (Москва) «Сущность кибуцев и кибуцизма». Рецензируются две книги, разоблачающие сионизм: «Белая книга», изданная Антисионистским комитетом советской общественности и Ассоциацией советских юристов, и «Сионизм крупным планом», автором которой является недавно скончавшийся деятель Коммунистической партии Израиля Эмиль Тума. Первая выпущена издательством «Юридическая литература», вторая — издательством «Прогресс» в 1985 году.

Публикуется очередная подборка интервью. В этот раз читатели журнала встретятся с заведующим еврейским и ивритским секторами Государственной библиотеки им. В. И. Ленина Лейбом Даговичем, с художественным руководителем биробиджанского ансамбля скрипачей Семеном Гройсманом и с аспирантом Вильнюсского Государственного университета Эммануэлисом Зингерисом.

В рубрике «Найденные рукописи» продолжается публикация материалов из сборника «Народные шутки и смешные истории» (автор — С. Бейлин, Москва).

Номер завершается традиционными рубриками «Это интересно», «Листая журналы и газеты», «Материалы для лексикона еврейской советской литературы», «Хроника», «Самоучитель еврейского языка».

Печатается годовое содержание «Советиш геймланд» за 1985 год.

Приложение к номеру:
Гедаль Косой «Спустя годы»

на еврейском языке и притом из современного быта, — очень мало, переводов же их совсем нет. Поэтому мы и решились перевести и предложить читателям «Клячу» г-на Абрамовича... Читая «Клячу», не надо забывать, что она принадлежит не новичку в литературе, а новой молодой литературе. Спешим, впрочем, оговориться, что по сюжету «Кляча» интересна. Сюжет её оригинален.

В персонаже загнанной, забитой клячи, превращённой силой чар из молодого и красивого принца, автор даёт печальный образ древнего и когда-то великого еврейского народа. Взгляды автора, в которых, может быть, как в фокусе, отражаются и концентрируются взгляды его многих соплеменников, очень нерадостны и безнадежны. Вопрос, как помочь «кляче», как поставить её на прежнее положение, у него остаётся нерешённым. Но мы, не вдаваясь в рассуждения, всё-таки считаем не лишним возразить, что дело не так уж печально, как кажется. Тот путь, на который в числе первых вступил г-н Абрамович — один из самых верных путей к осуществлению его идеалов. Пусть только разовьются, хотя мало-помалу, в среде европейского народа мысль, искусство и т. п. двигатели прогресса, пусть только еврейский народ не отделяет себя от цивилизации и всего еврейского — думаем, что лишь тогда исчезнет вековая вражда и вековое презрение к «кляче», тогда только перестанет еврей быть отщепенцем общества, и может быть его будущее ещё светлее и лучше, чем остальных».

О бунинском переводе «Клячи» и о позднейших переводах этого произведения Менделе Мойхер-Сфорима рассказывается в исследовании Хаима Бейдера (Москва).

Малоизвестным страницам из жизни и творчества великого русского поэта Сергея Есенина, 90-летие которого отмечалось в десятом номере журнала, посвящена статья Михаила Островского (Москва) «О Сергее Есенине». Доктор филологических наук Уран Гуральник (Москва) в статье «Писатель-коммунист» анализирует творчество Григория Полянкера.

В рубрике «Театр и эстрада» напечатана статья известного советского писателя Вениамина Каверина (Москва) «Два артиста». В ней рассказывается о воссоздании образа Шолом-Алейхемовского Тевьемолочника народным артистом СССР Соломоном Михоэлсом в одноименном спектакле, осуществленном почти полстолетия назад на сцене Московского Государственного еврейского театра, и народным артистом СССР Михаилом Ульяновым в недавнем телевизионном спектакле, переданном по Центральному телевидению (об этой постановке «Советиш геймланд» поместил ряд материалов в предыдущем номере). В. Каверин, в частности, пишет:

«...Тот спектакль, который я видел по телевизору, очень хорош. Прекрасно играет Михаил Александрович Ульянов. Я бы сказал, играет с необыкновенным тактом, и (как это сделал бы Михоэлс) играет прежде всего характер. Причем, надо сказать, относится это не только к Ульянову. Весь спектакль построен совершенно независимо от того, каким поставил бы его Михоэлс, а между тем, производит не меньшее впечатление. Ульянов не стремится, как это делал и Михоэлс, возбудить жалость к Тевье. Он играет именно так, как это бывает в жизни, — забываешь, что действие происходит много лет назад, в незнакомых тебе местах. Все кажется важным для тебя, и тебе дорого отсутствие навязчивости — она ведь могла бы (кажется, это самый простой путь) подчеркнуть, те стороны отношений, которые убеждают, что они не выдуманы, а увидены, наблюдены. «Тевье» у Михоэлса был постав-

РЕЗЮМЕ

«Советиш геймланд» («Советская родина»)
№ 12, декабрь, 1985

25 февраля 1986 года открывается XXVII съезд КПСС. Этому выдающемуся событию в жизни нашей партии и народа посвящается подборка материалов под рубрикой «Коммунисты, вперёд! Коммунисты, вперёд!». Она включает очерки читателей журнала Д. Шульмана (Киев), Б. Глузмана (Львов), С. Майданика (Бердичев), М. Френкеля, Н. Ворониной (Биробиджан) о коммунистах, прошедших большой жизненный путь и продолжающих самоотверженно трудиться на разных участках народного хозяйства страны.

В декабре исполняется 90 лет со дня рождения выдающегося советского писателя Переца Маркиша. В связи с этой датой публикуется стихотворение П. Маркиша «Моё поколение», написанное им к десятой годовщине Великого Октября.

Проза номера представлена главами из третьей части романа Михаила Лева (Москва) «Суд после приговора» — «Длинные тени» (первые две части печатались в журнале в 1980 году (№№ 3—6). Публикация новых глав приурочена к 70-летию со дня рождения писателя. В этой же рубрике — очерки Григория Релеса (Минск) «Семья-интернационал», «Дружба», «Переходный возраст», Григория Бараза (Ростов-на-Дону) «В гостях у природы» и Иосифа Шустера (Москва) «Встречи в Друскининкае».

С новыми поэтическими произведениями выступают Лев Беринский (Москва) и Мойше Пенс (Махачкала). В рубрике «Новые переводы» публикуется цикл стихотворений известного русского поэта Михаила Львова (Москва) в переводе Арона Вергелиса.

В номере отмечаются две памятные литературные даты: Исроэла Серебряного (1900—1978)) и Пейсаха Бинецкого (1905—1966).

Разнообразен раздел «Литературная критика. Библиография. Вопросы искусства».

В 1890 году провинциальная газета «Орловский вестник» напечатала в трёх номерах сокращённый перевод повести классика еврейской литературы Менделе Мойхер-Сфорима (С. Абрамовича) «Кляча». Перевод осуществил молодой ещё тогда двадцатилетний сотрудник газеты Иван Бунин. В предисловии будущий великий русский писатель информировал читателей газеты:

«Г-н Абрамович, кажется, первый или, во всяком случае, один из лучших современных еврейских литераторов. Насколько известно русской публике, произведений, чисто беллетристических, написанных

СОВЕТИШ ГЕЙМЛАНД

(Советская родина)

Ежемесячный литературно-художественный журнал

На еврейском языке

Орган Союза писателей СССР

Издается с 1961 г.

Издательство «Советский писатель»

Главный редактор **А. ВЕРГЕЛИС**

РЕДКОЛЛЕГИЯ:

Х. Бейдер (зам. главного редактора),
Т. Ген, С. Гордон,
Нотэ Лурье, Х. Меламуд,
Б. Миллер, Б. Могильнер,
Г. Полянкер, А. Тверской, И. Шрайбман,
И. Шустер (ответственный секретарь)

Адрес редакции журнала:
101000, Москва, Центр, ул. Кирова, 17.

Телефоны:
главный редактор — 228-27-91
ответственный секретарь — 923-96-07

Художественная и техническая редакция
С. Черняк, Е. Каплан
Корректор Х. Островский

Сдано в набор 30.09.1985 г. Подписано к печати 18.11.1985 г. Формат 70×108¹/₁₆. Бумага типографская № 1. Печ. л. 11+0,25 вкл. (Усл. печ. л. 15,75). Бум. л. 5,5+0,125. Цена 70 коп. Зак. 1286.

Ордена Трудового Красного Знамени
Московская типография № 7 «Искра революции»
«Союзполиграфпрома» Государственного
Комитета СССР по делам издательств,
полиграфии и книжной торговли.
Москва, 121019, пер. Аксакова, 13.

© Журнал «Советиш геймланд», 1985 г.

Цена 70 коп.

70821

СОВЕТИШ ГЕЙМЛАНД

СОВЕТСКАЯ РОДИНА

■

В НОМЕРЕ:

Навстречу XXVII съезду КПСС. Коммунисты, вперед! Очерки Д. Шульмана, Б. Глузмана, С. Майданика, М. Френкеля, Н. Ворониной.

П. Маркиш. Мое поколение (к 90-летию со дня рождения поэта).

М. Лев. Длинные тени (главы из третьей части романа «Суд после приговора»).

Очерки Г. Релеса, Г. Бараза, И. Шустера.

Стихи Л. Беринского, М. Пенса.

Новые переводы. М. Львов. Еврейские мотивы (стихи).

Памятные литературные даты. И. Серебряный, П. Бинецкий.

Литературная критика, библиография, вопросы искусства. У. Гуральник. О творчестве Г. Полянкера. М. Островский. О Сергее Есенине. В. Каверин. Два артиста. В. Лензон. Песни, записанные Ирмой Яунзем. И. Бург. Памяти Сиди Таль. Краткие рецензии.

Из истории литературы. Х. Бейдер. Иван Бунин — переводчик Менделе Мойхер-Сфорима.

Публицистика. Л. Дадиани. Суть кибуцев и кибуцизма.

Найденные рукописи. Народные шутки и смешные истории (продолжение).

Листая журналы и газеты. Это интересно. Материалы для лексикона еврейской советской литературы. Хроника. Самоучитель еврейского языка. Содержание «Советиш геймланд» за 1985 год. Резюме на русском и английском языках.

1985

№ 12